STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00795

KRELN FUN TOY

Volf Tambur

Permanent preservation of this book was made possible by
Raymond & Miriam Freedman
in memory of
Edward Philip Kirschner & Roberta Landwirth Kirschner

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

וואָלף טאמבור

קרעלן פון טוי

הילע: א. פּאַך

וואָלף טאַמבור

קרעלן פון טוי

(דערציילונגען און מיניאַטורן)

פאַרלאַג קריטעריאָן, בוקאַרעשט 1978

מאטא:
„תזל כטל אמרתי" (דברים לב־ב)
ווי טוי זאָל רינען מיין וואָרט.

אין בוך:

קרעלן פון טוי 5
חסידישע מעשיות 120
קלאנג און אָפּקלאנג 158
שווער צו זיין א הונט 250

א מעשה פאַר מיר, פאַר דיר...

קיינער, קיין איין מענטש נישט, וויל נישט זיין אליין. קיין מאָל נישט און אין קיין שום אומשטענדן, נישט אין די מאָמענטן פון פרייד (סע זענען דאָך פאַראַן אויך אַזעלכע, הגם זעלטענער!), נישט אין יענע פון אומעט.

בלייבט מען, צו מאָל, אליין — ווערט מען טרויעריק. אָבער אויך דעמאָלט קאָן מען די טרויער נישט אויסבאַהאַלטן, אפילו ווען מע וויל עס טון.

צו מאָל? יאָ, אומעט איז דאָך אויך א חלק פונעם לעבן, פונקט אזוי ווי די פרייד. אויב מע קאָן נישט אויסמיידן די פרייד, איז נאָך פיל אוממעגלעכער די טרויער. אדרבה. בעת די פרייד דאַרף מען געוויינטלעך זוכן — זוכט אונדז אויס די טרויער און נעמט איין דאָס געמיט, ווי א באַלעגערער נעמט איין א פעסטונג, און געוועלטיקט איבער אונדז מיט א מין איבערמענטשלעכער גבורה.

דעמאָלט, אין יענעם מאָמענט פון טרויער, ווייסט מען שוין אז מע טאָר נישט בלייבן אליין, ווייל — אין יענעם טרויעריקן מאָמענט איז מען שוין נישט בלויז אליין, נאָר אפילו עלנט.

יאָ, דאָס איז שוין גאָר עפּעס אנדערש. עלנטקייט איז נישט צום פאַרגלייכן אפילו מיט אליינקייט.

...געווען אמאָל אן „אָדם", האָט אים גאָט געזאָגט: „לא טוב היות האדם לבדו", עס איז נישט גוט דער מענטש זאָל זיין אליין.

אייגנטלעך, האָט מען עס אים נישט געדאַרפט זאָגן. ער האָט עס דאָך שוין אליין באַמערקט און געפילט אפילו אין זיין גן־עדנדיקן לעבן. שוין געווען ביי א דאָקטער, האָט יענער אים געשטעלט א דיאַגנאָסטיק, אז דאָס איז א מין קראַנקייט, וואָס מע רופט אויפן וויסנשאַפטלעכן מעדיציניִשן לשון „קלויסטראָפאָביע"...

האָט אים כביכול גופא פאַרשריבן א רעצעפּט און טאַקע באַלד אים געגעבן אויך די רפואה צו דער דאָזיקער „אליין"־מחלה: ער האָט

אים געגעבן אן „עזר כנגדו״... דאָס וואָלט געהייסן געטריי פאַרטײַטשט: א געהילף קעגן אים. דאָס הייסט בעסער געזאָגט, א חוה, א פרוי, וועלכע ווייזט אויס צו זיין א געהילף, אָבער פּאַקטיש איז זי קעגן אים.

וואָס זשע האָט זיך אויסגעלאָזט? טאַקע זי, יענע חוה, האָט אים געהאָדעוועט מיט א מין עץ־הדעת, אדאַנק וועלכן ער איז געוואויר געוואָרן תיכף נאָך דער חתונה, אז ער איז, וואָס אן אמת, שוין נישט אליין — אָבער נאָקעט־עלנט איז ער נעבעך יאָ געווען. זייער עלנט...

יאָ, זיין אליין הייסט נאָך נישט עלנט זיין. עלנט איז פיל, פיל איינזאמער און פיל שווערער איבערצוטראָגן.

אָ, עלנט דאָס איז שוין גאָר עפּעס אנדערש.

עלנט איז שוין זיבן מאָל זיבנדיקער אליין. דאָס איז שוין שווע־רער, פיל שווערער צו פאַרטראָגן ווי צו זיין אליין. עלנט צו זיין, דאָס איז שוין נישט קיין סתם אליינקייט. ווייל אויב אליין זיין הייסט אָן א צווייטער נשמה — איז עלנטקייט אפילו אָן דעם אייגענעם שאָטן, ווען מע פילט שוין אפילו נישט דאָס טיאַכקען פונעם אייגענעם הארץ.

פון עלנטן טרויער קאָן מען שווער פטור ווערן. עלנטן טרויער קאָן מען נישט, אפילו ווען מע וואָלט געוואָלט, צעשניידן אויף רעפּט־לעך. קודם, ווייל עס איז אזא שאַרף מעסער נישט פאַראַן. און שנית, ווייל מען איז דאָך עלנט און מע האָט נישט וועמען צו פאַרטיילן כאָטש צו איין רעפטל פונעם טרויער. נאָר — אפילו די ברעקלעך, וואָס פאַלן אראָפּ אומגערן, אויך זיי באַלאַסטיקן די אייגענע נשמה, דאָס אייגענע געמיט, און סע קומט צוצוגיין צום שפּיגל און זיך גופא דערלאַנגען, ווי א שטיקל כיבוד, די אייגענע טרויער...

אליין? — בררר! א שוידער גייט אדורך די שדרה, בלויז ביים געדאַנק צו בלייבן אליין.

קיין מענטש וויל נישט בלייבן אליין... אויך א שרייבער, בפרט א יידישער, וויל נישט בלייבן אליין. ווייל אין אזא מאָמענט קאָן אויך ער נישט פאַרשווייגן זיין עלנטן טרויער.

איז נעמט ער דעמאָלט א בייגעלע פּאַפּיר, און מיטן שרייבפעדל פּרובירט ער אויסדערציילן, אויף וויפל סע גיט זיך אים איין, איבער־צוגעבן אן אנונג פון דעם, וואָס סע פּלאָגט זיין נשמה. ער רעדט זיך אראָפּ פונעם הארץ, גלייך ער וואָלט שוין נישט געווען מער אליין. און אזוי, דערציילנדיק, דערפילט ער נעבן זיך דעם נישטגעזעענעם מיטמענטש זיינעם און סע ווערט אים א ביסל היימישער, גרינגער אויף דער נשמה — ווייל ער איז שוין מער נישט עלנט, הגם ער איז נאָך אלץ אליין...

און אויב סע געלינגט אים, אז דערציילנדיק זאָל ער דערפילן נעבן זיך א מיטפילנדיקן חבר, וועלכער נעמט ביי אים אָן א חלק פון זיין טרויער — איז ער שוין נישט מער אליין, איז ער שוין נישט מער טרויעריק.

ניין, קיינער וויל נישט זיין אליין, קיין איין מאָמענט נישט.

מע טאָר נישט האָבן קיין צוטרוי, אפילו צו זיך גופא, צו בלייבן אליין, מיט זיין אומעטיקן טרויער... ווייל אליין זיין ברענגט אומרו און אומרו איז תמיד געברודערט מיט פארצווייפלונג און פארצווייפלונג איז זייער סכנהדיק.

אומזיסט זאָגט זיך א ווערטל, אז „אליין — איז די נשמה ריין!". דאָס איז נישט אמת. יעדער ווייסט, אז אליין איז די נשמה קאַלעמוטנע...

אוודאי איז געווענדט מיט וועמען מע פארטרייבט דאָס אליינקייט. עס איז דאָך נישט אלץ איינס מיט וועמען מע טיילט די פרייד און צו מאָל די טרויער. אוודאי איז שוין בילכער, צו מאָל, צו זיין אליין איידער צו זיין בשכנות מיט נישטפארגינערישע מיטמענטשן, מיט שונאים. קאָן מען דען מיט אזעלכע טיילן אפילו די פרייד?!

זשַנען זיי דען ווערט, אז זיי זאָלן נהנה זיין אפילו פון דיין טרויער?! יאָ, אפילו צום טרויער, צום מיטטרויער, דארף אויך זיין, אויב נישט קיין פריינד ממש, איז כאָטש קיין שונא זאָל ער נישט זיין...

טאקע מחמת דעם איז נישט גוט צו זיין אליין — אפילו קיין פרייד קאָן מען נישט איבערלעבן אליין. מע קאָן עס נישט אזוי גלאט אראָפּשלינגען. מע מוז זי דערציילן פאר א צווייטן, א דריטן, פאר אלץ מערער צוהערער.

תמיד וויל דער מענטש טיילן זיין פרייד אויך מיט אנדערע. זאָלן זיי זיך אויך פרייען מיט דער זעלטענער גליקלעכער שעה — זאָל עס זיין אויך זייער פרייד, זייער אייגן גליק.

ווען דער מענטש איז שמחהדיק, קומט אים אָן צו נעמען א קליין קניפּיקל און שניידן כאָטש קליינע רעפטעלעך פון זיין פרייד־ברייטל און צעטיילן אויף רעכטס און אויף לינקס, פאר דעם און פאר יענעם, נישט קוקנדיק וועמען ער דערלאנגט צו א רעפטל פרייד — ווייל אזוי, דורך דעם, וואקסט אויך די אייגענע פרייד; סע גיסט זיך איבער דער שמחהדיקער כוס פאר זיינע מיטמענטשן און ארום אים ווערט נאָך מער שמחהדיקער. ארום אים, אין אים, אין זיין נשמה זינגט זיך פאר פרייד.

זיין פנים שטראַלט פון גליקלעכקייט, ווען ער זעט זיינע מיטמענטשן אויך פריידיקע, גליקלעכע.

ווען ער איז גליקלעך, קומט אים אָן צו שרייען פאַר פרייד. סע זאָל זיך הערן זיין יובלען — קאָן ער דאָך נישט נעמען און פּשוט שרייען, ווי טוריסטן טוען אין די טיראָלעזער בערג, ווייל טאָמער וועט מען גאָר זיין פרייד נישט פאַרשטיין — דעמאָלט פּרובירט ער דער־ציילן זיין פרייד דורך א מעשהלע...

און אָנשרייבנדיק א מעשהלע און נאָך איינס און נאָך איינס — ווערט ער א שרייבער...

און א שרייבער זעצט זיך אוועק און לייגט זיין האַנט אויפן אַקסל פון זיין נישטגעזעענעם לייענער, צי צוהערער, און דערציילט אים פון זיין פרייד, מיט וועלכער זיין האַרץ איז איבערפולט, זיין נשמה זינגט: ער דערציילט אים, און ער פרייט זיך מיט אים צוזאַמען. ער זעט זיין פריידיקן גליקלעכן שמייכל, ווען ער הערט זיך צו צו זיין פריידיקן מעשהלע, ער קוועלט פון נחת — דעמאָלט וויברירט יענעמס פרייד (צי אפילו טרויער!) אויך אין זיין מעשהלע. און דאַן ווערט אים נאָך פריילעכער, זייער פרייד פלעכט זיך צוזאַמען, גיסט זיך צונויף אין איין פריידיקן טייך, אין איין פריידיקער סימפאָניע, געשפּילטע אויף נישטגעזעענע לוסטיקע סטרונעס...

מע קאָן זיך משער זיין, אַז מסתמא אַזוי זענען באַשאַפן געוואָרן די שענסטע סימפאָניעס, וואָס האָבן איבערגעלעבט יאָרטויזנטער. מסתמא, אַז אַזוי איז געשאַפן געוואָרן דער תהילים מיט זיינע טרעפן־מיזמורים פון „הנה מה טוב ומה נעים שבת אחים גם יחד" (תהילים קלד־א). זע, ווי גוט און ווי ליב איז דאָס זיצן פון ברידער צוזאַמען... ניין, מסתמא האַנדלט זיך עס דאָ נישט וועגן ממש ברידער, נאָר פון פאַר־ברודערטע, וועלכע טיילן זיך מיט זייערע ליידן און אויך מיט זייערע פריידן.

זאָל מען זשע זיין אין איינעם. זאָל מען זיך טיילן מיט די ברעק־לעך פון פרייד — און אויב חלילה עס איז טרויעריק, זאָל מען עס צעטיילן אויף רעפטלעך. אַזוי וועט אויסקומען א קלענערער חלק פאַר יעדן איינעם און סע וועט פיל לייכטער זיין.

אַזוי איז דאָך דאָס לעבן פריילעכער.

לאָמיר זשע דערציילן א מעשה... א מעשה פאַר מיר, פאַר דיר...

קרעלן פון טוי

קרעלן פון טוי, פון וואסער, פון גלאָז, פון רובינען...

וואסער... טראָפּנס ריגען, טייכן שטראָמען, ימען כוואליען — מער לויט דער השגחה און ווינציקער לויט דער בחירה־חפשית.

וואסער איז ווי לעבעדיק — קוועלט, קוועלט און דערהייבט זיך.

טראָפּנס זענען אזוי ענלעך צווישן זיך און דאָך אזוי פארשידנארטיק.

טוי־פערל, טראָפּנס, באפרוכפּערן פארוייעטע ערד. טוי־קרעל זענען אָפּטימיסטיש, זאָגן אָן געזעטעניש — וואוילטאָג.

טרערן־פערל, טראָפּנס געזאלצענע, זענען צו מאָל אָנגעלאָדן ווי מיט סם, אָבער צו מאָל אויך מיט רפואה, לינדערן ווייטיקן — „נעמען אראָפּ א שטיין פונעם הארץ"...

טרערן פון לייד, פון מיטלייד, פון מיטפרייד — פארלייכטערן דאָס געמיט, די נשמה.

רעגנטראָפּן, קרעלן פון טוי זענען א ברכה אויף א פריש גע־אַקערט פעלד — האָגל קערנדלעך (פארשטיינערטע וואסער־טראָפּן) זענען א קללה אויף זאַנגען.

וואסער איז כמעט אָן א טעם — דאָך שטילט עס דעם דורשט און לעשט אָן אינערלעך פייער, ווי פּאָעזיע, ווען אויך אָן גראַם, בלויז מיט ריטעם.

וואסער אין אָן אַאָזיס איז א ברכה, מחייהדיק אין א מידבר; ים איז באדראָענדיק, סכנהדיק, אפילו פאר ים־מענטשן — בפרט פאר ים־מענטשן.

אויך ווינציק וואסער קאָן לעשן דורשט און אויפלעבן; צו פיל וואסער פארפלייצט מבולדיק און קאָן דערטרינקען, אויסלעשן לעבנס.

וואסער שפּיגלט אָפּ בליאסק פון ליכט מיט אומצאָליקע זונען.

וואסער־אויבערפלאַך איז שפּיגל — מערער פארקנייטשטער שטערן און ווינציקער שמייכל.

וואסער איז בלוי, איז גרוי, איז רויש, איז ברויז, איז שטיל, איז מוראדיק שווייגן, איז אימפעטיק און צו מאָל רואיק — און דאָך איז עס

כוואליעדיק, פלייץ און פארפלייץ — גראָבט ברייט און טיף און פאַר־פולט, פאַרפירט, פאַרשוועגקט און פאַרזינקט.

וואסער קאָכט און זיד — איז פייכט און קילט.

וואסער קוילערט זיך און פאַלט. טרייבנדיק טורבינעס, שאפנדיק ליכט, צי וואסער־מילן צו מאָלן קערנדלעך אויף מעל, אויף ברויט — צום לעבן.

וואסער פליסט — ווי די צייט, ווי דאָס לעבן, ווי די יוגנט, ווי די עלטער — ווי די געשיכטע.

וואסער איז דורכזיכטיק, אָן קאָליר — אָבער צו מאָל ווייס ווי שניי, גליטשיק ווי אייז, שווער ווי רעגן, לייכט ווי נעפל, ווי פארע, ווי וואָלקן, ווי חלום, ווי וואָר, ווי שלאָף — הייליק־שטיל, ווי נשמהדיקייט.

א שיפל שווימט אויפן וואסער, אָן אונטערשיפל אין די טיפע־נישן — און לאָזט נישט נאָך זיך קיין שפורן.

מארינארן קאָנען אויסשטארבן פאר דורשט — טרענקענדיק זיך אין ים.

וואסער איז פון די הויפט־עלעמענטן, נעבן ערד, פייער און לופט — אָן וועלכע די וועלט, א לעבעדיק נפש, קאָן קיין קיום נישט האָבן.

וואסער איז פליסיק, קאָן זיך פאַרעמען אויף אלע אופנים — אָבער באהערשן קאָן מען עס נישט, און נישט צוימען, ווען עס צעפלייצט זיך.

וואסער באַנט זיך א וועג, הגם סע הייבט געווייינטלעך אָן מיט א ריטשקעלע, א דין זיידן פעדעמל, א קוים אָנזעעוודיקס.

וואסער פארגעסט און ווישט אָפּ יעדן סימן. סע בלייבט נישט קיין שפורן פון א וועג, וואו עס איז געשוואומען א פיש, א שיף צי אפילו די טחיט פון א ריז.

וואסער איז טיף, כמעט ווי דער מענטשלעכער געדאנק, ווי דער מענטשלעכער אומגעזעטיקטער באגער — סכנהדיק ווי די ליבשאפט, ווי די שנאה — מוראדיק.

וואסער איז סודותדיק, אייגנאַניק, דאָך ניגונדיק — דבקותדיק, פארטראכט, אין התלהבות.

וואסער טובלט די נשמה, רייניקט דעם גוף. וואסער איז דאָך ריין און קלאָר — אויב מע מאכט עס נישט טריב.

קאלעמוטנע וואסער איז אויך ווי וואסער, אָבער בלויז ווי לעבן אָן חן, אָן ווילן, אָן א ציל. אפילו פאר פיש איז שווער צו לעבן אין טריב וואסער — סע פעלט זיי די „פערספעקטיוו“.

פונקט אזוי אין צו קלאָר וואסער געפינען זיך די פיש נישט זייער היימיש: ווען די זון שיינט אויף און שפרייט אויס א נעץ, ווי פישער, פון א געוועב פון זון־שטראלן — פילן זיך די פיש ווי נאקעט און זיי זוכן א באהעלטעניש. זיי זוכן און דערגייען צו די פישער אין א ממשות־דיקער נעץ, אין וועלכער זיי צאפּלען — אָבער עס איז שוין צו שפעט.

די תורה, די וויסנשאפט, איז געגליכן צו וואסער — אָן וועלכן מע קאָן נישט לעבן.

די וויסנשאפט בכלל איז טיף ווי א ים, מיט רעיונות, מיט מיינען, מיט אָנדייטן, מיט „ודי לחכימא ברמיזא"ס, מיט א גרעסערן נימשל — אויך צו מאָל פון א נישט גאָר גרויסן משל.

...טוי איז אויך ווי א פשוטער מוסר־השׂכל. קרעלן פון טוי זענען דער תמצית פונעם תמצית פונעם קיום, פון וואקסן, פון זיין, פון פרוכפערדיקייט.

מיין תפילה

רבונו־של־עולם... איך ווייס, אז מסתמא געפאלט דיר גוט, אז מע זאָל פאר דיר מתפלל זיין יעדן באגינען און אָוונט, ווייל אזוי איז שוין דער סדר.

אָבער, כלעבן, ווי איך ווייס נישט וואָס מיר אויסצובעטן. וואָס ווייסט דען א זינדיקער בשר־ודם, וואָס יאָ און וואָס נישט צו בעטן? וואָס פעלט מיר דען און וואָס האָב איך?!

— פרנסה ?

איך האָב שוין צו פיל דערפארונג: קיינער עסט נישט מיט קיין צוויי לעפל. אויף יענער וועלט נעמט מען זיך שוין היינט צו טאָג נישט מיט קיין גאָלד־צירונג, ווי סע האָבן געטון די פארצייטיקע פרעהס.

אויפן טאָגטעגלעכן ברויט דארף איך נישט מתפלל זיין. סע לוינט דען צו דילן א קאָפּ אן אלמעכטיקן מיט אזעלכע קליינע ערדי־שע באדערפענישן?

— קינדער?

זאָגט דאָך א ווערטל: ווער סע האָט זיי, זאָל זוכה זיין זיי מגדל צו זיין לחופּה און מעשים טובים, און ווער סע האָט זיי נישט — זאָל נאָך זיי נישט בענקען, ווייל מע ווייסט דען וואָס סע קאָן פון זיי ארויס?!

— אריכת־ימים ?

יאָ, רבונו־של־עולם, אָט טאקע דאָס ווילֿ איך דווקא נישט בעטן. אדרבה, איך וועל זאָגן אויפריכטיק: צו וואָס פעלט אויס אריכת־ימים? ווען מען פעלט עס אויס? — איך אייגער בין מוחל...

צו וואָס וואָלט מיר געטויגט אריכת־ימים?

דו ווייסט דאָך דעם אמת, רבונו־של־עולם, אז ביי אונדז, אין אונדזער פאך, איז נישט זייער וויכטיק וויפל יאָרן מע האָט אָפּגע־לעבט. זענען דאָך פאראן קאָלעגן שרייבער, פּאָעטן צי קינסטלער, וועלכע

האָבן געשטעלט א פּינטעלע פון סוף־פּסוק ביי אַן ערך בלויז צוויי טוץ אָפּגעלעבטע יאָרן און דאָך זענען זיי אריין אין דער געשיכטע...

ווען זיי וואָלטן געווען געבענטשט געוואָרן מיט אריכת־ימים?! כלעבן, ווי איך ווייס נישט צי זיי וואָלטן דערפון עפּעס געוואונען. האָבן מיר דאָך אזא האקלדיקע מלאכה, וואָס אויף אריינצוגיין אין דער געשיכטע דאַרף מען א גאַנץ לעבן (אויך צו מאָל, ווען עס איז קורץ!), אָבער צו פאַרלירן דעם חלק עולם־הבא איז גענוג אפילו איין איינציקער מאָמענט. איז דאָך א באַוויז, אז מיט אריכת־ימים קאָן מען אמאָל „ארויס" פון דער געשיכטע...

עס איז באוואוסט: רבי יוחנן כהן־גדול, נאָך דעם ווי ער האָט א לאַנג לעבן געדינט דעם מזבח פונעם בית־המקדש, איז ער געוואָרן א צדוקי צו די אכציק יאָר... אָבער ווען ער לעבט געווען וויינ־ציקער?!

אזוי איז שוין אונדזער מלאכה. אויב א שוסטער האָט אריינגע־קלאַפּט צוועקעס אין היטלעריסטישע שטיוול, ווייסט עס שוין היינט קיינער נישט, אז ער איז געווען א „קאָלאַבאָראַציאָניסט"; ווידער אז קנוט האמסון האָט מיט זיין פען „געריניקט" די היטלעריסטישע שטיוול, האָט ער געחתמעט זיין נאָמען, ווי עס איז דער מנהג ביי אונדז, שרייבער, — און ער איז כמעט ארויס פון דער געשיכטע...

וואָלט ער געווען געשטאָרבן צו דער צייט?! וואָלט ער געווען געלעבט מיט עטלעכע יאָרן ווינציקער?... ניין, רבונו־של־עולם, מוחל דיר דאָס אריכת־ימים. בעסער, גאָטעניו, צו שטאַרבן צו דער צייט.

ווען עס איז די צייט?

וואָס, דאָס ווילסטו פון מיר דערפאַרן?! ביסטו דאָך אַן אלמעכ־טיקער אלצווייסער — בעת איך בין בלויז א רעדנדיקער בעל־חיים, וואָס ווייסט נישט מער ווי פון היינט אויף מאָרגן. וואָס ווייס איך דיר צו געבן עצות מיט מיין אָפּהענטיקער תפילה?

וואָס ווייסט דען א בשר־ודם, ווי איך, ווען צו שטאַרבן „צו דער צייט"?

ניין, איך וועל מיר אליין נישט אונטערשערן דעם פאָדעם פון מיין לעבן, ווי סע האָבן עס געטון נישט ווייניק פען־קאָלעגן. אויך אויף דעם האָב איך שוין צו פיל דערפאַרונג... קען דען דער מענטש וויסן ווען עס איז „די צייט"?! זענען דאָך באַקאַנט פאַלן ווען טייל שרייבער־קאָלעגן האָבן זיך גענומען דאָס לעבן, ווען זיי האָבן אפשר

געמיינט, אז עס איז „צו דער צייט" — און, הגם זיי האָבן שוין געהאַט זייער אייגן בלעטל, אָנגעשריבן אין דער געשיכטע — האָט מען זיי באַלד פון דאָרט אויסגעמעקט, מיטן אויסרייד, אַז זיי זענען געווען נישט מער ווי שיכורים, עפּילעפּטיקער...

וואָס ווייסט דען א מענטש, ווען יאָ און ווען נישט?!

יאָ, איך האָב שוין צו פיל דערפאַרונג. איך ווייס אויך פון אַזעלכע פאַלן, ווען מע האָט עמעצן געשאָלטן זיין גאַנץ לעבן, און צום סוף, בלויז צוליב זיין „סוף", מיט זיין טויט — האָט ער זיך געוואונען א חלק עולם-הבא, און מע האָט אפילו אָנגערופן א גאַס אויף זיין נאָמען...

— איך?!

איך בין מוחל דעם „נאָמען" פון דער גאַס. איך בעט נאָר איין קליינעקייט: לאָמיך שטאַרבן „צו דער צייט"...

איך וויל נישט מע זאָל מיך חלילה שלעכט פאַרשטיין. ניין. איך בעט מיר נישט דעם טויט. אדרבה, איך זאָג בפירוש אין מיינע תפילות, ווי מיין פירגייער, אויך א שרייבער, דוד-המלך: „לא אמות כי אחיה ואספר מעשה יה" (תהילים קיח-יח), איך וויל נישט שטאַרבן נאָר לעבן און דערציילן... יאָ, עפּעס האָב איך דאָך נאָך וואָס צו „דערציילן". אָבער דאָך בעט איך נישט קיין אריכת-ימים, ווייל מע קאָן דען וויסן, וואָס פונעם „דערציילן" וועט אַרויס?

וואָס זשע בעט איך יאָ?! צו שטאַרבן צו „דער צייט".

רבונו-של-עולם — איך ווייס נישט קיין נייע תפילות און איך נייטיק זיך נישט אין זיי. סע זענען מיר כמעט צו פיל אויך די געווינטלעכע תפילות, אָבער איין זאַך בעט איך יאָ — איך זאָל לעבן צו דער „צייט"...

...רבונו-של-עולם, שענק מיר כוחות צו לעבן צו דער צייט.

אַ מענטש

אָדם, מענטש, — באשאפן נאָכן צלם אלהים.

אויך ער, דו, איך?! האָב איך אויך אין מיר געטלעכס?

איך האָב מורא, אז עס איז צו געוואגט, אפשר אפילו אויך א ביסל העזהדיק, אָבער דאָך...

בין איך דאָך אויך א מענטש. הייסט עס, אז אין מיר איז פאראן אויב נישט דווקא געטלעכס, איז כאָטש א שאָטן צי אן אָפקלאנג פון מלאכישדיקס... און אפשר איז עס גאָר שדיש? זענען דאָך מלאכים לייב־לעכע ברידער מיט שדים, ווי יעקב מיט עשיון?!

לעבן דאָך צוזאמען אין מענטש, אין יעדן מענטש, ממילא אויך אין מיר, אי דער יצר־טוב אי דער יצר־הרע — גיי זשע קלייב זיך אויס, טייל פונאנדער צווישן ליכט און שאָטן.

אמת, דאָס איז א פארמעסט, כמעט אן איבערמענטשלעכער, דאָך דארף זיך דער מענטש, הגם ער איז נישט מער ווי א בשר־ודם, פונאנדערקלייבן. האָט דען יעדער דערצו אזוי פיל כוח?!

אָט פאר וואָס סע זענען פאראן מענטשן און „מענטשן"...

פאראן פארשידענע קאַלירן, פאַרעמען און גרייסן: נאָרמאלוויקסיקע, קליינע ליליפוטלעך און גרויסע, הויכע, אפילו ווי ריזן.

ליליפוטן קאָן מען געפינען נישט בלויז אין צירקי ריזן, זיי זעט מען נישט, ווי די למד־וואָו־צדיקים, בלויז אין די לעגענדעס, אנהייבנדיק מיטן חומש.

מאָדנע, אפילו ליליפוטן מיינען צו מאָל, און אפשר זענען זיי דווקא צווישן די ערשטע, וועלכע מיינען אז זיי זענען נישט נאָרמאלוויקסיקע — נאָר אפילו ריזן... יאָ, דווקא די קליינוויקסיקע גייען געווייינטלעך האָפערדיק, מיטן קאָפּ אויפגעהויבן, מע זאָל זיי אָנזען. מע זאָל מיינען אַז זענען פונקט אזוי גרויס, ווי אזוי זיי מיינען — נישט אזוי ווי זיי זענען.

מענטשן, אלע, סיי ווי אזוי זיי זענען — זענען די קרוין פון דער יצירה.

יאָ, מענטשן...

אָבער דער מענטש? דער מענטש איז נישט אלע מאָל די קרוין פון דער יצירה. סע זענען דאָך פאראַן, ווי גע־זאָגט, אי ריזן אי לי־ליפוטן...

אמת, מענטשן ווערן טאקע געבוירן קליינטשיקע. אלע ווערן גע־בוירן קליינטשיקע. אָבער מיט דער צייט וואַקסן זיי אויס — ווער ווי אזוי...

שוין ביים געבוירן ליגט אין יעדן מענטש א מלאך אין מיניא־טור. און נישט נאָר א מלאכל, נאָר אויך א שדל. ווער באַקומט מיט דער צייט די אויבערהאַנט? אַט דאָס זעט זיך ביים אָנהייב נישט אָן.

אויך שפּעטער זעט מען אויבנאויפיק בלויז די מלבושים, נישט דעם „מענטש". אָבער אויך די מלבושים זענען נישט דויערהאַפטיק. מיט דער צייט ניצן זיי זיך אָפּ און בייטן זייער אויסזע.

נישט בלויז די מלבושים — אויך דער מענטש בלייבט נישט תמיד דער זעלביקער. טייל באַקומען וואָס א מאָל א שלימותדיקערע צורה, טייל ניצן זיך אָפּ מיט דער צייט, אזוי ווי די מלבושים.

מיט א מאָל דערזעט מען: ער איז שוין נישט דער, וועלכער ער איז געווען. שוין נישט יענער פון נעכטן — און אפשר נישט דער, וואָס וועט זיין מאָרגן? אָדער ער וועט שוין בכלל נישט זיין?!

ווי אזוי זשע קאָן מען דערקענען דעם מענטש? — ער איז דאָך נישט תמיד ער, נישט תמיד ער גופא, נישט תמיד דער זעלביקער?

ווי אזוי זשע קאָן ער גופא זיך דערקענען?

און דאָך — מוז מען גלייבן אין דער מענטשלעכקייט, וואָס איז א חלק פון דער געטלעכער אייביקייט.

יאָ, גלייבן אין מענטש — מיט זיינע מעלות, אָבער צו מאָל אויך מיט זיינע חסרונות — ווייל א מענטש (קאָן טאקע אפשר זיין געטלעך, אָבער בשום אופן נישט קיין גאָט!) איז דאָך נישט מערער ווי א מענטש...

אַט פאר וואָס איך מיין, אז ווען מע לייגט אויף דער וואָגשאָל די מעשים פון א מענטש, פון סיי וועלכן מענטש, סיי ליליפוטן סיי ריזן — דאַרף מען זיך מיט דעם רעכענען, כדי צו זוכן און געפינען א זכות.

...א מענטש איז דאָך נישט מערער ווי א מענטש.

צייטן בייטן זיך

דער עיקר איז, אז מע זאָל זיך נישט נעמען צום הארץ, ווייל... סע האָט זיך געוואָלט זאָגן: ווייל עס איז הכל הבל, אָבער באלד האָט זיך עס געכאפּט, צו מזל, צו דער צייט, אז דאָס איז א זייער פאַר־אורטיילטער פעסימיזם, וואָס איז שוין נישט אין דער מאָדע. בכלל איז יענע חכמה, די קוהלתדיקע, שוין אָן אָפּגעפּרעגטע. ווער וועט זיך היינט פארלאָזן אויף אזא פעסימיסטישער, הבלהבלימדיקער מיינונג, אז אלץ וואָס עס איז שוין אמאָל געווען און אלץ וואָס עס איז, וועט זיין — ווייל עס איז נישטאָ קיין שום נייעס אונטער דער זון?

ניין, דאָס איז נישט ריכטיק. וואָלט עס יאָ ריכטיק געווען, וואָלט מען דאָך יאָ געדארפט זיך נעמען צום הארץ, אפילו ווען עס איז די רייד פון א נארישקייט?!

און דאָ ווילט זיך דאָך זאָגן דעם היפוך, אז מע זאָל זיך נישט נעמען צום הארץ, ווייל וואָס עס איז געווען נעכטן איז שוין נישט היינט און אויב דער היינט זעט אויס אנדערש, לגמרי אנדערש ווי דער נעכטן — איז דאָך א באווייז, וואָס קיינער וועט אים נישט קאָנען אָפּלייקענען, אז דער מאָרגן וועט גאנץ באשטימט זיין אנדערש אויך ווי דער היינט...

...ווייל אונטער דער זון איז תמיד דאָ עפּעס נייעס!

איז דאָך אלץ אין תמידיקן בייטן זיך, אין תמידיקן פארענדערן, סיי מע זעט עס תיכף אָן, סיי מע נעמט עס אין אכט תיכף, בעת די ענדע־רונג קומט פאָר, סיי מע מאכט צו די אויגן און מע וויל עס נישט אין אכט נעמען, אפילו ווען עס איז שוין א געשעענע זאך... איז דאָך דאָס די גרונט־אידעע פון דער דיאלעקטיק.

און אפשר איז יענער בעל־הקוהלת נישט געווען אזא נאר ווי סע דאכט זיך אויס, אז ער האָט נישט געוואָלט וויסן וועגן די נייאיקייטן וואָס געשעען אונטער זיין נאָז, שעה נאָך שעה, טאָג נאָך טאָג? והא ראייה, ער האָט דאָך אויך געזאָגט אז מע זאָל זיך נישט אָפּשטעלן

אויף איין נייער דערשיינונג און מיינען אז דאָס איז שוין דאָס לעצטע וואָרט.

איז דאָך א סימן, אז ער האָט אויך געוואוסט, אז דאָס לעצטע וואָרט, איז אויך נישט דאָס לעצטע, ווייל עס עקזיסטירט בכלל נישט קיין לעצט וואָרט. ווייל נאָך יעדן לעצטן וואָרט (וואָס מע מיינט, אז עס איז דאָס לעצטע!) קומט אן אנדער וואָרט, צי געשעעניש, וואָס איז נאָך לעצטער...

וואָס זשע איז די מסקנה?

די נייע געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג, וואָס מאכט זיך א וועג אין דער געשיכטע, וואָס נעמט ארום וואָס א מאָל מער שטח, סיי טייל ווילן עס יאָ זען, סיי זיי ווילן עס בכיוון נישט אָנזען און אין אכט נעמען — אָט די דאָזיקע נייע געזעלשאַפט, אויפן יסוד פון דער דערמאָנטער דיאַלעקטיק, באַנט זיך א וועג און דרינגט אריין אומעטום, אין אלע לענדער, אין אלע קאָנטינענטן — דאָס איז זיכער, אזוי זיכער ווי דער טאָג קומט נאָך דער נאכט און ווי דער פרילינג קומט נאָכן ווינטער...

האָט דאָך יעדער קלאַנג זיין אָפּקלאַנג — אָבער דאָך קלינגט עס א ביסל אנדערש ווי דער לכתחילהדיקער קלאַנג, וועלכן ער שפיגלט אָפּ...

ווי אזוי אָט די נייע געזעלשאַפט וועט אויסזען מאָרגן? — אָט דאָס איז שוין אן אנדער קאַפיטל. טאַקע אויך געקוקט מיט די דיאַלעקטישע ברילן... והא ראייה, היינט זעט עס שוין נישט אויס ווי נעכטן, אָדער ווי מע האָט געמיינט נעכטן — איז דאָך א באַווייז, אז אָט די געזעלשאַפט וועט מאָרגן נישט אויסזען ווי היינט, נאָר שלימותדיקער, וואָס אפילו די גרעסטע חכמים, צי נביאים, קאָנען זיך עס נישט פאָרשטעלן וואָס און ווי אזוי.

איין זאַך איז אָבער יאָ זיכער, אז דאָס וועט אויסזען אנדערש... ווייל אונטער דער זון איז תמיד דאָ נייעס, און וואָס עס איז געווען וועט שוין אזוי, אָדער פונקט אזוי, נישט זיין, נאָר שלימותדיקער, בעסער, העכער.

הלוואי מע זאָל עס זוכה זיין...

לעבנס-חכמה

איך געדענק אים פון די פריע קינדער-יאָרן. „יעס, יעס!“ — אזוי פיל האָט ער מיט זיך מיטגעבראכט פון די עטלעכע יאָרן אָפּגע־לעבטע אין אמעריקע. אפשר האָט ער געהאַט ביי זיך אויסבאהאלטן אויך עטלעכע דאָלער? אבער דאָס האָט זיך נישט אָנגעזען, אָבער די עטלעכע ווערטער, וואָס ער האָט אָפּט איבערגעחזרט, ווען מע האָט יאָ און ווען מע האָט נישט באַדאַרפט, „יעס יעס!“, אָט דאָס האָט זיך יאָ אָנגעזען, אָדער בעסער געזאָגט — „אָנגעהערט“.

"בעלאָ-באַטשי“, אָדער אויף יידיש דעם אונגערישן נאָמען, דער פעטער בעלאָ, האָט געלעבט ווי א נזיר. צווישן פיר ווענט, עלנט אליין. וואָס ער האָט דאָרט געטאָן צווישן זיינע פיר ווענט פון דעם הייזל, דאָס האָט קיינער נישט געוואוסט.

אין דרויסן האָט מען אים געזען, געוויינטלעך, אין דער פרי ארום ניין א זייגער, ווען ער איז ארויסגעגאנגען גראָבן אין דער „פּריצא־רינע“ צווישן די ביטערעס.

גראָבן... פּאַמעלעך, נישט געאיילט, גלייך דאָס וואָלט געווען אויך דער ציל, נישט בלויז א מיטל עפּעס אויסצוגראָבן.

ער פלעגט ארויסגיין מיט די גראָב-מכשירים, מיט א פּעקעלע עסן. דער וועג האָט דאָך געדויערט כמעט א שעה, האָט ער תיכף ווי ער איז נאָר אָנגעקומען, זיך געזעצט איבערבייסן. דערנאָך האָט ער איינ־געשטעקט פיר שטעקעלעך אין א פירעק. געצויגן א בענדל פונעם ערשטן צום צווייטן, פונעם צווייטן צום דריטן... דאָס הייסט, אז ער האָט אָנגעצייכנט וואו ער דאַרף גראָבן — און האָט געגראָבן.

מיט דער צייט איז מען געוואויר געוואָרן, אז ער זוכט אן אוצר.

קיין אוצר האָט ער קיין מאָל נישט געפונען, הגם ער האָט כמעט זיין גאנץ רעשט לעבן אָפּגעלעבט זוכנדיק — אבער א גליקלעכער איז ער דווקא יאָ געווען. נישט צוליב זיין עשירות. וואָס ער האָט נישט פאַרמאָגט. נאָר צוליב דער לעבנס-חכמה, וואָס ער האָט זיך געמאכט (דאָ, צי נאָך דאָרט, בעת ער האָט פאַרבראכט די עטלעכע יאָרן אין די

פאראייניקטע שטאטן!), האָט ער זיך געלויבט אז ער איז א גליקלעכער, אז ער לעבט ווי א מלאך.

די סיבות וואָס האָבן גורם געווען, אז ער זאָל זיין א פארזע־סענער, זענען נישט געווען באקאנט. אפשר האָט ער זיי אויך שוין נישט געוואוסט. אָבער א פאקט איז, אז ער האָט זיך אויסגעלעבט ווי אן אלטער בחור. און אז מע האָט אים געפרעגט, פאר וואָס ער האָט נישט חתונה געהאט, האָט ער געווײנטלעך געענטפערט מיט דעם ווערטל: דער מענטש קאָן זיך אויסוויילן אָדער צו לעבן ווי א הונט און צו שטארבן ווי א מלאך, אָדער צו לעבן ווי א מלאך און צו שטארבן ווי א הונט...

אויב דו האָסט חתונה, פלעגט ער דערקלערן, לעבסטו ווי א הונט — מיט דאגות פרנסה און אן עול פון ווייב און קינדער (אויב דו האָסט נאָך אויך א שוויגער אויפן קאָפּ?!) — אָבער דו שטארבסט ווי א מלאך. סע בלייבט עמעצער נאָך דיר, ווער סע זאָל זאָגן א קדיש, אָנצינדן א ליכטל, ווער סע זאָל דיך באוויינען.

האָסטו נישט חתונה, ביסטו א פרייער פויגל, לעבסט ווי א מלאך, אָן דאגות — אָבער אז דו שטארבסט, באגראָבט מען דיך ווי א הונט, קיינער גייט נישט נאָך נאָך דיין לוויה, קיינער באוויינט דיך נישט.

האָט ער זיך אויסגעוויילט צו לעבן ווי א מלאך...

...פארשטייט זיך, אויב א מענטש קאָן באנאליזירן אויף אזא אופן די לעבנס-חכמה, אז ער זאָל זיך מאכן אזא פילאָסאָפיע — קאָן ער טאקע לעבן גליקלעך ווי א מלאך (צי אפילו ווי א הונט — אָבער א גליקלעכער הונט!)...

ערשט שפּעטער מיט יאָרן האָב איך דערפאָרן, אז עס איז נישט דווקא אזוי.

דאָס איז נישט אָפּהענגיק אין דעם, צי מע האָט חתונה געהאט צי נישט. מע קאָן דאָך לעבן ווי א הונט און — אויך שטארבן ווי א הונט...

צו לעבן ווי א מלאך און צו שטארבן ווי א מלאך — דאָס ווייזט אויס צו זיין בלויז אן אוטאָפּיע, אָדער גאָר דאָס מזל פון זעלטענע, זייער זעלטענע...

אָבער דאָס איז אָפּהענגיק ווי אזוי מע לעבט, וואָס מע טוט אויף ביים לעבן.

ערב ווינטער

טריבע, אָסיענדיקע רעגנדיקע טעג. עס איז נאָך נישט ווינטער, אָבער (ווײ!) ווי אומעטיק. די פײַכטע קעלט נעמט ארום, גלײַך סע וואָלטן זיך אײַנגעגעסן די קילע פײַכטקײַטן ביזן מארעך פון די בײַנער. עס איז אפשר נאָך ערגער ווי ווינטער. דעמאָלט איז מען כאָטש אָנגעטאָן ווינטערדיק...

אין דער מאָלדאָווע איז פאַראן א ווערטל: סע קיסלעט אין דרויסן. דאָס וואָרט „קיסלעט" איז מסתמה פון „כסלו" נאָכן נאָמען פון אָסיענדיקן חודש. דערמיט מײנט מען: נעפּלדיקע טעג, רעגנס, בלאָטעס, און — אלעס אין אײנעם...

פון כסלו איז געוואָרן א ווערב: סע קיסלעט.

די אמאָליקע מאראמאָרעשער יידישע דערפער, זענען געווען אָרעמער ווי די נאכט. אי די יידן אי די דערפלעך זענען געווען אָרעם... אז סע האָט זיך דערנענטערט די צײַט פון ערב-ווינטער איז באפאלן א זאָרג.

זומער שלאָגט מען זיך נאָך יאקאָש אדורך, אָבער ווינטער?!

נאָר יידן פארלירן נישט דעם בטחון — און אוודאי נישט דעם הומאָר.

האָט זיך געמאכט ווי א מנהג, אז יעדן מוצאי-שמחת תורה פלעגט דער גבאי פון דער שיל ארויף אויפן באלעמער, און מיט דער גרעסטער ערנסטקײַט א קלאָפּ געטאָן מיט דער האנט אין שולחן און אויסגערופן: „שא!".

— איך בין מכריז ומודיע, אז היות סע קומט ווינטער, און ווי עס איז באוואוסט איז דער ווינטער קײן שפּאס נישט, איז דעריבער יעדער ייד מחויב זיך צו פארזאָרגן באצײַטנס מיט ווארעמע מלבושים, פאר זיך, פאר זײַן יידינע און בפרט פאר די קינדערלעך, וועלכע דארפן גײן אין חדר, ווײַל סע קומט א קאלטער ווינטער... יעדער ייד איז מחויב צו קויפן האָלץ און עס לאָזן צעהאקן באצײַטנס... אפילו דער עני שבישראל איז מחויב צו קויפן כאָטש אײן זאק קארטאָפּל, ווײַל... אָבער דער וואָס האָט נישט קײן געלט, דער איז פּטור! — ער קאָן יוצא זײַן די „מצווה" מיט דעם וואָס די נגידים גרײַטן אָן...

אזוי האָט מען געשפּאסט מיטן דלות אין אמאָליקן יידישן מאראמאָרעש.

פייגעלעך

שבת־שירה איז פארבליבן אין זכרון פון די קינדער־יאָרן א קינדערישער שפּיל, צו געבן די פייגעלעך קאשע... וועלכעס קינד פון מיין דור האָט נישט גענומען שבת־שירה א לעפל טשאָלנט, ארויס־געקליבן די קאשע, גרויפּן, אָפּגעטיילט זיי פון די פאסאָליעס און נישט געגעבן פאר די פייגעלעך?

אויך די פייגעלעך האָבן זיך צוגעוויינט דערצו, און פאמעלעך זיך דערנענטערט צום פענצטער אונדזערן און געגעסן כמעט פון אונדזערע הענט.

דעם טעם, פאר וואָס מיר האָבן דעמאָלט געגעבן קאשע פאר די פייגל, ווייס איך נישט. אזוי איז עס געווען דער מנהג, נישט נאָר אין מאראמאָרעש. אויך אין אנדערע מקומות האָבן די יידישע קינדער גע־וואוסט פון אָט דעם מנהג צו געבן זערנעס פאר די פייגל, ווייל זיי זינגען שירה... אָבער וואָס פאר א זינגען, מישטיינסגעזאָגט, קאָן מען שוין דערוואַרטן פון אָט די פייגל וואָס האָבן געציטערט פאר קעלט אין אָט יענעם ווינטערדיקן שבת־שירה?!

דעם אמת געזאָגט, ווייס איך אפילו נישט ווי אזוי עס איז דער נאָמען אויף יידיש פון אָט די פייגעלעך. אין אונדזער געגנט זענען געווען באקאנט פירערליי מאסן־פייגל. צוויי גרויסע: די סאָראָקע און די וואָראָנע, און צוויי קליינע, די שוואלב (וועלכע זומערט זיך ביי אונדז, און בויט זיך פרילינג א נעסט אונטער דער סטריכע פון די הייזער, אָבער הארבסט פליען זיי אוועק אין די ווארעמע לענדער), און דאָס פייגעלע, מיט א מויזקאָליר, וועמענס נאָמען איז פארבליבן פשוט — פייגעלע. טייל האָבן עס גערופן „גרויער", אפשר צוליב דער גרוי־ער קאָליר?

אָט די דאָזיקע פייגעלעך האָבן מיר געגעבן צו עסן קאשע אין שבת־שירה.

...שטייען שוין היינט טרויעריק די פייגעלעך פון מיין געבורט־שטעטל און טראכטן: וואו זענען די קינדער, די חדר־ייִנגלעך, וואָס האָבן זיי יעדן שבת־שירה געגעבן קאשע צו עסן?

היינט איז אומזיסט אייער ווארטן, מיינע ליבע פייגעלעך פון מיינע יוגנט־יאָרן, היינט וועט אייך קיינער קיין זערנעס נישט געבן צו דעם שבת־שירה... יענע חדר־ייִנגלעך מיט די געקרייזלטע פאהקעלעך זענען מער נישטאָ. זיי זענען פון אוישוויץ נישט צוריק געקומען...

איז באמת א רחמנות אויף די פייגעלעך...

איז טרויעריק, אָבער מיר טרייסטן זיך. אויך די פייגעלעך, נעבעך, געדענקען און זענען טרויעריק און — מוזן זיך אויך טרייסטן. מוזן פאָרזעצן זינגען שירה... זיי זינגען נייע לידער, אויפמונטערנדיקע און טראָגן מיינע בטחון־גרוסן ווי אין ביאליקס „אל הציפור“...

א מעשה ווי אלע מעשיות

אמאָל איז געווען א רבי... ווען סע זאָל געווען נישט זיין, וואָלט מען עס דאָך נישט דערציילט.

איז ווי אזוי מע וויל: סע קאָן זיין אז עס איז טאקע אזוי געווען, סע קאָן ווידער זיין, אז עס איז בכלל נישט געווען, נאָר מע דערציילט עס בלויז ווי א מעשה. ווידער קאָן זיין, אז עפעס איז דאָך געווען און די מעשה גיט נאָר צו, דאָ און דאָרט, עפעס פון דער פאנטאזיע, ווי געוויינטלעך ביי א מעשה — איז פאר וואָס זשע זאָל איך עס איצט נישט דערציילן אויפן יסוד וואָס אנדערע האָבן דערציילט פריער פאר מיר, סיי עס איז טאקע אזוי געווען, סיי עס איז בלויז אויסגעטראכט?

וועל איך עס דערציילן, צי איבערדערציילן, א ביסל שוין אויף א נייעם אופן. אפשר וועלן זיך געפינען בעלנים צו לייענען אָן אלטע, איבערדערציילטע, מעשה, אָבער אויף א נייעם אופן, אויך ווען דאָס איז ווי א מין „ביבלישע" מעשה...

געווען אמאָל א רב, אין א קליין מאראמאָרעשער שטעטל. א שטעטל צווישן בערג, גרויס ווי א גענעץ, אָבער יידישע משפחות האָבן דאָך דאָרט געלעבט, איז האָבן זיי געדאַרפט האָבן אויך א מרא-דאתרא, ווער סע זאָל פסקענען שאלות, ווער סע זאָל משפטן א דין-תורה. און אז עס איז דאָרט געווען א רב, וואָס איז געווען מלא וגדוש אין תורה און א גרויסער און פלייסיקער לערנער, האָט ער, פארשטייט זיך, נישט פארלוירן קיין צייט און האָט איינגעפירט ביי זיך א ישיבה, מיט א דרייסיק-פערציק ישיבה-בחורימלעך, וועלכע זענען זיך צונויפגעפאָרן פון די מאראמאָרעשער דערפער און שטעטלעך, כדי צו לערנען גמרא און טייל פון זיי אויך יורה-דעה.

דאָס הייסט, אז דער רב האָט שוין געהאַט זיין ישיבה — איז ער שוין מיט דער צייט געוואָרן א שטיקל רבי אויך. ווייל, ער האָט געהאַט בחורימלעך, האָט ער דאָך שוין געמוזט פראווען שבתדיקע טישן, זאָגן דערביי תורה — האָט ער דאָך, הייסט עס, געהאַט שוין זיינע אייגענע ערשטע חסידים.

איז דארף מען שוין בעסער אָנהייבן דערציילן די מעשה אזוי: געווען אמאָל א רבי, וועלכער האָט איינגעפירט א מנהג, אז יעדן אָוונט זאָל קומען, נאָך דער ריי, אן אנדערער תּלמיד און אים דערציילן א מעשה, כדי דער רבי זאָל קאָנען איינשלאָפן... צי אפשר האָט ער סתם ליב געהאַט צו הערן מעשיות? איז עס נישט וויכטיק די סיבה. א פאַקט איז אָבער, אז יעדן אָוונט ווען דער רבי איז געגאַנגען שלאָפן, האָט זיך אַנידערגעזעצט א תלמיד אויף א קליין פיסבענקעלע פאַרן בעט און דערציילט א מעשה פון „שבחי בעל־שם־טוב", צי פון רב נחמן בראַסלאַווערס מעשיות, ביז דער רבי האָט צוגעמאַכט די אויגן, דאָס איז געווען א סימן אז ער האָט איינגעדרימלט. דעמאָלט האָט דער תּלמיד־דערציילער געריכט שטילער, כמעט שעפּטשענדיק, און אויב דער רבי האָט שוין נישט געעפנט די אויגן, האָט ער געגנבֿעט אויפגעהערט דערציילן זיין מעשה, האָט געזאָגט „א גוטע נאַכט" ווי אין געדאַנק, האָט זיך פּאַ־מעלעך ארויסגעשלייכט פונעם צימער און איז אַוועק זיך לייגן שלאָפן.

מאָרגן אָוונט איז געקומען אן אנדערער תלמיד, לויט דער ריי. יענער האָט אויך דערציילט זיין מעשה ביז דער רבי האָט צוגעמאַכט די אויגן. אויב סע האָט פּאַסירט און דער תלמיד האָט אויפגעהערט דערציילן און דער רבי האָט צו ביסלעך געעפנט די אויגן — האָט דאָס געהייסן, אז דער רבי דרימלט בלויז, ער איז נאָך נישט איינגע־שלאָפן, איז האָט מען געדאַרפט פאָרזעצן דאָס דערציילן.

אמת, סע זענען געווען חסידים, וועלכע האָבן געגלייבט אז נאָך דעם ווי דער תלמיד האָט „איינגעשלעפּט" דעם רבי, און איז אליין גע־גאַנגען זיך לייגן שלאָפן, איז דער רבי גאָר אויפגעשטאַנען צו עבודת־הבורא, אָפּריכטן חצות, לערנען זוהר צי אנדערע קבלה־ספרים, צי פשוט זאָגן תהילים מיט פרומער השתפכות־הנפש — אָבער דאָ רעדט זיך דאָך נישט וועגן דעם.

וועגן דעם וועט זיך אפשר דערציילן ביי אן אנדערער געלעגנהייט...

אין אזא מעשה וואָלט זיך געפּאַסט צו זאָגן: ויהי היום, און עס איז געווען אין א טאָג... איז עס דאָך אָבער נישט געווען ביי טאָג. די מעשיות האָט מען דאָך דערציילט ביי נאַכט. איז לאָמיר זאָגן: אין איי־נעם אן אָוונט, איז געקומען די ריי אויפן יינגסטן תלמיד, וועלכער איז גאָר וואָס געקומען פון א באַרגיק דאָרף אָבער מיט א שאַרפן מוח צום לערנען (און בגנבה צו לייענען אויך אנדערע מעשה־ביכלעך!), לאָמיר

אים אָנרופן וועוויק, אַז ער זאָל זונטיק אָוונט דערציילן אַ מעשה פאַרן רבי, כדי ער זאָל אים איינשלעפן...

וועוויק, אַ קליין בחורל, נאָר וואָס געוואָרן בעל־מצווה, מיט אַ שיין רונדיק יידיש פּנימל, אַרומגערייסט מיט צוויי געקרייזלטע פּיאות, ווי פלעשעלעך צי ווי לאָקן, וואָס האָבן זיך באַוועגט הין און הער, לויט די באַוועגונגען פון עם פּנימל — ער האָט קיין מעשיות וועגן בעל־שם־טוב נישט געקענט, אָדער ער האָט זיי יאָ געקענט, יאָ געלייענט אין די ווינטער־נעכט, אָבער ער האָט זיך אפשר נישט געוואָלט אריינלאָזן אין אַזעלכע מעשיות, צו דערציילן וועגן מופתים פונעם בעל־שם־טוב הקדוש. ער איז געווען געוואוינט מיטן דאָרפישן לעבן, מיט די באַרגיקע וועלדער פון אַרום, מיט די גרינע פעלדער, מיט די גרינע גערטנער, מיט די היי־מישע בהמות, שאָף און רינדער, עופות, פייגל, באַגראָזטע פעלדער, צע־בליעטע גערטנער, סעדערז מיט אַ טייכל, אין וועלכן יעדן פרייטיק האָט ער געכאַפּט עטלעכע פישלעך לכבוד שבת — דאָס איז אַ הינ־טערגרונט פאַר וואָס פאַר אַ מעשה איר ווילט, נאָר נישט פאַר בעל־שם־טובישע מופתים. דאָס הייסט, נישט פאַר קיין מופתישע מעשיות, אָבער פאַר אַ ממש בעל־שם־טוביש לעבן — דאָס יאָ. ווייל אויך דער בעל־שם־טוב איז געווען אַ דאָרפס־ייד, מיט פויערישער שטייגערישער חכמה און הנהגה...

איז אַזוי ווי מע האָט אים געוויזן דאָס בענקעלע זייגס, אויף וועלכן ער זאָל זיך אַנידערזעצן, האָט וועוויק זיך געמאַכט באַקוועם: האָט זיך אַנידערגעזעצט, אונטערגעלענט דעם קאָפּ, מיט די עלנבויגנס אויף זייגע קני און גענומען דערציילן:

חוה

...איידער גאָט האָט באַשאַפן הימל און ערד — האָט וועוויק אָנגע־הויבן זיין מעשה — איז געווען אַ תוהו־ובוהו אויף דער וועלט, אַ מין מיש־מאַש אין וועלכן גאָט כביכול אליין האָט זיך קוים געקאָנט אויסקלייבן צווישן חושך און תהום, אין וועלכן מע האָט נישט געקאָנט אָנזען קיין פיצל ליכט, נאָר מע האָט געטאַפּט אין דער בלינדער פינצטערניש.

אפילו גאָט, בכבודו ובעצמו, האָט געדאַרפט האָרעווען זעקס טעג און אפילו נעכט (ביי נאַכט האָט ער געמאַכט די פלענער און ביי טאָג

האָט ער זיי אויסגעפּירט!) ביז ער זאָל מאַכן אַ ביסל אָרדענונג אין דער יצירה פון ששת ימי בראשית.

ווי אַזוי וואָלט מען זיך געקאָנט פאָרשטעלן אפילו, אַז עס איז אים אָנגעקומען לייכט, אַז ער האָט געמוזט טון אַלץ אַליין?!

ווען עס איז געקומען פרייטיק פאַר נאַכטס, נאָך דעם ווי ער איז געקומען פון דער מקווה, ער האָט שוין געענדיקט מעביר זיין די סדרה, די שכינה האָט שוין געזאָגט די תחינה פאַר ליכט־בענטשן — האָט זיך גאָט ברוך־הוא דערמאָנט, אַז ער האָט גאָר פאַרגעסן צו מאַכן אַדמען.

...אין פעלד האָבן געביצקעט די לעמער, די רינדער, די חיות; אין וואַסער האָבן זיך געפּרוכפּערט די פיש אומגעשטערט. אין דער לופט אונטער די בלויע הימלען, האָבן אַרומגעוואַויוועט די פייגל; אין וואַלד האָבן די חיות זיך פאַרמאָסטן די כוחות צווישן זיך — עס איז נישט געווען קיינער ווער סע זאָל זיי שטערן, אָדער זיי האַלטן אין צוים... סע האָט געפעלט אַן „אָדם".

האָט גאָט ברוך־הוא אין איילעניש איינגעמיירעט אין דער גיך אַ ביסל ליים און אויסגעקנאָטן אַ מענטש, כמעט ווי אַ מלאך... דאָס איז געווען אָדם. דער ערשטער מענטש, וועמען גאָט האָט אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל זיך שפּייזן מיט גראָז און מיט צווייגן פון די ביימער — און זאָל זיך פּרוכפּערן ווי די שטערן אין הימל און ווי די פיש אין וואַסער.

אָדם איז געגאַנגען בלויז אויף צוויי פיס, להבדיל פון די אי־בעריקע לעבעדיקע ווענזס, וועלכע זענען מייסנט געגאַנגען אויף אַלע פיר פיס, אָדער זיי זענען בכלל נישט געגאַנגען, נאָר געקראָכן אויפן בויך. אָדער געפלויגן אונטערן פרייעם הימל, אָדער געשווימען אין וואַסער — נאָר אָדם, ער גייט אויף צוויי פיס. די פאָדערשטע פיס — דאָס זענען זיינע הענט, אויף צו אַרבעטן, אויף צו טון גאָטס געבאָטן...
יאָ, נאָך איין זאַך האָט אים גאָט אָנגעזאָגט: ער זאָל זיין עניוותדיק, נידעריקער ווי די פיש אין וואַסער און באַשיידענער פון אַלע לעבע־דיקע ווענזס — דווקא ווייל ער איז קלוגער...

נידעריקער פון פיש? דאָס איז נאָך נישט געווען צו פאַרשטיין פאַר אַזאַ אָדם, וועלכער האָט נישט געוואוסט פונאַנדערצושיידן צווישן גוט און שלעכטס. וואָלט ער געווען געלערנט אַ ביסל בע־סער דאָס חומש, וואָלט ער דאָך געזען אַז סע שטייט בפירוש, אַז

ער זאָל זיין נידעריקער פון אלץ, אפילו פון די פיש, וואָס זענען נידעריקער פון דער ערד — לעבן אין וואסער, אונטערן ים־פלאָך.

איז אָדם ארומגעגאנגען שלינג־שלאנג הין און הער און, פאר־שטייט זיך, געלאנגווייליקט זיך פון בטל ארומגיין. נישט דיר תורה און נישט דיר עבודה, נאָר קייען שטרוי, פונעם גראָז פונעם פעלד און דעם האָלץ פון די ביימער, ווי אין ספר בראשית ווערט אויסגערעכנט.

האָט גאָט ברוך־הוא נישט געקאָנט צוקוקן צו אָדמס נעבעכדיק עלנטקייט, האָט ער מיט זיין געטלעך רחמנות אים אָפגעטון צוויי זאכן מיט א מאָל: קודם האָט ער אים געגעבן בעל־כורחו א ווייב, אונטערן אויסרייד, אז ער זאָל זיך נישט לאנגווייליקן, אזוי, אז איידער ער האָט זיך געקאָנט ארומקוקן, וואָס סע געשעט מיט אים, האָט ער זיך דערזען מיט חווהן נעבן זיך... פון וואו האָט זי זיך געיאָוועט?

דערנאָך האָט גאָט זיי ביידע, אויך מיט דער געוואלד, בעל־כורחו, „גענומען און ארייַנגעשטעלט אין גן־עדן", אז זיי זאָלן באאר־בעטן די ערד און זי אָפהיטן... אייגנטלעך האָט אָדם נישט פארשטאנען גאָרנישט פון דעם אלעמען: פון וועמען דארף מען זיך היטן?!

וואָלטן זיי דאָס געוועזן געטון, וואָלט דאָך געווען וואויל און גוט. האָט זיך אָבער ארויסגעוויזן, אז חווה איז נישט מער ווי א פשוטע יידענע. אָנשטאָט זי זאָל ארייַנקוקן אין דער תחינה, אין קרבן־מנחה סידור, צי לייענען אין טייטש־חומש — האָט זי זיך גענומען פליאָטקען מיט א שלאנג: האָט זיך גענומען פארבן די ליפן, מאנעקירט די נעגל, אָנגעהויבן לייענען די פאריזער מאָדע־זשורנאלן... דאָס איבעריקע איז דאָך שוין באקאנט. סע האָט זיך איר פארגלוסט צו זיין „צו" קלוג — האָט זי גענומען עסן פונעם עץ־הדעת...

נאָך מער, זי האָט איבערגערעדט אָדמען, אז אויך ער זאָל עסן, ווייל אז נישט, האָט זי אים געסטראשעט, וועט זי אים איבערלאָזן, זי וועט זיך זוכן א געבילדעטן מאן און וועט זיך נישט אָנברענגען אירע יונגע יאָרן מיט אזא פראָסטן פויער ווי ער איז.

אָדם, איז דאָך נישט געווען מער ווי אַן אָדם — האָט ער זיך געלאָזט איבערררעדן.

אייגנטלעך, האָט ער זיך דווקא נישט געלאָזט מיט איינס און צוויי. ער האָט זיך געפרואווט אקעגנשטעלן. ער האָט געזאָגט חווהן: צו וואָס טויג זיין אַן „אויבער־חכם", צו וואָס טויג אים צו עסן פונעם עץ־הדעת? ער האָט דאָך געוואוסט אז „צו" קלוג טויג אויך

נישט צו זיין... ער האָט זיך געפּרואווט ווערן, אָבער אַז זי האָט אָנגעהויבן צו וויינען, אַז בעסער גייט זי צוריק צו איר מוטער און לאָזט אים איבער; אַז זי באַוויינט דעם טאָג, אין וועלכן זי האָט מיט אים חתונה געהאַט — האָט אָדם געזען אַז ער איז אין אַ סכנה, סע קאָן זיך באַווייזן אויך אַ „שוויגער", האָט ער זיך אונטערגעגעבן.

ער האָט בלית־ברירה געגעסן פונעם עפּל, טייל זאָגן אַז עס איז געווען אַ פייג... ניין, ער האָט נישט געגעסן, נאָר ער האָט אריינגעקייט מיט זיינע ציין און שוין. ער האָט דערפילט אַז די ציין ווערן אים הייליק — אָבער עס איז שוין געווען גענוג, אַז ער זאָל אָנווערן זיין חלק עולם־הבא. קוים וואָס ער האָט טועם געווען פון דער „פאַרבאָטענער" פּרי, האָט ער דערזען דאָס וואָס אויך אַ בלינדער האָט געקאָנט דערזען, אַז ער איז אָרעם־נאַקעט און עלנט, האָט קיין איין פריינד נישט, אפילו דאָס ווייב זיינס, וואָס גאָט ברוך־הוא מיט זיין רחמים האָט אים געשענקט (בעל־כורחו!), איז קעגן אים אויך נישט מער ווי אַ שונא...

נאָך איידער גאָט האָט זיי אַרויסגעטריבן פונעם גן־עדן, ווי מע טרייבט אַרויס אַ קאַמצניק, וועלכער צאָלט קיין דירה־געלט נישט, האָט אָדם זיך צערעוועט אויף אַ קול, חיהדיק ווילד, גלייך אַ לייב וואָלט זיך צעברילט: „על כן יעזוב איש את אביו ואת אימו ודבק באשתו"?! — צוליב דעם לויגט זיך איבערלאָזן דאָס הויז פון יידישע טאַטע־מאַמע כדי זיך צו באַהעפטן מיט אַזאַ ווייב?!

(ביי די ווערטער האָט וועוויק אויפגעהויבן זיין קול, גלייך ער וואָלט געוואָלט ווייזן ווי אַזוי אָדם האָט זיך צעשריגן — האָט דער רבי געעפנט די אויגן ברייט און מיט אַ צייכן מיט דער האַנט געוויזן, אַז ער זאָל זיין אַ ביסל שטילער, נישט אויפוועקן די רביצן פונעם דערבייאיקן צימער... האָט דער תלמיד שוין אָנגעהויבן שעפּטשען אין דער שטיל, אַז מע האָט קוים געקאָנט הערן זיינע רייד):

...אין דער אמתן, רבי לעבן, קאָן איך עס, כלעבן, נישט פאַרשטיין. ווי אַזוי איז עס מעגלעך, אַז אַן אָדם, וועלכער איז באַשאַפן לויטן צלם אלקים, עסט פונעם עץ־הדעת און דאָך האָט ער נישט קיין ברעקל שכל: ווי אַזוי פאַרקויפט מען זיך פאַר אַ שקלאַוו צו אַ חוה?! האָט ער דאָך באַדאַרפט זי שטעלן גראָבן די ערד און פאַרזייען קאַרטאָפל... יאָ, זי אליין זאָל טון די גאַנצע אַרבעט ווי מיין, וועוויקס, מוטער פלעגט טון — און ער, אָדם, זאָל זיך אָפּגעבן מיט תורה לערנען...

רבי לעבן, ווי אזוי זאָל איך עס פאַרשטיין, אז א ייד, וועלכער איז באַשאַפן לויטן אויסזע פון א גאָט, זאָל זיין אזא טיפש — איבער־לאָזן דאָס הויז פון זיינע עלטערן און נאָכגיין נאָך א פרוי, וואָס האָט לאַנגע האָר און קורצן שכל, אויך נאָך דעם ווי זי האָט געגעסן פונעם עץ־הדעת?!

(בעת דער תלמיד האָט דאָס געשעפּטשעט, ווי געפּליסטערט צווישן די ציין, אז מע האָט אים קוים געקאָנט הערן, האָט דער רבי שוין אָנגעהויבן שנאָרכן. ער האָט זיך, בכיוון, געמאַכט אז ער איז איינגעשלאָפן, נאָר כדי נישט צו דאַרפן ענטפערן אויף וועוויקס פראַגן).

דער תלמיד איז נאָך געזעסן דאָרט, אויף זיין פּיסנבענקעלע, ביים בעט פון זיין רבי, און זיך צוגעקוקט צום שמייכלענדיקן געזיכט פון זיין לערער. ער האָט געהערט ווי דער רבי שנאָרכט, לייכט, ווי אין א זיסן שלאָף, האָט אים הנאָה געטון, וואָס כאָטש אזוי פיל איז אים געלונגען, איינצושלעפן דעם רבי, דאָס איז דאָך איינגנטלעך גע־ווען זיין עובדה. דער ציל איז דאָך געווען אז דער רבי זאָל איינ־שלאָפן.

ער האָט נישט געוואוסט, אז תיכף ווי ער איז ארויס אויף די שפּיץ פינגער פונעם רבינס שלאָפצימער, האָט זיך דער רבי אויפגעהויבן, אריינגעגאַן אין דערנעבנדיקן צימער, וואו סע האָט געשלאָפן די רביצן, ער האָט זי אויפגעוועקט, ווייל ער האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן און נישט דערציילן די מאָדנע געשיכטע וואָס סע האָט אים דערציילט דאָס נאַיווע בחורל...

דעם צווייטן טאָג האָט דער רבי געלאָזט רופן דעם ראש־הישיבה, וועלכער איז אויך געווען א תלמיד אין דער ישיבה, נאָר ער איז גע־ווען דער עלטסטער און געהאַלטן דעם חשבון, ווער עס איז אויף דער ריי, ווער סע זאָל דעם היינטיקן אָוונט דערציילן א מעשה, כדי דער רבי זאָל קאָנען איינשלאָפן... דער רבי האָט באַפוילן דעם ראש־הי־שיבה, אז אויך היינט זאָל ער ווידער שיקן דעם זעלביקן תלמיד, ווע־וויקן, אז ער זאָל ווידער דערציילן א „מעשה", הגם זיין ריי קומט ערשט אין א חודש אַרום.

אויב מע האָט אים באַפוילן, איז וועוויק געקומען. ער האָט שוין געהאַט א ביסל דערפאַרונג און איז שוין נישט געווען אזוי אַפּהענטיק, ווי דאָס ערשטע מאָל. האָט ער זיך אנידערגעזעצט אויפן

פיסנבענקעלע נעבן רבינס בעט, האָט אָנגעלענט דעם קאָפּ אין די עלנבויגנס אויף די קניעס — און ער האָט דערציילט אַזוי:

השומר אחי אנוכי?

... אַזוי פיל פּראָצעסן זענען אין די לעצטע יאָרן רעקאָנסטי־טואירט געוואָרן אַז עס איז שווין אַריין אין דער מאָדע. דער צוועק איז, זאָגט מען, אַז מע זאָל זוכן און געפינען אַ זכות פאַר אַזעלכע וואָס זענען פאַרמשפּט געוואָרן אין זייער צייט, ווען מען האָט אפשר נישט געהאַט קיין אינטערעס אָדער גאָר קיין מעגלעכקייטן צו געבן גערעכטע פּאַר געוויסע אומשולדיקע קרבנות...

איז פאַר וואָס זאָל מען נישט איבערמשפּטן אויך דעם פּראָצעס פונעם ערשטן רוצח, קין?!

פאַר וואָס זאָל מען זיין אינטערעסירט ריינצוואַשן קינען?! ווייל, לאָמיר זאָגן דעם אמת, אַז יעדער בשר־ודם קאָן זיך אַליין חושד זיין, אַז קין איז געווען זיין אורעלטער זיידע. אמת, אָדם־הראשון האָט שפּע־טער געהאַט אויך מערער זין. אַזוי אַז מע קאָן האָפן צו האָבן אַן אַנ־דערן אורעלטער זיידע. דאָס הייסט, אַז עס נישט קיין „מוז" אַז מע זאָל זיין דאָס אייניקל פון קינען — אָבער טאָמער יאָ? פאַר וואָס זאָל דער עווענטועלער זיידע זיין אַ פאַרמשפּטער רוצח, און מע זאָל אים אפילו קיין זכות נישט געפינען?!

האָט מען צונויפגעשטעלט אַ נייעם דאָסאַר, דאָס הייסט, אַז מע האָט אים רעקאָנסטיטואירט פונסניי און אים פירגעלייגט פאַר אַ בית־דין: זאָל מען אים משפּטן פון דאָס ניי. אפשר וועט מען דאָך געפינען אַן אויסוועג און פאַרלייכטערן זיין פּסק־דין...

...זיצט דער בית־דין אויבנאָן, ביים טיש. דער ראש בית־דין קלינגט מיטן גלעקל — און דער משפּט הייבט זיך אָן:

— מורי ורבותי — זאָגט דער סניגור — לאָמיר משפּטן דעם אָנגעקלאָגטן קין. אָבער לאָמיר אים משפּטן מיט יושר, מיט חסד. לאָמיר אים משפּטן, אויב מע דאַרף, אויך מיט דין אָבער כאָטש אויך מיט אַ ביסל רחמים... לאָמיר אַנאַ־ליזירן זיינע מעשים, לאָמיר אויסהערן עדות, און ערשט דערנאָך, אויב מע וועט אים געפינען פאַר שולדיק — איז זאָל מען אים פאַרמשפּטן.

אבער ביז דעמאָלט, ביז דעמאָלט זאָל קיינער נישט ווייזן אים מיטן פינגער אויף זיין צייכן, דעם פאַרשאָלטענעם קין־צייכן, אויף זיין שטערן...

זיצט קין אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק מיטן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, הערט זיך צו צום סניגור און אויפן פּנים זיינעם שיינט אויף א שמייכל: אָט, עס איז נאָך דאָ א האָפענונג אז איך זאָל ניצול ווערן. ווייל וואָס־וואָס, אָבער קיין עדות אז איך האָב דערהרגעט מיין איינציקן ברודער הבל וועט מען נישט געפינען, פּשוט ווייל סע זענען נאָך דעמאָלט אויף דער וועלט נישט געווען קיין אַנדערע מענטשן.

הייבט זיך אויף דער קטיגור, אָן אויפגערעגטער, און צעשרייט זיך:

— וואָס פאַר אַן אַדוואָקאַטישע דריידלעך וויל דער סניגור דאָ באַניצן? נישטאָ פון וואו צו ברענגען עדות? עדות וויל ער?! נו, יאָ, קיין עדות זענען טאַקע נישטאָ, קיין שום מענטש אחוץ דעם אָנגעקלאָג־טן קין און דעם דערמאָרדעטן הבל, זיין איינציקער ברודער (די עלטערן זענען דאָך פּסול לעדות!), אָבער דער בעסטער עדות איז דאָך דער אָנגע־קלאָגטער גופא. ער איז דאָך דאָרט יאָ געווען, איז דווקא ווייל ער איז געווען איינער אַליין, איז ווער זשע האָט געקאָנט הרגענען הבלען אויב נישט ער?!

— דאָס איז נישט קיין באַווייז! — האָט דער סניגור אים אָפּגעגע־גערעדט — דאָס איז א יורידישע לאָגיק? ניין, מורי ורבותי, מיט אזא לאָגיק טאָר מען נישט פאַרמשפּטן איינעם אויף זיין גאַנץ לעבן, און אפילו נאָך זיין אָפּלעבן, אויף דורי־דורות, אז יעדער זאָל ווייזן אים מיטן פינגער: אָט איז דער רוצח, דער ערשטער רוצח אין דער מענטשלעכער געשיכטע... אמת, עס איז טאַקע נאָך נישט געווען קיין דריטער מענטש, אז מע זאָל אים קאָנען חושד זיין אז ער האָט געהרגעט הבלען, אָבער — דאָס איז נאָך נישט גענוג, אויף צו פאַרמשפּטן... האָט זיך עמעצער געשטעלט די פראַגע: פאַר וואָס ער האָט אים געהרגעט?!... אפשר האָט אים קין אזוי אויפ־גערעגט, ער האָט אים אַרויסגעבראַכט פון די כלים, אז יענער האָט זיך נישט געקאָנט באַהערשן און האָט אים, אָן זיין ווילן, געטייט?

— ער האָט אים געהרגעט צי נישט?! — צעשרייט זיך דער קטיגור — איינער, וועלכער איז א רוצח, דער הרגעט סיי מע ברענגט אים יאָ אַרויס סיי מע ברענגט אים נישט אַרויס פון די כלים... טאַקע צוליב דעם רופט מען דאָך אים „רוצח"... און צוריק געשמועסט — דרייט ער זיך אויס צום סניגור — אויב עמעצער, לאָמיר זאָגן אז איך, וועל אייך אַרויסברענגען פון די כלים, וועט איר מיך טייטן?

די פראגע איז געבליבן הענגען אין דער לופטן, ווי א בלאנקנ־דיקע שווערד וואָס שיקט שטראַלן ארום איר, אזוי זענען געווען אין דער לופטן די פרעגצייכנס און געוואַרט אויף אַן ענטפער, וואָס קיינער האָט אים נישט געגעבן...

— ...אזוי, אז עס איז א יושר — האָט ווייטער פאַרגעזעצט דער סניגור — אז מע זאָל געפינען א זכות אויך פאַר קינען און אים נישט פאַרמשפּטן סתם, אַן דעם אז מע זאָל נעמען אין באַטראַכט אויך די פאַרהאַלטונג פון הבלען... ווען מען א ביסל א טראַכט טון, וועט מען באַלד אויסגעפינען אז אפילו ער, הבל, איז מסתמא אויך נישט געווען אזא צדיק און גאַנץ אומשולדיק...

— וואָס פאַר א „מסתמא“?! — האָט זיך צעשריגן דער קטיגור (אָבער אויך וועחיק, וועלכער האָט דערציילט די דאָזיקע מעשה פאַרן רבי, כדי אים איינצושלעפן, האָט זיך אויך צעשריגן!) — איר ווילט באַלד זאָגן, אז דער קרבן איז גאָר שולדיק, וואָס מע האָט אים גע־טייט?... ניין, מורי ורבותי, דאָס איז אַן אַלטער טריק, אז מע זאָל גאָר דעם קרבן פאַרמשפּטן, פאַר וואָס ער האָט זיך געלאָזט טייטן, צי ער האָט אַרויסגערופן די רציחה...

דער קטיגור האָט צענומען די הענט, מיט א רעטאָרישן זשעסט. און ווי פאַרצייטן א נביא, האָט ער געפרעגט:

— אנו, לאָמיר נאָר אפירנעמען דאָס חומש בראשית, פּרשה רביעי, פּסוק טית, און באַלד וועלן מיר זיך איבערצייגן וועגן דעם אומשולדיקן קין און בכלל וועגן זיין אומשולדיקייט... ווען גאָט האָט אים לפנים געפרעגט: וואו איז דיין ברודער הבל? האָט ער, דער רוצח פונעם אייגענעם ברודער, זיך צעשריגן: „השומר אָחי אנוכי?!“ בין איך דען דער שומר פון מיין ברודער?... איר הערט דיבורים? ער איז נישט דער שומר! כאַ־כאַ־כאַ!... ווער האָט אים געהייסן זיין דער שומר פון זיין איינציקן ברודער? קיינער האָט עס פון אים נישט געפאָדערט — אָבער, אז ער זאָל זיך אינטערעסירן מיט זיין גורל, אז ער זאָל אים פון צייט צו צייט באַזוכן און זען ווי ער האַלט מיטן געזונט, צי ער האָט פּרנסה, ער זאָל זיך מיט אים כאָטש איבערשרייבן מיט א ברודערלעכן בריוו, ער זאָל אים אָנווינטשן א „לשנה טובה“, ער זאָל אים באַגריסן צו א יום־טוב מיט א קאַרטעלע „מועדים לשמחה!“, ער זאָל אים אַמאָל אָנקלינגען טעלעפאָניש און הערן זיין קול — זעט איר, אָט דאָס איז דאָך דאָס עלעמענטאַרסטע

וואָס מע האָט געקאָנט דערוואַרטן פון א ברודער... צעשרייט ער זיך גאָר, אז ער איז נישט דער שומר... ניין, מורי ורבותי, מע דאַרף נישט האָבן קיין עדות אויף צו באַשולדיקן קינען, ער האָט זיך שוין אליין באַשולדיקט מיט אָט דער פראַגע, וואָס ער האָט גע־שטעלט... זי האָט געקלונגען אַזוי פרעמד, אַזוי רישעותדיק — מיט רציחה...

נאָך א קליינעם ישוב־הדעת האָט דער בית־דין אַרויסגעזאָגט זיין משפט:

— קין בלייבט קין!...

דערמיט האָט זיך געענדיקט דער רעקאָנסטיאוּאירטער משפט פון א קין. דער פּרוּאוו צו געפינען א זכות איז גאָר קיין לויב נישט, ווייל — קין בלייבט קין, קין, קין... CAIN... CAIN... CÂINE...CÂINE*...

בעת וועוויק האָט געשעפּטשעט דאָס וואָרט „קין", איבערחזרנדיק עס ווי א סגולה צום איינשלאָפן, האָט דער רבי געשמייכלט ווי ביי א שיינעם חלום.

אפשר האָט ער טאַקע געחלומט א שיינעם חלום. און אפשר איז ער גאָר בכלל נאָך נישט געשלאָפן, נאָר ער האָט זיך געמאַכט אז ער שלאָפט און געשמייכלט פון זיין תלמידס „מעשה"?

דער תלמיד איז געזעסן נאָך א ווײַלע אויף זיין פּיסנבענקעלע נעבן בעט פון זיין רבי. און אז ער האָט געזען, אז דער רבי שלאָפט שוין — האָט ער זיך פאַמעלעך אַרויסגעשלייכט מיט הינטער־טריט פו־נעם צימער.

דעם דריטן טאָג האָט דער רבי געלאָזט רופן דעם ראש־הישיבה און אים באַפוילן אז אויך היינט אָוונט זאָל ער ווידער שיקן דעם זעל־ביקן תלמיד, וועוויקן, אז ער זאָל ווידער דערציילן א „מעשה".

אויב מע האָט אים באַפוילן, איז וועוויק געקומען... האָט ער זיך אַנידערגעזעצט אויפן פּיסנבענקעלע נעבן רבינס בעט, האָט אָנגעלענט דעם קאָפּ אין די דלאָניעס, די עלנבויגנס אויף די קניעס — און ער האָט דערציילט זיין מעשה אַזוי:

---

* הונט, אין רומעניש.

פיש זענען פחדנותדיק

...נח איז נישט געווען איבערצייגט אז סע וועט טאקע קומען א מבול אויף דער וועלט. אָבער דאָך האָט ער זיך געטראכט: און טאָמער דאָך? האָט ער טאקע געבויט די תיבה, וואָס גאָט האָט אים געבאָטן צו בויען. און — עטלעכע וואָכן פאַרן מבול האָט נח צוזאַמענגערופן אַן אסיפה, כדי זיך צו באַראָטן אויך מיט די אַנדערע בעלי־חיים, ווען און ווי אַזוי זיך אָפּצוראַטעווען פונעם מבולדיקן חורבן וואָס קומט אָן אויף דער וועלט...

האָט ער צונויפגערופן קודם דעם לייב, דעם מלך פון אַלע חיות פונעם וואַלד; דעם פוקס, דעם חכם צווישן די חיות; דערנאָך האָט ער פאַרבעטן צו זיך דעם אָדלער, דעם מלך פון די פייגל, וואָס פירן זייער לעבן פליענדיק אונטער די אויסגעשפּרייטע הימלען; דערנאָך האָט ער איינגעלאַדן צו זיך דעם צעדערבוים, כדי זיך שואל־עצה זיין ווי אַזוי מע זאָל אָפּראַטעווען די ביימער, אַז זיי זאָלן איבערלעבן דעם אומקום וואָס דערנענטערט זיך מיטן גרויסן געוויסער, וואָס וועט מסתמא פאַרפלייצן און אַרויסרייסן מיטן וואָרצל אַלע געוויקסן...

נאָר די פיש האָט ער נישט פאַרבעטן.

האָבן די פיש זיך געפילט באַליידיקט; פאַר וואָס רופט נח צו א פאַרטרעטער פון יעדער בריאה, נאָר פון די פיש פאַרבעט ער קיינעם נישט?! און נישט בלויז באַליידיקט, נאָר זיי האָבן אויך באַקומען א מורא, אַז עפּעס טוט זיך אָפּ, אָדער סע ווערט עפּעס צוגעגרייט קעגן זיי. טאקע דווקא וועגן דעם, וואָס זיי האָבן נישט געוואוסט וועגן וואָס נח רעדט זיך מיט זיי צונויף — האָבן זיי געטראַכט, אַז אויב דער מענטש, וואָס איז דער קליגסטער פון אַלע בעלי־חיים רעדט זיך צונויף מיט אַלע — נאָר מיט די פיש נישט, איז עס נישט אַנדערש נאָר עפּעס וואָס איז דווקא קעגן זיי, די פיש.

...און וויסן דאַרף מען, אַז א פיש איז פיל פחדנותדיקער ווי אפילו א האָז. ווייל זיי זענען שוואַך, האָבן נישט קיין כלים מיט וואָס זיך צו באַשיצן. און ווער עס איז שוואַך און קאָן זיך נישט ווערן קעגן אַן אָנגריף, דער איז געוויינטלעך פחדנותדיק. פחדנותדיק? אַזוי מיינען די מענטשן, אַז ווען עמעצער אַנטלויפט פאַר א סכנה, איז ער נישט אַנדערש ווי א פחדן... הגם, דאָס אַנטלויפן איז דאָך אויך א מין, איינער פון די מינ, פאַרטיידיקן זיך.

אזוי זאָגן די מענטשן...

און פיש האָבן נישט קיין גאָר גרויסן צוטרוי צו די מענטשן.

דאָס איז איינס — און שנית, איז תמיד געווען א שטיקל קינאה צווישן די קינדער פון אָדם הראשון און די פיש. פאַר וואָס? (האָט דער תלמיד געפרעגט זיך מיט א גמרא־ניגון און באלד זיך אליין געענטפערט) ווייל ביידע, אי דער מענטש אי די פיש האָבן עפּעס געמיינזאמס. קודם האָבן זיי א בשותפותדיקע שייכות אין לשון. סיי דער „אָדם", דער נאָמען פון אלע איז בלשון יחיד. מע קאָן אין העברעאיש נישט זאָגן אין מערצאָל „אדמים". ווידער ביי די פיש, אויף יידיש, איז עס דאָס זעלביקע וואָרט סיי פאַרן איינצאָל סיי פאַרן מערצאָל.

און נאָך עפּעס: ביידע האָט דער ריבונו־של־עולם אָנגעווינטשן אז זיי זאָלן זיך מערן ווי די שטערן אין הימל.

אָט די ברכה האָט אויך ארויסגערופן א מין קאָנקורענץ־געפיל, און פאַר וואָס זאָל עס נישט זיין אויך א מקור פאַר שינאה צי קינאה?

דאָס וויל דערקלערן, פאַר וואָס די פיש האָבן געקוקט אויף יעדן דיר און ווענד פון די אייניקלעך פון אָדמען מיט חשד. צי טראַכטן נישט די מענטש עפּעס א תחבולה קעגן די פיש?!

אָט פאַר וואָס די פיש, בראש מיט זייער מלך, דעם לוויתן, זענען ארומגעגאַנגען ווי פאַרסמט, אומרואיקע, בעת זיי האָבן געזען אז נח, וועלכער איז בטבע א פרידלעכער מענטש — פּירט זיך איצט אויף אזוי מאָדנע: ער רופט צונויף אויף באַראַטונגען אלע, אלע, בלויז די פיש נישט. אדרבה, ער האָט זיך גענומען בויען עפּעס א גרויס הויז, וואָס איז גאָר אנדערש ווי די געוויינטלעכע הייזער. מער סאַמעוועט עס מיט א שיף... צו וואָס זשע טויג אים אזא ריזיקע שיף, וואָס זיי האָבן נאָך איר גלייכן נישט געזען?

עס איז באַוואוסט: א שיף איז נישט צו וואוינען אויף דער טריי־קעניש. דאָס איז נאָר אויף צו שווימען אויף די וואסערן — וואָס זשע זוכט דער מענטש אין קיניגרייך פון די וואסערן, וואָס איז די היים פון די פיש?!

זענען די פיש ארומגעשווימען פאַרזאָרגט, הין און הער, און זיך נישט געפונען קיין מנוחה. ווענען צו פרעגן האָבן זיי נישט געהאט — האָבן זיי זיך באַוועגט אין זייער אומרו — ביז... ביז סע האָט אָנגע־הויבן רעגענען.

ווען די וואסערן האָבן אָנגעהויבן וואקסן, איבער זייערע ברעגעס, האָבן די פיש שוין אָנגעהויבן אנען וועגן וואָס סע גייט. זיי האָבן דאָך געזען, אז נח מיט זיינע זין זענען אריין אין דער תיבה און מיטגענו־מען פּראָוויזיע, אז זיי זאָלן האָבן וואָס צו עסן אויף א לענגערער צייט... די פיש האָבן געזען אז אין דער תיבה זענען אריין צו א דע־לעגאציע פון אלע ברואים, פאַרלעכווייז, סיי פון די חיות סיי פון די עופות — אלע זענען זיי געווען צונויפגעזאמלט אין דער תיבה, וואָס נח האָט געבויט.

בלויז די פיש זענען דאָרט נישט געווען.

אָבער די פיש האָבן שוין באלד פארשטאנען, אז טאקע דווקא זיי זענען נישט אין קיין שום סכנה. אדרבה, וואָס מערער סע וואקסן די געוויסערן, וואָס מערער די טייכן און ימען גייען אריבער זייערע ברע־געס, אלץ מערער מעגלעכקייטן האָבן זיי, אז זיי זאָלן זיך באמת מערן און פרוכפּערן, ווי די שטערן אין הימל — און נאָך פיל מערער.

(ווערוויק האָט פאַרגעזעצט זיין מעשה שוין שטילער, שוין שעפּ־טשענדיק, ווייל ער האָט געזען אז דער רבי האָט שוין, דאכט זיך, איינ־געדרימלט)...

... און די וואסערן זענען געוואקסן און די וואסערן זענען געוואקסן און די פיש האָבן זיך געמערט, האָבן זיך געמערט... סע האָט זיך גע־קאָנט אויסדאכטן, אז זיי וועלן בלייבן די איינציקע לעבעדיקע אויף דער וועלט, אָדער זיי וועלן כאָטש געוועלטיקן איבער דער גאָרער וועלט, ווייל עס איז נישט געבליבן קיין איין ווינקל טריקעניש. אלץ איז דאָך פארפלייצט געוואָרן און אויב עס איז אומעטום נאָר וואסער — איז עס דאָך איצט בלויז זייער וועלט...

(ווערוויק האָט געוואָלט דאָ פארענדיקן זיין מעשה, האָט ער באמערקט אז דער רבי האָט געעפנט די אויגן. דאָס האָט דאָך געזאָלט הייסן, אז ער איז נישט איינגעשלאָפן, און אויב ער איז נאָך נישט איינגעשלאָפן מוז ער דאָך פאַרזעצן זיין מעשה)...

...יאָ, אזוי האָבן די פיש טאקע געקאָנט מיינען. אָבער, ווי באַ־וואוסט, באשאפט גאָט די רפואה פאר דער מכה... אָבער נישט יעדער ווייסט, אז אויך תמיד וועט אויפקומען א נייע מכה צי צרה. אויך נאָך דער רפואה וועט זיך יאווען א נייע קרענק... אָבער דאָס איז שוין אן אנדערע מעשה...

(וועוויק האָט זיך אָפּגעשטעלט, געוואָלט זיך שטילערהייט צוריקציען, אויף די שפּיץ פינגער, ווי געווייַנטלעך, כדי נישט אויפצוּוועקן דעם איינגעשלאָפענע רבי)...

ניין, דער רבי האָט טאַקע נאָך נישט געשלאָפן, אָבער ער האָט זיך געמאַכט אַז ער שלאָפט.

הגם די דריטע מעשה פון וועוויקן איז געווען פיל שוואַכער ווי די ערשטע צוויי — דאָך האָט דער רבי דעם פערטן טאָג געלאָזט רופן דעם ראש־הישיבה, אַז אויך היינט זאָל ער ווידער שיקן דעם זעלביקן תלמיד, אַז ער זאָל ווידער דערציילן אַ „מעשה", הגם זיין ריי וואָלט געקומען ערשט אין אַ חודש אַרום.

פאַרשטייט זיך, אַז אויב מע האָט אים באַפוילן, איז וועוויק געקומען, ער האָט דאָך שוין איצט געהאַט נאָך מער דערפאַרונג און איז שוין נישט געווען אַזוי אָפּהענטיק ווי אין די פריערדיקע אָוונטן.

האָט ער זיך אָנידערגעזעצט אויפן פיסנבענקעלע נעבן רבינס בעט, האָט אָנגעלענט דעם קאָפּ אין די דלאָניעס, די עלנבויגנס האָט ער אָנגעלענט אויף די קניעס — און ער האָט דערציילט אַט די פריי־לעכע מעשה, טאַקע מיט די פיש, מיט וועלכע ער האָט קוים פאַרענ־דיקט נעכטן, אָבער היינט האָט ער שוין דערציילט מער פרייַלעכער, מער געוואַגטער:

א „לחיים"...

...און אַז דער, וואָס איך בין נישט ווערט זיין ליבן נאָמען אָנ־צורופן, האָט די וועלט באַשאַפן: די לבנה, די חיות, די בהמות, די פייגל און די פיש — האָט ער געזען אַז פון זיי אַלע זענען די פיש די שוואַכסטע ברואים. זיי האָבן נישט קיין נעגל, האָבן נישט קיין שאַרפע ציין, מיט וואָס זיך צו פאַרטיידיקן קעגן עווענטועלע שונאים — האָט ער זיי באַזונדערס געבענטשט און אָנגעווינטשן, אַז זיי זאָלן זיך מערן ווי די שטערן אין הימל. ממילא וועלן זיי איבערלעבן...

(הגם, מיט דער זעלביקער ברכה זענען געבענטשט געוואָרן אויך די יידן, מסתמא אויך צוליבן זעלביקן טעם, אז זיי זאָלן איבערלעבן אלע פּאָגראָמען און „שואה׳ס"!)...

האָבן די פיש זיך געפרייט, ווען זיי האָבן געהערט גאָט ברוך-הוא׳ס ברכה, געטאַנצט פאַר שמחה — אויב א פיש קאָן טאַנצן? מעג-לעך, אז דעמאָלט האָבן זיי יאָ געקאָנט.

...דערנאָך האָט דער אלמעכטיקער באַשאַפער אויסגעקנעטן דעם מענטש, אָדמען, פון וועלכן עס איז ארויסגעקומען שפּעטער אברהם, יצחק און יעקב — און זייערע קינדס-קינדער, וועמען ער האָט אָנגעזאָגט, אז זיי זאָלן אָפּהיטן שבת ווי א רו-טאָג, עסן טשאָלנט, קוגל און — פיש.

פיש דאַרף נישט פעלן פון קיין שום יידישן טיש. אפילו ווען, חלילה, די פישער וועלן צוריק קומען מיט פולע טאָרבעס גוזמאדיקע מעשיות אָבער אָן פיש, זאָל מען אויך דעמאָלט נישט פאַרצווייפלען, נאָר צעהאַקן א שטיקל פלייש און מאַכן פאַלשע פיש. בעסער ווי גאָר-נישט... אָבער אמתע פיש, זענען די פיש גופא.

ווען די פיש האָבן דאָס דערהערט, האָבן זיי אָנגעהויבן ציטערן פאַר מורא. זיי האָבן ממש געציטערט ווי פיש אין וואַסער, ווייל זיי האָבן געטראַכט אז עס איז געקומען זייער סוף, חלילה.

וואָס זשע איז צו טאָן? האָבן די פיש געמאַכט אָן אסיפה, ווי אמאָל די קהילה פון כעלעם, און באַשלאָסן צו שיקן א דעלעגאַציע צום בורא־עולם מיט א בקשה:

— רבונו־של־עולם, דו האָסט אונדז באַשאַפן, אונדז געבענטשט, אז מיר זאָלן זיך מערן ווי די שטערן אין הימל, האָבן מיר זיך געפרייט און דיר געלויבט מיט א הלל, אזוי ווי דו האָסט פאַרדינט ביי אונדז. אָבער אצינד, אז דו האָסט געבאָטן פאַר די יידן, אז זאָלן יעדן שבת עסן פיש, וועט דאָך זיין א סוף צו אונדז?!

— איר קאָנט רואיק זיין — האָט דער רבונו־של-עולם מיט זיין חסד זיי באַרואיקט — מע וועט אייך נישט אויפעסן... ווייל ווער סע וועט עסן פיש, וועט באַקומען דאָס קדחת.

האָבן די פיש זיך באַרואיקט און געלעבט בשלום ושלווה, „ווי פיש אין וואַסער"...

אָבער אז די יידן האָבן דאָס דערהערט, איז אויף זיי אָנגעפאַלן א פחד: זיי וועלן מקיים זיין גאָטס געבאָט און עסן ביי די שבתדיקע סעודות פיש, דערנאָך וועלן זיי באַקומען דאָס קדחת?! האָבן זיי צונויפגערופן

אן אסיפה, ווי די כעלעמער קהילה — און האָבן באַשלאָסן צו שיקן א דעלעגאַציע צום בורא—עולם. האָט די דעלעגאַציע אזוי געזאָגט דעם אלמעכטיקן:

— רבונו-של־עולם, דו האָסט אונדז געגעבן אזוי פיל מצוות, צווישן וועלכע אויך צו עסן יעדן שבת פיש — אָבער מיר וועלן דאָך באַקומען דאָס קדחת?!

האָט דער באַשעפער מיט זיין גרויס דערבאַרעמהאַרציקייט זיי געענטפערט:

— זייט נישט קיין נאַראָנים. איר מעגט עסן וויפל פיש איר ווילט, אָבער פאַרגעסט נישט צו טרינקען א גלעזעלע בראָנפן און עס וועט אייך מער גאָרנישט שאַטן, קיין שום קדחת נישט...

זענען די יידן געאַנגען ווייטער אָפּהיטן גאַטס געבאָטן, און מיט דער צייט געוואָרן די באַרימטסטע מייסטערס אויף צו קאָכן געפילטע פיש, וואָס האָבן א שם אויף דער וועלט — בפרט צווישן די נישט-יידן...

אוודאי האָט מען דאָס נישט געקאָנט אויסבאַהאַלטן, אז די פיש זאָלן דערפון נישט געוואויר ווערן... איז אז די פיש האָבן דאָס דערהערט, האָבן זיי אָנגעהויבן פאַסטן און זאָגן תהילים: געוואַלד, עס איז עק וועלט! עס איז געקומען א סוף צום שבט פון די פיש... מע וועט זיי אויפעסן, אז סע וועט פון זיי נישט בלייבן קיין זכר.

וואָס זשע איז צו טאָן? — האָבן זיי ווידער געשיקט א דעלעגאַציע צום רבונו-של-עולם:

— דערבאַרעמדיקער פאָטער, דו האָסט אונדז געטרייסט, אז ווער סע וועט עסן פיש וועט קרענקען אויף קדחת אָבער דו האָסט זיי דאָך געגעבן אויך די רפואה, אז זיי זאָלן טרינקען א גלעזעלע בראָנפן, וועלן זיי שוין גאָרנישט ליידן?...

האָט דער באַשעפער ווידער זיי געטרייסט, מיט א שמייכל, וואָס האָט זיי דערמוטיקט:

— איר זייט נישט קיין נאַראָנים... איך האָב דאָך זיי נישט געזאָגט ווען צו טרינקען דאָס גלעזעלע בראָנפן, פאַר די פיש צי נאָך די פיש...

...איז עד־היום ווייסט מען נישט ווען מע דאַרף טרינקען דאָס גלעזעלע בראָנפן — נאָר חסידים, וועלכע זענען נישט קיין נאַראָנים, דאַרף מען קיין עצות נישט געבן. יעדער חסיד טרינקט א גלעזעלע סליבאָוויצע אי פאַר די פיש, אי נאָך די פיש, און ווינטשט אָן „לחיים“..

...לחיים, לחיים, לחיים...

(וועוויק האָט געפּליסטעדט צווישן די ציין, מיט א קוים הערעוודיקן געשעפּטש, כדי דער רבי זאָל אנטשלאָפן ווערן. און שעפּ־טשענדיק האָט ער זיך צוריקגעצויגן אויף די שפּיץ פינגער, ווי געווייגט־לעך, כדי נישט אויפצוועקן דעם איינגעשלאָפענעם רבי)...

...לחיים, לחיים — א גוטע נאכט...

באמת איז טאקע דער רבי איינגעשלאָפן מיט א צופרידענעם שמייכל.

דעם פינפטן טאָג האָט דער רבי ווידער געלאָזט רופן דעם ראש־הישיבה און אים באפוילן אז אויך היינט זאָל קומען אים דערציילן א מעשה דער זעלביקער תלמיד, כאָטש עס איז נישט זיין ריי.

פארשטייט זיך, אז דער רבי האָט באפוילן... איז וועוויק ווידער געקומען, זיך אנידערגעזעצט אויפן פיסנבענקעלע נעבן רבינס בעט, האָט אָנגעלעגט זיין קאָפּ אין די דלאָניעס, די עלנבויגן אָן די קניעס און דערציילט:

צוויי צדיקים

...אויף דער גאנצער וועלט בלייבט איין איינציקער צדיק — נח.

דער מבול וועט אומברענגען אלע און אלץ, נאָר נח מיט זיינע דריי זינדלעך, שם און חם און יפת, מיט זייער האָב און גוטס, וועלן ניצול ווערן.

נו מילא, א זינדיקע וועלט וועט אומקומען, בלויז דער צדיק מיט זיין בני בית וועלן איבערבלייבן, בלויז זיי וועלן איבערלעבן. נו, וואָלט דאָך געדארפט פון איצט אָן אָנהייבן א נייע וועלט, פון לויטער צדיקים?!

איז אָבער נישט אלע מאָל אזוי ווי מע מיינט, ווייל נח אליין איז אויך געווען א צדיק, נאָר צווישן א דור־המבול. אמת, ער איז אין זיין צייט געווען א צדיק, אן ערלעכער פעלד־ארבעטער. מע זאָגט אז ער זאָל געווען האָבן אנטדעקט דעם אקעראייזן. און נישט נאָר דאָס. אפילו די ווייטרויבן זענען אויך אים צו פארדאנקען. ער האָט דער ערשטער געפלאנצט א וויינגאָרטן — און טאקע אליין געוואָרן א שיכור. דער ערשטער שיכור.

פעו!... נאָר לאָמיר נישט באַרעדן קיין צדיק, וועלכער איז ניי־צול געוואָרן אדאנק זיין צידקות, איינער אליין אין זיין גאנצן דור.

יאָ, עס איז נאָך געווען אזא מין צדיק, אמת, נישט איינער פון א גאנצן דור — אָבער דאָך פון א גאנצן ישוב... לוט.

דער צווייטער צדיק, נאָך נחן, איז געווען לוט. א לעמעשקע. ער האָט געלעבט אין שאָטן פון זיין רייכערן פעטער, אברהם אבינו. וואוהין ער גייט, זיין פעטער, נעמט ער אויך מיט זיין פלימעניק, לוטן. ביז, ביז לוט ווערט אויך א ביסל פארמעגלעך, א בעל־גוף מיט שאָף און רינדער, אז ער קאָן זיי קוים איבערציילן — האָט ער שוין מער קיין אָרט נישט צו פאַשען פּי בשכנות פון זיין רייכן פעטער אברהם. וואָס זשע איז צו טון? צעגייט מען זיך, כדי אויסצומיידן מחלוקת. אברהם איז א בעל־בית פאר זיך, און לוט — א בעל־בית פאר זיך. זיי האָבן זיך געזעגן זעלטן, נאָר חול־המועד פלעגט לוט קומען רייטנדיק אויף א מוילאייזל אין באזוך צו זיין פעטער...

...נארישער לוט. אָנשטאָט צו לעבן בשכנות פון אזא צדיק, ווי אברהם אבינו, וואָס טוט גאָטס געבאָטן — באזעצט ער זיך אין סדום, צווישן די סאמע אויסגעלאסנסטע ברואים, וואָס עס איז ממש א בושה וועגן זיי איבערצודערציילן. אפילו דאָס חומשל האָט געמוזט זוכן אויסדריקן וואָס זאָלן מער נישט זאָגן ווי יאָ זאָגן... און לוט, א פלימעניק פון אזא ערלעכן ייד ווי אן אברהם אבינו — באזעצט זיך דאָרט, הגם ער האָט שוין דריי צייטיקע טעכטער, און מע דארף שוין טראכטן וועגן א תכלית. היינט־מאָרגן דארף מען זיי שוין פירן אונטער דער חופה — אָדער פלעכטן די גרויע צעפּ...

אוודאי האָט אלץ א גרענעץ. אוודאי האָט אויך דאָס רישעות א מאָס און ווען סע פולט זיך אָן דער כוס, קאָן שוין אפילו דאָס רחמ־נות פון אן אל רחום וחנון מער נישט פארנעמען און מוחל זיין, און מע מוז באַשטראָפן די זינדיקע.

איז אז עס איז געקומען די צייט און גאָט האָט געוואָלט אומ־ברענגען אָט דאָס דאָזיקע סדומישע רישעות, האָט דער צדיק לוט נישט געהאט קיין חשק אפילו צו הערן דערפון, אז ער זאָל פארלאָזן אזא זינדיקע סביבה ווי סדום.

ער האָט זיך געקווענקלט: עס איז פאר לוטן געווען א שאָד איבערצולאָזן זיין פּרנסה, וואָס ער האָט געהאט אין סדום. אמת, עס איז געווען בהרחבה, אָבער מע דארף געדענקען, אז עס איז געווען

סדום! (וואָס האָט ער דאָרט געקאָנט האָבן? מע זאָגט, אז מסתמה האָט ער געהאַט א קרעטשמע בפרהסיה, אָבער מע האָט אים חושד געווען, אז ער האָט אויך געהאַלטן א קליין שאַנד־הייזל, פון וועלכן ער האָט געהאַט א צוגאָב צו זיינע פאַרדינסטלעך... אזוי ווייזט אויס פון דעם וואָס דאָס חומש דערציילט בלויז צווישן די שורות, פאַרשטייט זיך)...

האָט לוט נישט געוואָלט הערן אפילו פון פאַרלאָזן סדום. ווע־מען זאָל ער אזוי, אין דער גיך, אין דער גרויסער איילעניש פון די מלאכים, פאַרקויפן זיין קרעטשמע־הייזל? ווֶעמען זאָל ער אי־בערלאָזן זיין הויז, די פעלדער, דאָס מעבל, דאָס געלט, וואָס ער האָט געהאַט אין דער שפּאָר־קאַסע פון דער סדום־באַנק, די דאָרטיקע נאַ־ציאָנאַל־באַנק?

שווער געווען פאַר לוטן צו פאַרלאָזן סדום. נאָר, צוריק געשמו־עסט, מיט דריי טעכטער, נישט זייער געראָטענע, נישט קיין גאָר גרויסע יפהפיות, און דערצו מיט נישט קיין גאָר גוטן שם, וואָס קאָן ער טון?

...וואָלט מען אים געווען פאַרזיכערט אז אויף דער עלטער וועט ער זיין פענסיע באַקומען דאָרט, אין שכנות מיט זיין פעטער, וואו ער וועט זיך קאָנען באַזעצן?!

טאַקע דערפאַר האָט ער זיך נישט געוואָלט רירן פונעם אָרט... ער האָט זיך אויסגערעדט, אז דאָס זענען בלויז סטראַשונקעס, וואָס די געסט־מלאכים שרעקן אים, אז גאַנץ סדום וועט חרוב ווערן און סע וועט נישט איבערבלייבן פונעם גאַנצן סדומישן רישעות קיין שריד ופליט.

ניין, לוט האָט בשום אופן נישט געוואָלט הערן פון אוועקגיין. ער האָט געזאָגט: מע וועט זען, עס איז נישט קיין אויסכאַפּעניש; דער רוח איז נישט אזוי שוואַרץ ווי מע מאָלט אים און אזוי ווי־טער און אזוי ווייטער...

לוט האָט נישט געזאָגט בפירוש „ניין". ער האָט בלויז אָפּגע־לייגט אויף „מאָרגן". דערווייל האָט ער זיך נישט גערירט פונעם אָרט.

די מלאכים האָבן אים נאָר מיט געוואַלד געקאָנט אַרויסרייסן אין דער לעצטער מינוט, ווען סע האָט שוין אָנגעהויבן האָגלען מיט פעך און שוועבל, אזוי ווי דאָס חומש דערציילט, ווען סדום האָט שוין אָנגעהויבן ברענען, ווען די רויכעס האָבן זיך געהויבן

אונטער די הימלען... ער האָט אלץ אויסגעדרייט דעם קאָפּ אויף צוריק, הגם די מלאכים האָבן געסטראשעט, אז ער וועט ווערן א שטיק זאלץ. והא ראייה, זיין ווייב, וועלכע האָט געוויינט נאָכן פארלוירענעם פארמעגן, און האָט אלץ אויסגעדרייט דעם קאָפּ אויף צוריק, זי איז דאָך טאקע געוואָרן אזא מין שטיק זאלץ, וואָס מע קאָן אויך היינט אָנזען...

...אזוי האָט אויסגעזען דער צדיק לוט. א צדיק, א צדיק, א צדיק — אין סדום...

א צדיק, א צדיק. א צדיק — אין פעלץ...

(וועוויק האָט געשעפּטשעט די ווערטער, כדי נישט אויפצו־וועקן דעם רבי, וועלכער האָט קוים איינגעדרימלט. ער האָט זיך שטיל צוריקגעצויגן. אויף די שפּיץ פינגער — און געגאנגען זיך לייגן שלאָפן)...

דעם זעקסטן טאָג האָט דער רבי ווידער גערופן וועוויקן, אז ער זאָל אים איינשלעפן מיט א מעשה...

וועוויק האָט זיך געזעצט אויפן פיסבענקעלע פארן רבינס בעט און:

אונדזער אָפּשטאם

אונדזער אוראורעלטער זיידע, אברהם אבינו, איז אוודאי אויך געווען ווי א מאראמאָרעשער ייד, א בן־תורה. מסתמא אויך א וויזשני־צער חסיד... ער איז געווען א שטיקל בעל־בית, געהאט א ביסל פעלד, שאָף און רינדער. קיין קינדער האָט ער קודם נישט געהאט, האָט ער געמוזט האלטן פרעמדע פאסטעכער, פאר וועלכע ער האָט געצאָלט נישט קיין קליינעם שכר. סע האָט קוים געקלעקט פון דעם ביסל כשרן קעז וואָס ער האָט פון צייט צו צייט פארקויפט...

אמת, ער האָט געהאט אויך א שטיקל קרעטשמע, אָבער סע זאָל נישט אויסגערעדט זיין — פון אועלכע פארדינסטן האָט ער געקאָנט פארדינען, ווי מע זאָגט, ברויט אויף הויזן... מע קאָן זיך פאָרשטעלן, אז ער האָט געדארפט נאָכלויפן נאָך יענע דריי קונים, וואָס הגם זיי

זענען געווען מלאכים האָבן זיי אָבער געגעסן און געטרונקען ווי — מענטשן... און, האָט ער דען געגומען געלט פון זיי פאַר זייער עסן?!

האָט ער ארומגעוואַנדערט ווי א נאַמאַד, ווי איבער די מאַראַמאָרע־שער בערג כדי צו געפינען פאַשע פאַר זיינע שאָף. אז ער האָט גע־זוכט, האָט ער פאַשע טאַקע געפונען אָבער וואַסער האָט ער נישט געפונען. ער האָט געמוזט גראָבן ברונעס, כדי צו קאָנען אָנפאָיען די שאָף און רינדער. עס איז באַוואוסט, אָן עסן קאָן מען לעבן אויך עטלעכע טעג, אָן וואַסער נישט.

...האָט ער זיך אויסגעטון דעם קאַפטן, דער אורעלטער זיידע אברהם אבינו, און האָט פאַרקאַטשטעט די אַרבעל און, צוזאַמען מיט זיינע פאַסטעכער, זיך גענומען גראָבן. וויפל ער האָט געגראָבן ווייסט מען נישט, נאָר מע קאָן זיך משער זיין אז עס איז אים נישט אָנגעקומען צו לייכט, ווייל דאָרט אין די אָבותדיקע געגנטן זענען די פעלדער פעלדזיקע. האָט ער אזוי לאַנג געגראָבן ביז ער האָט אָנגעטראָפן א קוואַל מחייהדיק קיל וואַסער, וואָס האָט דערקוויקט דאָס האַרץ פונעם דורשטיקן.

איז די שמחה געווען גרויס, ווייל א צייט וואָס זיי וועלן דאָרט אויפשטעלן זייערע געצעלטן און פאַשען דאָרט די בהמות וועלן זיי שוין נישט דאַרפן זאָרגן וועגן וואַסער.

די שמחה איז אָבער געווען אויף א זייער קורצער צייט.

דעם צווייטן טאָג, ווי נאָר דער זיידע אברהם אבינו איז אויפגעשטאַ־נען, געדאַוונט שחרית, האָט ער געוואָלט אָנפאָיען די בהמות, ווי געוויינטלעך, נאָך איידער ער עסט דעם אָנבייסן. אָבער וואו געפינט מען וואַסער?

די ברונע, וואָס ער האָט געגראָבן מיט זיינע פאַסטעכער, איז פאַרשוואונדן. דאָס אָרט וואו עס איז נעכטן געווען די פריש־געגראָ־בענע ברונע איז איצט גלייך מיט דער ערד...

האָט עס זיי געקרענקט. אזוי פיל געמאַטערט זיך, געגראָבן אין האַרטן פעלדזיקן באַרג און צום סוף קומען אַנדערע און פאַרשיטן זי?!

די פאַסטעכער זענען געווען אין כעס. זיי האָבן געטראַכט זיך נוקם זיין, אָבער אברהם אבינו האָט זיי צוריקגעהאַלטן. ער האָט געזאָגט, אז מע דאַרף קודם זען. מע דאַרף פּרוּוון מיט גוטן, בדרך שלום... די פאַסטעכער האָבן חושד געווען די שכנים: אבימלך מיט זיינע מענטשן...

אברהם אבינו האָט זיי צוריקגעהאַלטן: א סיכסוך דאַרף מען לייזן מיט גוטן. מע דאַרף זיך אַדורכרעדן. נאָר ביז וואָס ווען, לאָמיר גראָבן אַן אַנדערע ברונע...

האָבן זיי גענראָבן און געגראָבן ביז זיי האָבן פונסניי געפונען וואַסער... אָבער דעם אַנדערן טאָג, די זעלביקע מעשה. ווידער האָבן זיי געטראָפן די ברונע פאַרשיט, גלייך סע וואָלט קיין מאָל דאָרט קיין ברונע נישט געווען.

אַזוי האָט זיך עס איבערגעחזרט עטלעכע מאָל. זיי, די מענטשן, האָבן געליטן, אָבער וואָס טוט מען מיט די שאָף און רינדער?

די פאַסטעכער האָבן אָנגעהויבן טשאַטעווען גאַנצע נעכט און געכאַפּט אבימלכס מענטשן בשעת זיי פאַרשטאָפּן די ברונעס... אברהמס פאַסטעכער האָבן געוואָלט לינטשן אבימלכס מענטשן, אָבער דער זיידע אברהם האָט זיי צוריקגעהאַלטן: וואָס וועט זאָגן דער וויזשניצער רבי, ווען ער וועט הערן אַז מיינע מענטשן זענען זיך נוקם?... האָט ער געפּרוּווט רעדן מיט זיי מיט גוטן:

— פאַר וואָס פאַרשיט איר די ברונעס? — האָט זיי אברהם אבינו געפרעגט — איר האָט צו פיל וואַסער? האָט אייך אפשר עמעצער געשטערט, אַז אויך איר זאָלט אָנטרונקען אייערע פי ביי די ברונעס וואָס מיר האָבן געגראָבן?

האָבן אבימלכס מענטשן געהויבן מיט די אַקסל תמעוואַטע, גלייך זיי וואָלטן דאָס לשון נישט פאַרשטאַנען. זיי האָבן געברומט אונטער דער נאָז, אַז זיי זענען פשוטע מענטשן, זיי ווייסן פון גאָרנישט...

די פאַסטעכער האָבן זיי געוואָלט אָנלערנען, אַז זיי זאָלן פאַרזאָגן אויף קינדס-קינדער נישט צו זאַטשעפּען מיט אברהמס אייניקלעך... אָבער אברהם אבינו האָט נישט דערלאָזט. ער האָט זיך גענומען דעם שטעקן מיטן זילבערנעם קנאָפּ, ווי סע שטייט אַן פאַר א בכבודיקן בעל-בית און איז אַריבער צו זיין שכן אבימלך, גיבע אין געסטעריי, רעדן וועגן נייעסן: דער האָט א שידוך געטון מיט זיין טאָכטער, יענער האָט געמאַכט א ברית, וועגן די מלחמות וואָס זענען צווישן די שכנים האָט ער בכיוון אויסגעמיטן צו דערמאַנען. אדרבה, ער האָט געפירט דעם שמועס אויף א פריינטלעכן טאָן, ווי דאַנקבאַר סע זענען יענע שכנים וואָס האָבן גענומען וואַסער פון דער ברונע וואָס ער מיט זיינע פאַסטעכער האָבן געגראָבן... אָבער ער פאַרשטייט נישט פאַר וואָס האָבן די מענטשן זיינע, אבימלכס, קיין אַנדערע אַרבעט נישט נאָר זיי צו פאַרשיטן, אָנצוטון צרות אומזיסט און אומנישט, מע זאָל נישט האָבן וואו אָנצוטרינקען די רינדער?!

...בעת אברהם אבינו האָט בדרך אגב געלאָזט פאלן א וואָרט, אז זיינע פאסטעכער זענען אויפגעטראָגן, און אז זיי האָבן געוואָלט אונטערצינדן אבימלכס קאָפּיצעס היי, זיין שייער, סמען זיינע שאָף... האָט אבימלך זיך פלוצעם ווי אויפגעכאפט פונעם שלאָף און אָנגעהויבן רעדן אנדערש; ער האָט ארויסגענומען דאָס חומשל (ווייל ער האָט נישט געדענקט דעם טעקסט אויף אויסנווייניק!) און געלייענט אין בראשית כא־כו, אזוי צו זאָגן: ויאמר אבימלך, האָט אבימלך געזאָגט, איך ווייס נישט ווער סע האָט געטאָן טון די דאָזיקע זאך; ווייל נישט דו האָסט מיר צו מאָל דערציילט, און נישט איך האָב עס אמאָל געהערט אחוץ היינט...

דאָס הייסט, אז אבימלך האָט דערהערט אז ער וועט קאָנען חרטה האָבן, ווייל די פאסטעכער וועלן אים אָנלערנען — זענען אים ארײַן פליי אין דער נאָז... דעמאָלט האָט ער שוין נישט געריכערט די לולקע, נישט די נארגילע — און האָט אָנגעהויבן רעדן אן אנדער לשון...

סוף־כל־סוף האָבן זיי זיך איינפארשטאנען און געמאכט א בונד, געשוואָרן פריינדשאפט. אבימלך האָט געשוואָרן צו אברהם אבינו, אז קיינער וועט אים מהיום והלאה נישט טשעפען... און כדי סע זאָל פארבלייבן אויף דורות, האָט מען תיכף פארשריבן אין חומשל, אין לשון־קודש, אָבער מע האָט עס שפעטער איבערזעצט ביי אן אָפּיציעלן נאָטאריוס אויף אלע שפראכן פון דער וועלט, אז „על כן קרא למקום ההוא באר־שבע, כי שם נשבעו שניהם" דעריבער האָט מען גערופן יענעם אָרט באר־שבע, ווייל דאָרטן האָבן זיי ביידע זיך געגעבן א שבועה...

...זינט דעמאָלט ווערט אָנגערופן דאָס אָרט באר־שבע, און טראָגט דעם נאָמען בערך א פיר טויזנט יאָר — אָבער די פרײַנדשאפט וואָס מע האָט זיך געשוואוירן?

אמת, די ברונעס האָט מען פארשטאָפּט, אז סע זאָל נישט קוועלן קיין וואסער, אָבער (וויי!) מע האָט געעפנט די אָדערן, אז סע זאָל רינען דאָס בלוט...

אבימלכס מענטשן האלטן נישט זייער שבועה.

...אבימלכס מענטשן האלטן נישט זייער שבועה. מע פארשטאָפּט די ברונעס, מע פארשטאָפּט די ברונעס (האָט וועוויק גערעדט שטיל, שטיל, שעפּטשענדיק, כדי נישט אויפצוועקן דעם רבי, וועלכער האָט

שוין אָנגעהויבן דרימלען!). מע עפנט די אָדערן, מע עפנט די אָדערן און סע רינט דאָס בלוט, און סע רינט דאָס בלוט, פון די אייניקלעך, פון די אוראייניקלעך...

(וועוויק האָט זיך פאַמעלעך צוריקגעצויגן, בגניבה, כדי נישט אויפצוּוועקן דעם רבי, וועלכער איז איינגעשלאָפן מיט א פאַרזאָרגטן שמייכל, אָבער א צופרידענעם. וועוויק איז אויך געגאַנגען זיך לייגן שלאָפן)...

צו מאָרגנס, האָט דער רבי ווידער גערופן דעם ראש-הישיבה און באַפוילן אז אויך היינט, צום זיבעטן מאָל, זאָל קומען דער זעלבי-קער תלמיד אים דערציילן א מעשה, אים איינצושלעפן...

וועוויק האָט אים דערציילט דאָס מאָל וועגן מתן־תורה, ווי אזוי סע האָט געדונערט און געבליצט מיט די עשרת הדברות, ווי אזוי סע האָט געריכערט דער הר-סיני... אז דער רבי האָט געעפנט די אויגן פאַרחידושט.

די רביצן האָט, ווייזט אויס, אויך אויסגעהערט וועוויקס דערציילן און געגאַפט.

רייסט אים איבער די רביצן: זאָג נאַר, דאָס וואָס דו דערציילסט איז טאַקע אמת? אזוי איז עס געשען ווי דו דערציילסט עס מיט אזעלכע פּרטים?

— איך ווייס? — ענטפערט נאַיוו דער יונגער תלמיד פאַר דער רביצן — מסתמה איז עס א מעשה ווי אלע מעשיות...

מער האָט מען וועוויקן נישט גערופן, אז ער זאָל איינשלעפן זיין רבי מיט א מעשה, אָבער פאַר אַנדערע האָט ער יאָ פאַרגעזעצט זיין דערציילן מעשיות.

הער צו מיין זון

(פון א בריוו)

...שמע בני מוסר אביך ואל תיטוש תורת אמך (משלי א-ח). הער צו, מיין זון, דעם מוסר פון דיין פאָטער, און זאָלסט נישט פארלאָזן די תורה פון דיין מוטער... יאָ, נאָר מיטן באַדינג, אז די מוטער לערנט דיך תורה.

אָבער טייל האַלטן אז אויך די תורה דארף מען וויסן ווי אזוי צו לייענען, אז דאָ און דאָרטן דארף מען צושטעלן א „פירוש רש"י" למשל ביים פסוק „על כן יעזוב איש את אביו ואת אמו" (בראשית ב-כד), דארף מען צולייגן כאָטש א פרעגצייכן: „דעריבער פארלאָזט א מאן זיין פאָטער און זיין מוטער און באהעפט זיך אָן א ווייב"?

ווי אזוי גאָר? ווען א ווייב פארלאָזט מען דאָס יידישע הויז פון די עלטערן?!

ניין, צעטיילן דארף מען זיך נישט. דאָס איז שוין דאָם לעצטע מיטל.

...עצות פעלן דיר? ווייסט נישט אז שלום-בית (פרידלעכע קאָאָ-עקזיסטענץ) פאָדערט פוןביידע צדדים כאָטש א ביסעלע טאָלעראנץ, אָבער פיל מער חכמה, כדי צו זיין נאָכגיביק אין נישט-עיקרדיקע ענינים, אָפצוראטעווען די עיקרדיקע?! דאָס איז נישט אזוי לייכט?! נו, יאָ, מע דארף זיין אויב נישט קיין גרויסער חכם — איז כאָטש ווי א קליינער פסיכאָלאָג.

פרעג סיי וועלכן דאָקטער, וועט ער דיר זאָגן, אז אפילו ווען ער באהאנדלט זיין אייגענע שוויגער, אויך דעמאָלט מוז ער זיין א גוטער פסיכאָלאָג — אנדערש וועט ער קיין שלום-בית נישט האָבן.

אוודאי קומט אָן פיל לייכטער צו פארדארבן — דאָס קאָן טון אויך א שוטה. צו פאררעכטן, זעסטו, אָט דאָס קומט שוין אָן שווערער א ביסל אויך פאר א חכם.

אומזיסט די טענות צו די עלטערן, אז זיי פארהאַלטן דיך און שטייען דיר אין וועג, לאָזן דיך נישט עולה-רגל זיין, טראָגן די ביכורים, צי צו מאכן א „פידיון-הבן" — אזוי ווי מע פלעגט טון פארצייטנס, און טייל טוען עס אויך היינט...

וואָס האָסטו פּרעטענציעס צו זיי? יאָ, די עלטערע באַוועגן זיך פּאַמעלעכער, נישט בלויז ווייל זיי האָבן שוין נישט קיין יונגע פיס — נאָר אויך מחמת דעם, וואָס זיי האָבן שוין גרויע קעפּ און אויך מער גלות־דערפאַרונג.

נו, יאָ, מע דאַרף אָנערקענען, אַז איר יונגע זענט מער געבילדעט, אָבער פאַר וואָס ווילט איר נישט וויסן, אַז אייך פעלט דערפאַרונג?

אויך זיי, ווי אַלע עלטערן, ווילן דיך זען גליקלעך — אָבער ווער פון די עלטערן ווייסט עס ווי אַזוי צו מאַכן?

אמת, איך בין קיין דאָקטער נישט, אָבער אַזוי פיל פּסיכאָלאָגיע ווייס איך אויך, אַז ווער סע קאָן נישט שווימען — זאָל אין טייך נישט שפּרינגען, אויך דעמאָלט נישט, ווען די אַנטרענאָרן שטופּן אים אונטער מיט „עצות“.

דאַרפסט אָבער וויסן, אַז מע קאָן דאָך נישט שטיין אייביק ביים ברעג און קוקן ווי אַנדערע שווימען (אָדער פליען!). איז אָדער מע לערנט זיך אויס שווימען, אָדער מע גייט זיך זיין וועגס און מע שטייט בכלל נישט ביים טייך... ווייל סוף־כל־סוף מוז מען זיך דאָך אַמאָל אַנטשליסן.

אמת, איך האָב נישט פאַרגעסן יענץ ווערטל, אַז אַקלוגער שניי־דער, איידער ער שניידט מיט זיין שער איין מאָל, מעסט ער זיבן מאָל — מע דאַרף אָבער אויך וויסן, אַז יענער שניידער וואָס מעסט אַכט מאָל און דאָך וואַגט ער נישט אַ שנייד צו טון מיט זיין שער, — יענער איז שוין קיין שניידער נישט.

מעגלעך, אַז אַלץ איז אַ מזל־זאַך. אָבער עס איז באַוואוסט דאָס גמרא־ווערטל, אַז אייגעם גייט נישט פויגלדיק אויף איין אָרט, זאָל ער בייטן זיין מזל, און גיין אויף אַן אַנדערן אָרט...

...עצות? יאָ, פאַר אַלע דאָקטוירים איז זייער לייכט צו פאַרשרייבן רפואות פאַר אַנדערע; אָבער דאָס רוב פון זיי מיידט אויס צו נעמען און אַראָפּשלינגען כאָטש איין פּיל, אויך ווען זי איז נישט אַזוי ביטער, ווען סע האַנדלט זיך אין זיי גופא. פון אַ כירורגישער אָפּעראַציע איז שוין אָפּגערעדט — דאָס וועט סיי וועלכער דאָקטער מאַכן פאַר אַנדערע, אָבער נישט לאָזן אַז אַנדערע זאָלן אים אָפּערירן.

...שמע בני, הער צו, מיין זון, דעם מוסר פון דיין פאָטער, און פון דיין פאָטערס־פאָטערס־פאָטער, איבער אַלע דורות, ביז די אבות, ביז כמעט פיר טויזנט יאָר, ביזן ערשטן ייד, אברהם־אבינו, וועמענס קבר עס איז אין דער מערת־המכפלה, אין חברון, וואָס ער האָט גע־קויפט און באַצאָלט געבנוג טייער...

הער צו, מיין זון.

וועלט־בארג־אראָפּ

אדם הראשון האָט אָנגעהויבן צו קלעטערן, אמת שווערלעך, זיך געדראפּעט ווי אויף א בארג, ווי אויף א לייטער אָן טרעפּ, אָבער דאָך האָט ער זיך געדראפּעט און געדראפּעט אויף דער לייטער פון דער מענטשלעכער דערקענטעניש, נאָך איידער ער האָט געגעסן פונעם פארבאָטענעם עץ־הדעת.

זיינע קינדער און קינדס־קינדער האָבן פאַרגעזעצט דעם דאָזיקן דערנערדיקן שווערן וועג פון גריבלען זיך, נאָכפאָרשן געגנוי „פאר וואָס“ און „ווי אזוי“, „פון וואו“ און „וואוהין“ ביז זיי האָבן דאָך עפּעס אָנגעהויבן משיג זיין מיט זייער קליינטשיקן מוח, אז נישט אלץ איז צוגענגלעך פארן מענטשנס מוח, אז ער זאָל עס פארשטיין אָדער דער־קלערן. יאָ, ווילנדיק נישט־ווילנדיק מוז ער פריער אָדער שפּעטער מודה זיין, אז נישט אלץ איז פאר אים קלאָר. יאָ, סע זענען נאָך עד־היום געבליבן פיל סודות, וואָס „די וועלט“ האָט נאָך נישט אנטפּלעקט פאר אירע איינוואוינער. טייל גלייבן, אז עס איז נאָך נישט געקומען די „צייט“ אז סע זאָל אנטפּלעקט ווערן און גלייבן אז דאָך וועט אזא צייט מסתמה קומען. גאנץ זיכער.

טאקע אויף דעם איז באזירט אויך אונדזער תלמודישער „תיקו“, וואָס וויל זיך לייענען ווי א ראשי־תיבות: ”תשבי יתרץ קושיות ואבעיות“. דאָס הייסט, אז ווען משיח וועט קומען וועט אליהו־הנביא אויפקלערן אלע אומקלאָרקייטן, וואָס האָבן זיך אויפגעזאמלט במשך דער צייט.

אָבער במשך דער צייט איז דער מענטשלעכער פארשטאנד דאָך דערגאנגען צו עטלעכע אמת־דערקענטענישן, צווישן וועלכע אויך דער פּרינציפּ פון עוואָלוציע. טייל האלטן, אז דאָס איז איינע פון די וויכטיק־סטע דערגרייכונגען פון דעם מענטשלעכן פארשטאנד, אז יעדער ארויף האָט זיין אראָפּ... נישטאָ קיין עליה אָן ירידה. נישטאָ קיין געבורט אָן טויט. נישטאָ קיין אויפבלי אָן צו וועלקן. נישטאָ קיין זומער אָן ווינטער, נישטאָ קיין פרייד אָן צרות, נישטאָ קיין טאָג אָן נאכט, נישטאָ

קיין ליכט אָן שאָטן. נישטאָ קיין גוטס אָן שלעכטס. בקיצור: יעדע מטבע האָט אירע צוויי זייטן. א צווילינג, וואָס לאָזט זיך נישט פונאַנדערטיילן, וואָס באַגלייט דאָס מענטשלעכע לעבן, די געשיכטע און בכלל די קאָסמישע עקזיסטענץ.

דער מענטש ווייסט דאָס נישט פון היינט, נאָר שוין זינט די אורצייטן, זינט ער האָט צום ערשטן מאָל געזען, אז ווען ער פאַרזייט קערנדלעך תבואה, ווערן זיי קודם פאַרפוילט — דערנאָך שפּראָצן אויף אויף זייער אָרט אנדערע, פיל מערער ווי ער האָט פאַרזייעט. אָבער אויך דאָס שפּראָצן איז נאָכגעפאָלגט פון וואַקסן, אויפבליען, צייטיק ווערן און... אלץ האָט א גרענעץ, וואָס לאָזט זיך נישט איבערשטייגן.

ווען דאָס געוויקס דערגרייט דעם הויכפּונקט פון יענער גרענעץ, דעמאָלט הייבט אָן דער טויט-פּראָצעס. ס'קומט די צייט פון וועלקן (אפילו אויך ווען מע רופט עס מיט אזא שיינעם נאָמען ווי „צייטיקן”!) און דער ציקל פונעם וואַקסן, פונעם שטייגן, הייבט זיך אָן קייקלען אויף אראָפּ, אויף צוריק — פון נידערן, פון זיך קוילערן אראָפּ, פון אונטערגאנג.

אזוי איז אלץ, סיי אין דער ביאָלאָגיע, געאָלאָגיע און פאַר וואָס נישט אויך אין דער סאָציאָלאָגיע?! דאָס איז שוין באַוואוסט פון קדמונים, אז אפילו דורך יענע, וועלכע האָבן אויפגעטיילט די גאַנצע עקזיסטענץ אויף יענע פיר קאַטעגאָריעס: דומם, צומח, חי און מדבר.

יאָ, דער מענטש, דער דענקענדיקער מענטש, האָט עס שוין געוואוסט פאַרצייטנס, רופנדיק די דאָזיקע וויסנשאפט „דיאלעקטיק”. אָבער ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, גלייך ער וואָלט צוגעמאַכט די אויגן און נישט געוואָלט דערפירן דעם געדאנק ביזן סוף. ער האָט זיך מסתמה דערשראָקן פאַרן דאָזיקן געדאנק, האָט ער זיך באַגנוגט מיט דעם „שטרויס-מעטאָד”.

וויסנשאפטלער האָבן שוין אויסגערעכנט, אז אין אזוי פיל און אזוי פיל מיליאָנען יאָרן ארום, וועט די ערד פאַרפרוירן ווערן, ווייל די זון, וואָס וואַרעמט זי היינט, וועט מיט דער צייט, געוויסלעך אָפּגעקילט ווערן.

די מענטשן ווייסן עס שוין היינט. זיי טרייסטן זיך אָבער, אז ביז דעמאָלט קאָנען זיי נאָך לעבן און הוליען, זיך קושן און בייסן, זיך פּרוכפּערן און פאַרמערן ווי די קעץ, געבוירן און מאָרדן...

דער מענטשלעכער מוח אנטוויקלט זיך פון טאָג צו טאָג, שטייגט אלץ העכער אין זיין דערקענטעניש, פארטייטשט אלץ מער פון די סו־דות, וואָס ליגן פארגראָבן אין דער נאטור, פון אונטער דער ערד, אויף דער ערד און איבערן הימלעשן אל — שטייגט ווי אויף א לייטער, וואָס האָט ווייזט אויס נישט קיין עק און קיין סוף.

גלייכצייטיק ווערן אויך אנטדעקט די סודות פון די געזעלשאפטלעכע געזעצן, וואָס שטייען ביים יסוד פון דער מענטשלעכער געזעלשאפט, די סטרונע אויף וועלכער סע שפילט זיך דער המשך־ניגון פון דער מענטשלעכער געשיכטע. יעדן טאָג ווערט דער מענטש געוואויר נייע זאכן, וואָס ער האָט נעכטן נאָך נישט געוואוסט.

טאקע דאָס האָט אים געמאכט אזוי איינגעגלויבט אין זיינע כוחות, אז מאָרגן, איבערמאָרגן וועט ער אין שטאנד זיין זיך צו דערקלעטערן און צו דערקלערן אלץ.

יאָ, נאָר דאָ זענען מיר אָבער דערגאנגען צו א שווארצן פונקט, וואָס שטעלט זיך אין וועג ווי א פעלדזן, וואָס לאָזט נישט גיין פאָרויס: אין דער טעכניק קלעטערט מען טאקע אלץ העכער. אָדם איז שוין אריבער העכער דער לבנה, ער איז שוין ארונטער טיפער פון דער ערד; ווער ווייסט וואו ער וועט מאָרגן אָנשלאָגן...

דאָס איז אָן ספק אן עליה, בארג-ארויף, אָדם שטייגט אלץ העכער.

אָבער, ווי האַלט עס מיט אָדמען, ווען מע לייגט אויף דער וואָגשאָל זיינע מעשים? איז ער היינט מיט מערער מעלות ווי דער „נעכטיקער"?!

עס איז גענוג אפירצונעמען דעם „לא תרצח" פון די עשרת־הדברות אויף איין טעלער פון דער וואָגשאָל — אויף דער צווייטער זאָל מען שטעלן די ידיעות פון די צייטונגען, וואָס דערציילן וועגן רציחות, יהידישע און כללישע, וועגן דראָג-סמים וואָס פארשיכורן א דור וועגן דער „יושר-מאָראל" וואָס ווערט געפרעדיקט אויפן וועלט מאסשטאב טאקע פון די רוצחים גופא, געוואלד-טאטן צווישן מענטש און מענטש, צווישן מדינה און מדינה — און סע ווערט טרויעריק וועגן דער ירידה, וואָס די „וועלט" האָט אָנגעהויבן זיך קוילערן „בארג-אראָפּ".

איז עס נישט א סימן, אז אין געוויסע פונקטן פון דער וועלט הייבט אָן די ערד זיך אויסקילן פאר דער צייט?!

רישעות...

אפשר איז טאקע דער מענטש די קרוין פון דער בריאה, אָבער אויף דער וועלט זענען פאראן פארשידענע מענטשן. איינער מיטן צווייטן איז נישט גלייך. טייל זענען גוטע, אנדערע שלעכטע. זיי ווערן איינגע־טיילט אין צדיקים און רשעים. פארשטייט זיך, אז נישט לויט דעם וואָס זיי זאָגן אויף זיך, נאָר לויט זייערע מעשים. בלויז די מעשים ווערן באררעכנט פאר קריטעריעס כדי צו קאטעגאָריסירן די מענטשן.

ווער זשע איז א צדיק און ווער איז א רשע?

צדיקים גמורים, זאָגט מען, אז סע זענען בכלל נישטאָ. דאָס האָט שוין געזאָגט דער קלוגסטער צווישן אלע חכמים, שלמה המלך, אין קוהלת. „כי אָדם אין צדיק בארץ אשר יעשה טוב ולא יחטא" (קוהלת ז־כ), דאָס הייסט, אז עס איז נישטאָ א מענטש א צדיק אויף דער ערד, וואָס זאָל טון גוטס און נישט זינדיקן.

הייסט עס, אז די צדיקים זענען נישט קיין פולשטענדיקע צדיקים און, מסתמה, זענען אויך נישט די רשעים קיין פולשטענדיקע רשעים.

רשעים?! ווער זשע איז א רשע?

א רשע איז יענער וואָס טוט אָן שלעכטס זיין מיטמענטש? ניין, ניין, עס איז נישט דווקא אזוי. וויפל מאָל טוט דאָס אויך א צדיק? שלעכטס טון, זאָגט מען זיך א ווערטל, איז נישט שווער. אויך א קאָץ קאָן פארדארבן.

גוטס טון איז דען שווערער?! אדרבה, וויפל מאָל דארף מען זיך באמיען צו טון שלעכטס, בעת אין זעלביקן מצב וואָלט פיל לייכטער געווען צו טון א טובה?!

פאר וואָס זשע טוט ער עס, דאָס שלעכטע, און נישט די טובה?

איז ווייזט אויס, אז דאָס האָבן דעצידירט צווישן זיך די צוויי יצרים, וואָס ליגן אין יעדן מענטש. דער יצר־הרע רעדט צו דעם מענטש צו טון שלעכטס, בעת דער יצר־טוב רעדט צו דעם מענטש צו טון גוטס. איז ווענדט זיך ווער פון די ביידע צדדים איז גובר.

מחמת דעם הערט מען אָפט זאָגן: איך האָב זיך געשלאָגן מיט דער דעה... פאַקטיש האָט ער זיך נישט געשלאָגן מיט דער דעה, נאָר די צוויי יצרים זיינע.

אויב מע טוט אָפּ אַ רעה יענעם, אז כדי סע זאָל פאַר זיך אַרויס־קומען דערפון אַ טובה, דאָס איז פאַרשטענדלעך. ער האָט עס געטון פון עגאָיזם. ער מיינט אז זיין בלוט איז „רויטער", ווי זיין חברס, אז אים קומט זיך אַלץ, אפילו אויפן חשבון פון אַנדערע.

קומט אויס, אז אַן עגאָיסט האָט מער ליב זיך ווי זיין מיטמענטש. דאָס הייסט, אז זיין רישעות האָט אַ „פּאַרוואָס". מיט דעם וואָלט ער אפשר נאָך נישט געווען קיין רשע... ער איז „נאָך נישט" — אָבער עס איז שוין אַן אָנהייב צו ווערן. סע פעלט נאָך איין טראָפּן, וואָס זאָל איבער־גיסן דעם כוס, אז ער זאָל זיין נישט בלויז אַן עגאָיסט נאָר ממש אַ רשע.

דער טראָפּן וואָס זאָל איבערגיסן דעם כוס קאָן זיין אַ ביסעלע קינאה, וואָס קאָן פאַרוואַנדלען דעם עגאָיסטישן מענטש אין אַן אמתדיקן רשע.

צו זיין אַ רשע, דאָס קומט נישט אָן בירושה. ניין, איך האַלט אז דאָס איז נישט ערעדיטאַר. אַלע מענטשן, צדיקים ווי רשעים, ווערן געבוירן כמעט מיט די זעלביקע יצר־טובן און יצר־הרעס.

צו זיין אַ רשע איז אויך נישט קיין פאַטאַלער דעטערמינירטער גזר פון מזלות אָדער האָראָסקאָפּן. והא ראייה, אז פון אַ צדיק קאָן צו מאָל ווערן אַ רשע (למשל, ווען סע יאָוועט זיך דער דערמאָנטער טראָפּן קינאה, וואָס גיסט איבער דעם כוס, צי ער קומט צו דער מאַכט, אַ מאַכט וואָס גיט אים פרייע הענט, און ער ווייסט נישט וואָס מיט דער מאַכט צו טון!) און להיפוך.

יעדער מענטש איז לכתחילה באַרעכטיקט און האָט אויך די מעגלעכ־קייט, איינער לייכטער — אַן אַנדערער שווערער, אַליין זיך אויסצואוויילן דעם וועג, אויף וועלכן ער זאָל גיין אין זיין לעבן, אין זיין מיטלעבן מיט די מיטמענטשן... דאָס איז איינער פון די הויפּטפּרינציפּן פון דער אמונה־פילאָסאָפיע. מע רופט עס בחירה־חפשית, אז דער מענטש האָט די מעגלעכקייט זיך אויסצואוויילן און איז נישט אונטערוואָרפן, אין דער הינזיכט, אונטער קיין שום השגחה. סע ליגט אין מענטשנס ווילן צו טון גוטס אָדער שלעכטס.

שלעכטס?! וואָס זשע איז שלעכטס? דער וואָס טוט אָן ליידן פאַר זיין מיטמענטש איז אַ רשע?

זעגען דאָך פאַראַן פאַלן, ווען מע טוט אָן ווייטיקן פאַרן מיטמענטש און מען איז גאָר א צדיק!! א דאָקטער, למשל, א כירורג... ניין, דער דאָקטער איז דערמיט א נישט קיין רשע. אדרבה, ער איז א צדיק הגם ער טוט אָן ליידן, שניידט מיטן מעסערל אין לעבעדיקן פלייש, פאַרגיסט בלוט — אָבער דער ציל איז פון גוטן ווילן, צו היילן.

ווער זשע איז א רשע? דער וואָס טוט אָן רישעות זיין מיטמענטש, מיטן ציל שלעכטס צו טון?

ניין, אויך דאָס איז נישט ריכטיק, אָדער נישט אין גאַנצן ריכטיק. אויך צו זיין א רשע איז נישט נייטיק אי די מעשה אי די מחשבה, דער ציל רישעות צו טון. סע בלייבט גענוג בלויז די מחשבה שלעכט, צו טון — הגם דאָס שלעכטע איז נישט אָפּגעטון געוואָרן.

זאָגט דאָך דער תלמוד, אז איינער הייבט אויף א האַנט קעגן זיין מיטמענטש, אפילו ער האָט אים נישט געשלאָגן — איז ער א רשע.

קומט דאָך אויס, אז א רשע איז אויך יענער וואָס האָט נישט געטון קיין רישעות, ער האָט בלויז געהאַט די כוונה עס צו טון.

און נאָך: א רשע טוט שלעכטס אָן א פאַרוואָס, ער האָט דערפון נישט קיין שום מאַטעריעלן ניצן. ער טוט אָפּ רישעות, אפשר אומבאַוואוסטזיניק, ווייל זיין יצר-הרע האָט באַקומען די אויבערהאַנט און דיקטירט זיינע מעשים... אזוי זאָגן מאמינים.

דאָקטוירעם אָנערקענען נישט דעם באַגריף „יצר־הרע“, רופן זיי עס אָן פּאַטאָלאָגישער „רישעות־אימפּולס“.

אין תוך גענומען, איז עס דען א נפקא־מינה ווי אזוי מע רופט עס? דער רשע בלייבט אַלץ רשע. און אפשר איז יאָ א נפקא־מינה, כדי מע זאָל וויסן צו געפינען די רפואה, ווייל קעגן „פּאַטאָלאָגישן־רישעות-אימפּולס“ וואָלט מען זיך געדאַרפט ווענדן צו א פּסיכיאַטאָר...

אמת, פּונקט אזוי ווי עס איז נישטאָ קיין צדיק גמור, וואָלט מען בכן געקאָנט אויך זאָגן, אז עס נישט פאַראַן קיין רשע גמור... דער חילוק איז אָבער דאָס, וואָס ווען א רשע טוט אפילו אויך צו מאָל א טובה — איז עס אויך מיט א נאָך־טעם פון כאָטש מיט א גאָר ביסעלע רישעות...

דער אומגליק איז מער אין דעם, וואָס דער וואָס טוט אָפּ רישעות האַלט זיך פאַר א צדיק און טראַכט אפילו נישט זיך צו ווענדן צו א פּסיכיאַטאָר, אז ער זאָל אָנווענדן אַלע מעגלעכקייטן גוטס צו טון,

אָדער לכל־הפחות זיך אָפּצוהאַלטן און נישט טון קיין שלעכטס... ער טוט אָן עוולות מיינענדיק אַז וואָס ער טוט, סיי וואָס ער טוט — איז רעכט און גוט, ווייל ער איז געוויינטלעך אויך אַ בעל־גאווה נאָך אויך דערצו...

דאָס איז אַ רשע, וואָס אפילו קיין געדאַנק פון תשובה שפּראָצט נישט אויף אין זיין „פּאַטאַלאָגיש־אימפּולסיקן־יצר־הרעדיקן" מוח...

און דאָך, דאַכט זיך, אַז עס איז נאָך מער רחמנות אויף אַזאַ מענטש, ווי אויף זיין מיטמענטש, וועמען ער טוט אָן דאָס רישעות.

מיט דעם דערקלערט זיך אויך די אייגנאַרטיקע תפילה, וואָס אַ רעליגיעזער ייד זאָגט יעדן פרימאָרגן אין דאַווענען: „באַהיט מיך, גאָט, פון אַ שלעכטן פריינד און פון אַ שלעכטער באַגעגעניש"...

ווי אַזוי דאָס, „אַ שלעכטער פריינד"?! ממה־נפשך, אָדער ער איז אַ פריינד אָדער ער איז אַ שלעכטער... אָט פאַר וואָס עס איז מער רחמנות אויף אַזאַ מין קראַנקן „פריינד", וועמען סע טוט גאָרנישט וויי, דערפאַר גייט ער נישט צו אַ דאָקטער. די ווייטיק איז דאָך ביי דעם מיטמענטש, נישט ביי אים.

יאָ, רישעות — דאָס איז אַ קרענק פון וועלכער מע קאָן זיך שווער היילן. דערפאַר איז אַ רשע נישט ווייניק צום באַדויערן.

מצווה לספר...

בלויז יציאת מצרים איז א מצוה צו דערציילן, סע זענען אָבער פאראַן זאכן וואָס זענען מערער ווי א מצווה — עס איז א חוב צו דערציילן און איבערדערציילן, מער ווי יציאת מצרים, דאָס איז נישט ניי — מע טאָר אָבער דערפון נישט פארגעסן...

צענדליקער יאָרן זענען שוין פארביי זינט די געשעענישן פון דער שואה, און דאָך — טאָר מען נישט פארשווייגן און נישט פארגעסן.

הגם דער מצב האָט זיך געביטן. די אומשטאַנדן זענען שוין אַנ־דערע. אויך דער דור האָט זיך שוין כמעט ווי געביטן. עס איז שוין ממש אַן אַנדערע וועלט. נישט די הענקער און נישט די קרבנות זענען שוין נישט קיין רעאַליטעט, נאָר אַן איבערבלייב ווי פון א „מעשה", צי גאָר א לעגענדע פון א קאָשמארישער לעגענדע... איז אז מע דערציילט נאָך צו מאָל א ברעקל פון יענע אוממענטשלעכע אכזריותן — קלינגט עס אָפּ אזוי ווי פרעמד.

דערפאר הייבט מען שוין מיט די אקסל: איז עס גלויבלעך? אדרבה. די שונאים זאָגן שוין גאַנץ אָפן: עס איז איבערגעטריבן...

עס איז איבערגעטריבן?! — איך בין אַן עדות, א לעבעדיקער עדות, ווייל די איבעריקע מיינע (די פאָרגייער און אויך נאָכקומער מיינע) זענען שוין נישט קיין לעבעדיקע...

מיט וואָס קאָן מען באווייזן היינט אז דאָס אלץ איז נישט קיין גוזמא? מיט וואָס קאָן מען היינט איבערווייזן, אז אדרבה, עס איז נישט דערזאָגט געוואָרן און נישט דערציילט געוואָרן אלץ, די מענטשלעכע ליידן — ווייל עס איז אוממעגלעך צו באשרייבן אלץ?! ווען מע זאָגט, אז העכער זעקס מיליאָן נפשות זענען אומגעבראַכט געוואָרן אויף קידוש־השם — איז דאָס א באווייז?!

...נאָר וועמען זאָל מען עס איבערצייגן?

די הענקער, אָדער זיי זענען שוין נישט קיין לעבעדיקע, צוליב אלטקייט, אָדער אפילו ווען זיי לעבן נאָך, זענען זיי אוממעכטיקע. זייערע קינדער? זייערע אייניקלעך? — ווער וויל דען געוואויר ווערן, אז זיי־

ערע עלטערן זענען געווען ערגער ווי די באַרבאַרישע מענטשנפרעסער?!

און דאָך — פּרוּוון דאַרף מען. מע דאַרף דערציילן און אויך איבערדערציילן, ווי אַ פרומער ייִד דערציילט איבער יעדעס יאָר ביי דער סדר־נאַכט די מעשה פון יציאת-מצרים. מע דאַרף דערציילן, כּדי מע זאָל נישט זאָגן שפּעטער אַז מע האָט נישט געוואוסט.

דערציילט דאָך די לעגענדע, אַז ווען גאָט האָט גערופן צום מישפּט קינען, פאַר וואָס ער האָט דערהרגעט הבלען, זיין לייבלעכן ברודער, האָט קין תמעוואַטע זיך געזאָלט פאַרטיידיקן: פון וואו זאָל איך געווען וויסן, אַז ווען איך וועל אים פלעטן דעם קאָפּ מיט אַ שטיין, וועט ער אַוועקפאַלן אַ טויטער?! אין מיין לעבן האָב איך דאָך קיין טויטן נישט געזען, איך האָב דאָך אפילו נישט געאַנט וואָס סע הייסט „טויט״ — איז וואָס בין איך שולדיק?...

אָט פאַר וואָס מע דאַרף דערציילן און איבערדערציילן, כּדי די אוראייניקלעך פון קינען זאָלן מאָרגן, איבערמאָרגן נישט זאָגן ווידער אַז זיי האָבן פון גאָרנישט געוואוסט.

...פּאָגראָמען, מאַסן-שחיטות, חורבן, האָלאָקויסט, שואה — מע דאַרף דערציילן און איבערדערציילן און איבערחזרן, וויאַמאָל יציאת־מצרים... מע דאַרף מאַכן אַ ספּעציעלן לעקסיקאָן פאַר די מאָדנע נייע באַגריפן, וואָס די נייע צייט און די מאָדערנע לינגוויסטיק האָט איינגעפירט.

מע דאַרף פאַרטייטשן אויף אַלע לשונות, וואָס עס הייסט „שואה״...

א בוים — א מענטש

א בוים איז גרויסארטיק, איז דער מלך פון די געוויקסן. ער איז דער העכסטער, דער דויערהאפטיקסטער, דער פרוכפערדיקסטער, דער רייכסטער פון אלע צמחים.

טאקע צוליב דעם האָבן אים טייל פארגליכן צו א מענטש, אויך דע־מאָלט ווען זיי האָבן געוואָלט אז מע זאָל אים נישט פארגלייכן, ווי אין חומש: „אז דו וועסט באלאגערן א שטאָט פיל טעג, צו האלטן מלחמה אויף איר, כדי זי איינצונעמען, זאָלסטו נישט צעשטערן אירע ביימער דורך אויפהייבן א האק; ווייל עסן פון זיי מעגסטו, אָבער זיי אָפּהאקן טאָרסטו נישט; ווייל איז דען דער בוים פון פעלד א מענטש, צו זיין אין באלאגערונג פון דיר?" (דברים כ־יט). הייסט עס, אז א בוים איז נישט קיין מענטש, ער איז פיל מער. ער איז חשובער. דער מענטש איז פיל נידעריקער ווי א בוים. א בוים טאָר מען נישט אומברענגען אין מלחמה, אָבער א מענטש יאָ.

א בוים ווערט אויך געשאצט לויט זיינע מעלות: פאראן ביימער פון לעבן, עץ החיים, נאָר אין גן־עדן. פאראן ביימער פון וויסן, עץ הדעת, צוגעגגלעך נאָר פאר יענע וואָס ווילן זיך לערנען. ביימער זענען אויך מיט א קאָליר, מיט טעם: זיס, זויער, ביטער, מיט און אָן ריח; מיט פארשידענע בלעטלעך, רונדיקע, אוואלע, מיט אָדערן און מיטן וויכטיק־סטן — מיט פירות. פאראן פירות תיכף צו עסן, אנדערע זענען בלויז צום איבערארבעטן און מע קאָן זיי פארניצן נאָר נאָך דעם צוגרייטן.

א בוים גיט פירות און אויב אפילו ער גיט נישט קיין פירות — מאכט ער כאָטש א שאָטן, און באשירעמט אונטער זיינע ברייטע צווייגן, דורכגייער, אז זיי זאָלן באשיצט ווערן פון א ברענענדיקער זון.

יאָ, מיטן באדינג, אז ער זאָל האָבן כאָטש ברייטע צווייגן באבלע־טערטע.

מעג א בוים זיין ווי שיין, אָבער אז ער האָט נישט קיין פירות און אפילו קיין שאָטן מאכט ער נישט, ווייל ער איז א נאקעטער, האָט

נישט קיין צווייגן, קיין בלעטער — איז ער אָרעם און האָט ביי זיין לעבן נישט וואָס צו שענקען, נישט פאַר קיין מענטש וואָס וואַנדערט און אפילו נישט פאַר קיין פייגל, אויף א נעסט צו מאכן. אויף אזא בוים קאָן זיך קוים אָפּשטעלן א וואַנדערנדיקער פויגל, אין זיין ווייטן פלי, כדי זיך א ביסל אָפּצורוען די מידע פליגל.

מיט דעם, אָדער אויך מיט דעם, איז א בוים געגליכן צו א מענטש. א רייכן צי אן אָרעמען, א חכם צי אן אומוויסנדיקן, מיט צי אָן מעלות, אָדער גאָר מיט חסרונות.

פאַראַן מענטשן מיט מעלות, אזוי ווי דער בוים. מע קאָן אָבער זאָגן, אז אלע מענטשן האָבן, ווי ווינציק זיי זאָלן נישט זיין, די מעלות, מע דאַרף נאָר וויסן ווי אזוי זיי וועדטיק צו מאכן, זיי אויסניצן פאַר דער געזעלשאַפט. פונקט אזוי זענען אויך די ביימער. כמעט (ניין, נישט „כמעט"!) אלע האָבן מעלות, געוויסע מעלות, אייגנשאַפטן, וואָס בלויז זיי פאַרמאָגן און מע געפינט זיי נישט ביי אַנדערע. מע דאַרף נאָר וויסן ווי אזוי זיי אויסצוניצן. ווייסט מען נישט — פאַרבייט מען די יוצרות און מע מאכט קאַליע אפילו דאָס טייערסטע האָלץ.

זאָגט דאָך דאָס ווערטל, אז פון דעם זעלביקן בוים, פונעם זעלבי־קן האָלץ, קאָן מען מאכן אי א צלם אי א לאָפּעטע.

אויך דער פרימיטיווער מענטש האָט שוין געוואוסט צו ניצן דאָס האָלץ אויף צו מאכן פאַר זיך א דירה, אז סע זאָל אים באַשיצן פון קעלט, פון רעגן און פון ווילדע חיות... ער האָט זיך אָבער באַלד דערוואוסט פון דעם סוד, אז פון דעם זעלביקן האָלץ קאָן מען מאכן אויך א כלי־זיין, אפילו א תליה.

א בוים איז ווי א מענטש, צו מאָל פריילעך און צו מאָל טרויעריק ווי אן עלנטער, ווען ער איז איינער אליין. איז ער אין א ציבור, איז ער שוין מער נישט קיין בוים — נאָר ביימער; און ביימער זענען שוין א וואַלד, אָדער א סאַד, וואָס איז מער היימישער פאַרן מענטש ווי א וואַלד.

א וואַלד איז נישט עלנט. ער איז פריילעכער, רוישיקער, סודות־דיקער, וואָס צעזינגט זיך אויף א קול, הגם נישט אלע פאַרנעמען זיין ניגון — נאָר פּאָעטן, בעלי־מקובלים, פילנדיקע נשמות, נעמען אויף זיין געזאַנג און זינגען מיט אים מיט, די הייליקע געטלעכע נגינה. דאָס איז די שירה פון די ביימער, פון די פייגל וואָס באַגלייטן זייער געזאַנג, אין איין הייליקער סימפאָניע.

אויב א מענטש דערגרייכט צו יענער מדריגה, צו זיין ביכולת אויפצונעמען דאָס דאָזיקע געזאַנג, איז ער א דיכטער, א קינסטלער — צו מאָל געלינגט אים צו איבערזעצן דאָס געזאַנג פון דיביימער אין דער מוזיקאַלישער צי דיכטערישער שפּראַך פון די מענטשן — אזוי ארום ווערט געבוירן די פּאָעזיע, סימפאָנישע מוזיקאַלישע ווערק, וואָס זענען ביכולת צו דערהייבן דעם מענטש אויף א העכערער מדריגה, טוען אים אויס פון דער וואָכעדיקער טאָגטעגלעכקייט, פון די גשמיותדיקע דאגות, פירן אים אריין אין א רוחניותדיקער וועלט, פון גאָלע גייסטיקייט.

אזא נגינה, אזא פּאָעזיע, איז א ניצוץ פון דער געטלעכקייט, א ברעקל וואָס פאַלט צו מאָל אראָפּ פונעם גן־עדן־טיש, און דערגייט צו די מענטשן, הגם א בשר־ודם, אָבער דאָך באַשאַפן מיטן צלם־אלהים.

א בוים איז דער מלך פון די צמחים... איז אָבער אויך באַשיידן ווי א גרעזל, דאָס קלענסטע געשפּראָץ, דאָס עניוותדיקסטע. אויך דער בוים האָט די וואָרצלען אין דער ערד...

אָבער א בוים איז נישט בלויז דאָס, באַגניגט זיך נישט אין גאַנצן בלויז מיט אזוי פיל, מיט דער ערד. א בוים וואַקסט און דערהייבט זיך און שטרעבט ארויף, ארויף צום הימל. אמת, ער דערגייט קיין מאָל נישט אזוי הויך, אָבער דאָך שטרעבט ער — און אויך דאָס שטרעבן זיך צו דערהייבן איז שוין אויך א מדריגה צום דערהייבן. דאָס הייסט, אז מע לעבט מיטן אויפגעהויבענעם קאָפּ אז מע שטרעבט צו א גרעסערער מדרי־גה, תמיד שטרעבט מען. מע באַגניגט זיך נישט בלויז מיט ערד־שאַפט — מע שטרעבט צום הימלעשן.

אויך ביימער זענען פאַרשידענע. אויך לויט דער גרייס. אָנהייבנ־דיק מיט א קליין ביימעלע, וואָס קוים זעט מען עס אָן — ביז צו א הויכן... צעדערבוים? ניין, צעדערן האָב איך נישט געזען, נאָר אין חומש. איך האָב געזען דעמבעס, שטאָלצע דעמבעס, וואָס מע זאָגט אז זיי זענען אלט א הונדערט יאָר.

ווייסט מען נישט וועלכער איז מער דויערהאַפטיקער: דאָס קליינע ביימעלע, מיט קורצע וואָרצלען, אָבער אויך מיט קליינע צווייגן, און דער שטורעם האָט נישט וואו זיי גוט אָנצוכאַפּן און זיי אויסרייסן... א גרויסער בוים, אויך א דעמבענער, האָט ברייטע צווייגן, וואָס האָבן אויך צווייגלעך, יענע האָבן אויך קלענערע צווייגלעך — ביז זיי ענדיקן זיך אין בלעטער, אין א גרינער קרוין וואָס באַשיינט דעם בוים.

קומט אָן אַ שטורעם־ווינט, וויפל ער זאָל זיך נישט באַמיען, האָט ער טאַקע ביי וואָס אים אָנצוכאַפּן דעם ברייט־באַצווייגטן בוים, אים פּרוּוון אויסרייסן — יאָ, בלויז צו פּרוּוון, אָבער קיין שום שטורעם איז נישט בכוח אויסצורייסן דעם דעמבעגעם בוים, ווייל יענער האָט וואָרצלען, טיפער און ברייטער אונטער דער ערד, און האַלט זיך און לאָזט נישט זיך אַזוי לייכט אויסצוואָרצלען.

מע זאָגט, אַז פּונקט אַזוי טיף זענען די וואָרצלען פון אַ בוים, ווי הויך און לאַנג סע זענען די צווייגן אויפן בוים.

אַ בוים, אַ דעמבענער צי נישט, קאָן אויך אַמאָל אויסגעוואָרצלט ווערן, ווען סע קומט אָן אַ מוראַדיקער שטורעם־ווינט — אָבער אַ וואַלד? אָ, דאָס נישט. אַ וואַלד קאָן נישט אויסגעוואָרצלט ווערן פון קיין שום שטורעם אויף דער וועלט.

אָבער אויך אַ וואַלד, דאַכט זיך, קאָן אומגעבראַכט ווערן פון אַ פייער, וואָס מיט זיינע פלאַמען נעמט ער אַרום און פאַרצערט אים, ווי ווען אַ הונגעריקער בייסט מיט אַפּעטיט פון אַ לייבל ברויט...

יאָ, אויך אַ וואַלד קאָן אַמאָל פאַרצערט ווערן — ווי אין אַן אוישוויץ־קרעמאַטאָריע...

אָבער וועלדער? וועלדער נישט. וועלדער קאָן מען נישט אום־ברענגען.

האַקט מען זיי אין איין אָרט, שפּראָצן ווידער אויף פרישעביימעלעך אויף זייער אָרט, צי אויף אַן אַנדער אָרט, און עס ווערט פאַרגעזעצט דער ניגון פון די וועלדער, געזונגען פון די ביימער, אין זייער גערויש, אין דער שטיל, געוויגט פונעם ווינט, ווי אין אַן אייביק־הייליקער שירה צו גאָט...

אויך אין דעם באַשטייט דער סוד פון נצח ישראל?
איז דאָך אַ בוים געגליכן צו אַ מענטש.

אַ וואַלד איז דאָך אויך ווי אַ שבט, ווי אַ פאָלק. וועלדער זענען ווי די מענטשן, ווי די מענטשהייט אין איר גאַנצקייט, וואָס האָט אַ קיום.

אַ בוים איז ווי אַ מענטש — אַ מענטש איז ווי אַ בוים...

מאמעס

...מאמע!

ווען דו האָסט געבאָדן דאָס עופּהלע דיינס, אין א קליין מילטערל, ווען דו האָסט צוגעגאָסן פון צייט צו צייט, א ביסלווארעם וואסער, וואָס דו האָסט קודם אויסגעפּרואווט מיטן עלנבויגן, אויב עס איז חלילה נישט צו הייס אָדער צו קאלט, און דו האָסט געזען ווי דאָס קליינע געטלעכע באַשעפעניש (אלע זויגלינגען זענען דאך געטלעך!), ציט אויס די קליינע רונדע גלידערלעך פאר הנאה פון דער ווארעמער באָד, האָסטו אָנגעקוואָלן פאר תענוג (וועלכע מוטער פילט נישט דערביי קיין תענוג?) — האָסטו זיך געוועץ געראַכטן, אז אמאָל, אמאָל, וועלן ווילדע חיות, וואָס האָבן א צורה פון א מענטש, אימשטאנט זיין אָנצוטאָן אזוי פיל ליידן פאר דיין קינד, וואָס וועט האָבן די אייגציקע שולד, ווייל דו, יידישע מאמע, האָסט אים געבוירן, אז ער זאָל זיין א בן־דור פון דער טרויעריק־בארימטער „שואה"?!...

...מאמע!...

אָבער אויך יענע מאמע, וואָס האָט געהאַט דעם זעלביקן אָדער דאָך אן אנדערן זויגלינג, וועלכע האָט געהאַט די זעלביקע הנאה, אָנגעקוואָלן צוקוקנדיק ווען דאָס קליינע מלאכל באַוועגט די פיסלעך אין ווארעמען וואסער פון באָד...

האָסטו דיר געקאָנט פאָרשטעלן, אין א קאָשמאר אפילו, אז דאָס זעלביקע קליינע „מלאכל" (אלע זויגלינגען זענען אפילו פאר נישט זייערע אייגענע מוטערס „מלאכימלעך"?), וועט זיך אויסלערנען לייענען און שרייבן, וועט דערגיין צו ווערן א שטיקל „קנעפּל", אין א מחנה רוצחים און ווערן אזא גרויסע ווילדע חיה?!...

...מאמע!

מאמעס פון ביידע מחנות —

מאמע... מאמע פון קרבנות און אויך יענע פון רוצחים...

האָסטו דיר געקאָנט פאָרשטעלן וואָס סע וועט ארויס פון דיין שויס, אז במקום א מענטש צווישן מענטשן — זאָל זיין...

...מאמע!

מוטערלעכע טרערן — מוטערלעכע מילך... אלע מוטערלעכע טרערן זענען אייביק געזאלצן, סיי זענען מוטערס פון קדושים, סיי פון רוצחים. אלע זענען איבערגעלאָדן מיט מוטערלעכער זאָרג.

אלע מוטערלעכע מילעכן, סיי זיי זענען מוטערס פון רוצחים, סיי פון קדושים, איז די מילך אלע מאָל ווייס, קלאָר — ווייס ווי שניי און קלאָר, ווי א קלאָרער הימל — און אומשולדיק. זי איז די בעסטע שפייז פאר א זויגלינג. קיין שום מילך אין דער וועלט קאָן זי נישט דערזעצן...

דאָך קאָן מען נישט פירזען, וואָס סע וועט ארויסקומען פונעם זויגלינג.

...מאמע!

למד־וואָוו צדיקים

אויף וואָס שטייט די וועלט? אדאנק וועלכע מעשים־טובים האָט די וועלט אונדזערע א קיום?!

די וועלט האָט א קיום נאָר אדאנק די צדיקים, וועלכע לעבן אין יעדן דור און טוען נאָר מעשים־טובים, העלפן ארויס זייערע מיטמענטשן, אין זייער זכות האָט די וועלט א קיום.

סע ווערט געזאָגט אין דער גמרא יומא (דף לח־ב), אז גאָט האָט געזען אז די צאָל פון די צדיקים איז א קליינע, האָט ער זיי פארטיילט פאר יעדן דור.

אין דער גמרא סוכה (דף מה־ב) ווערט געזאָגט, אז די וועלט האָט קיין מאָל נישט ווינציקער ווי זעקס און דרייסיק צדיקים. דערפון האָט זיך גענומען די לעגענדע, אז אין יעדן דור זענען פאראן זעקס און דרייסיק באהאלטענע צדיקים, וועלכע זעען אויס אויסערלעך פאר פשוטע מענטשן אפילו ווי עמי־הארצים, אבער בסודי־סודות זענען זיי עוסק יום־ולילה אין תורה לערנען און אין זייער גאנץ לעבן טוען זיי בלויז מעשים־טובים.

בכן, זענען געווען זעקס און דרייסיק, וועלכע האָבן דעמאָלט, אין יענע דורות, געראטעוועט די גאנצע וועלט פון אונטערגאנג.

אגב, ווילט זיך דערמאנען, אז ווען אין סדום וואָלטן געווען כאָטש צען צדיקים, וואָלטן סדום און עמורה נישט חרוב געוואָרן. מיט דעם ווילט זיך אויך באווייזן, אז אויף צו דערהאלטן דעם קיום דארף מען האָבן א געוויסע צאָל צדיקים. פארשטייט זיך, אז רעלאטיוו מיט דער צאָל באפעלקערונג...

היינט, ווען סע זענען אָבער פאראן זעקס און דרייסיק מאָל אזוי פיל באפעלקערונג אויף דער וועלט — דארפן דאָך זיין אויף דער וועלט אויך צדיקים זעקס און דרייסיק מאָל זעקס און דרייסיק... דאָס הייסט אז היינט צו טאָג וואָלטן געדארפט זיין נישט ווינציקער למד־וואָוו צדיקים ווי אן ערך איין טויזנט דריי הונדערט זעקס און צוואנציק, וואָס

אין זייער זכות זאָל די וועלט, דער היינטיקער דור, האָבן א קיום...

אָבער וואָס געשעט מיט די איבעריקע מענטשן? ביז צו די פיר מיליארד מענטשן אויף דער וועלט, וואָס איז מיט זיי?

אויף דעם קאָן מען קיין מאַטעמאַטישן חשבון נישט געבן.

עס איז מעגלעך, אַז צווישן זיי זענען פאַראַן אויך צדיקים, וואָס זענען נישט בסוד-סודות, ווי למד-וואָוו צדיקים, נאָר עפנטלעך זענען זיי באַקאַנט פאַר זייערע מיטמענטשן מיט זייערע מעשים־טובים, אַז זיי זענען צדיקים. א טייל פון די מענשטן זענען עפנטלעך צי אויך בסודי-סודות רשעים, טוען אָפּ רישעות באַהאַלטענערהייט, להיפּוך די למד-וואָוו צדיקים, זענען מסתמה אויך פאַראַן א מין למד-וואָוו רשעים... און טייל פון די פיר מיליארד מענטשן זענען אויך משוגעים...

די פּראָפּאָרץ צווישן די משוגעים און די רשעים איז נישט באַקאַנט און איז אויך נישט תמיד דער זעלביקער. צו מאָל זענען די רשעים דאָס רוב און צו מאָל, ווי, זענען די משוגעים דאָס רוב אויף דער וועלט.

גאָר וויכטיק איז דאָס אייגנטלעך נישט, ווער עס איז דער רוב, די משוגעים צי די רשעים. ווייל ווער וואָלט געקאָנט זאָגן, וועלכע פון זיי זענען מער שעדלעך?

טרויעריק איז אָבער דעמאָלט, ווען די רשעים ווערן משוגע, דאַן איז א קאַטאַקליזם. דעמאָלט, ווייס איך נישט, אויב אפילו די למד-וואָוו צדיקים (די היינטיקע טויזנט דריי הונדערט זעקס און צוואַנציק צדיקים!) זענען בכוח צו פאַרזיכערן דעם קיום פון דער וועלט.

אין אזא צייט ברעכט אויס אן אומגליק, צי א וועלט־קאַטאַסטראָפע און די גלייכוואָג ווערט צעשטערט.

...סע „ברעכט אויס", נישט סע „הייבט" אָן — ווייל דאָס געשעט נישט קיין מאָל דעם ערשטן יאַנואַר, ביי אָן אָנהייב יאָר — דערפאַר זאָגט מען: סע ברעכט אויס...

אין דער מאָדערנער צייט רופט מען אזא אומגליק „וועלט-קאַטאַקליזם" (בכיוון ווייל איך נישט דערמאָנען דאָס באַנאַלע וואָרט „וועלט-מלחמה"!). אין דער היינטיקער נאָך מאָדערנער וועלט האָט מען אויסגעפונען נאָך א נייערן נאָמען: האָלאָקאָוסט, צי שואה...

בכן, אויב סע זענען לעצטנס אויפגעקומען אזעלכע נייע, מאָדערנע באגריפן — זענען שוין, לויט מיין באשיידענער מיינונג, ווי עניוותדיק זי זאָל נישט זיין, נישט געגנוג מער די מעשים-טובים פון בלויז למד-וואָוו, נאָר געכפּלט מאָל געכפלט, למד־וואָוו מאָל למד-וואָוו צדיקים, בדי צו פארזיכערן אז די וועלט, די מאָדערנע וועלט, זאָל קאָנען האָבן א קיום.

און מע דארף נישט פארגעסן, אז אויך די וועלטן, די רשעותדיקע וועלטן האָבן זיך אין דער לעצטער צייט פארמערט: אויב אמאָל איז קודם געווען א „די וועלט“ און דערנאָך איז אויפגעקומען א „יענע וועלט“, איז איצט שוין דאָ אויך א „דריטע וועלט“.

נו, ווי אזוי וויל מען אז סע זאָלן זיין גענוג בלויז די למד־וואָוו צדיקים?!

אן אויגנבליק

אן אויגנבליק, א בליק, ווי א בליץ, וואָס נעמט אדורך, וואָס הילט איין אין א ווארעמער ארומנעם, אין א האלדזונג, — באהערשט און באוועלטיקט.

א בליק, — א ווייכער, ווי א סאמעטענער געוועב, וואָס גלעט און בארואיקט, ווי א שיינע לעגענדע, אנטשלעפט, נישט בלויז קינדער, וועלכע ווילן זען אויסגעחלומטס אָנשטאָט דער וואָרער ווירקלעכקייט.

א בליק, א בלאנקנדיקע שפיז, שטעכט אדורך אן אומגעזעענע אייז־וואנט, וואָס מאכט א מחיצה צווישן הערצער — אָבער אויך דער שטאָך איז א טיפער, א טיפער, א ווייטיק־הנאהדיקער.

א בליק האָט א טעם, האָט קאָליר און האָט א פאָרעם — מער ווי א זונשטראל, ווייל עס איז אן אָפּשפיגל פון לעבעדיקער, פילעוודי־קער נשמהדיקייט.

א בליק איז נישט קיין פשוטער בליאסק ווי פון א טשערעפל גלאָז, נאָר איז א פערל פון א טראָפּן טוי, אָפּגעשפיגלט פון פרימאָרגנדיקע זונשטראלן, געבראָכן אין א פריזמע פון אומצאָליקע שפיגלען, רעגנ־בויגנדיקע.

אזא שנירל קרעלן פון טוי איז א סגולה, ווי א קמעה צו אריכת־ימים.

א בליק קאָן אָנזאָגן אן ערשטע בשורה פון אונטערטעניקייט, פון איבערגעגעבנקייט, פון ליבשאפט, פון גרייט זיין זיך מקריב צו זיין — צו באווייזן אז די בליק־דעקלאראציע איז נישט קיין וואָרט אין ווינט, ווייל עס איז בכלל נישט קיין וואָרט — עס איז וויכטיקער און, גלייכצייטיק, פיל, פיל מער...

א בליק קאָן כוואליען מיט ליבשאפט און ארויסרופן אן ענטפער פון נשיאת חן — אָבער ער קאָן אויך זיין איבערגעלאָדן מיט שינאה און ארויסרופן קעגנזייטיקע פיינטלעכקייט.

בכן, איז דער בליק נישט מער ווי א שליח, וואָס טראָגט איבער און זאָגט אָן א שליחות. א כלי, וואָס מע גיסט אין איר אריין — דאָס אנטהאלט זי.

אן אויגנבליק — איז א מאָס, א זייגער צו מעסטן די צייט. פארשטייט זיך, אז ווי אלץ, איז אויך אן אויגנבליק זייער רעלאטיוו. ער קאָן זיין דער קלענסטער איינס אויף צו מעסטן די צייט, דאָס לעבן (לעבן אָן צייט איז בלויז אן אבסטראקטער באגריף, ווידער צייט אָן לעבן — איז א טויטער באגריף!) — אָבער ער קאָן אויך זיין אן אייבי-קייט. עס איז געוואָנדן אָן דער אינטענסיווקייט פונעם בליק, פון די סיבות און פון דער סביבה, אין וועלכער עס איז געבוירן געוואָרן דער אויגנבליק.

אן אויגנבליק איז ווינציקער פון א סעקונדע און צו מאָל מער פון א שעה. ווייל א שעה האָט נאָר זעכציק מינוט און א מינוט האָט נאָר זעכציק סעקונדעס... אָבער אן אויגנבליק איז אזוי גרויס, אזוי דויערנדיק, אז מע קאָן אים נישט מעסטן נישט אויף קלענערע און נישט אויף גרעסערע איינהייטן.

פאראן אומצאָליקע אויגנבליקן אין איין איינציקער סעקונדע, פונקט אזוי ווי סע זענען פאראן אומצאָליקע שעהען אין איין איינציקן אויגנבליק.

גענוג איין איינציקער אויגנבליק כדי צו זיין דעצידירנדיק פארן מענטשלעכן גורל. פארשפעטיקן איין איינציקן אויגנבליק קאָן קאָסטן דאָס לעבן, ווען מע מיידט נישט אויס אן איבערפאל, א פאָרפאל. פונקט אזוי קאָן עס אָפּראטעווען פונעם טויט, אז מע האָט מיט איין אויגנבליק פריער אויסגעמיטן די קאטאסטראָפע.

איין איינציקער אויגנבליק, פון נישט אויפמערקזאמקייט, און מע קאָן פארלירן אויך דעם חלק עולם-הבא; פונקט אזוי ווי מיט אן אויגנבליק קאָן מען אים געווינען.

וויי, ווי טייער עס איז צו מאָל אן אויגנבליק — און דאָך זענען פאראן מענטשן וואָס באקלאָגן זיך, אז זיי „לאנגווייליקן" זיך, האָבן נישט וואו אהינצוטון זייערע טעג און בפרט „נעכט", שפילן זיי אין קאָרטן... און פארלירן זייער לעבן.

וואָס שפּילט ביי זיי א ראָלע אָן אויגנבליק?! זיי ווייסן נישט, אז אין איין איינציקן אויגנבליק ווערן געבוירן מיליאָנען מענטשן, אנדערע שטאַרבן אין דעם זעלביקן אויגנבליק.

אין איין איינציקן אויגנבליק ווערן געבוירן געניאַלע געדאַנקען און פּונקט אַזוי אויך פאַרברעכערישע מחשבות.

נישט נאָר א „מזלדיקע שעה“, נאָר אויך אַן אויגנבליק קאָן זיין „מזלדיק“.

אין וואָס באַשטייט דאָס מזלדיקע?! עס איז געווענדט אין דעם, וואָס מע טוט אויף אין דעם אויגנבליק. סוף-כל-סוף זענען דאָך דאָס די מעשים פונעם מענטש, וואָס דעצידירן דעם גורל און דאָס מזל, נישט דער אויגנבליק.

און וואָס באַשטייט דאָס מזלדיקע? די אומשטענדן, אין וועלכע סע ווערט אַנטוויקלט די טעטיקייט, די שייכותן צווישן די מעשים און דעם אַרום, דאָס קאָן דאָך זיין גינציק, דאָס הייסט מזלדיק, אָדער אומגינציק.

האָב איך דאָך שוין נישט איין מאָל געזאָגט: איך גלייב נישט אין מזל, נאָר עס איז גוט אז מע האָט...

ליכט, ליכטיקייט

ליכט, ווייסע, מיט גאָלדענעם פלאַם, פאַרשפּרייט אַ וואַרעמע שיין, פאַרטרייבט די טונקעלע נאַכטיקייט, וואָס שרעקט מיט איר באַהאַלטענער סודותדיקייט, פאַרשפּרייט אומהיימלעכקייט און אפילו מורא.

ליכט־שיין פאַרשפּרייט שמחהדיקייט, אָפּנהאַרציקייט, לעבעדיקע לוסטיקייט. ליכט האָט נישט ליב קיין נעפּלדיקע פאַרשטעלטקייט, קיין קאַלעמוטנע פאַרוואָלקנטע טעג — נאָר שטראַלנדיקע קלאָרקייט, אָפנקייט, איינטייטיקע פאַרשטענדלעכע פשוטקייט, ווי פאַרטייטשט פאַר קליינע שול־קינדער.

ליכט, ליכטיקייט, געבערט טאָקע שיין; אָבער, ווי, סע געבערט גלייכצייטיק אויך שאָטן.

איז נישט פאַראַן קיין שיין אָן שאָטן — און, פאַרשטייט זיך, קיין ליכט אָן חשכות. אדרבה דאָס איז אַן אומבאַדינגטער פּירבאַדינג: כדי דאָס ליכט זאָל שיינען דאַרף קודם זיין טונקל. וואָס מער חשכות אַרום, אַלץ מער די שיין פונעם ליכט.

נאָר די דערלייזונג נאָך אַ צרה קאָן אַרויסרופן גרויסע פרייד. אדרבה, וואָס גרעסער די צרה, אַלץ גרעסער די פרייד נאָך איר.

אַ ליכט שיינט בלויז ביי נאַכט, ביי טאָג האָט עס קיין עפעקט נישט.

איז עס מאָדנע: די פינצטער געבערט דאָס ליכט און נישט להיפוך. דאָס ליכט געבערט נישט קיין טונקלקייט, העכסטנס אַ בלאַסן שאָטן. דער שאָטן איז שוואַרצער, בלויז ווען דאָס חשכות איז שטאַרקער אַרום ליכט.

ליכט איז דויערהאַפטיק. מע קאָן פון אים אָנצינדן אַנדערע הונדערט ליכט און זיין שיין וועט נישט ווערן געמינערט.

ליכט איז מילדגעביק עס איז אַלץ איינס אויב די שיין איז באַניצט פון איינעם צי פון הונדערט.

טאָקע דערפאַר, אָדער דווקא דערפאַר, וויל דער קינסטלער, שרייבער צי רעדנער, האָבן וואָס מער באַוואונדערער, לייענער צי צוהערער.

ליכט איז נשמהדיק. ווערט געבוירן א נפש, איז ווי אָנגעצינדן א ניי ליכטל. גייט אויס א נשמה, האָט זיך אויסגלאָשן א ליכט; אפשר טאקע דערפאר צינדט מען אָן א נשמה־ליכט, א נר־נשמה, כדי צו דערזעצן די נשמה־שיין?!

ליכט־שיין איז רעלאטיוו. אויב מע האָט זיך צוגעוווינט, באמערקט מען עס כמעט נישט; פונקט אזוי ווי ווען מע געוויינט זיך מיט דער פינצטער, הייבט זי אָן, מיט דער צייט, צו פארשווינדן.

אלץ איז דאָך געוויינטקייט. געוויינט מען זיך מיט דער ליכטיקייט, וועט א פלוצעמדיק פינצטער ווערן אויסרונען די ראייה; ווידער געוויינענדיק זיך מיטן חשכות — וועט א פלוצעמדיק ליכטיק ווערן פארבלענדן די ראיה און נישט ווילנדיק וועט מען אויפהייבן א האנט כדי צו פארשטעלן דאָס שעדיקנדיקע שטארקע ליכט.

א פלוצעמדיקע ליכט־שיין אין דער פינצטערניש איז ווי א שלעכטע נישט דערוואַרטע בשורה, הגם עס איז ליכט, און וואָלט געדארפט פארגליכן ווערן מיט א גוטער בשורה...

טאקע דערפאר האָבן זעלטענע באקומען א הארץ־אטאק פון א שלעכטער בשורה: אָבער געגנוג אָפט האָט פאסירט, אז מע זאָל חלשן, ווען מע האָט זיך דערוואוסט אז מע האָט געווינען אויף דער לאָטעריע.

תמיד האָט מען זיך געפרעגט, אפילו אלכסנדר מוקדון האָט אויך געפרעגט די חכמים: וואָס איז געווען פריער אויף דער וועלט, אויף דער נאָר וואָס באשאפענער וועלט, וואָס איז געווען פריער, ליכט צי פינצטערניש? מעגלעך אז עס איז געווען פינצטער, מעגלעך אז עס איז געווען ליכטיקייט. איין זאך איז אָבער זיכער — קודם איז געווען תוהו־ובוהו, אויסגעמישט ליכט מיט פינצטערניש, פינצטערניש מיט ליכט; צוליב דער פינצטערניש האָט מען נישט אָנגעזען דאָס ליכט און פונקט אזוי האָט מען נישט אָנגעזען דאָס פינצטערניש, ווייל עס איז געווען צו פיל ליכט... דערנאָך האָט דער באשעפער, דער קינסטלער, איינגעשטעלט קלאָרייט, געמאכט א סדר, האָט פונאנדערגעטיילט ליכטיקייט פון פינצטערניש, טאָג פון נאכט, גוט פון שלעכט, זיס פון ביטער, שיין פון מיאוס, ווייס פון שווארץ, זכר פון נקבה, חכמה פון נארישקייט, לעבן פון טויט, הימל פון ערד, מענטש פון מלאכישקייט, מלאכים פון שדים, צדיקים פון רשעים, פייער פון וואסער, זוניקייט פון לבנהדיקייט און אויך קינסטלער פון קונסט־געניסער...

קודם אָבער, איז געווען תוהו־ובוהו, פינצטערניש האָט געוועלטיקט.

דערפאַר איז ליכט, פּראָגרעס; זוכן די פינצטערניש, דעם וועג צום „געוועזענעם" — איז רעאַקציע.

זון איז יצירהדיק, רופט אַרויס לעבן, איז אָפּטימיזם; לבנה איז סודותדיק פאַרליבטקייט, נאָסטאַלגיע; אָן זון און אָן אפילו בלאַסער לבנה־שײַן, איז פינצטערניש ווי שוואַרצע וואַטע, וואָס דערמאָנט אין טויט.

חשכות מעקט אָפּ אַלץ, סע בלײַבט ליידיקער חלל, כמעט ווי אין פאַרבראשיתדיקן תוהו־ובוהו.

זון — און אַפילו בלויז לבנה־שטראַלן — פאַרבינדן דעם אַרום, פאַראייביקן דאָס זײַן, דאָס אַלזײַן, אין אַ שפּינאָזישער פּנטעאיסטישער געטלעכקייט.

ליכטיקייט איז ליבשאַפט, חשכות איז שינאה, אָדער לכל־הפּחות אַפּאַטיע, וואָס איז צו מאָל פיל ערגער ווי אָפענע שינאה.

דערפאַר קומט צו פאַראַפראַזירן שעקספּירן: גיט מיר איין איינ־ציקע זון־שטראַל און איך גיב אייך אַוועק אַ קיניגרייך (איך פאַרמאָג נישט קיין „קיניגרייך"? יענער מלך, ריכאַרד דער דריטער, דאַכט זיך, וועלכער האָט געבעטן אַ פערד, האָט דען נאָך יאָ פאַרמאָגט זײַן „קיניגרייך"?!)...

גיט מיר בלויז איין איינציקן טאָג ליכטיקייט, גיב איך אייך אַוועק מײַן גאַנצע „אומשטערבלעכע" חשכותדיקע אייביקייט.

גיט מיר איין איינציקן לבנה־שטראַל פון ליבשאַפט און איך גיב אייך מיטן גאַנצן האַרצן אַוועק די מיליאָנען שטראַלן פון אַ ברענענדיקער מדבר־זון.

יאָ, ליכט איז אַלץ, אָבער עס איז נישט פאַראַן קיין לחלוטינדיקע, אָן כאָטש אַ ביסל שאָטן...

עס איז גוט אַזוי. שאָטן איז דאָך נישט פינצטערניש.

עס איז גוט ווען אַ מענטש האָט נאָך זײַן שאָטן נישט פאַרלוירן. אַ סימן, אַז ער לעבט, אַז איבער אים געוועלטיקט ליכטיקייט.

ליכטיקייט איז דאָך אַ חלק פון דער געטלעכקייט.

געאײלט

פון תמיד אָן איז בײ מיר געװען דאָס ערגסטע, װען איך האָב געדאַרפט אױף עפּעס װאַרטן. פאַרשטײט זיך, אַז נאָך ערגער איז געװען װען איך האָב שױן נישט געהאַט אױף װאָס צו װאַרטן... אָבער דאָך אַזױ, אױב איך האָב געהאַט צו װאַרטן אױף עפּעס, איז עס מיר געװען דערװידער.

איך פּלעג זיך טראַכטן, זאָל קומען װאָס סע האָט צו קומען, זאָל געשען װאָס סע האָט צו געשען, אױך דאָס ערגסטע — נאָר פּטור װערן.

מע קאָן דען אױסמײדן דאָס אומפאַרמײדלעכע?

איז זאָל געשען װאָס סע דאַרף געשען.

אפשר איז דאָס מײן אַ פּערזענלעכער חסרון? אָבער אַ פאַקט איז אַז תמיד בין איך געאײלט. װיפל מאָל האָב איך שױן געהאַט אױסצו־שטײן בלױז אומאָנגענעמלעכקײטן, נאָר בלױז דערפאַר װײל איך האָב זיך געאײלט!

אפשר איז עס נישט קײן פּערזענלעכער חסרון, נאָר װײל איך געהער צום עמא־פּזיזא, צום פאָלק װאָס אײלט זיך תמיד, הגם סע האָט נאָך קײן מאָל גאָרנישט פאַרשפּעטיקט?!

אײלעניש איז אַ סימן פון אומזיכערקײט. מע אײלט זיך, װען מע װיל פאַרכאַפּן דעם „איצט", דעם „שױן" װײל מע װײסט נישט אױף זיכער װעמען סע געהער דער „מאָרגן"...

װער איז נאָך אַזױ אומזיכער מיטן „מאָרגן", װי מיר?
דאָס איז אַ פּסיכאָלאָגישע דערשײנונג.

...חכמים װײסן, דורך זײער דערפאַרנקײט, אַז מע דאַרף זיך צו גאָר נישט אײלן. אדרבה. װאָס מער מע אײלט זיך, אַלץ מער איז מען אױסגעשטעלט אױף דער סכנה צו פאַרשפּעטיקן...

...אַ מענטש קאָן פאַרשפּעטיקן אין צװײ פאַלן: װען ער טוט גאָרנישט — און װען ער אײלט זיך צו פיל.

נישט אומזיסט זאָגט מען: מע דארף זיך איילן פאמעלעך... אָבער דאָך נישט רוען.

רוען אָדער אומרואיקער געאייל?

...נאָר טויטע, נשמות, קאָנען רוען.

לעבעדיקע רוען קיין מאָל נישט. תמיד זענען זיי אין א שטענדיקן אומרו, סיי ביי טאָג סיי ביי נאכט.

אויב א לעבעדיקער רוט — איז עס דאָך דער ערשטער סימן אז ער איז שוין מיט א פוס אין קבר, אָדער ער איז שוין א „קאנדידאט", אז סע וועט פיל שוין נישט געדויערן און ער וועט זיין צווישן די טויטע.

רו? בעסער אומרו... בעסער צו זיין געאיילט, ווייל כל-זמן מע איילט זיך — לעבט מען, איז מען אקטיוו...

אָפּשטעלן די צייט

ערגעץ־וואו, שטעטל־איין שטעטל־אויס, איז געווען אמאָל א ישוב אין וועלכן סע האָבן געלעבט צוויי ברידער...

זענען זיי טאקע געווען לייבלעכע ברידער, אָבער זיי זענען לגמרי נישט געווען ענלעך איינער צום צווייטן. אדרבה, מע דאַרף זאָגן, אז להיפוך: זיי זענען געווען אזוי אנדערש איינער פונעם אנדערן, אז קיינער וואָלט קיין מאָל נישט געקאָנט דערראָטן אז זיי האָט געבוירן איינע און די זעלביקע מוטער. נישט נאָר וואָס איינער איז געווען א דארער, הויט און ביין, א הויכער דראָנג, געוואקסן ווי אויף א טיטשקע די פאסאָליעס — און דער צווייטער איז גאָר געווען א נידעריקער, א דיקער, א באפלייטער, א באשמאלצטער, אז דער וואוילטאָג האָט ממש געררונען פון זיין פעטן פנים...

זענען זיי, ווי געזאָגט, טאקע געווען צוויי ברידער, אָבער זיי האָבן דאָך נישט געהאט דאָס זעלביקע מזל: בעת דער עלטערער איז געווען א לא־יוצלח — איז דער ייִנגערער געווען א בר־מזל.

אויב דער עלטערער האָט אמאָל זיך געוואָלט פארקוקן צום הימל, כדי צו דערזען א שטראל וואָס רינט פון דער ברענענדיקער זומערדיקער זון — איז תיכף דער הימל באדעקט געוואָרן מיט שווארצע וואָלקנס און סע האָט אָנגעהויבן גיסן ווי מיט עמערס וואסער, אזא גאָס־רעגן איז אָנגעקומען. איז גיי זוך ערגעץ צווישן וואָלקנס א פאָדעם פון א שטראל... אויב ער האָט זיך צוגערירט בלויז מיטן קלענסטן פינגערל צו א טייכל — איז דאָס טייכל תיכף אויסגעטריקנט אז א טראָפּן וואסער האָט מען מער דאָרט נישט געפונען... וואָס זאָל מען לאנג ברייען? ער איז מסתמה געווען א מזל־ברודער פון דעם באקאנטן אבן־עזרא, וועלכער סע האָט זיך באקלאָגט אין זיינע העברעאישע פערזן אויף זיין בידנע מזל, אז ווען ער זאָל געווען האנדלען מיט תכריכים וואָלט קיינער נישט געשטאָרבן און אויב ער וואָלט אמאָל געהאנדלט מיט ליכט, וואָלט קיין מאָל די זון נישט אונטערגעגאנגען.

אזא לא־יוצלח איז געווען דער עלטערער ברודער. בעת דער יינגערער ברודער איז געווען א בר־מזל פון מזל־לאנד... צו וואס ער האט זיך צוגעריכט, צו וואס ער האט צוגעלייגט זיין האנט — איז תיכף דערפון געוואקסן די ברכה. אויף אזעלכן זאגט מען דאך געוויינטלעך, אז ער איז געבוירן אין א הייבעלע...

ווי געזאגט זענען אמאל געווען צוויי ברידער. יעדער איינער פון זיי האט געלעבט מיט זיין מזל, מיט וועלכן ער איז געבוירן געווארן.

...ניין. עס איז נישט אמת. נישטא קיין מזלדיק געבוירענע און נישט־מזלדיקע. עס איז נישט פאראן א בר־מזל און א לא־יוצלח. נישט פאראן קיין גליקלעכע און אומגליקלעכע. זאגט דאך דאס גמרא־ווערטל: אין מזל לישראל. יידן לעבן נישט לויט א מזל.

יעדער איינער, ווען ער ווערט געבוירן, האט דאס זעלביקע מזל. יעדער איינער האט פאר זיך זיינע גוטע יארן און שלעכטע יארן. סיי זיי זענען אפגעציילטע זיבן גוטע יאר, סיי זיי זענען נישט אפגעציילטע און זענען מער ווי זיבן. בכלל, ווען סע גייט עמעצן גוט, ציילט ער זיי נישט און וועגט זיי נישט אויף דער וואגשאל, די גוטע יארן.

מע ציילט זיי נישט? א, דאס קאן מען שוין נישט זאגן אזוי זיכער, אז מע ציילט זיי נישט. סע קאן גאר זיין אז מע ציילט זיי דווקא יא. דער חילוק איז נאר — ווער סע ציילט זיי.

אין דער לעגענדע איז אנגענומען, אז יעדער איינער בשר־ודם האט זיינע כאטש זיבן גוטע יאר — דער אומגליק איז אבער וואס די גוטע יארן ציילט מען געוויינטלעך נישט און מע ווייסט נישט וויפל זיי זענען, דעמאלט ווען זיי זענען... צי זיי זענען זיבן צי מערער צי ווייניקער. יא, די זיבן שלעכטע יארן, אט יענע ציילט מען שוין דווקא יא.

ווען סע גייט איינעם חס־וחלילה שלעכט, דעמאלט פארגעסט מען נישט צו ציילן (און צו דערציילן!). ווי איינגעהאלטן מע זאל נישט זיין לאזט מען ארויס פון מאל צו מאל א זיפץ, א קרעכץ, און מע זאגט אן אויך פאר די מיטמענטשן, אז — מע געפינט זיך אין מזל פון די זיבן שלעכטע יארן...

אמת, עס איז נישט קיין שיינע געוואוינהייט צו קרעכצן. צו וואס טויג פארביטערן דאס לעבן אויך פאר די מיטמענטשן מיט אייגענע דאגות, ווען מע ווארט בכלל נישט קיין הילף פון די אנדערע? אדרבה, אפילו דאס אייגענע געמיט פארביטערט מען נאך מערער ווען מע זיפצט,

אבער, מע זיפצט דען ווען מע וויל אדער ווייל מע ווילז! א מענטש זיפצט ווען ער האט א שווער געמיט, ווען עפעס א דאגה צי חלילה א צרה פלאגט אים און ער פילט ווי א שווערער שטיין וואלט געפרעסט זיין הארץ — קרעכצט ער, זיפצט ער, כדי סע זאל אים גרינגער ווערן, כדי ער זאל קענען איבערדויערן.

אזוי איז ווען סע באפאלן דעם מענטש די זיבן שלעכטע יארן, די זיבן מאגערע יארן.

ווען סע קומען אן די זיבן גוטע יארן? יא, טאקע די זיבן גוטע פעטע יארן. ווייל עס איז דאך נישט פאראן קיין איין מענטש אויף דער וועלט, וועלכער זאל נישט האבן אין זיין לעבן אויך פון די זיבן גוטע יארן. יעדער איינער מענטש האט דאך אין זיין גורל אי די גוטע יארן אי די שלעכטע יארן. דער חילוק איז נאר, וואס טייל מענטשן האבן קודם די גוטע יארן, און ער גיט זיך אפילו נישט אפ קיין חשבון, אז אים גייט „גוט", ווייל ווען עס איז גוט דעמאלט נעמט מען אפילו נישט אין אכט, און טאקע דערפאר ווייסט מען נישט ווי אזוי זיך צו פרייען און הנאה האבן פונעם „גוטן" לעבן. יא, קודם זענען געווען די גוטע יארן, ווען מע האט זיי כמעט נישט באמערקט, אבער ווען זיי האבן זיך געענדיקט און עס איז געקומען די ריי פאר די זיבן שלעכטע יארן — דעמאלט האט מען אנגעהויבן זיך דערמאנען, אז פריער איז געווען גוט, אבער דעמאלט איז עס שוין „געווען" און עס איז שוין מער נישטא. דער מענטש האט אפילו נישט געהאט דאס באוואוסטזיין פון זיין „גוטן" לעבן. און דאס איז טרויעריק, אז א מענטש לעבט זיך אויס זיינע זיבן גוטע יארן און ער גיט זיך אפילו נישט אפ קיין חשבון דערפון.

אשרי, וואויל איז דעם מענטש, וועלכער איז באוואוסטזיניק שוין פון דער ערשטער מינוט אן, פונעם ערשטן שמייכל, פון דער ערשטער שטראל, וואס האט זיך באוויזן אין זיין פארוואלקנטן לעבן, אז סע האבן זיך אנגעהויבן, אדער סע האבן זיך בלויז אנגעזאגט, אז סע זענען אויפן וועג און באלד וועלן זיך באווייזן די זיבן גוטע יאר.

צי עס איז וויכטיק זיך צו דערוויסן באצייטנס, ווען מע לעבט א „גוטע" מינוט? אוודאי איז עס וויכטיק. און נאך וויפל עס איז וויכטיק.

ווייל, ווי געזאגט, האט דאך יעדער מענטש אין זיין לעבן אי זיבן גוטע יארן, אי די זיבן שלעכטע יארן — דער חילוק איז נאר, וואס טייל האבן קודם די זיבן גוטע יארן און ווען סע זאלן זיך אנ-

הייבן די זיבן שלעכט יאָרן, דעמאָלט טוען זיי א שטארב אוועק און דערלעבן שוין נישט די זיבן שלעכטע יאָרן... דאָס איז א מזלדיקער מענטש. זיין „גאנץ" לעבן האָט ער געלעבט „גוט".

אויב אזא מענטש איז באוואוסטזיניק וועגן דעם — לויפט ער אוועק צום פאָטאָגראף, כדי צו פאראייביקן דאָס דאָזיקע „גוטע" לעבן. אויף דעם בילד שמייכלט ער, א צופרידענער...

ווידער איז פאראן אויך א צווייטע זייט פון דער מטבע: א מענטש לעבט זיך אויס אין זיינע זיבן שלעכטע יאָרן, און ווען סע זאָלן זיך שוין אָנהייבן די גוטע יאָרן, ווען סע זאָל אויפשיינען אויך זיין זון, דעמאָלט טוט ער א שטארב אוועק און דערלעבט נישט אפילו טועם צו זיין פון די זיבן גוטע יאָרן.

דאָס איז א שלימזלניק. ער האָט נישט דערלעבט צו דערגרייכן זיינע באשערטע זיבן גוטע יאָר, צו וועלכע יעדער האָט דאָס רעכט.

א פארצייטיק פאָלקס-לידל פלעגט זאָגן „וואו זענען מיינע זיבן גוטע יאָר? אז נישט זיבן, זאָל כאָטש זיין א פאָר"...

א רעליגיעזער ייד, ווי באוואוסט, לעבט מיט חשבון. ער טוט זיך נישט קיין ריר און ווענד אין זיינע מעשים, אָן דעם אז ער זאָל נישט לויבן זיין ליבן גאָמען. גייט ער עסן, וואשט ער זיך און מאכט א ברכה; האָט ער געענדיקט דאָס עסן בענטשט ער.

אוודאי בעט זיך ביים ריבונו-של-עולם כמעט סיי וועלכער (אפילו נישט רעליגיעזער!) ווען עס גייט חלילה נישט אזוי גוט, ווען סע פאסירט מיט אים עפעס נישט-אָנגענעמס. אָבער נאָר א רעליגיעזער ייד וועט מאכן א ברכה און לויבן גאָט, ווען אים גייט גוט.

ווי נאָר סע באווייזט זיך א ברעקעלע פרייד, ווי קליין זי זאָל נישט זיין, וועט זי נישט פארלוירן גיין אומבאמערקט. א רעליגיעזער ייד וועט תיכף מאכן א „שהחיינו": געלויבט ביסטו גאָטעניו, וואָס דו האָסט מיך געשענקט דאָס לעבן, אז איך זאָל דערגיין לזמן הזה, צו דער דאָזיקער גליקלעכער מינוט, אז איך זאָל זיך פרייען מיט א יום-טוב, מיט א נייער פרי, צי מיט א ניי מלבוש. מיט סיי וואָס פאר א שטראל פון פרייד.

א נישט רעליגיעזער, ווי געזאָגט, וועט אויך פארהאלטן דעם גליקלעכן מאָמענט, מאכנדיק א פאָטא (ביי א חתונה, א ברית — נאָר נישט ביי א לוויה!) כדי צו פאראייביקן די „גוטע" מינוט.

איינער, וואָס איז בטבע נישט צופרידן מיט זיין גורל, וועלכן קיין מאָל איז גאָר נישט געגוג, יענער וועט נישט דערפילן די שטראַל פון גוטקייט, וואָס האָט פאַר אים אויפגעשיינט. יענער וועט קיין שהחיינו און אפילו קיין פּאַטאַ נישט מאכן — און ממילא וועט געמינערט ווערן אויך דאָס גוטע, וואָס דער גורל האָט אים יאָ צוגעשפּילט.

און אויב אַ מענטש ווייסט אָפּצושאַצן אַז אים איז „גוט" — דע־מאָלט איז אים טאַקע גוט. נאָך מער, דאָס גוטקייט ווערט געכפלט זיבן מאָל זיבן, דעמאָלט ווען ער איז באַוואוסטזיניק דערפון...

...זענען געווען אַמאָל צוויי ברידער. לייבלעכע ברידער, זענען זיי לגמרי נישט געווען ענלעך איינער צום צווייטן: איינער האָט געוואוסט ווען עס איז אים גוט און דער צווייטער...

די ערשטע קשיא

אין יענע יאָרן פלעגט דער זון פרעגן פיר קשיות און באַקומען דעם סטערעאָטיפּישן ענטפער פון „עבדים היינו". אין יענע ייִנגלעשע יאָרן האָב איך געפרעגט איין איינציקע קשיא. עס איז נישט געווען ביים סדר, אָבער פּסח איז עס דווקא יאָ געווען. איך געדענק נישט גענוי ווי אַזוי עס איז צו רייד געקומען, אָבער איך געדענק זייער גוט, בעת איך האָב געגעסן אַ פּסחדיק כרעמזל, אַ קעזל, און גערעדט מיט מיין פאָטער, זכרונו לברכה, האָב איך געשטעלט אַזאַ מין פראַגע:

— איצט, ווען איך עס דאָס כרעמזל — וואָס טוט גאָט? (איך האָב נאָך נישט געקאָנט דעם באַגריף „השגחה", האָב איך זיך אויסגעדריקט מיט מיינע קינדערישע ווערטער, גאָרנישט קיין וויסנשאַפטלעכע, אָדער פילאָסאָפישע!). ממה-נפשך (האָב איך געזאָגט מיטן גמרא-ניגון!): טוט ער אַזוי אַז איך זאָל עסן דאָס כרעמזל, איז דאָך מיין עובדה גאָר אויסגעשלאָסן; ווידער אַז ער טוט אַזוי אַז איך זאָל עס נישט עסן — איז ווי אַזוי דערקלערט זיך עס, וואָס איך בין עס ביכולת צו עסן? ווי אַזוי איז דאָס אין אַ תענית, ווען מע טאָר בכלל נישט עסן?!

מיין פאָטער האָט זיך נישט איבערראַשט פון מיין פראַגע. אדרבה, ער האָט זיך ווי געפרייט, וואָס זיין בן-יחידל איז איינער וואָס „ווייסט" צו שטעלן אַזאַ פראַגע — האָט ער גאַנץ רואיק מיר געענטפערט:

— דער בורא האָט געגעבן דעם מענטש די בחירה-חפשית, אַז ער זאָל אַליין אויסקלייבן אין זיינע מעשים, צו טון גוטס אָדער שלעכטס. פאַר די גוטע מעשים באַקומט דער מענטש אַ שכר, און פאַר די שלעכטע מעשים וועט ער באַקומען אַן עונש, סיי דאָ, אויף דער דאָזיקער וועלט, סיי דאָרט, אויף יענער וועלט... אמת, די תורה עצהט אונדז, אַז מיר זאָלן אויסקלייבן דעם גוטן וועג, פון לעבן, פונעם אייביקן לעבן, אי אויף דער וועלט אי אויף יענער וועלט...

אזוי האָט מיין פאָטער מיר דערקלערט, ער האָט עס געגעבן צו פארשטיין, אז איך, מיט מיינע קינדערישע השגות, פון א יינגל פון אונטער די צען יאָר זאָל עס קאָנען פארשטיין.

האָב איך עס טאַקע פארשטאַנען. אָבער טראַכטנדיק א ביסל ווייטער איבער זיינע רייד האָט זיך מיר געשטעלט אויך א ווייטערדיקע פראַגע. האָב איך אים געפרעגט:

— יאָ, עס איז איצט פאר מיר קלאָר, אז די בחירה איז ביים מענטשן אין די הענט. ער איז דער וואָס איז גערופן, אז ער זאָל אויסקלייבן צווישן די מעשים, אז ער זאָל טון א מצווה אָדער אן עבירה. דערנאָך, ווען ער האָט שוין אויסגעקליבן און האָט זיך אנטשלאָסן צו טון א מצווה, דעמאָלט האָט ער זיך איינגעקויפט א שכר, א גרעסערן אָדער א קלענערן, לויט דער וויכטיקייט פון דער מצווה (איך האָב מיר דעמאָלט פאָרגעשטעלט אז עס איז מסתמא פאראַן אזא וואָג צי מאָס, וואָס מעסט און וועגט די מעשים און מע שטעלט א פרייז פאר יעדער מצווה אָדער עבירה, און דער קאסירער, איך מיין דער מלאך וועלכער איז דער ממונה אויפן שכר, צי אויפן עונש — צאָלט עס אויס, ווי מע צאָלט אויס א קוויטל!).... אָבער איך פרעג זיך: וואָס טוט אין יענער מינוט דער ריבונו־של־עולם? ער האָט דאָך די אויבערהארשאפט אויף אלע באשעפענישן. וואָס טוט ער, וואָס פאר א געדאנק גיט ער מיר אין יענעם מאָמענט (אויב אָן זיין ווילן פאלט נישט אראָפּ אפילו א סטעבלע שטרוי פון א וואָגן היי, דארף ער דאָך דיריגירן אויך מיט מיינע געדאנקען!) איז ער דער וואָס שטויסט מיין געדאנק צו דער מצווה איז קומט דאָך מיר נישט דער שכר, נאָר אים — ער האָט דאָך אויסגעוויילט די מצווה, נישט איך... ווידער, אויב גאָט האָט מיר געגעבן די עצה (אפילו דורכן יצר־הרע!) צו טון די עבירה — איז וואָס בין איך שולדיק, פאר וואָס זאָל איך געשטראָפט ווערן און גיין אין גיהנום פאר אן עבירה, וואָס ער האָט מיר אונטערגערוקט אונטער די הענט, און טאַקע א שטויס געטון די האנט צו דער דאָזיקער פארשאָלטענער עבירה?...

— נישט גאָט האָט דיר געשטויסן די האנט צו דער עבירה — האָט שוין מיין פאָטער זיך צעשריגן אן אויפגערעגטער — דאָס האָט געטון דער יצר־הרע דיינער. ער האָט דיך געטריבן צו דער עבירה, אָבער דו האָסט געהאט דעם חוב אים ביי׳צוקומען...

— אויב דער יצר־הרע, איז ווער האָט באַשאַפן דעם יצר־הרע?

— האָב איך זיך באַלד אָנגעכאַפּט אין פּאָטערס רייד און אים נישט געלאָזט ווייטער אויסרעדן — אויב דער יצר־הרע איז באַשאַפן געוואָרן מיך צו שטויסן צו אַן עבירה, האָט ער דאָך יענעם כוח באַקומען פונעם באַשעפער, וואָס זשע קאָן איך שוין טון קעגן רצון פונעם באַשעפער, אויך ווען יענער רצון איז אויסגעדריקט דורכן יצר־הרע?!

— דו האָסט אָבער אויך א יצר־טוב! — האָט מיין פּאָטער זיך שוין צעשריגן אויף נאָך א העכערער אָקטאַווע — יעדער מענטש האָט אי א יצר־טוב אי א יצר-הרע, איינער שלעפּט דעם מענטש צו טון מצוות און דער צווייטער שלעפּט דעם מענטש צו טון עבירות — דער מענטש, דאַרף אויסקלייבן צווישן זיינע מעשים, ער דאַרף גובר זיין דעם יצר־הרע און אויסהערן נאָר די עצות פונעם יצר־טוב...

איך האָב געזען, אַז דער שמועס איז שוין א מסוכנדיקער. ביז איצט האָבן מיר גערעדט ווי צוויי חברים, געדולדיק. דער פּאָטער האָט מיר געענטפערט חבריש, ווי איינער וואָס ווייסט מער פון מיר, אָבער איצט האָט דער שמועס אָפּגעווייכט פונעם געוויינטלעכן נאָרמאַלן וועג. ער איז שוין געווען אויפגערעגט און געשריגן אויף מיר... איך, איך קאָן נישט איבערשרייען מיין פּאָטער — ער איז דאָך א פּאָטער און מע דאַרף האָבן דרך־ארץ...

האָב איך ווייטער געגעסן די כרעמזלעך און געשוויגן. אויך מיין פּאָטער האָט געשוויגן. ווייזט אויס, אַז ער האָט געוואַרט אַז איך זאָל נאָך עפּעס זאָגן, אָדער עפּעס פרעגן. איך האָב אָבער געשוויגן. איך האָב גאָרנישט געפרעגט. ווייל דאָס איז שוין נישט געווען צום אָפּפרעגן. איך האָב דאָך שוין נישט געהאַט צו טון מיט קיין ארגומענטן, לאָגישע, נאָר מיט „איבערשרייען" און דאָס איז זייער איבערצייגנדיק פאַר א זון, וועלכער וויל נישט אקעגנרעדן זיין פּאָטער.

האָט ער איבערגעחזרט די לעצטער ווערטער, כדי דאָס שווייגן זאָל נישט אויסזען אַזוי פיינלעך:

— ביידע האָבן די זעלביקע רעכטן איבער דעם מענטש. אי דער יצר־טוב אי דער יצר־הרע. ביידע האָבן די פרייע האַנט און האָבן דאָס רשות איבערצוּרעדן דעם מענטש צו טון גוטס אָדער שלעכטס...

— ביידע האָבן די זעלביקע רעכטן?! — האָב איך זיך נישט בעקאָנט צוריק האַלטן און נישט פרעגן. האָב איך עס געטון מיט אַן איינגעהאַלטענעם טאָן, כדי אים נישט צו דערצערענען.

— ביידע — האָט מיין פאָטער קורץ מסכים געווען. אָבער מיט אן אנטשלאָסענעם טאָן, גלייך ער וואָלט געווען דער, וועלכער גיט די רעכטן...

— אויב ביידע האָבן די זעלביקע רעכטן — האָב איך שוין ווידער געפרעגט מיט א ביסל עזות — הייסט דאָך דאָס, אז אי דער יצר־טוב אי דער יצר־הרע שטייען אין א וואָגשאָל, וועמענס צינגל איז געבליבן שטיין אין דער מיטן — נישט רעכטס און נישט לינקס, אויב דו זאָגסט אז ביידע האָבן די זעלביקע רעכטן, הייסט דאָך עס, אז ווי באַלד איך ווייז ארויס אפילו א גאָר ביסעלע רצון פון מיין זייט אויסצוהערן דעם יצר־טוב, דעמאָלט בייגט זיך תיכף די וואָגשאָל צו דער זייט פון די מצוות, ווייל אזוי קומט דאָך אויס לויט דעם חשבון — איז דאָך גאָר לייכט בייצוקומען דעם יצר־הרע... מיט וואָס זשע דערקלערט זיך עס וואָס דער יצר־טוב האָט אזוי ווייניק קונים? פאַר וואָס זשע קומט אָן אזוי שווער צו טון א מצווה, בעת אן עבירה איז אזוי לייכט צו טון?!

— בעסער לאָמיר גיין דאַווענען — האָט מיין פאָטער געענדיקט אונדזער וויכוח. ער האָט זיך אויפגעהויבן און געגרייט אין וועג, אָבער ער האָט אויך מיך מיטגענומען. צוליב וואָס ער האָט מיך מיטגענומען האָב איך געזען ערשט דאָרט, אין בית־המדרש, ווען ער האָט מיך איבערגעגעבן אין די הענט פונעם פעטער לייבוש, אז ער זאָל מיר אויפקלערן מיינע קשיות...

דעם פעטער לייבוש האָב איך נישט געקאָנט פרעגן אזוי אָפן מיינע קשיות. איך בין דאָך מיט אים נישט געווען אזוי אינטים ווי מיט מיין פאָטער. האָט מיין פאָטער געמוזט נאָך מנחה־מעריב זיך אוועקזעצן מיטן פעטער לייבוש און מיך האָט מען געלאָזט שטיין אויף די פיס. דער פאָטער האָט אָנשטאָט מיר געשטעלט די ערשטע פראַגע, די איבעריקע האָב איך שוין געשטעלט אליין, אזוי ווי איך האָב זיי געשטעלט פאַר מיין פאָטער.

דער פעטער לייבוש איז אָבער נישט געווען אזוי גרייט צו אזעלכע וויכוחים ווי מיין פאָטער. ער איז געווען מער קאַטעגאָריש. ער האָט זיך נישט אריינגעלאָזט מיט מיר אין אזעלכע פאַרפּלאָנטערטע וויכוחים. ער האָט קודם־כל מיר אונטערגעהאַקט מיינע „פליגל“:

— א ייד, א בעל־מאמין, שטעלט נישט קיין קשיות — ער גלייבט אז די השגחה עליונה איז דער איינציקער כוח אויף דער גאנצער וועלט, אחוץ איר איז נישטאָ קיין שום... גאָרנישט. קיין שום בריאה אויף דער וועלט טוט אפילו נישט קיין ריר אפילו וויפל א האָר אָן דער הסכמה פון דער השגחה... א ייִנגל ווי דו (דאָס הייסט ווי איך!) דאַרף זיך אָפּגעבן מיט לערנען תורה, דאווענען מיט כוונה און זיך נישט אָפּגעבן מיט שלעכטע כוונות, מיט שטותים פון פרעגן קלאָץ־קשיות... לאָמיר גיין אהיים.

„לאָמיר גיין אהיים" האָט געהייסן, אז דער שמועס האָט זיך פאַרענדיקט איין מאָל פאַר אלע מאָל. מער האָט מיין פעטער לייבוש מיט מיר וועגן דעם נישט גערעדט — תורה האָט ער מיט מיר יאָ געלערנט. פיל געלערנט. מיך געהאַלטן ווי זיינס גלייכן און געלערנט מיט מיר צוזאמען. אויב אויך היינט קומט מיר אויפן זיכרון א מימרא פון דער גמרא, פון פּסוקים צי אפילו פון זוהר — איז עס צו פאַרדאַנקען מיין פעטער לייבוש, רוען זאָל ער אין ליכטיקן גן־עדן...

אויף יענער קשיא אָבער האָב איך ביזן היינטיקן טאָג נישט באַקומען קיין ענטפער...

וועל איך אויסזאָגן דעם אמת, אז יענע קשיא איז שוין בכלל נישט אַקטועל. סע זענען שוין היינט פאַראַנען פיל האַרבערע קשיות.

„יענע וועלט"

וואו איז דאָס גיהנום, וואו איז דאָס גן־עדן?

תמיד איז עס אויף „יענער וועלט". אמת, דאָס קאָן מען נישט דערקלערן מיט ראיות און מיט קיין ארגומענטן. אָבער מיט דער צייט פארשטייט מען עס שוין אליין אויך.

מיט דער צייט, פארשטייט מען דעם חילוק צווישן דיביידע „וועלטן": בעת אויף דער ערדישער וועלט לעבט מען מיט חלומות וועגן דעם וואָס סע וועט זיין אויף „יענער וועלט" — לעבט מען אויף יענער וועלט מיט די זכרונות פון „דער וועלט".

דער לעבעדיקער חלומט תמיד וועגן דער צוקונפט, ווידער אַן „אָפגעלעבטער" טרייסט זיך מיטן עבר, מיט די זיכרונות, וואָס עס איז געווען אמאָל...

...אין דעם זינען איז פאראַן אויך א גיהנום און אויך א גן־עדן. די צוקונפט איז דער גן־עדן? דער עבר דער גיהנום? — יעדער מיט זיין מזל, יעדער מיט זיין „וועלט".

אזוי ווי פייגל

אומזיסט באקלאָגן זיך אייניקע, אז זיי האָבן פאַרלוירן זייער חלק עולם־הבא צוליב זייערע קרובים פון אויסלאנד, וועלכע זענען א „פסיל אין דער משפחה” און שאַדן זייער קאריערע...

נישט ריכטיק!

סע האָט עס נאָך קיינער קיין מאָל קיינעם נישט געזאָגט. ניין. מע האָט עס אָפן נישט געזאָגט.

געזאָגט האָט מען, אז מע האָט „רעאָרגאניזירט” דעם גן־עדן און בעתן רעאָרגאניזירן איז דער אָדער יענער ארויסגעבליבן, אָן זיין חלק עולם־הבא, אָן זיין שטול אין גן־עדן...

סע געשעט ביים „רעאָרגאניזירן” ווי מיט א מחנה פייגל אויף א הויכן קארשן־בוים.

האָט מען געשטערט די רו פון די פייגל אויפן בוים — זענען זיי זיך צעפלויגן, ווער וואו סע האָט געקאָנט פליטה מאכן. סע געדויערט אָבער נישט צו פיל צייט און די פייגל, די זעלביקע וואָס זענען פריער געווען אויפן זעלביקן בוים, קומען צוריק און באזעצן זיך פונסניי אויף די צווייגן פונעם גלותדיקן קארשן־בוים.

סע ווייזט אויס, ווי סע וואָלט אייגנטלעך גאָרנישט געשען; אז מע קוקט זיך בעסער צו, זעט מען אז נישט די זעלביקע פייגל האָבן זיך געשטעלט איצט, נאָכן „רעאָרגאניזירן” אויף די זעלביקע ערטער, אויף די זעלביקע צווייגן...

וואָס איז גורל?

דער כאַראַקטער פונעם מענטש — דאָס איז זיין גורל.

דאַכט זיך, אַז שפינאָזע האָט עס געזאָגט. נו, איז ער טאַקע געווען א גרויסער חכם, אָבער דאָך האָט ער נישט געמוזט וויסן אַלצדינג.

צי אפשר האָבן מיר נישט אויסגעטייטשט גוט דעם דאָזיקן פסוק?!

אמת, דער מענטש איז טאַקע זיין אייגענער שונא, אָבער דאָך איז עס נישט תמיד ער, וועלכער טוט אַל דאָס בייז קעגן זיך גופא. מיט וואָס, למשל, זענען שולדיק געווען יענע קרבנות, וועלכע זענען אומגעקומען אין ערד-ציטערניש, בעת אנדערע, וועלכע האָבן געוואוינט אין זעלביקן הויז, האָבן דאָס איבערגעלעבט? איז דער גורל געשטאַנען ביי זיי, אין זייער כאַראַקטער?

און יענע, וועלכע קעמפן אין א טראַנשעע, איינעם טרעפט אָן א „בלינדע" קויל און דער צווייטער ווערט ניצול — ליגט דען דאָס אין כאַראַקטער פונעם מענטש? צי איז עס צופאַל, „בלינדער מזל" פונעם בעל-כורחך אתה חי?

וואו זשע איז די „בחירה חפשית" וואָס זאָגט, אַז דער מענטש האָט די ברירה זיך אויסצוּוויילן דעם וועג אויף וועלכן צו גיין, אָדער די מעשים וואָס ער זאָל טון?

אויב עס איז שוין פון „בראשית" דעטערמינירט אַלץ וואָס דער מענטש טוט אָפּ אין זיין לעבן, אין זיין גאַנץ לעבן — פאַר וואָס זשע איז ער פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיינע מעשים, וואָס ער האָט „געמוזט", צו מאָל אויך קעגן זיין ווילן, טון?

אמת, מע זאָגט אַז דער מענטש האָט די ברירה אויסצוקלייבן צווישן די עצות פונעם יצר-הרע און יענע פונעם יצר-טוב. ווער איז אָבער דער, וועלכער זאָל אים אונטערזאָגן וועמען אויסצוהערן? ווער ווייזט אים אָן מיטן פינגער וועלכער עס איז דער יצר-טוב? זיי שטעלן זיך דאָך ביידע פאַר ווי מיט גוטע כוונות, וועלכע מיינען מכלומרשט בלויז זיין טובה, פון וואו זשע זאָל דער בשר-ודם וויסן ווער עס איז דער אמתדיקער פריינד זיינער?

מוז ער געבעך אליין אויסקלייבן, אבער ווען ער ווייסט אפשר שוין וועמען אויסצוהערן — דעמאָלט איז שוין געווינטלעך צו שפעט...

די טענה, אז צדיקים ווייסן יאָ אויסצוקלייבן צו דער צייט, וועלכער עס איז דער יצר־טוב — דאָס איז נישט אמת. וואָלט עס טאקע יאָ אזוי געווען, וואָלטן דאָך די צדיקים קיין מאָל נישט געזינדיקט, און געזינדיקט האָט אפילו אויך משה רבינו?!...

נו, וואָס זשע שרייבט פיר דעם מענטש זיין גורל, זיינע וועגן, אויף וועלכע ער זאָל גיין גלייך און נישט בלאָנדזשען אין לעבן?

איז דאכט זיך שפינאָזע נישט גערעכט. אדרבה, וואָס בעסער זיין כאראקטער אלץ ביטערער איז דער גורל ביי יענעם מענטש.

והא ראייה: דער גורל פון שפינאָזען גופא...

קינדער־קראנקייט

זיין, דעם גלויבן אין דער מענטשהייט דארף מען נישט פארלירן.

עס איז קלאָר, צי עמעצער וויל יאָ צי נישט, איז געהער תמיד די צוקונפט פון דער געזעלשאפט דער נייער וועלט. מעג זיין דער וועג אפילו זיגזאגיק, מיט „ארויפן" און „אראָפּן", מעג זיין אז סע וועלן נאָך זיין אפילו קרבנות, וועלכע זאָלן האָבן צו ליידן עוולות, וואָס זענען אויף דער מחיצה צווישן טראגישן און קאָמישן — דאָך וועט תמיד די נייע געזעלשאפט זיגן.

דאָס איז דער איינציקער וועג און אויסוועג פאר דער אנט־וויקלונג פון דער מענטשלעכער געזעלשאפט.

ווי אזוי די געזעלשאפט וועט אויסזען?!

אָט דאָס איז שוין א גאָר אנדערע פראגע, אויף וועלכער מע האָט קיין מאָל נישט געקאָנט ענטפערן גאנץ קלאָר. איין זאך איז אָבער אלע מאָל יאָ געווען זיכער, אז אזוי, ווי עס איז געווען נעכטן איז שוין נישט היינט, און סע וועט זיכער נישט אזוי אויסזען מאָרגן.

אָט דאָס איז נישט בלויז די האָפענונג, נאָר אויך די טרייסט...

...ווען אָדם און חווה האָבן געבוירן זייער קינד (דאכט זיך, אז עס איז געווען דער טרויעריק־בארימטער „קין"), האָבן זיי זיך מוראדיק פארזאָרגט: ווי אזוי דאָס? ער איז שטום, ער קאָן נישט גיין אויף זיינע פיס? בקיצור, ער האָט אלע חסרונות.

האָבן זיי געמיינט, אז אזוי וועט ער פארבלייבן אויף תמיד, אויף זיין גאנץ לעבן. פון וואנען זאָלן זיי געווען וויסן, אז יעדעס קינד ווערט געבוירן אומבאהאָלפן און שפעטער וואקסט עס אויס? קודם וואקלט זיך עס, לערנט זיך שטעלן א טריט, ביז סע גייט... קודם שטאמלט עס, דערנאָך רעדט עס... פון וואנען זאָלן זיי עס געווען וויסן? זיי האָבן דען געזען אמאָל ווי אזוי סע וואקסט א קינד?

אזוי גייט עס מיט אלעמען, וואָס ביים אָנהייב זעען זיי אויס ווי צו זיין „חסרונות". פאקטיש איז עס דאָך דער סדר פון וואקסן.

מע דארף נישט מישפטן לויטן „נעכטן“, צי גאָר לויטן „היינט“, מע דארף זען אין דער פערספּעקטיוו. דאָס הייסט צו דעם „מאָרגן“ — און דאָס ווייסט נאָך קיינער נישט ווי אַזוי סע וועט אויסזען. מע קאָן זיך אָבער משער זיין, אַז אויב דער „היינט“ איז אַנדערש פונעם „נעכטן“, איז אַ באַווייז, אַז אויך דער „מאָרגן“ וועט נישט זיין פּונקט ווי דער היינט, נאָר לגמרי אַנדערש ווי דער „היינט“.

אפשר וועט מען „מאָרגן“ אין זינען האָבן נישט בלויז די „מענטשהייט“ נאָר אויך דעם מענטש?!

...די ביאָגראַפיע פון אַ מענטש מעסט זיך אין יאָרן — די געשיכטע פון דער מענטשהייט מעסט זיך אין יאָרהונדערטער.

דאָס איז נישט בלויז די האָפענונג, נאָר אויך די טרייסט.

מעדאלן

...מעדאלן, פארשטייט זיך, דארף מען פארדינען מיט העלדנטאטן מיט אויפטוען, וואָס שיידן זיך לגמרי אויס פונעם דורכשניט.

און דאָך — נישט יעדער וואָס האָט א מאָל באקומען א מעדאל איז א „גיבור".

...בכלל זענען אין לעבן פאראן צוויי ערטער: אויף איין אָרט קאָן מען פארדינען א מעדאל, און אויף אן אנדערן טיילט מען צו די מעדאלן...

איז דאָס נישט זעלטן אָפּהענגיק אין דעם, וואו מע געפינט זיך אין א געוויסער צייט: דאָרט וואו מע פארדינט, צי דאָרט וואו מע באקומט די מעדאלן. צי די ליטעראטור-פרייזן...

עס איז א מזל זאך?!

איך גלייב נישט אין קיין מזל, אָבער דאכט זיך, אז עס איז דאָך גוט צו האָבן מזל...

מע דאַרף זײַן טאָלעראַנט

יאָ, אויך איך, ווי איר, ווי מיר, זענען תמיד גערעכט. איך קאָן שווערן אַז איך בין גערעכט.

איך קאָן זיך וועטן אַז איך בין גערעכט... מיט וועמען זשע זאָל איך זיך וועטן? אויף צו וועטן זיך דאַרף מען האָבן אַ צד שכנגד, וואָס זאָל גרייט זײַן זיך צו וועטן. איינער, וואָס זאָל בײַ זיך זײַן זיכער, ניין, ער זאָל זײַן מער ווי זיכער, אַז ער איז גערעכט, נישט איך...

אָט פאַר וואָס סע טויג בכלל נישט זיך צו וועטן.

פאַר וואָס?

יעדער פון די בײדע צדדים, וועלכע וועטן זיך, האַלטן שטאָל און אײַזן, אַז ער איז גערעכט. אויף דעם איז דאָך באַזירט דאָס גאַנצע וועטן, וואָס יעדער איינער איז גאַנץ זיכער בײַ זיך, אַז נאָר ער איז גערעכט, און דאָס וואָס ער זאָגט איז דער גאַנצער אמת.

דער אומגליק איז אָבער, וואָס אַלע בײדע טראַכטן דאָס זעלביקע. יעדער איינער איז זיכער אַז ער איז גערעכט און דער אַנדערער האָט אַ טעות.

אָט דאָ איז דער גאַנצער טעות, וואָס אַלע בײדע, יעדער איינער פון די צוויי צדדים ווייסט, אָדער מיינט אַז ער ווייסט, אַז איינער פון זיי מוז דאָך האָבן אַ טעות, ווײַל קיין צוויי אמתן זענען דאָך נישט פאַראַן.

אָבער קיין איינער פון זיי וויל נישט דערלאָזן דעם געדאַנק, אַז דער טעות איז דווקא בײַ אים גופא.

דאָס איז דער גאַנצער אומגליק, וואָס קיין איינער פון זיי וויל נישט דערלאָזן, כאָטש אין פּרינציפּ אַז אויך ער קאָן האָבן אַ טעות...

וואָלט ער דערלאָזט אָט דעם געדאַנק, וואָלט ער דאָך זיך נישט געוועט.

„צו“ פיל גלייבן

וואָס „צו“ איז איבעריק.

א מענטש דארף נישט גלייבן צו פיל אין גאָרנישט. אלץ דארף זיין מיט א מאָס.

אפילו אין נישט-גלייביקייט דארף מען אויך נישט גלייבן „צו“ פיל... מע טאָר נישט זיין א „צו“ נישט-גלייביקער.

יאָ, אין גאָרנישט דארף מען נישט גלייבן צו פיל:

א חסיד דארף נישט גלייבן צו פיל אין זיין רבי;

א מאן דארף נישט גלייבן צו פיל אין זיין ווייב;

א גלייביקער דארף נישט גלייבן צו פיל אין זיין גאָט (צי אין זיין אָפּגאָט!).

יענע וואָס האָבן יאָ געגלייבט צו פיל, ווי עס איז געווען נייטיק, יענע האָבן זיך זייער מיאוס אנטוישט:

דער חסיד איז געבליבן אָן א רבי, ווייל סוף-כל-סוף האָט זיך מסתמא ארויסגעוויזן, אז ער איז אויך נישט מער ווי א בשר-ודם...

דער מאן איז געבליבן אָן זיין ווייב, ווייל זי איז אנטלאָפן (אָדער נאָך ערגער: זי איז נישט אנטלאָפן!) מיטן ערשטן מאן, וועלכן זי האָט באגעגנט, מיינענדיק אז דאָס איז איר „אמתער“ געליבטער, וועלכער וועט זי גליקלעך מאכן...

און דער אָבערגלייביקער (צו פיל גלייבן, הייסט דאָך אייגנטלעך דאָס זעלביקע ווי אָבערגלויבן!), איז געבליבן אָן זיין געץ...

גלייבן? יאָ, אָבער נאָר מיט דער מאָס, אויף וויפל עס איז נייטיק, נישט מער און נישט ווינציקער...

ליבע איז אויך פארגענגלעך

ביי יעדן „ערשטן מאָל" איז עס אַזוי.

אַזוי איז אויך אין לעבן פון אַ מענטש און נישט בלויז פון אַ מענטש, און נישט בלויז אין לעבן...

אַזוי איז אויך ביי דער ערשטער ליבע, און נישט בלויז ביי דער ערשטער און נישט בלויז ביי דער ליבע...

דער מענטש דערזעט זיך, צו מאָל, ווי אַן אָרעמאַן אויף אַ פרעמדער נישטפאַרבעטענער חתונה. ער איז אומבאַהאָלפן אין זיינע באַוועגונגען, ווי אַ רעקרוט וועלכער איז נאָר וואָס אָנגעקומען אין דער קאַזאַרמע. ער איז שוין אָנגעטאָן מיטן מיליטערישן מונדיר, אָבער ווי מע דאַרף כאָטש באַגריסן אַ העכערן ראַנג — דאָס ווייסט ער נאָך נישט ווי אַזוי מע טוט עס.

...יעדער מאַן מיינט אין זיין ערשטן יאָר נאָך דער חתונה — בעת ער איז נאָך אַ רעקרוט — אַז קיינער האָט נישט קיין פרוי, בלויז ער... אין צווייטן יאָר נאָך דער חתונה, הייבט ער צו ביסלעך אָן באַמערקן אַז אויך אַן אַנדערער האָט אַ פרוי, נישט נאָר ער... אין דריטן יאָר נאָך דער חתונה, טראַכט ער זיך: הלוואַי וואָלט איך אויך נישט געהאַט...

אַזוי איז אויך אין דער ליבע, און נישט בלויז אין דער ליבע.

אַזוי איז אויך אין דער פּאָליטיק, אין דער קונסט, און נישט בלויז אין דער פּאָליטיק און נישט בלויז אין דער קונסט...

אַזוי איז אויך אין לעבן און נישט בלויז אין לעבן...

נישט „דאָ"

פאַר וואָס שרייבט מען אונטער א פסעוודאָנים?

פאַר וואָס לאָקאַליזירט מען, געוויינטלעך, אין א דערציילונג, אַז דאָס דערציילטע איז געשען נישט „דאָ" נאָר אין בוידבעריק?

...איך בין זיכער, הגם איך קאָן עס נישט באַווייזן און אפילו קיין עדות נישט געפינען, אַז אויך די דראַמע פון „האַמלעט" איז נישט געשען אין דענעמאַרק.

איך מיין, אַז שעקספּיר איז אין דענעמאַרק קיין מאָל נישט געווען. אדרבה סע זענען פאַראַן מיינונגען, אַז עס האָט קיין מאָל נישט עקזיסטירט קיין שרייבער מיטן נאָמען „שעקספּיר". אַן אַנדערער האָט זיך אויסבאַהאַלטן אונטער אַזאַ נאָמען.

מעגלעך אַז עס איז אַזוי. איך האָב נישט אין דעם קיין פּערזענלעכע מיינונג. פאַר מיר איז עס היינט בכלל נישט וויכטיק.

אָבער אַז אין יענער צייט, ווען עס איז געשריבן געוואָרן די דראַמע „האַמלעט", איז געווען א צענזאָר ביים קיניגלעכן הויף — אין דעם בין איך מער ווי זיכער...

„לעבעדיקע" זענען האלוצינאציעס

אויף יענעם עולם איז אלץ להיפוך ווי אויף דעם עולם...

פונקט אזוי ווי לעבעדיקע קאָנען נישט זען קיין מתים, אזוי זעען אויך נישט די מתים קיין „לעבעדיקע".

אויפן עולם־האמת, אז א מת, צי א נשמה, דערציילט פאר אן אנדערער נשמה, איר א קבר־שכן, אז זי האָט געזען א „לעבעדיקן", קוקט מען אויף איר מיט א חשד, צי זי האָט חלילה נישט פארלוירן דעם שכל־הישר.

קודם רעדט מען אויס דער נשמה, אז דאָס זענען נאָר האלוצינאציעס, בייזע קאָשמארן, ווייל „לעבעדיקע" זענען דאָך בכלל נישט פאַראַן אויפן עולם־אמת.

און טאָמער געפינט זיך דאָך איין נשמה, וואָס האלט זיך ביי איר, מיטן גאנצן עקשנות פון אן איינגעעשפארטער נשמה, אז זי האָט געזען אָדער געחלומט א „לעבעדיקן" — פירט מען זי צו א פסיכיאטאָר...

אויף יענעם עולם איז אלץ להיפוך?

ניין, אויף דעם עולם — דאָ איז אלץ להיפוך...

ווארטן

ווארטן הייסט האָפן, הייסט זיין געדולדיק — אָבער נישט דווקא רואיק. אדרבה, וואָס מערער סע געדויערט דאָס ווארטן, אלץ גרעסער וואַקסט דער אומרו.

אז מע ווארט, הייסט אז מע לעבט און מע ווארט נאָך עפּעס פונעם לעבן. נישט ווארטן, איז ווי אָפּגעלעבט, כמעט טויט.

ווארטן איז נישט צוווארטן. ווארטן איז אויף א לענגערער צייט, בעת צוווארטן איז אויף א ביסל צייט — אָט-אָט און סע וועט געשען.

אין מאָמענט ווען מע האָט אויפגעהערט צו ווארטן, איז עס דער ערשטער סימן, אז מע געזעגנט זיך מיטן „לעבן".

ווארטן איז פארדריסלעך, איז אויך צו מאָל פּיינלעך, איז באאומרואיקנדיק, איז שלאָפלאָזיקייט, איז כמעט פארצווייפלונג — דאָך איז בילכער צו ווארטן, כדי זיך צו דערווארטן — איידער נישט צו ווארטן און דערלעבן סורפּריזן.

סורפּריזן זענען בכלל נישט געזונט, אויך אפילו דעמאָלט ווען זיי זאָגן אָן גוטע בשורות. א סורפּריז, א נישט-דערווארטער, איז צו מאָל ווי א טויטקלאַפּ, הגם ער איז א דערפרייענדיקער: מע האָט גע־וואונען אויף דער לאָטעריע. יאָ, בעסער ווארטן איידער סורפּריזן.

ווארטן האָט אָבער א גרענעץ. אזוי לאנג ווי דאָס ווארטן איז אין גדר פון בענקען, איז עס א זיסער חלום, איז עס א ווינטש־טרוים, איז עס א האָפענונג. איז עס אן ארויסקוק צום עתיד. ווען דאָס ווארטן הייבט אָן זיך פארוואנדלען אין א יאושדיקן אָפּזאָגן זיך פון בענקען, ווערט דאָס ווארטן אפּאטיש גלייכגילטיק, יאוש — און יאוש איז ווידער א מאָל דער ערב פון אָפּלעבן.

בכן, ווארטן מיט ווארטן איז נישט גלייך: פאראַן, אז נאָך איידער מע דערווארט זיך דעם רעזולטאַט, איז דאָס ווארטן גופא צו מאָל זיס ווי א שמייכל פון א זויגלינג; צו מאָל זויער ווי דער אויסזע פון א פארזעסענער עגונה; צו מאָל ביטער ווי די קינדהייט פון א יתום; צי מאָל געזאַלצן ווי די טרער פון א באליידיקטן...

פאראַן אַ וואָרטן, איבערגעלאָדן מיט אומרו-בענקעניש: ווען אַ גוף גלוסט צו אַ גוף; ווען אַ נשמה לעכצט נאָך אַ מונטער-וואָרט; ווען מע וואַרט אַן ערשטע געבורט; ווען מע וואַרט אַ „יאָ" פון אַ שיר-השירימדיקער שולמית; ווען מע גאַרט נאָך אַ קוואַל אין אַ דורשטיקער מידבר; ווען מע הונגערט נאָך אַ שטיקל ביטחון און אַ ברעקל פרייד; ווען מע וואַרט אַן אויסוועג פון אַ סכנה, אין וועלכער מע האָט זיך פאַרפּלאָנטערט מיט די אייגענע הענט; ווען מע זוכט די „שטרוי" זיך אָנצוכאַפּן, ווען מע טרינקט זיך אין שינאה-כוואַליעס; ווען מע קוקט אַרויס נאָך אַ רעטונג-נס, וואָס פאַרשפּעטיקט צו קומען; ווען מע בלאָנדזשעט אָנצוטאַפּן דעם וועג, וואָס זאָל פירן צו זיך גופא; ווען מע וואַרט אַז אַ גזר-דין זאָל בטל ווערן; ווען מע וואַרט נישט אַזוי אויפן דאָקטער, ווי אויף דער רפואה; ווען מע האָפט אַז די מי זאָל ביישטראָגן צו דער דערלייזונג, אַז דאָס זיך מקריב זיין זאָל דערפירן צום ציל פונעם אידעאַל; ווען מע שטרעבט אַז דאָס לעבן (און צו מאָל אויך דער טויט!) זאָל דערפירן די געזעלשאַפט צו אַ העכערער מדריגה.

עס איז בכן גוט ווען מע וואַרט. מסתמה האָט מען וואָס צו וואַרטן — און ממילא זיך צו עפּעס דערוואַרטן... אָבער, דאַכט זיך, אַז עס איז בעסער ווען מע ווערט דערוואַרט — הייסט עס, אַז עמעצן פעלט מען אויס.

וואַרט מען, איז קאָן זיין, אַז מע זאָל זיין אויך אַן איבעריקער. טאָקע דערפאַר, וואָס לענגער עס איז דאָס וואַרטן, אַלץ קלענער דאָס חשיבות פונעם וואַרטער, אַלץ קלענער די האָפענונג, אַלץ קלענער זענען די אויסזיכטן.

און דאָך, וואַרטן דאַרף מען, אפילו אויף משיחן..

אשרי האיש, וואָרום איז דעם, וועלכער קאָן זאָגן: אני מאמין, איך גלייב (נישט פשוט, פון אינערציע, צי פון נויט — נאָר:) באמונה שלימה, מיט אַ פולשטענדיקער הייליק-זיכערער אמונה, אַז „משיח" וועט קומען און ברענגען מיט זיך „משיחס-צייטן", פון גשמיותדיקער און רוחניותדיקער אויפגעראַכטנקייט, ווען מענטשן וועלן זיין „מענטשן". און הגם זיין קומען פאַרשפּעטיקט, דאָך וואַרט מען אויף אים יעדן טאָג ווייל מען איז זיכער אין קומען פון אַזעלכע צייטן.

וואָרום איז דעם, וועלכער קאָן זאָגן דעם דאָזיקן „אני מאמין" און אין זיין איבערצייגונג „וואַרט" ער...

מעטאַפיזיק

אמת, איך קאָן עס נישט דערקלערן. מײַנע קענטעניש ן דערגרייכן נישט אַזוי ווייט.

מע זאָגט, אַז דאָס קאָן זיך דערקלערן דורך טעלעפּאַטיע, נישט מיט קײן אָבערגלויבעכץ צי מיט ספּיריטיסטישע שווינדלערייען, נאָר פּשוט אויפן פיזישן אופן, אָבער איך קאָן עס נישט דערקלערן ווי און וואָס...

נאָך מער, אַפילו די וויסנשאַפט קאָן עס לעת־עתה נאָך נישט דערקלערן. געוויס וועט מען עס דערפאַרן מיט דער צייט. אַנדערש, ווי אַזוי דערקלערט זיך, וואָס סע געשעען זאַכן, וואָס א מענטש חלומט און ווערט געוואויר אַזעלכע זאַכן, וואָס קיינער האָט אים וועגן דעם נישט מודיע געווען?

און נישט בלויז דאָס. סע געשעען מערערע זאַכן, דערשיינונגען, וואָס די וויסנשאַפט, אַנשטאָט זי זאָל זיך ברעכן דעם קאָפּ און זיי דערקלערן — זענען די וויסנשאַפטלער זיי מבטל מיט א מאַך מיט דער האַנט: עט, שטותים...

עס איז אומנאַטירלעך, דאָך דאַרף מען נישט זוכן די דערקלערונג אין דער מעטאַפיזיק, נאָר דווקא אין דער פיזיק...

ווי פל חושים פאַרמאָגט א מענטש?

חוהס טאָכטער

...זי איז געווען פאר די מענער א בייזע צרה.

א קליינטשיקס, א דיקס, מיט גרויסע פולע בריסטן, מיט פליישיקע תאווהדיקע ליפן, וואָס ווען זיי האָבן זיך געעפנט צו א שמייכל (א זונהשער שמייכל!), האָבן זיי ארויסגעשטעלט צוויי שורות ווייסע ציין, ווי די נעגערישע ציין. אירע ציין האָבן „געביסן" פון דער ווייטנס פון דעם מענערישן לייב.

אזא טעמפעראמענט האָט זי געהאט פון איר געבורט, מסתמה.

וואָס איז זי שולדיק געווען? זי האָט געהאט הייס בלוט...

...שפעטער, נאָכן אָפּהוליען מיט די ייִנגלעך האָט זי חתונה געהאט. זי האָט זייער גוט חתונה געהאט. אזעלכע האָבן תמיד מזל און געפינען גוטע מענער... דערנאָך האָט זי געהאט גוטע, געראָטענע קינדער.

אויך מיטן מאן האָט זי געלעבט צופרידן.

סע מאכט זיך דאָך נישט זעלטן, אז דווקא אזעלכע מיידלעך, וועלכע פאר דער חתונה קערן זיי איבער וועלטן, און נאָך דער חתונה ווערן זיי צניעות, געטרייע ווייבער פאר זייערע מענער.

מייגסטנס, ווייסן די מענער פון גאָרנישט וועגן זייער אויפפירונג פון פאר דער חתונה — און לעבן גליקלעכע.

ווייסט דען דער מענטש, וואָס עס איז גוט און וואָס עס איז נישט גוט?!

שקר החן

צווי זענען זיי געווען: איינע א וואונדער־שיינקייט און די צווייטע איז נישט געווען אזוי שיין. זי איז בכלל נישט געווען קיין שיינע. אדרבה, מע האָט געקאָנט זאָגן, אז זי איז געווען פשוט מיאוס. אזא זאך זאָגט מען אָבער נישט.

שמעון, לאָמיר זאָגן, האָט ליב געהאט די שיינע, די שיינהייט — אָבער זי האָט חתונה געהאט מיט לווין, מיטן עושר...

האָט שמעון ווילנדיק־נישטווילנדיק געמוזט נעמען די מיאוסע. אמת, זי איז נישט געווען אזוי מיאוס ווי אין די יאָרן.

נו, טשיקאווע צו וויסן: ווער פון זיי ביידע איז געווען דער גליקלעכער אין משפחה־לעבן?

אָט דאָ דארף מען שוין צולייגן א ביסל קאָפּ און פארשטיין, אז יענע וועלכע האָט געוואוסט אז זי איז מיאוס (הגם סע האָט עס איר קיינער נישט געזאָגט. אזעלכע קאָמפּלימענטן מאכט קיינער נישט, פאר קיין שום מיידל אין דער וועלט!) איז אין תוך געווען שיין, מיט אירע מעשים, מיט איר איבערגעגעבנקייט, געטריישאפט אפילו...

להיפוך, יענע וועלכע האָט „געוואוסט" אז זי איז א שיינקייט — האָט זי לא־עלינו געהאט אזא מיאוסן אויפפיר, געווען אזא פגע־רע, ממש אן אָנשיקעניש, אז דער מאן אירער האָט פון איר קיין מאָל קיין הנאה נישט געהאט. נישט אין הויז, נישט אויף דער גאס — און אפילו אויך נישט...

נמצא: א מיאוסע, וועלכע ווייסט אז זי איז מיאוס — איז אן אמתע שיינקייט... ווידער יענע שיינקייט, וועלכע וויל נישט פארגעסן אז זי איז שיין, צי זי זאָל א טראכט טון, אז סע זענען נאָך פאראן אויך אחוץ איר שיינע — יענע איז ממש מיאוסער ווי מיאוס...

נאָר, צוריק געשמועסט — זענען נאָר בלויז די פרויען אזוי?

בכן, איז נישט דער עיקר דאָס אויבערפלעכלעכע „ציפּערבלעטל" דער אויסערלעכער אויסזע, נאָר די מעשים פון א מענטש, זיין אויפפי־רונג איז דער עיקר.

...יאָ, נישט אַלץ וואָס בלישטשעט מוז דווקא זיין אויך ווערטיק.

נישט אומזיסט זאָגט שלמה המלך: שקר החן... חן איז אן אָפּנאר, שיינקייט איז נישטיק... פאר וואָס זשע לויפט מען נאָך שיינקייטן?

אָט דאָס איז שוין עפּעס אנדערש. לגמרי אן אנדערע מעשה. „נאָכצולויפן" איז טאקע בעסער נאָך א שיינער — אָבער חתונה האָבן...

„פליגן" אין „טעלער"

דער מאן איז סוף־כל־סוף געוואויר געווארן, אז זיין פרוי לעבט מיט איינעם, א שאָפער, א שיכור — האָט ער זי צעממיתטט... דער שאָפער איז געווען א גנב, געזעסן עטלעכע יאָר אין תפיסה. ווען ער זיצט געווען נישט אין תפיסה, וואָלט דען פארן מאן בעסער געווען וואָלט אים שוין יאָ אָנגעשטאנען?! נאָר סע רעדט זיך אזוי... ווייל אויב א ווייב בייט אויס איר מאן אויף אן אנדערן, איז זאָל עס כאָטש זיין מיט א לייטישערן ווי איר געוועזענער מאן.

דערנאָך, ווען סע זענען פארביי עטלעכע חדשים און זי האָט זיך אָנגעזעטיקט פון איר ליבהאָבער, ווייל מסתמה האָט ער זיך שוין אָנגעזעטיקט פון איר, דעמאָלט איז זי צוריקגעקומען צו איר מאן.

זיי האָבן זיך איבערגעבעטן... וואָס האָט ער געקאָנט טון? ווען ער וואָלט זיך געווען נישט איבערגעבעטן, וואָלט ער דאָך געדארפט אָנהייבן פון דאָס ניי און חתונה האָבן מיט אן אנדערער... ווער וואָלט אים דעמאָלט געקאָנט גאראנטירן אז די אנדערע „חוה" וועט נישט זיין נאָך ערגער פון איר?!

...אין דער גמרא ווערט דערציילט, אז סע זענען פאראן דריי קאטעגאָריעס מענער:

איינער טרעפט א פליג אין זיין טעלער, מיאוסט ער זיך און עסט נישט מער, ער וואָרפט אוועק די פליג צוזאמען מיט דעם גאנצן עסן...

דער צווייטער, ווען ער טרעפט א פליג אין זיין טעלער, מיאוסט ער זיך נישט אזוי שטארק — ער וואָרפט ארויס די פליג פונעם טעלער און עסט זיך ווייטער דאָס מאכל, רואיק צי ווייניקער רואיק, גלייך עס וואָלט בכלל קיין פליג נישט אריינגעפאלן אין זיין טעלער...

דער דריטער, דער איז נאָך מער פארגיניק: ער לאָזט די פליג ווייטער אויף איר אָרט, ארומשווימען אין זיין טעלער — און עסט ווייטער זיין מאכל...

...מע דאַרף פאַרשטיין, אַז אין סיי וועלכן טעלער מיט עסן, ווען די פליגן דערשפּירן אַ זיסן ביסן, קומען זיי אָן און ראַיען ווי די בינען...

ווען מע האָט אַ ווייב, וועלכע איז נישט צו מיאוס, קאָן מען קיין מאָל נישט פּטור ווערן פון די „פליגן“.

און צוריק געשמועסט, אָנשטאָט צו גיין צו אַ זונה, וועגן וועלכער דער מאַן ווייסט גאָרנישט, איז דאָך פאַר אים שוין בילכער צו האָבן איינע, וועלכע איז שוין אַ ביסל ווייניקער זונה — און ער ווייסט עפּעס מער וועגן איר.

אַזוי האָט זיך דער פאַרלאָזטער מאַן געטראַכט, ווייל נאָך אַמאָל צוריק געשמועסט: אפשר איז ער אויך עפּעס שולדיק געווען אין דעם, וואָס זי האָט אים איבערגעלאָזט און האָט זיך אויף אַ צייט געפונען אַ ליבהאָבער?!...

סוביעקטיוו

איך בין זיך מודה און מתוודה, אז תמיד ווען איך דערצייל עפּעס, בין איך סוביעקטיוו.

זאָל מען עס מיר מוחל זיין, ווייל איך קאָן אנדערש נישט, אויך ווען איך וואָלט עס געוואָלט.

אדרבה, איך מיין, אז קיינער טאָר נישט האָבן קיין פּרעטענציעס, אז איך זאָל נישט זיין סוביעקטיוו לגבי מיר גופא.

דער אמת איז אז קיינער איז נישט סוביעקטיוו אין אזא פאַל. דער חילוק איז נאָר, טייל האָבן דעם מוט און טוען עס אָנערקענען און זאָגן עס אליין בפרהסיה...

פאַר וואָס בין איך סוביעקטיוו? ווייל איך ווייס שוין, אז מע דאַרף זען דעם ארום נישט מיט קיין ברילן, נאָר מיט די אייגענע אויגן, און נישט מיט קיין אנדערנס.

איך האָב שוין נישט איין מאָל געזאָגט, אז נישט נאָר איך בין סוביעקטיוו, נאָר איך בין אויך פון יענע וואָס האָבן דעם מוט צו זאָגן עס אָפן.

ניין, נישט אלע אמתן זענען אבסאָלוטע. וויל איך נישט ארויפצווינגען אויף אנדערע מיין אמת, אז איך זאָל אפילו פּרוּוון זאָגן אז עס איז גאָר זייער אייגענער אמת. האָט דאָך יעדער זיין אייגענעם אמת אזוי ווי ער האָט זיין אייגענעם פינגעראָפּדרוק (און מסתמא אויך זיין אייגענעם נשמה־חותם, וואָס טיילט זיך אויס פון אַן אנדערן, פּונקט אזוי ווי זיין פינגער־אָפּדרוק!). טאָקע דערפאַר זעט יעדער איינער די וועלט, די געשעענישן און אויך די מענטשן ארום זיך, אויף זיין אייגענעם אופן.

איך ווייס, די רויטע קאָליר איז נישט פאַר יעדן איינעם די זעלביקע נואַנס רויט. עס איז געוואָנדן אָן די אויגן, וואָס זעען די קאָליר. יעדער איינער מענטש וועט זען אָן אנדערע נואַנס, ווייל צווישן רויט און רויט איז פאַראַן א ריזיקער חילוק, נאָר נישט יעדעס אויג וועט עס קאָנען פונאנדערשיידן. אוודאי וועט א מאָלער גיכער קאָנען

פונאנדערשיידן די קאָלירן, ווייל ער האָט שוין אַן אויג וואָס איז אויס־געפֿאָרעמט צו דערקענען פּילערליי נואַנסן קאָלירן פון איין אייבציקן בלוי אָדער גרין, אָבער יעדער מאָלער זעט דאָך עס אויף זיין אייגענעם אופן.

א ווערטל זאָגט: ווער סע האָט נאמנות, גיט נאמנות.

דערפאַר מעסט יעדער מיט זיין אייגענער מאָס. יעדער זעט אין יענעם נאָר דאָס וואָס ער גופא פאַרמאָגט, וואָס ער קאָן צום בעסטן, וואָס איז אים צום נאָענטסטן און לייכטער צום באַנעמען.

דאָס הייסט נישט אַז אויב עמעצער האַלט זיך פאַר אַן אמת־זאָגער מיינט ער אַז יעדער ארום אים זאָגט נאָר דעם אמת, ווייל אזוי איז ער — מיינט ער אַז אַנדערש קאָן שוין נישט זיין...

ניין, עס איז נישט אַזוי און אויב מע וויל, איז עס יאָ אַזוי.

קודם איז נישטאָ קיין איין מענטש, וועלכער זאָל נישט מיינען (צו מאָל מיינט ער עס גאָר אויפריכטיק!), אַז ער זאָגט בלויז אמתן. הערט מען דאָך נישט זעלטן: ביי מיר איז א וואָרט נישט סתם א וואָרט, נאָר ממש א רענדל... יאָ, אַזוי זאָגט ער טאַקע, אָבער אין דער אמתן, אויב מע וויל וויסן צי דער דאָזיקער „אמת־מענטש" זאָגט טאַקע דעם אמת, דאַרף מען עס נישט פרעגן ביי אים. אדרבה, מע דאַרף ביי יענעם פרעגן, זיין מיינונג, וועגן זיינע באַקאַנטע — דעמאָלט וועט מען זיך קאָנען מאַכן א מיינונג אויך וועגן אים... אויב ער וועט זאָגן, אַז כמעט אַלע ארום אים זענען גנבים, דעמאָלט דאַרף מען שוין זיין געוואָרנט און נישט נעמען פאַר גילטיק זיין אייגנלויב, אַז ער זאָגט דעם אמת, ווייל: ווער סע האָט נישט קיין נאמנות — גיט נישט קיין נאמנות.

פאַר א שיכור דאַכט זיך אויס אַז אַלץ ארום אים וואַקלט זיך, אַז אַלע ארום אים זענען באַטרונקענע, אַז זייערע אויגן פינקלען, אַז זייער צונג שטאַמלט, נאָר בלויז איין זאַך זעט ער נישט — זיך אַליין און זיין מצב, דאָס איינציקע זעט ער נישט. אדרבה, ער חזרט עס שוין צו אָפט מאָל איבער: איך בין נישט שיכור...

איז עס דאָך דער ערשטער סימפּטאָם, אַז ווען איינער זאָגט אַז ער איז נישט שיכור, האָט ער שוין מסתמא אויסגעזופּט עטלעכע גלעזלעך משקה... אויף דעם דאַרף מען נישט מאריך זיין. יעדער איינער ווייסט עס שוין. אָבער נישט יעדער ווייסט, אַז ווען עמעצער שטעלט אין ספק אויב זיין חבר זאָגט דעם אמת, דאַרף מען שוין גוט זיך ארומקוקן אויב דער „אמת" איז טאַקע אַן אמתדיקער... און

נאָך פיל ווינציקער ווילן עס וויסן, אז עמעצער וועט נישט געבן קיין נאמנות, דעם זאָל מען נישט אויסבאַרגן קיין גראָשן, ווייל עס איז א גרויסער ספק צי מע וועט אים נאָך זען צוריק.

א ביסל אנדערש און דאָך כמעט אויף דעם אופן דאַרף מען פאַר־שטיין דאָס גמרא ווערטל: עבירה גוררת עבירה. איין עבירה שלעפט נאָך זיך נאָך איין עבירה. מע קאָן עס פּאַראַפראַזירן און א ביסל אויס־ברייטערן, אז איין שקר שלעפּט נאָך זיך נאָך אן אנדערן שקר, אז יענער וואָס מיינט אז כמעט אלע זאָגן שקרים — דאַרף מען זען אויב ער איז טאקע נישט דער ערשטער צווישן זיי...

און נאָך איין ווערטל: מגלגלין זכות על ידי זכאי וחובה על ידי חייב. א גוטע זאך טרויט מען אָן פאַר א גוטן מענטש, אז ער זאָל עס אָפּטון, און א שלעכטע זאך טרויט מען אָן פאַר א שלעכטן מענטש. פאַר וואָס? ווייל אזוי ווי ער וועט עס מאכן, וועט עס קיינער נישט זיין ביכולת צו טון. פשוט, ווייל ער פאַרשטייט זיך צו דעם פיל בעסער. ער איז אין זיין אייגענער ראָלע.

דערפאַר פּרוּאוו איך אפילו נישט שפּילן די ראָלע פון א סוביעק־טיוון, ווייל איך האַלט, אז עס איז זייער זעלטן אזא סוביעקטיוויטעט.

סע האָט געפרעגט אַן אזיאַטישער: פאַר וואָס האָבן די אייראָפּעער אזעלכע נישט נאַרמאַלע לאַנגע נעזער, עס איז נישט עסטעטיש...

ערשט שפּעטער מיט יאָרן האָב איך פאַרשטאַנען, אז לויט אים זענען נישט קיין חידוש די אזיאַטישע, מיט זייערע צעפּלעטשטע נעזער, נאָר אדרבה, לויט אים האָבן זיי די נאַרמאַלע נעזער — נישט די אייראָפּעער.

ניין, איך בין נישט סוביעקטיוו, אויך ווען איך וועל עס אמאָל דער־קלערן זאָל מען עס מיר פונקט אזוי ווייניק גלייבן, ווי איך גלייב עס אַן אנדערן. א מענטש, אויך ווען ער וויל אָדער זאָגט אז ער איז, קאָן נישט זיין אָביעקטיוו, ווייל ער גופא איז א סוביעקט — מוז ער אויך אָן זיין ווילן זיין סוביעקטיוו. פאַרשטייט זיך, אז עס קאָן זיין א חילוק בלויז אין דער מאָס סוביעקטיווקייט.

...אויך א שרייבער, ווי סיי וועלכער בשר־ודם, וועלכער וועט באַשרייבן נאָר די מיאוסע זייטן פונעם לעבן, נאָר די שלעכטע מעשים,

אָן דעם אז ער זאָל דערזען אויך ליכטיקע זייטן פון דעם באשריבענעם פארשוין, אויך דאָס וועט זיין מער־ווייניקער אויטאָביאָגראפיש, ווייל עס איז נישטאָ קיין איין מענטש, בכן קיין איין פארשוין, וועלכער זאָל נישט האָבן אויך זיין פּאָזיטיווע זייט.

א שלעכטער וועט זען בלויז דאָס שלעכטע און א גוטער וועט זען בלויז דאָס גוטע?

...כמעט אלץ איז סוביעקטיוו.

אוודאי דארף מען זיך דערהייבן צו זען ביידע זייטן — אָבער די פראגע באשטייט דאָך נישט אין וואָס מע „דארף", נאָר וואָס מע קאָן...

ניין, סוביעקטיוויקייט איז נישט קיין חסרון און אויך נישט קיין מעלה. עס איז אן אייגנשאפט.

וואָס איז מזל?

וואָס איז מזל? גאָרנישט. נישט מער ווי גאָרנישט. נישט מער ווי גלויבן אין מזל. אויב מע וויל קאָן מען עס אָנרופן אָבערגלויבן. יאָ, מזל איז נישט מער ווי אָבערגלויבן...

טייל, ווידער, זאָגן אז מזל איז נישט מער ווי גורל.

וואָס זשע איז גורל? גורל איז... בלינדער גורל. צופאַל? עס קאָן נישט זיין בלויזער צופאַל. ווייל לאָמיר זאָגן אז עס איז יאָ אזוי, אז גורל איז נישט מער ווי צופאַל, בלינדער צופאַל — שטעלט זיך דאָך באַלד די פראַגע, יאָ, די „זעענדיקע" פראַגע: וואָס איז „בלינדער" צופאַל?

...א הויז. א ניי געבויט הויז, פאַר עטלעכע איינוואוינער, וועלכע האָבן זיך פון פריער איינפאַרשטאַנען אז זיי זאָלן זיין שכנים. האָבן זיי בשותפות געבויט א הויז, פאַר יעדן איינעם א דירה, איין אַפּאַרטאַמענט... זענען געווען עטלעכע אַפּאַרטאַמענטן אויף יעדן גאָרן, אויפן ערשטן, אויפן צווייטן, אויפן דריטן... ביז אויפן צענטן שטאָק.

פאַרשטייט זיך, אז ביי אזא וואוינונג האָט מען געמוזט בויען אויך אן עלעוויטער מיט וועלכן מע זאָל קאָנען ארויפשטייגן ביזן צענטן גאָרן. דאָס הייסט, אז אחוץ די טרעפּ קאָן מען אויך ארויפשטייגן מיטן ליפט בלויז מיט איין באַדינג אז דער ליפט זאָל תמיד פונקציאָנירן...

איז ווי זשע זאָל מען פונאַנדערטיילן די וואוינונגען צווישן די „גוטע שכנים", וועלכע האָבן זיך לכתחילה איינפאַרשטאַנען, אז זיי זענען מסכים מיטן גוטן ווילן צו זיין שכנים?

פאַרשטייט זיך, אז סע זענען פאַראַן מערערע אופנים, ווי אזוי פונאַדערצוטיילן די וואוינונגען, ווער סע זאָל וואוינען אויפן ערשטן שטאָק, ווער אויפן צווייטן... און ווער אויפן צענטן: מע קאָן דאָס טון דורך דער פּרייז פון די וואוינונגען, אז די דירה אויפן צענטן שטאָק, למשל, זאָל זיין ביליקער ווי אויפן ערשטן. דאָס הייסט, אז דער „גורל" האָט פאַרמשפּט יענעם, וועלכער האָט נישט גענוג געלט, אז ער זאָל וואוינען אויפן צענטן שטאָק... אָבער ווי אזוי זאָל מען זיך

נוהג זיין, ווען אלע זענען גרייט צו געבן די פרייז פארן ערשטן שטאָק און קיינער וויל נישט מסכים זיין, אז ער זאָל זיין גאנץ לעבן וואוינען אויפן צענטן שטאָק?... דעמאָלט וועט מען אפשר צום בעסטן אויסווײלן די דירות דורך א גורל. מע וועט אויפשרייבן אויף צעטעלעך די נומערן פון די דירות פונעם ערשטן שטאָק, פונעם צווייטן שטאָק, פונעם דריטן און אזוי ווייטער — מע וועט ארייגלייגן די נומערן אין א בייטעלע, און יעדער איינער פון די שכנים-שותפים וועט ציען א צעטעלע, דאָס הייסט זיין „לאָטעריע" און וועט אליין באשטימען זיין גורל, אין וועלכער דירה צו וואוינען...

דאכט זיך, אז דאָס איז צום „יושרסטן" און „דעמאָקראטישסטן"? יאָ, סע דאכט זיך אָבער נאָר בלויז אויס, אז דאָס איז גערעכט און יושרדיק (דער ערשטער האָט געהאט אויסצוּווײלן צווישן אזוי פיל נומערן, אָבער דער לעצטער האָט בכלל נישט „אויסגעווײלט", ער האָט דאָך געמוזט אָננעמען, וואָס די אנדערע האָבן אים איבערגעלאָזט!). אָבער ווען מע טוט א טראכט, אז א הויז סיי וואָס פאר א פאָרעם סע זאָל נישט האָבן, וועט עס דאָך סוף-כל-סוף זיין אָריענטירט צו די פיר קארדינאלע פונקטן. דאָס הייסט, אז איין זייט וועט זיין צו דרום און וועט האָבן ווינציקער זון, די דריטע זייט צו צפון — און בכלל נישט האָבן קיין זון — און סע וועט זיין א מערבדיקע זייט, וואָס וועט האָבן די זון ערשט נאָך מיטאָג...

...איך איינער וואָלט אויסגעווײלט, ווען מע זאָל מיך געווען פרעגן, אז מע זאָל מיר געבן די דירה מיט דער זון פאר מיטאָג.

אויך נאָך מיטאָג איז גוט א זון. בעסער ווי גאָרנישט. אָבער נאָך מיטאָג איז עס ווינציקער פריינדלעך. דעמאָלט איז עס דענערווירנדיק.

אָבער גאָר קיין זון נישט?! צו וואוינען דאָס גאנצע לעבן אין א דירה, אין וועלכער סע קומט קיין מאָל נישט אריין קיין שטראַל זון, כאָטש צו גאסט אויף א קורצער צייט, איין מאָל אין טאָג?!

אפילו א תפיסהניק וועט דאָך בילכער וועלן האָבן א קעמערל, אין וועלכן סע דרינגט אריין כאָטש דורך א שמאָל שפּארונקעלע, א דין שטראַלעכל, ווי אן אָנגעצונדענער פאָדעם, א זיידענער, וואָס ברענגט אריין א ליכטיק שפּיזל, סע זאָל אָנוואַרעמען די אומהיימלעכע נשמה פונעם געפאנגענעם... בפרט א דירה.

נו, וואָס זאָל מען אָבער זאָגן, אז דער גורל האָט אזוי אויסגעקליבן?!

דאָס איז גורל?

...הייסט עס, אז גורל איז מזל און מזל איז מסתמא אויך א גוט קוויטל און א גוט קוויטל הייסט, אז מע זאָל תמיד מאכן דעם ערשטן שריט מיטן רעכטן פוס, אז מע זאָל תמיד מצליח זיין. און אויב נישט תמיד, תמיד — כאָטש דעמאָלט, אין יענער מינוט, ווען דאָס גאנצע הענגט אָפּ אין בלויזן צופאל, ווי אויף איין איינציקער האָר...

...טייל זאָגן, אז מזל איז נישט מער ווי א צופאל, וואָס קומט פאָר אין גינציקע אָדער אומגינציקע אומשטענדן.

קומט אויס, אז די אומשטענדן גופא זענען דאָך אויך „צופאליקע" אז זיי זאָלן זיין גינציקע אָדער אומגינציקע.

דאָס באלאנגט נישט אין דעם, צי דער מענטש איז זוכה צי נישט. והאָ ראייה אז סע זענען פאראן פאלן (דאָס רובֿ!), אז דווקא יענע וואָס האָלטן געהאט דאָס רעכט, לויט זייער זכות, צו האָבן א בעסער מזל — האָבן דאָס ערגסטע...

א גלייביקער אטעאיסט

אין א שיינעם טאָג האָט זיך אָדם געטראכט, אז עס איז נישט שיין צו זיין פרום און גלייביק. ער האָט זיך געזאָגט, אָז דאָס איז באמת אן אָפּגעשטאנענע זאך, איז נישט מאָדערן. צו וואָס זאָלן אלע פון אים לאכן, אז ער איז פון דער אלטער וועלט?! א מאָדערנער מענטש ווייסט, אז גלויבן איז אַפּיום פאר די מאסן, פאַרן המון — נישט פאר אן אָדם...

האָט אָדם אויסגעקריצט אויף א שטיינדל (ער האָט דאָך נאָך נישט געהאט קיין פארמעט!) „אטעאיסט", צי „בעזבאָזשניק", וואָס ביידע ווער־טער באטייטן: איינער וואָס האָט נישט קיין גאָט. ער האָט עס אויפגעהאָנגען דאָס טעוועלע אויף זיין טיר, כדי יעדער פארבייגייער, אָדער וועלכער וועט קומען אין זיין געצעלט, זאָל זען אז ער, אָדם, איז שוין א מאָדערנער: נישט־גלייביקער.

איז די „אויפשריפט" דאָרט געהאָנגען טעג, וואָכן, חדשים און יאָרן.

יאָ, לאָמיך נישט פארגעסן צו דערמאנען, אז אָדם ווען ער פלעגט ארויסגיין אָדער אריינקומען, האָט ער אלץ צוגעלייגט די האנט צום טעוועלע־שטיינדל, כדי זיך צו איבערצייגן אז דאָס שטיינדל מיט דער אויפשריפט איז טאקע דאָרט וואו ער האָט עס געשטעלט.

פארשטייט זיך, אז מיט דער צייט איז דאָס ביי אים געוואָרן א געוואוינהייט. אינסטינקטיוו פלעגט ער שוין צולייגן די האנט צו דער אויפשריפט, ווען ער איז אריין און ארויס פון זיין געצעלט...

זיינע קינדער האָבן עס געזען, האָבן זיי אויך אזוי געטון: ווען זיי זענען אריין אָדער ארויס פונעם געצעלט, האָבן זיי אויך צוגעלייגט די האנט צו דער אויפשריפט דערנאָך האָבן זיי צוגעלייגט די האנט צום מויל גלייך זיי וואָלטן א קוש געטון — זיי האָבן אָנגעהויבן מיינען אז זייער פאָטער טוט עס ווי א סגולה, אז ער זאָל מצליח זיין אין זיין וועג, בפרט ווען ער איז געגאנגען אין וואלד אויף יאגד. עס איז דאָך נישט קיין קליינע סכנה, צו גיין קעמפן און איינעמען א חילדע

חיה — האָט ער צוגעלייגט די האַנט צו דער אויפשריפט, וואָס איז מסתמה א קמיעה... ווען ער איז צוריקגעקומען פון דער יאגד — האָט ער ווידער צוגעלייגט די האַנט צו יענער קמיעה, איצט איז עס שוין געווען ווי א „דאנק", וואָס ער האָט זוכה געווען זיך צוריק צו קערן א גישט-פארלעצטער, פון זיין קאמף מיט די חיות...

מיט דער צייט, ווען זיינע קינדער האָבן חתונה געהאט און גע־וואָרן זעלבשטענדיק, זיך געבויט אן אייגן געצעלט, האָבן זיי אויך געמאכט אזא אויפשריפט, אָבער שוין נישט אויסגעקריצט אויף א שטיין נאָר אויפגעשריבן אויף א שטיקל ציגן פעלעכל, אויסגעארבעט דין, אָן האָר, גלאטיק ווי פארמעט...

זיי האָבן אויפגעשריבן אויף א ציגענעם פארמעט די ווערטער וואָס זייער פאָטער האָט אויפגעשריבן, אָבער יעדער שוין אויף זיין שפראך — ביז עס איז דערגאנגען, אז די אויפשריפט אויף עברית זאָל זיין „שדי"... מיט דעם האָט דאָך געוואָלט אָדם פראָקלאמירן, אז ער איז נישט קיין גלייביקער, אז זיינע שכנים זאָלן אים נישט האלטן פאר אן אלט-מאָדישן.

האָבן די קינדס-קינדער אויך אויפגעשריבן „שדי", כדי די אויפ־שריפט אָדער די „קמיעה" זאָל אויף זיי באשיצן פון אלעם בייזן — אפילו פון אן אטאָמישן אויפרייס...

אזוי איז געבוירן געוואָרן, מסתמה, דער געדאנק וועגן א „מזוזה"...

אָפּלעשן קוילן

ביי אונדז אין שטעטל איז געווען א דאָקטער. בערקו האָט ער געהייסן. ער איז געווען דער בעסטער דאָקטער פונעם שטעטל, אזוי ווי אַלע יידישע דאָקטוירים.

אויב עס איז געקומען צו אים אַן אַלטיטשקע און האָט אים געפרעגט:
— הער דאָקטער, איך האָב געגעבן פאר מיין מאַן פון די מעדיצינען, וואָס איר האָט אים פארשריבן, וויל איך פרעגן, צי מעג איך אָפּוואַרפן ברעקלעך צי אָפּלעשן קוילן?

דער דאָקטער — איז געווען דער בעסטער דאָקטער פונעם שטעטל — האָט ער איר געענטפערט, דער אלטיטשקער:
— סע שאַדט נישט. איר מעגט אים אָפּלעשן קוילן... סיי ווי סיי העלפט עס נישט...

אזוי האָט געזאָגט דער בעסטער דאָקטער. דער חולה האָט אָבער געזאָגט, אז אים האָט עס יאָ געהאָלפן.

א קריפּל

...וואָס בין איך שולדיק געווען, וואָס קיין שום מיידל האָט אויף מיר נישט געוואָלט קוקן, אויך ווען זי האָט פאַר רחמנות יאָ געוואָלט אַמאָל אַרויסווייזן אַ העפלעכקייט, וואָס האָט זיך אַרויסגעזען אַז סע ווערט געטון מיט געוואַלד, נאָר צוליב רחמנות?!

וואָס בין איך שולדיק געווען אַז איך בין פּאַראַומגליקט געוואָרן דעמאָלט ווען איך בין אַרויסגעפאַלן פון עם וויגל און אויסגעוואַקסן קריפּל?

...אָבער שפּעטער מיט יאָרן האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז נישט איך האָב זיי, די ווייבער, נאָר זיי האָבן מיך געזוכט. איך ווייס נישט מיט וואָס עס צו דערקלערן, אָבער אַזוי איז עס געשען.

זיי פלעגן זאָגן, אַז אַזעלכע מענער, ווי איך, פאַרקריפּלטע (זיי פלעגן זיך נישט אויסדריקן אַזוי, נאָר אויף אַ פאַרשטעלטן אופן: מיט אַ קערפּערלעכן מום, ווי אַ הויקער!) ליבן בעסער ווי יענע, נאָרמאַלע, שיינע מענער.

זיי פלעגן זאָגן, אַז וואָס מאָנסטרועזער עס איז דער אויסערליכער אויסזע איז אַלץ הייסער זייער ליבע — דערפאַר זענען זיי בילכער.

אַזוי האָבן זיי געזאָגט. און נישט בלויז געזאָגט. זיי האָבן מיך פּשוט אָן בושה געזוכט.

אָבער נאָר אויף אַזוי פיל, אַפּצוכאַפּן עטלעכע ליבע־מינוטן. אַזוי פיל און נישט מער. אויף דער ליכטיקער שיין האָבן זיי מיך אויסגעמיטן. זיי האָבן נישט געוואָלט מיט מיר אַדורכגיין די גאַס.

זיי האָבן זיך מיט מיר אויפגעפירט ווי אַן אַנטיסעמיט פירט זיך אויף מיט אַ „ניצלעכן" ייִד...

פון איינעם וואָס איז געווען איבעריק אויף דער וועלט און דערווײַ־דער פאַר דער געזעלשאַפט, בין איך מיט אַ מאָל געוואָרן אַ „ניצלעכער".

וואָס בין איך שולדיק געווען, וואָס איך בין אויסגעוואַקסן אַ קריפּל?

וואָס בין איך שולדיק געווען, וואָס איך בין געבוירן און דערנאָך אויסגעוואַקסן אַ ייִד?

וואָס בין איך שולדיק...

יעדער מיט זיין אמת

וויפל אמתן זענען פאראן?!

דאָס איז געוואַנדן אין דער צייט. דער בראשית פון דער מענטש־לעכער געשיכטע דערציילט, אז קודם איז געווען תוהו־ובוהו, אָבער אמתן איז געווען איין איינציקער אמת.

דער אמת פונעם מאָנאָטעאיזם, פון איין איינציקן גאָט. סיי אָדם־הראשון האָט עס געוואוסט אינסטינקטיוו, סיי ער איז עס געוואויר געוואָרן שפּעטער מיט א צוואַנציק דורות, ווען זיין אוראייניקל, אברהם אָבינו, האָט עס אים מגלה געווען. אָבער ווען סע זענען אונטערגעוואקסן די ערשטע צוויי ברידער „קין" און „הבל" — זענען תיכף אנטשטאַנען גע־וואָרן צוויי אמתן. יעדער איינער מיט זיין אייגענעם אמת. איינער איז גרייט געווען אָפּצוגעבן זיין לעבן כדי צו פאַרטיידיקן זיין אמתן אמת, און איינער האָט גענומען דאָס לעבן פונעם צווייטן, וועלכער האָט „נישט אנערקענט" זיין אמת...

אזוי האָט זיך די מענטשלעכע „דערקענטעניש" אנטוויקלט און זינט דעמאָלט האלט זי אין איין וואקסן און זיך אנטוויקלען.

היינט זענען שוין פאַראַן אויף דער וועלט בערך א פיר מיליאַרדן־אמתן. מאָרגן צי איבערמאָרגן, געשיכטלעך גערעדט, וועלן זיין א פינף מיליאַרדן אמתן. און אזוי ווייטער און אזוי ווייטער.

והאָ ראייה: סע זענען דאָך פאַראַן צענדליקער אמתן, וואָס זענען אַנערקענט ביי א געוויסער צאָל מענטשן, וועלכע זענען גרייט צו געבן זייער לעבן פאַר זייער אמת. און דאָס איז נישט קיין אומגליק — זאָל יעדער איינער לעבן מיט זיין אמת...

דער אומגליק איז אָבער, וואָס מיט דער צייט מינערן זיך יענע, וועלכע זענען גרייט צו געבן זייער לעבן כדי צו פאַרטיידיקן זייער אמת און סע מערט זיך, ווי שוועמלעך נאָך א רעגן, די צאָל פון יענע וועלכע זענען גרייט צו נעמען אַן אַנדערנס לעבן, ווער סע פרעגט אָפּ זייער אמת.

איך גופא, למשל, גלייב אין איין איינציקן גאָט אויף דער וועלט, איבער דער גאַנצער וועלט. אָבער וויפל „איכן" גלייבן אויך אין אַן איינציקן גאָט, אָבער גאָר אַן אַנדערן גאָט ווי מיינעם?!

לויט דעם חשבון, זענען מיר דאָך שוין ווידער דאָרט, ווי אין די אַמאָליקע געצנדינערישע צייטן — יעדער מיט זיין גאָט, יעדער מיט זיין אָפּגאָט, יעדער מיט זיין אמת (אויך יעדער מיט זיין שקר!)...

— וויפל זשע אמתן זענען שוין פאַראַן?!

חסידישע מעשיות

א חסידישע באָטע

פרייטיק צו נאַכטס בענטשט מען ליכט אין יעדן יידישן רעליגיעזן הויז. מע צינדט אָן אַזוי פיל ליכט, וויפל מען איז זיך נוהג. גע־וויינטלעך צינדט מען אָן נישט ווייניקער ווי צוויי ליכט. דאָס הייסט אַז א יונג פאָר־פאָלק וואָס הויבט אָן זייער משפחהדיקעווירטשאַפט, הייבט אָן מיט אָנצינדן צוויי ליכט. שפּעטער איז מען מוסיף, נאָך דער נשמה פון די עלטערן אָדער אַן אַנדערער נאָענטער, וואָס איז במשך דער צייט אוועק צו איר אייביקער רו. מיין מוטער, זכרונה לברכה, האָט אויך אַזוי געטאָן. אָנגעהויבן מיט צוויי ליכט און דערגאַנגען, מיט דער צייט, ביז צו זיבן ליכט. דאָס הייסט, אַז צוויי ליכט האָט זי אָנגעצונדן אין צוויי גרויסע זילבערנע לייכטער, וואָס זי האָט באַקומען צו איר חתונה, און די איבעריקע פינף אין קלענערע מעשענע לייכטער. קודם זענען געווען בלויז דריי מעשענע, און צוויי ליכטלעך האָט זי אָנגעצונדן אין צוויי ליימענע, אימפּראָוויזירטע, לייכטערלעך. דאָס זענען געווען קלענערע ליכטלעך. בלויז די צוויי זענען געווען גרעסערע ליכט (מע פלעגט זאָגן: קורץ געשניטענע ליכט!) און האָבן געברענט בערך צוויי שעה.

מילא זומער, ווען די נעכט זענען קורצע, זענען גענוג געווען אַזעלכע צוויי ליכט, וואָס געדויערן ביז נאָך דער שבתדיקער סעודה און דערנאָך לייגט מען זיך שלאָפן. אָבער ווינטער, ווען די נעכט זענען כמעט אַנדערטהאַלבן מאָל אַזוי פיל ווי דער טאָג, וואָס טוט מען? שבת אין דער פרי, ווען דער נישט־יידישער שכן קומט מאַכן פייער, אויף אָנצוואַרעמען דאָס צימער, צינדט ער אָן אויך א ליכט, קאָן מען מעביר זיין די סדרה אָדער סתם אַריינקוקן אין א ספר. אָבער אויף דער נאַכט וואָס טוט מען?

אויף דעם האָבן זיך די חסידישע יידן אַן עצה געגעבן און גע־מאַכט א „באָטע". כמעט יעדן פרייטיק צו נאַכטס, נאָך דער שבת־דיקער סעודה, זענען די חסידים זיך צונויפגעקומען אין דער סיגעטער וויזשניצער קלויז צו דער באָטע.

ווען איך בין אונטערגעוואקסן, כאָטש איך בין נאָך נישט געווען בר־מצוה, האָט מיך מיין פאָטער, זכרונו לברכה, מיטגענומען אין קלויז אריין צו דער באָטע, הגם צו א באָטע קומען נישט קיין יונגנטלעכע.

פאַר מיר איז עס געווען אן איבערראַשונג, ווייל איך האָב זיך געריכט אויף א מסיבה מיט לויטער דברי תורה, אָבער דאָ איז עס געשען גאָר אַנדערש. מע האָט געזונגען חסידישע ניגונים און, גע־וויינטלעך, א וואָלעך.

וואָס איז א וואָלעך? איך וואָלט עס פאַרטייטשט אויף א „דוינע" דאָס הייסט א ניגון, וואָס איז געבויט אויף א וואָלעכישן מאָטיוו, געמישט מיט א סלאַווישן מאָטיוו, אָבער מיט א יידישער, חסידישער אינטערפּרעטאַציע.

אויף צו זינגען א וואָלעך האָט מען געדאַרפט זיין א בעל־מנגן נישט אַזוי צו האָבן א שיין קול ווי צו האָבן א מוזיקאַליש־געהער. ווער סע האָט נישט געקאָנט זינגען קיין וואָלעך, דער האָט זיך נישט פאַררעכנט פאַר קיין יודע נגינה. דערפאַר איז עס געווען ווי אן עקזאַמען פאַר א ישיבה־בחור, וועלכער האָט געוואָלט אָנגיין ווי א „זינגער", אז ער זאָל זיך אויסלערנען זינגען א וואָלעך.

אין וואָס באַשטייט די שוועריקייט צו זינגען א וואָלעך?

געוויינטלעך, א ניגון, א מעלאָדיע בכלל, און פאַרשטייט זיך אז אויך א חסידישער ניגון וואָס מע זינגט ביי די תפילות צי ביי די זמירות, באַשטייט פון צוויי־דריי סטראָפעס, און נאָך יעדער סטראָפע ווערט איבערגעחזרט א רעפריין. דאָס איז נישט שווער זיך אויסצולער־נען. אַזאַ ניגון קאָן מען אויסלערנען, ווער גיכער און ווער א ביסל שווערער. סע זענען געווען חסידים, וואָס האָבן געהערט איין אייגציק מאָל א נייעם ניגון און זיי האָבן אים שוין פרעדאָנירט. ווען זיי האָבן אים געהערט א צווייט מאָל, האָבן זיי אים שוין געקאָנט זינגען אליין. פאַרשטייט זיך, אַז עס איז נישט געווען פאַרבאָטן צוצולייגן אַן אייגענעם פערזענלעכן „קוועטש", א תנועהלע, וואָס איז פריער נישט געווען אין אָט דעם ניגון. טייל מענטשן האָבן געדאַרפט הערן דעם ניגון דריי־פיר מאָל און באַלד האָבן זיי אים געקאָנט גענוי נאָכזינגען.

סע זענען געווען ישיבה־בחורים, וואָס האָבן געלערנט נאָטן, נאָך דעם „בלאַטיסט", נאָך דעם נאָטן־בוך, וואָס דער ספרדישער שוחט האָט מולטיפּליצירט אויף א געשטעטנער. אַזעלכע יונגע לייט, אז זיי

האָבן דערהערט א שיינעם נייעם ניגון, האָבן זיי ארויסגענומען דאָס שרייבפענדל און גיך פארצייכנט אויפן פאפיר עטלעכע צייכנס — און באלד האָבן זיי שוין געזונגען דעם נייעם זמר...

דאָס איז געזאָגט ביי א געוויינטלעכן ניגון. אָבער ביי א וואָלעך, איז דאָס שוין נישט גילטיק. א וואָלעך איז נישט צונויפגעשטעלט פון „סטראָפעס". אזא מין ניגון איז א לענגערע מעלאָדיע, א נאָסטאלגישע, א השתפכות-הנפשדיקע, וואָס מע געפינט אין די סלאוויש-אָריענטאלישע מאָטיוון.

א וואָלעך האָט נישט קיין רעפריין. קיין איין סטראָפע, כמעט, ווערט נישט איבערגעחזרט. דערפאר איז נישט אזוי לייכט זיך אויסצולערנען זינגען א וואָלעך.

איך וואָלט געקאָנט פארגלייכן אָט די נגינה מיט פּאָעזיע. איך מיין, וואָס שייך דער פּאָרעם. למשל, אויב א ניגון איז א סאָנעט — איז א וואָלעך געגליכן צו א פּאָעם, א לענגערע באלאדע צי גאָר עפּאָפּייע.

דאָס זינגען פון אזא וואָלעך געדויערט אין צייט. אָבער קיינער איילט זיך נישט. וואָס האָט מען זיך צו איילן? די נאכט איז גרויס.

דאָס איז מיט נגינה. אָבער נישט בלויז מיט דעם האָט מען פאר־בראכט די נאכט. מע האָט פארבראכט אויך מיט דערציילן מעשיות, חסידישע מעשיות.

אָבער אזוי ווי איך האָב געזאָגט וועגן דער נגינה, וועגן זינגען א וואָלעך, דאַרף איך זאָגן עפּעס אויך וועגן דערציילן. דאָס איז געווען א מין באַזונדערע קונסט־דערציילן. ווייל מע האָט נישט דערציילט קיין געוויינטלעכע מעשיות. נאָר א מעשה. איין מעשה. א מעשה וואָס האָט געהאַט אן אָנהייב, מיט אן „אמאָל איז געווען" אָבער זי האָט זיך כמעט קיין מאָל נישט געענדיקט. די מעשה האָט זיך פארצויגן, פאר־פלאָכטן, מעשה בתוך מעשה, געשפּונען און געדרייט, פון איין מעשה אין דער אנדערער און נישט געהאַט קיין סוף.

אין סיגעט איז געווען אזא מין דערציילער: הערצל אָפּשאָן. ער האָט דערציילט און אויך פארעפנטלעכט פון זיינע מעשיות... ער איז נישט געווען דער איינציקער. אדרבה, ר' איציקל פוקס האָט אים איבערגעשטיגן. ר' איציקל האָט געוויינטלעך דערציילט אויף דער באָטע אזא מעשה, מיט אויסטערלישע געשעענישן, געקניפּט און געבינדן ווי אין ר' נחמן בראסלאָווערס מעשיות, און די חסידים, די צוהערער

האָבן געגאַפט מיט געעפנטע מײַלער, פאַר נײַגעריקייט. די מעשה איז באמת געווען אַן אינטערעסאַנטע, נישט אַזוי וועגן „וואָס" מע האָט דערציילט, נאָר „ווי אַזוי" מע האָט דערציילט. ר' איציקל פּוקס האָט זיך פאַרשטאַנען צו דערציילן אַ מעשה, וואָס האָט געדויערט און געדויערט און דאָך איז מען נישט מיד געוואָרן אים אויסהערן. אָבער אַ יעדער אָנהייב האָט דאָך געמוזט האָבן אַ סוף, איז די מעשה נישט געענדיקט, נאָר איבערגעריסן געוואָרן מיט אַ ניגון... עמעצער האָט אָנגעהויבן זינגען, אַן אַנדערער האָט אונטער געכאַפּט דעם ניגון, אַלע האָבן מיטגעזונגען און אַזוי האָט זיך געענדיקט די מעשה אָן אַ סוף...

איבערצורײַסן מיט אַ ניגון, וואָס זאָל באַטײַטן דער סוף פון דער מעשה, איז געווען אַ מנהג אויך בײַ דער דרשה פון אַ חתן־בחור, סײַ ביים פאַרשפּיל (דער שבת פאַר דער חופּה), סײַ בײַ דער חתונה־סעודה צי בײַ די שבע־ברכות (שבת נאָך דער חופּה), ווען דער חתן פלעגט זאָגן אַ דרשה, אַ פּשטל, וואָס ער האָט זיך ספּעציעל אײַנגעחזרט צוריק מיט וואָכן. איז אַז ער זאָל חלילה נישט לײַדן קיין בושה, ער זאָל זיך נישט פאַרפּלאָנטערן און זיך נישט דערמאַנען פאַרצווזעצן, פלעגן גוטע פרײַנד אָנהייבן זינגען און אונטער דעם אויסרייד נישט זאָגן מער פון זײַן אויסגעלערנטן דרוש. פאַרשטייט זיך, אַז ווער סע האָט יאָ געקאָנט זאָגן אַזאַ דרוש, און עס איז נישט געווען קיין סכנה אַז ער זאָל בלײַבן שטעקן, האָט אָפּגעוואַרט, אַז דער ניגון זאָל זיך ענדיקן, דערנאָך האָט ער פאַרגעזעצט זײַן פּשטל.

אויף דער באָטע פלעגט זיך אויך אַזוי ענדיקן די מעשה — זינגענדיק אַ ניגון.

אָבער אַז חסידים זיצן אין קלויז, מע זינגט און מע דערציילט מעשיות, מע רעדט דברי תורה — דאַרף מען אויך עפּעס צובײַסן. איז פלעגט מען „שחטן אַ הערינג", פאַרבײַסן מאַלײַען־ברויט און פאַרטרונקען אַ גלעזעלע סליבאָוויצע, צי שליש. פון צייט צו צייט האָט מען גענומען אין מויל געפעפּערטע זכר־באָנדלעך, גרויסע פּיפּל־באָנדלעך, ווייסע, וואָס מע האָט ספּעציעל געקאָכט צוגעגרייט צו דער באָטע. דאָס זענען גרויסע, ווייסע פאַסאָליעס, בופקעס אָדער באָמבעס, וואָס זענען געקאָכט אין הוילן וואַסער, אָבער צום טעם לייגט מען צו זאַלץ און פעפער, איידער מע גיט זיי צום טיש.

אזוי האָט מען פאַרברענגט אין דער וויזשניצער קלויז אויף א חסידישער באָטע, א ווינטער פרייטיק־צונאכטס, ביז אין דער האלבער נאכט אריין, דערנאָך גייט מען זיך לייגן שלאָפן.

אָבער פאַר וואָס ווערט דאָס אָנגערופן א „באָטע"? אויף אָט דער שאלה קאָן איך נישט ענטפערן מיט זיכערקייט. עס איז דאָ א סברה, זאָגן טייל חסידים, אז דאָס איז פונעם וואָרט שטעקן. אין טראַנסילוואַנישן און מאַראַמאַרעשן יידיש זאָגט מען אויף א שטעקן — באָטע. פון וואו שטאַמט דאָס וואָרט? אין רומעניש זאָגט מען באַטע. אין אונגעריש זאָגט מען באָט. איז פאַר וואָס א שטעקן? ווייל עס איז א מסיבה פון חסידים אָן א רבי. דער רבי איז נישט דערביי. מע דערציילט נאָר וועגן אים, זיין א ווערטל, מע זינגט זיינע ניגונים, אָבער ער איז נישט אָנוועזנט.

דאָס זאָל זיין געגליכן צו א שטעקן. מיט א שטעקן העלפט מען זיך צום גיין, צום שפּאַצירן. דער שטעקן איז דער געהילף פאַר דער האַנט, צו פירן דעם מענטש. אָבער א שטעקן אליין, אָן א האַנט? אָט דאָס איז א באָטע, אָן א רבי.

דאָס איז א סברה. אָבער רעדט זיך דען דאָ וועגן באַטייט פונעם וואָרט?

דאָ רעדט זיך וועגן א מנהג, ווי אזוי מאַראַמאַרעשער וויזשניצער חסידים פלעגן אמאָל פאַרברענגען א ווינטערדיקן פרייטיק צו נאכטס... דאָ רעדט זיך בלויז וועגן א מנהג, ווייל נאָר אַזוי פיל איז געבליבן אין זיכרון. יענע וואָס האָבן געפּראַוועט אמאָל א באָטע, צי א מלוה־מלכה, יענע זענען פון אוישוויץ נישט צוריקגעקומען. (ר' איציקל פוקס איז יאָ צוריקגעקומען!).

זאָל זשע אָט די פאַרצייכענונג זיין במקום א יאָרצייט ליכטל.

יושר — אין דזשונגל

...דערציילן חסידים א מעשה, א לעגענדע צי א משל, וועגן יושר. זענען דאָך פאַראַן יושר־פּרעדיקער אויך אין דזשונגל... איז באוואוסט, אז מלכותא דארעא כמלכותא דרקיעא, אזוי ווי די מענטשן אין ישוב האָבן זיך זייער פירעכץ, לויט געוויסע געזעצן — אזוי פירן זיך מסתמה אויך די חיות אין וואלד. אמת, נישט לויט געשריבענע געזעצן — אָבער דאָך.

דערציילט מען, אז איין מאָל אין לאַנגסטיקע צייטן, האָט זיך פאַרלאָפן, אז אין וואלד האָט לא־עלינו, זיך פארשפרייט א מגיפה צווישן די חיות און בהמות, רחמנה ליצלן. נו, אויב א מגיפה — איז דאָך באוואוסט, אז דאָס קומט נישט אָן א פארוואָס. גאָט שלאָגט נישט מיט קיין שטעקן. מס־תמה האָט זיך עמעצער פאַרזינדיקט, דאָס דאַרף זיין א גרויסער חטא און מחמת דעם האָט דער אלמעכטיקער באשטראָפט אלע באשעפענישן פונעם וואלד, אָן אונטערשיד צווישן שולדיקע און מסתמה אומשולדיקע. אין א מגיפה איז דאָך אלץ ווי אין איין קעסל, מע קאָן דאָך נישט אויסשיידן צווישן זינדיקע און נישט־זינדיקע.

נו, אז מע טוט אָבער א טראַכט, און טראַכטן מוז מען דאָך—איז דאָס קיין יושר נישט, אז צוליב איין חוטא זאָל ליידן דער גאַנצער וואלד. איז דאַרף מען למען־השם זוכן דעם חוטא — ער זאָל באשטראָפט ווערן, אזוי ווי ער האָט פאַרדינט פאַר זיינע זינדיקע מעשים, נאָר די איבעריקע אומשולדיקע חיות זאָלן נישט דאַרפן ליידן אומזיסט און אומנישט...

האָט דער לייב, דער מלך פון די חיות, וואָס קיניגט איבערן גאַנצן וואלד און געווילד, געלאָזט מכריז און מודיע זיין, אז די חכמים פונעם וואלד זענען פאַרבעטן צו אַן אויסערגעוויינלעכער אסיפה, כדי זיך צו באַ־ראָטן וואָס עס איז צו טאָן.

דעם אמת געזאָגט איז נישטאָ וואָס אזוי פיל זיך צו באראָטן. עס איז דאָך קלאָר ווי דער טאָג, אז זוכן אין אזא גרויסן וואלד א שולדיקן — דאָס איז א שווערע ארבעט און קאָן געדויערן ווער ווייסט וויפל צייט. די צייט

ווידער איז אומרחמנותדיק, וואָס וויל נישט וואַרטן. דערווייל אַרבעט די מגיפה אַירס און מאַכט אָן קרבנות צווישן די אומשולדיקע חיות, יעדע וואָך, יעדן טאָג, יעדע שעה...

האָט מען זיך אין איילעניש שואל־עצה געווען און באַשלאָסן, אַז יעדע חיה, וואָס האָט חוטא געווען — איז דען בכלל פאַראַן אַ חיה, וואָס האָט אַמאָל אין לעבן נישט חוטא געווען?! — זאָל זיך קומען מתוודה זיין פאַרן בית־דין, וואָס דער מלך, דער לייב, האָט ספּעציעל נאָמינירט. דאָס הייסט, אַז מע דאַרף קיינעם נישט זוכן, נאָר די חיות זאָלן אַליין קומען זיך מתוודה זיין.

האָט מען געוואַרט איין טאָג, אַ צווייטן, און קיינער איז נישט געקו־מען צום בית־דין זיך מתוודה זיין, אַז ער איז דער שולדיקער, און צוליב אים און זיינע חטאים איז געקומען די פאַרשאָלטענע מגיפה...

וואָס איז צו טון? האָט דער לעמפּערט, דער ערשטער יועץ למלך, וואָס איז כמעט אַליין שוין אַ שטיקל מלך, געוואָלט ווייזן אַ ביישפּיל פאַר די איבעריקע חיות, אַז אפילו ער, וואָס איז ווי אַ שני למלך, קומט אויך פאַרן בית־דין זיך מתוודה זיין. נו, איז פאַר וואָס זאָלן נישט קומען אויך די איבעריקע חיות, וואָס זענען קלענער אין ראַנג פון אים?

זיצט דער בית־דין מיט מורא, דער מלך איז אויך דערביי, און הערן זיך צו מיט אויפמערקזאַמקייט צו דער ווידוי פונעם לעמפּערט (הגם זיי האָבן שוין פון פריער געוואוסט, אַז ווער־ווער, נאָר דער לעמפּערט איז נישט דער חוטא. ווער האָט בכלל נאָך אַזוינס געהערט, אַז אַ בית־דין זאָל מישפּטן און נאָך דערצו פאַרמישפּטן אַ לעמפּערט?!): איין מאָל, דאָ נישט לאַנג, ער געדענקט נישט פּינקטלעך ווען עס איז געשען, ווייל דאָס געשעט דאָך נישט זייער זעלטן, איז ער הונגעריק געווען, איז אים אויסגעקומען צו הריזען די שטיינער. אָבער קען מען דען שטיינער הריזען, אפילו ווען מען איז אַ לעמפּערט? האָט ער געזוכט אַ שטיקל פלייש, ווי ווייניק, נאָר אויף צו שטילן דעם הונגער זיינעם. יאָ, ער האָט געזוכט אָבער נישט געפונען. פּלוצעם קומט אים אַקעגן אַ מענטש! איר הערט, אַ מענטש. וואָס שטופּט זיך אַ מענטש אונטער די אויגן פון אַ לעמפּערט, ווען ער שמאַכט פאַר הונגער?! אָבער וועגן דעם איז נישטאָ וואָס צו רעדן, אַזוי זענען שוין די מענטשן, זיי ווייסן נישט ווען און ווי... וואָס זשע זאָל ער געווען פיל טראַכטן, ווען דער מאָגן האָט געגאָגט — האָט ער אים אויפגעגעסן דעם מענטש... אפשר איז דאָס טאַקע אַ חטא, אָבער ער איז געקומען

זיך מתוודה זיין פון זיין אייגענעם ווילן, זאָל מען אים מישפּטן און דער בית-דין זאָל זיך ארויסזאָגן צי ער איז שולדיק, און אויב צוליב דעם איז געקומען די מגיפה.

דער ערשטער האָט זיך פונאדערגעלאכט דער לייב, דער מלך. דערנאָך האָט זיך צעלאכט דער ראש-בית-דין. דערנאָך האָבן געקייכט פאר געלעכטער די איבעריקע שופטים פונעם בית-דין: כא-כא-כא! דאָס איז קיין חטא נישט. פאר וואָס זאָל עס זיין א חטא? הונגעריק איז ער געווען. קיין אנדער באשעפעניש איז אים נישט אונטערגעקומען — נו, איז וואָס אז א לעמפּערט האָט פארצוקט א מענטש?!

— אומשולדיק!

ווען די איבעריקע חיות האָבן געזען אזא מין גערעכטן פסק, האָבן זיי באקומען קוראזש, און געקומען נאָך דער ריי זיך מתוודה זיין. זיי האָבן דערציילט זייער ספקדיקן חטא, דער בית-דין האָט זיך ארויסגעזאָגט „אומשולדיק" און — און די מגיפה האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט, ווייל מע האָט נאָך נישט געפונען דעם שולדיקן.

דער לייב, דער מלך פון די חיות, וואָס איז געווען דערביי, האָט זיך שוין געלאנגווייליקט און איז אוועק זיך פארווײלן. דער בית-דין האָט גענעצנדיק אויסגעהערט די ווידויס און ארויסגעזאָגט איין פסק נאָכן אנדערן.

און אָט קומט דער וואָלף צו גיין, ער וויל זיך אויך מתוודה זיין, נאָר ער ווייסט נישט ווי אָזוי אָנצוהייבן, ווייל זיין זינד איז א ביסל א הארבערע... קומט דער ראש-בית-דין אים צו הילף:

— זאָג בקיצור, דו ביסט הונגעריק געווען?

— הונגעריק, אדוני ראש-בית-דין, ווי א וואָלף! — שטאמלט ארויס דער וואָלף, נישט געוואגטערהייט.

— האָסט פארצוקט א שאָף? — פרעגט אים דער ראש-בית-דין, כדי אים ארויסצוהעלפן, דער מישפּט זאָל זיך וואָס גיכער ענדיקן.

— ניין, נישט קיין שאָף, א קעלבל — זאָגט נישט געוואגט דער וואָלף.

— א קעלבל? המ.... און וואָס נאָך? — שלעפּט דער ראש-בית-דיןביים וואָלף די רייד, ווי מע שלעפּט ביי איינעם די ציין.

— די קו — שטאמלט ארויס דער וואָלף — אזוי פיל, נישט מער, ביז איך האָב זיך געזעטיקט... וואָס זאָל איך געווען טאָן? איך בין

שוין נישט געווען הונגעריק, אָבער וואָס זאָל איך געווען טאָן, אז די קו האָט זיך אין מיר אָנגעטשעפּעט, געמערוקעט און נישט געוואָלט אָפּטרעטן...

צעלאַכט זיך דער בית־דין:

— אומשולדיק!... אדרבה, אזוי איז דער סדר עולם, אז א וואָלף זאָל פארצוקן. דאָס איז נישט קיין חטא און וועגן דעם איז זיכער נישט געקומען די מגיפה...

נו, פון אזא מין מישפּטן קאָן מען ניצול ווערן פון דער מגיפה? ניין, דער זינדיקער וועט אזוי, אויף דעם אופן, נישט אויסגעפינען ווערן.

נאָר שאַט, אָט איז געקומען א שעפּסעלע, קוים וואָס סע שטייט אויף די פיסלעך. עס איז נאָך כמעט א זויגלינג... סע וויל זיך שטעלן אויף די קניִעס, אזוי ווי מע דאַרף שטיין פאַר א מלך צי פאַר א בית־דין, וואָס דער מלך האָט ספּעציעל נאָמינירט. סע וויל אראָפּקניִען, אָבער סע קאָן נישט. סע פאַלט אין גאַנצן אנידער. און אזוי, ליגנדיק, דערציילט עס א האַרצרייסנדיקע ווידוי:

— מיינע הויכגעשעצטע הערן ריכטער — האָט דאָס שעפּסעלע גע־מעקעט אין דער שטיל, אזוי ווי מע האָט מיט אים איינגעחזרט, איידער עס איז אָנגעקומען צום בית־דין — איך וואָג אפילו נישט צו עפענען דאָס מויל אזוי הארב איז מיין זינד...

— רעד שוין אמאָל! — האָט אויסגעשריגן דער ראש־בית־דין צום שעפּסעלע, אז ביי יענעם איז פארגאנגען אויף די מילך וואָס עס האָט גע־זויגן — וואָס וואָרטסטו, אז מע זאָל דיך צווינגען?

— איך, איך... — האָט דאָס שעפּסעלע אָנגעהויבן זיך היקען — צוליב די גרויסע פרעסט האָט מיך דער בעל־בית אריינגענומען פון דער שטאַל, אז איך זאָל איבערנעכטיקן אין שטוב, וואו עס איז געווען אזוי גוט און וואַרעם... האָב איך זיך גוט געפילט און ארומגעביצקעט איבער דער שטוב... פלוצעם האָב איך דערזען עטלעכע סטעבלעס שטרוי אין די שיך פונעם בעל־בית. מיסתמא האָט ער זיי דאָרט אריינגעשטעקט, אז זיינע פיס זאָלן נישט פארפרירן, ווען ער גייט אום אין די שנייען... איך האָב געצופּט אזוי, א שטרוי נאָך א שטרוי, ביז איך האָב זיי אויפגעגעסן... כלעבן, אז איך בין נישט געווען אזוי הונגעריק, נישט איך האָב זיך מיט זיי געזעטיקט, נאָר סתם אזוי, איך האָב זיך געשפילט...

— געשפילט, האַ? — האָט ארויסגעדונערט דער ראש־בית־דין — איר הערט א מנוול, ער האָט זיך געשפילט...

— נאָר עטלעכע שטרויעלעך — האָט געשטאמלט דאָס שעפּסעלע.

— איר הערט? נאָר עטלעכע שטרויעלעך... אָט פאר וואָס, מיר אלע אומשולדיקע דארפן ליידן, פאר אזא פארברעכער, וואָס קאָן זיך נישט איינהאלטן די תאווה און פרעסט צונויף אלץ וואָס ער געפינט...

— שולדיק! — האָט דער בית־דין געפּסקנט.

באלד, אויפן אָרט, האָט מען דאָס שעפּסעלע באשטראָפט: מע האָט עס אויפגעגעסן...

...וואָס ווילט זיך דערמיט זאָגן?

גאָרנישט. זאָל יעדער פארשטיין ווי אזוי ער וויל...

א משל דערציילט מען סתם אזוי. מע דארף נישט זאָגן אויך דעם נימשל. א קלוגער פארשטייט אויפן ווינק...

פאר וואָס?

ווער דארף דען א פסק־דין אויף צו פארצוקן א שעפּעלע?!

סיי עס איז פארמישפט, סיי עס איז נישט פארמישפט — דער גזר איז דאָך דער זעלביקער...

...נו, און ווי אזוי איז געבליבן מיט דער מגיפה?

נאָך אזא פסק־דין, נאָך אזא יושר־פארטיילן, איז נאָך ווערט כאָטש צו דערמאנען וועגן א מגיפה? אזא יושר גופא איז ביז היינט צו טאָג שוין אליין א מגיפה, רחמנא־ליצלן...

אויך לייש האָט א ווערט

זיצן חסידים צווישן מנחה-מעריב און רעדן וועגן תורה-זאכן, וועגן חסידות און וועגן חסידים... אָבער, רעדנדיק וועגן חסידים טוט אָפּ דער שטן אזא מעשה: ער וויל דאָך אויך עפּעס פּאַרדינען, ווי אזוי זשע וועט ער האָבן א ביסל נחת-רוח אויב מע וועט רעדנדיק נישט רעדן אויך א ביסל לשון-הרע?

דעם שטן קומט עס נישט אָן צו שווער. ער ווייסט עס שוין פון זיין לאנגער דערפאַרונג, אז סתם אזוי אז ער זאָל זיך אָנלייגן אויפן עולם, אז מע זאָל באַרעדן איינעם — דאָס וועט אים נישט אָנקומען אזוי לייכט. באַניצט ער שוין דאָס אויסגעפּרוואוטע פּאָרטל: ער רעגט אָן די חסידים, אז זיי זאָלן רעדן וועגן די שיינע מעשים, וועגן התלהבותדיקן דאַווענען, פון די האַרציקע זמירות פון רביים און דערנאָך פון זייערע חסידים.

ביז אהער איז אלעס גלאַטיק. צו זאָגן גוטס אויף א ייד איז א מצווה — און ווער וויל נישט טון א מצווה? וועלכער חסיד וויל נישט דערציילן פון די שבחים פון א גוטן-ייד?!

יאָ, דאָס קומט אָן דעם שטן זייער לייכט, בעת קיינער כאַפּט זיך נישט, אז דאָס איז גאָר זיין אַרבעט. אז דווקא ער, דער יצר-הרע, איז דער וואָס רעדט צו צו דער „שיינער-מיאוסער" עובדה, צו רעדן און באַרעדן... אָבער זעלטן כאַפּן זיי זיך, די סאַמע בעסטע צווישן די חסידים, אז פון „רעדן" ביז „באַרעדן" איז בלויז איין שריט...

איז קומט דער שטן אַרויס מיט לשון. ער זאָגט נישט חלילה, אז מע זאָל רעדן שלעכטס אויף דעם צי אויף יענעם. חלילה. ער זאָגט בלויז, אז מע זאָל זאָגן מוסר דעם אָדער יענעם. און מוסר זאָגן איז, ווי באַוואוסט, שוין יאָ א מצווה, בפרט פאַר חסידים.

נו, אז סע קומט צו רייד, זאָגט מען אז ר' פלוני איז א „צדיק אין פּעלץ". קומט אונטער א צווייטער און זאָגט שוין בפירוש, אז יענער דאַוונט טאַקע און מאַכט אָן געוואַלדעס, רייסט איין וועלטן מיט זיינע

תפילות אָבער ער מיינט עס דען ערנסט, לשמה?! קומט אונטער א דריטער און זאָגט פשוט: ר' פלוני איז א געמאכטע מכשפה... ער איז א צבועק, ער איז אן אָפּגעליישטער...

גייט פארביי דער רבי און נישט־ווילנדיק הערט ער א וואָרט־צוויי פונעם שמועס. ער האָט אויפגעכאַפּט דאָס לעצטע וואָרט: „דער־און־דער איז נישט מער ווי אן אָפּגעליישטער“... שטעלט זיך אָפּ אויף א ווילע דער רבי און מוסרט זיי:

— פאר וואָס זענט איר מבטל דאָס דאווענען פון א ייד, זיינע מעשים־טובים, דאָס התנהגות פון א חסיד — אויך ווען ער מיינט עס נאָך נישט לשמה? נו, איז וואָס אז ער איז אן אָפּגעליישטער?!... ווייסט איר, אז לייש גיט קיינער נישט אומזיסט. אויך לייש קאָסט געלט, איז ממילא האָט עס א ווערט...

דער רבי קוקט נישט אויף קיין פרויען...

דער רבי, זכרונו לברכה, האָט זיך נוהג געווען ארומצופאָרן איבערן לאנד, נישט וואַרטן אז די חסידים זאָלן קומען צו אים. האָבן דען אלע חסידים די מעגלעכקייט צו פאָרן צום רבין? פלעגט דער רבי אָפּ־האַלטן איין שבת אין דעם שטעטל און דעם אנדערן שבת, אין א אנדערן.

אזוי יאָר־איין, יאָר־אויס, באזוכט דער רבי חסידים ביי זיי אין דער היים. ביי אזא געלעגנהייט פלעגן זיך די חסידים פון די שכינותדיקע שטעטלעך און דערפער צונויפפאָרן צו הערן דעם רבי דאַווענען, תורה זאָגן צו כאַפּן שיריים ביי די שבתדיקע סעודות — און מייִנסטנס צו „געזעגענען זיך"...

מוצאי־שבת נאָך דער הבדלה פלעגט איין גבאי שרייבן די „קוויט־לעך" לויט די בקשות פון די חסידים, און דער צווייטער גבאי פלעגט שטיין ביי דער טיר, כדי אריינלאָזן, נאָך דער ריי, צו איין חסיד, צום רבי „געזעגענען" זיך.

לייענענדיק דאָס קוויטעלע, האָט דער רבי שוין געוואוסט אין וואָס דער חסיד נייטיקט זיך, וואָס מע דאַרף אים אָנווינטשן.

צוזאַמען מיטן קוויטל, האָט דער חסיד געגעבן אויך דעם פּידיון — און דער רבי האָט אָנגעווינטשן „רפואת הגוף ורפואת הנפש" און פרנסה בריווח...

אזוי פלעגן קומען צום רבי, יעדער מיט זיין בקשה — און אז דער רבי האָט אָנגעווינטשן, האָבן די חסידים הייליק געגלייבט אז דאָס מוז מקיום ווערן.

מאַכט זיך אַמאָל, אז סע קומט צום רבי אַן עגונה, א פרוי וואָס דער מאַן האָט זי איבערגעלאָזט, אוועקגעפאָרן ווער־ווייסט־וואוהין און פון זיך נישט געלאָזט הערן שוין זינט צוויי יאָר. האָט דער גבאי דאָס אָנגעשריבן אין קוויטל.

בעת זי האָט דערלאַנגט דעם רבי דאָס קוויטל און א שיינעם „פּידיון", האָט זי זיך צעכליפּעט אין א שרעקלעך געוויין. זי האָט מעשה פאַרברענטער

חסיד געסטראשעט, אז זי וועט נישט אָפּטרעטן, נישט אוועק גיין, ביז דער רבי, זאָל מאריך ימים זיין, וועט איר נישט אָנווינטשן, אז דער מאן אירער זאָל זיך צו איר צוריק קערן...

דער רבי, ווי דער מנהג איז, פלעגט נישט קוקן אין פּנים פון קיין פרוי, האָט ער לייענענדיק דאָס קוויטל פון זיין רעכטער האנט, זיך געריבן דעם שטערן מיט דער לינקער האנט, מאכנדיק א שירעם איבער די אויגן, כדי נישט צו ווארפן א בליק אויף אן אישה... און גערירט מסתמה פון אירע טרערן, האָט ער זי בארואיקט:

— גייט, יידענע, געזונטערהייט אהיים און ווארט אייער מאן, וועלכער וועט אם־ירצה־השם קומען...

די פרוי האָט זיך אָבער נישט געלאָזט טרייסטן מיט אזעלכע נישט זיכערע אָנווינטשן און זיך געהאלטן ביי אירס, אז ביז דער רבי וועט איר נישט צוזאָגן אויף זיכער, גייט זי נישט.

באין ברירה, האָט דער רבי איר מבטיח געווען:

— גייט לחיים ולשלום, און איידער סע וועט זיך ענדיקן דאָס יאָר, וועט אייער מאן צוריק קומען אהיים...

די יידענע האָט זיך אויסגעווישט אירע טרערן, און פול מיט בטחון האָט זי פארלאָזט דאָס צימער. ביי דער טיר אָבער, האָט זי מסתמה פון צו פיל שמחה פארגעסן צו געבן אויך דעם גבאי עטלעכע גראָשן, ווי דער מנהג איז, האָט דער גבאי זי צוריק גערופן:

— מומע, איר פרייט אייך אומזיסט. אייער מאן וועט נישט צוריק קומען צו אייך...

גייט די פרוי צוריק צום רבי, מיט א פריש געוויין:

— רבי־לעבן, דער גבאי זאָגט, אז מיין מאן וועט נישט צוריק קומען.

— דער גבאי ווייסט נישט וואָס ער זאָגט — בארואיקט זי אויפסניי דער רבי.

אזוי ווי זי דערנענטערט זיך ווידער צו דער טיר, און ווידער אמאָל האָט זי פארגעסן צו געבן דעם גבאי די עטלעכע גראָשן — האָט ער זי באגעגנט מיט א ברוגז געזיכט:

— אייער מאן וועט קיין מאָל נישט צוריק קומען צו אייך, בעסער וואָלט איר פון אים געוואַרט א גט...

אז די יידענע האָט געהערט אזעלכע דיבורים, האָט זי פונסנייע אָנגעהויבן וויינען אויף א קול און געגאנגען צוריק צום רבי, אים דערציילן וואָס דער גבאי האָט איר געזאָגט.

דער רבי איז געווען באַקאַנט מיט זיין שטענדיקער פריילעכער מינע. ער האָט געדינט דעם אייבערשטן מתוך שמחה, אזוי איז געווען זיין דרך. עצבות, פלעגט ער זאָגן, איז עבודה־זרה... אָבער אז ער האָט דער־הערט די רייד פון דער פרוי, האָט ער זיך דערבייזערט און — דאָך שמייכלענדיק א גלעט געטאָן זיין לאַנגע גרויע באָרד און געזאָגט:

— גיט א נדבה דעם גבאי און שיקט אים צו מיר.

און אז דער גבאי האָט זיך שעמעוודיק דערנענטערט צום טישל, ביי וועלכן דער רבי איז געזעסן און געפּראַוועט די געסט, האָט דער רבי געזאָגט צו אים:

— היתכן, ווי שיקט זיך עס, אז דו זאָלסט מיר אַקעגן רעדן, אויב דיר איז עס דערווידער, איז זעץ זיך אַוועק אויף מיין אָרט און איך וועל שטיין ביי דער טיר אויף דיין אָרט...

שטייט ער אזוי, דער גבאי, און ענטפערט קיין וואָרט נישט, פאר בושה.

— דו ווייסט בעסער פון מיר — מוסרט אים דער רבי ווייטער — צי איר מאַן וועט צוריק קומען?

— דער רבי קוקט נישט אויף קיין אישה — ענטפערט דער גבאי מיט א כיטרע שמייכעלע — און לייענענדיק בלויז דאָס קוויטל, האָט איר געקאָנט אַנווינטשן און אפילו מבטיח זיין, אז איר מאַן וועט זיך צוריק קערן צו איר... איך אָבער, איר זאָלט מיר מוחל זיין, האָב געזען איר פּנים, געהערט איר קול און בין אייך מבטיח, אז קיין מאַנצביל אין דער וועלט וועט צו איר קיין מאָל נישט קומען...

יעדער מישפּט נאָך זיך

עס איז שוין באקאנט: זאָגט מיר מיט וועמען איר חברט אייך, וועל איך אייך זאָגן ווער איר זענט...

אקעגן וואָס עס איז צו רייד געקומען? אקעגן דעם וואָס מע זאָגט אז טייל באזוכער פון אונדזער לאנד קומען און קוקן זיך ארום, האָבן הנאה פון דער לאנדשאפט, אז מע לעבט זיך נישט שלעכט, יידן לעבן זיך בעסער ווי אין פיל אנדערע ישובים מיטן זעלביקן אָדער אנדערן גורל — דערנאָך ווען זיי קערן זיך צוריק, דערציילן זיי אין זייער היים וועגן דעם, וואָס זיי האָבן ביי אונדז געזען...

טייל דערציילן אז זיי האָבן ביי אונדז געזען שיינע בערג, א שיינעם ים-ברעג, פולע געוועלבער מיט אלערליי סחורות, שיינע פאָלקלאָר-פאָר-שטעלונגען, שיינע טענצערס און נאָך שענערע טענצערינס...

טייל, ווידער, דערציילן אז זיי האָבן געזען שווייצער-קעז, אָבער ער איז פון סאמע לעכער...

עס איז די גאָר אלטע מעשה, אז דער פּעסימיסט דערזעט אז דאָס פלעשל מיט משקה איז האלב ליידיק, בעת דער אָפּטימיסט זעט דאָס זעל-ביקע פלעשל, אז עס איז גאָר האלב פול.

...דערציילן חסידים, אז דער רבי ר׳ פלוני, האָט געשמט פאר א בעל-צדקה. א גרויסער בעל-צדקה. עס האָט ביי אים קיין מאָל נישט איבערגע-נעכטיקט אן איבעריקער גראָשן אין זיין שטוב. אזוי ווי ער האָט באקומען עפּעס געלט פון זיין א חסיד — איז עס מיט איין האנט אריין און מיט דער צווייטער ארויס. באלד האָט דער רבי געפונען א נויטבאדערפטיקן, וועמען אוועקצוגעבן זיין נדבה.

די אָרעמעלייט האָבן דערפון שוין געוואוסט. און אויב זיי האָבן דערפון געוואוסט האָבן זיי אויסגעניצט די געלעגנהייט. אזוי ווי זיי האָבן דערפילט אז עס איז א שעת-הכושר, זענען זיי באלד געקומען און אויסגע-שטרעקט די האנט.

דער רבי האָט אָבער געהאַט, נעבן דער אָפענער האַנט אויך אָפענע אויגן, און געוואוסט צו מאַכן אַ צווישנשייד צווישן אַ האַנט און אַ האַנט. זיין נדבה איז געווען לויט זיין אָפּשאַץ. ווי מע זאָגט, וויפל־ווערמען...

קומט אַ ייד, אַ ניצרך, צום רבי און זאָגט אים, אַז ער האַלט שוואַך מיט דער פּרנסה — ווינטשט אים דער רבי אָן. אויב דאָס העלפט נישט, גייט דער רבי צו צום שאַפּקעלע, נעמט אַרויס פונעם קעסטעלע עטלעכע גילן און דערלאַנגט זיי דעם באַדערפטיקן יידן... אָבער בינו־לבינו פרעגט ער אַזאַ ייד פון וואַנען ער איז, ווי סע לעבט זיך דאָרט אין זיין שטעטל, ווי האַלט עס מיט יידישקייט...

דער ייד ענטפערט אויפן רבינס פראַגן, על ראשון־ראשון ועל אחרון־אחרון, אַז ער קומט פון דעם שטעטל, לאָמיר זאָגן, יעהופּעץ, אַז סע זענען פאַראַן דאָרט אין דער קהילה יידן יראים ושלמים, וואָס לערנען תורה, פאַראַן אַ חברה־ש״ס, אַ חברה משניות, אַ חברה תהילים. פאַרשטייט זיך, נישט אַלע זענען אַזוי, אָבער דער עיקר איז, וואָס סע זענען פאַראַן יידן, וואָס היטן אָפּ יידישקייט, עסן כשרס, שטיצן אַ תלמוד־תורה און אַזוי ווייטער...

דערלאַנגט דער רבי פאַרן דאָזיקן יידן אַ מטבע און ווינטשט אים הצלחה און באַגלייט אים אַרויס: גייט לחיים ולשלום.

אין דרויסן באַגעגנט דער ייד זיין אַ בן־עיר. יענער פרעגט אים., ווי אַזוי אים האָט באַגליקט ביים רבין. ווייזט ער אים אין דער האַנט, אַז ער האָט באַקומען אַ צענערל, נאָך דעם ווי ער האָט אים דערציילט וועגן יידישקייט פון זייער שטעטל... אַזוי גאָר, רופט אויס דער בן־עיר, דו האָסט אים דערציילט אַזעלכע ליגנס, אַז ביי אונדז אין שטעטל זענען סאַמע צדיקים, און האָסט באַקומען אַ צענערל? איז וועל איך אַריין גיין און אים דערציילן דעם גאַנצן אמת, וועט ער מיר געוויס געבן אַ צוואַנציקער...

געזאָגט און געטאָן: דער צווייטער ייד איז אַריין צום רבין. דער רבי שטעלט אים די געוויינטלעכע פראַגן. ער ענטפערט על ראשון, ראשון, אָבער ווען סע קומט אָן צו יידישקייט — נעמט דער ייד אָן די ראָלע פון אַ גאַנס סטראַפּטשע און מאַכט צו דער בלאָטע די גאַנצע קהילה: יידישקייט?! אַ נעכטיקער טאָג. אין די שילן דאַווגט קיינער נישט. שבת זענען די קלייטן אָפן. אין דער יאַטקע קאָן מען קויפן נאָר חזיר־פלייש. אדרבה, מע קאָן אפילו באַקומען בחינם חזיר־פלייש, נאָר מע זאָל נישט עסן קיין כשרס...

טוט דער רבי אַ קרעכץ „אוי, ריבונו־של־עולם" און דערלאַנגט דעם יידן אַ פינפערל...

וואונדערט זיך דער צווייטער ייד און קאָן זיך נישט איינהאלטן:

— היתכן? פריער איז געווען ביי אייך א ייד און האָט אייך דערציילט גוזמאות, אז אין שטעטל זענען פאראן צדיקים, יראים ושלמים, האָט איר אים געגעבן א צענערל. איך, ווידער, האָב אייך דערציילט דעם גאנצן אמת, וועגן די פושעי ישראל ביי אונדז אין שטעטל, האָט איר מיר געגעבן קוים א פינפערל?!

ענטפערט אים דער רבי מיטן זעלביקן קרעכץ „אוי, ריבונו-של-עולם!“ און קלערט אויף דעם ייד:

— איר ביידע האָט געזאָגט דעם אמת. איך בין נישט חושד קיין איינעם פון אייך, אז איר דערציילט דאָס וואָס עס איז נישטאָ ביי אייך אין שטעטל... אָבער, זעט איר מיין ליבער ייד, יעדער פון אייך זאָגט דאָס, וואָס ער זעט, אין וועלכער סביבה ער לעבט. יענער האָט געלעבט צווישן שומרי מצוות, לומדים, האָט ער זיי געזען, מיט זיי צוזאמען מסתמה געלערנט א פרק משניות, געזאָגט כאָטש א קאפיטל תהילים, אָדער לכל-הפחות געדאוונט מיט מנין... איר, מיין ליבער ייד, האָט אויך דערציילט דעם אמת — אָבער דאָס איז געווען „אייער“ אמת. אזוי האָט איר זיך אויפגעפירט אין דער היים, אין אייער שטעטל, האָט איר דאָס געזען און דאָס האָט איר דערציילט. ביידע האָט איר געזאָגט דעם אמת...

...אקעגן וואָס איז עס צו רייד געקומען? אקעגן דעם וואָס טייל טו- ריסטן, וועלכע באזוכן אונדזער לאַנד, זעען איינס און דאָס זעלביקע, אָבער נישט יעדער איינער פון זיי דערציילט איין און דאָס זעלביקע.

יעדער זעט דאָס, וואָס ער וויל זען...

אויך אָן א רבי...

ערגעץ, ערגעץ, אין א פארוואָרפן דערפל האָט זיך געלעבט א ייד מיט זיין פרוי, זיך געפּלאָגט און געהאָרעוועט צו פאַרדינען דאָס שטיקל ברויט. געלעבט אָפּגעזונדערט פון א יידישער קהילה—נאָר, וואָס טוט נישט א מענטש צוליב פרנסה? דאָך האָט ער אָפּגעהיט יידישקייט, די טאָג-טעגלעכע מצוות: געדאַוונט, געלייגט טלית און תפילין, אָפּגעהיט שבת—הגם ער איז קיין גרויסער קענער נישט געווען. קוים וואָס ער האָט געקאָנט א ביסל דריבנעטשקע.

אז עס איז אמאָל פאַרבלאָנדזשעט און עס איז אדורכגעפאָרן א פירל מיט א סוחר, צי מיט א רבי און איז געבליבן אין דאָרף עסן א מאָלצייט צי איבערנעכטיקן — האָט דער ייד קיין מאָל נישט געוואָלט נעמען קיין שכר דערפאַר. אדרבה, ער איז געווען גליקלעך אז ער האָט די געלעגנהייט און קאָן מקיים זיין די מצווה פון הכנסת-אורחים. אנדערע מצוות קאָן ער דאָ מקיים זיין?!

אמת, וועגן כשרות איז אים א ביסל שווערער געווען, ווייל כשר פלייש האָט ער זיך געמוזט ברענגען פונעם שכנהשן שטעטל, צי פאָרן אהין שחטן אן עוף, אָבער אין שטוב האָט מען געגעסן נאָר כשרס, בפרט אז אויפן דאָרף עסט מען מייינסטנס מילכיקע מאכלים.

יום-טובים, און ווען ער האָט געהאַט יאָרצייט נאָך זיינע עלטערן, פלעגט ער אריינפאָרן אין שכנהשן שטעטל דאַווענען און קדיש זאָגן.

אזוי האָט ער זיך געלעבט עטלעכע יאָר, און ביסלעכווייז אָנגעהויבן פילן זיין עלטקייט. די יאָרן פאַרגייען און ער האָט נישט קיין יורש, ווען חלילה-וחס סע וועט קומען די צייט, וועט אפילו נישט איבערבלייבן ווער סע זאָל זאָגן נאָך זיי א קדיש...

וואָס קאָן זיין טרויעריקער פאַר אן אָרעמען פשוטן דאָרפס-ייד, ווי צו לעבן אָן א האָפענונג, אז אויף דער עלטער וועט ער נישט האָבן ווער סע זאָל אים דערלאַנגען כאָטש א טרונק וואַסער? וואָס פאַר א זינען האָט שוין אזא לעבן, ווען מע האָרעוועט שווער צו פאַרדינען אויפן שטיקל ברויט און מע האָט נישט קיין אויסזיכטן, אז איבער הונדערט און צוואָנציק יאָר זאָל מען איבערלאָזן א זון, ווער סע זאָל כאָטש קדיש זאָגן נאָך אים?!

האָט ער געזיפצט אין איין זייט און זיין פרוי אין דער צווייטער, הגם זיי האָבן דעריבער נישט גערעדט. וואָס איז דאָ צו רעדן? דאָס איז דאָך א גאָט-זאך...

אָבער איין מאָל האָט פּאַסירט. אז סע זענען פאַרבייגעפאָרן אין דאָרף עטלעכע פירן, אָנגעלאָדן מיט יידן, מיט באָרד און פּיאות, ווי יידן דאַרפן אויסזען... ווען זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט פאַר זיין הייזל האָט ער זיך דער-וואוסט, אז דאָ פאָרט א רבי מיט זיינע חסידים. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט שחרית דאַווענען און באַלד וועלן זיי זיך ווייטער פאָרן.

פאַרשטייט זיך, אז בעת די יידן האָבן געדאַווענט, האָט די פרוי צוגע-גרייט איבערבייסן: פּוטער מיט ברויט און צו א שאָל קאַווע מיט מילך. א יידינע בלייבט א יידינע... קומט איר אויפן גֿעדאַנק, אז איצט איז א שעת הכושר. איצט דאַרף מען אויסניצן די געלעגנהייט און פּועלן ביים רבי אז ער זאָל איר צוזאָגן אַז זיי וועלן האָבן א בן-זכר... זי האָט עס געזאָגט איר מאַן, אָבער ער האָט נישט געוואַגט צו עפענען דאָס מויל.

אָבער ווען דער רבי האָט זיך שוין געגרייט אַוועקצופאָרן, האָט זיך דער דאָרפס-ייד דערנענטערט און מיט א נישט-געוואַגט קול זיך געוואָנדן:

— רבי לעבן, איך האָב א בקשה צו אייך...

— דהיינו? — פרעגט דער רבי און שמייכלט צו זיינע באַגלייטער.

— איך וויל אז איר זאָלט אונדז בענטשן, אז מיין פרוי זאָל געבוירן א זון... איך זאָל אויך האָבן א קדיש.

— מיין ליבער ייד — זאָגט דער רבי רייבנדיק זיך דעם שטערן, ווי פאַרטראַכט אין טיפע כוונות — אויב איר ווילט דווקא א זכר, וועט עס אייך קאָסטן הונדערט טאָלער.

...נישט נאָר דער דאָרפס-ייד, נאָר אויך די חסידים וואָס האָבן באַ-גלייט דעם רבין, זענען געוואָרן שטאַרק פאַרחידושט ווען זיי האָבן דאָס דער-הערט. סע האָט נאָך קיין מאָל נישט פּאַסירט, אז דער רבי זאָל פאַרלאַנגען ביי עמעצן געלט. אדרבה, דאָס געלט וואָס דער רבי פלעגט באַקומען פון זיינע פאַרמעגלעכע חסידים, פלעגט ער צעטיילן פאַר נויטבאַדערפטיקע...

— אפשר וועט געצוג זיין פופציק טאָלער? — הויבט זיך אָן צו דינגען די פרוי, וועלכע איז געווען דערביי.

— ניין — זאָגט דער רבי — אזוי פיל קאָסט עס.

— איך בין נישט קיין פאַרמעגלעכער — בעט זיך דער דאָרפס-ייד — איך וואָלט גערן אייך געגעבן דעם הונדערטער, אָבער איך האָב נישט פון וואו צו נעמען אזוי פיל געלט.

— ניין, ביליקער וועט עס נישט גיין — זאָגט דער רבי צו דער גרוי-סער שטוינונג פון זיינע חסידים.

— אפשר וועט געננוג זיין, אז איך וועל אייך איצט געבן די פופציק טאָלער און שפעטער מיט א צייט, וועל איך אייך געבן נאָך א צוואַנציקער — דינגט זיך דער ייד.

— ניין, קיין פרוטה נישט ווייניקער — זאָגט דער רבי אָן אנט-שלאָסענער, און נעמט זיך דעם שטעקן, פארטיק ווייטער צו פאָרן...

— אפשר... — הייבט ווידער אָן דער ייד, אָבער די פרוי זיינע האָט אים אונטערבראָכן די רייד, מיט א ביסל כעס אין איר קול:

— איז מוחל!... די מלאכים האָבן ביי אברהם אבינו נישט געבעטן קיין איין גראָשן נישט... אז גאָט 'עט וועלן, וועט ער העלפן אויך אָן דעם. אז גאָט וויל, העלפט ער אומזיסט...

— אָט דאָס האָב איך טאקע געוואָרט—האָט דער רבי געזאָגט מיט א שמייכל — זאָלן די חסידים נישט מיינען, אז דער רבי קאָן אלץ... דער וואָס לעבט אייביק גופא קאָן צו מאָל אויך העלפן...

כבוד פאר יעדן

פארצייטנס האָבן רבנים, איידער זיי זענען געוואָרן רבנים, האָבן זיי אָפּגעריכט גלות... נאָר צו ערשט לאָמיר מאכן א הבדל צווישן א רב און א רבי: איינער וואָס האָט געוואָלט ווערן רב, האָט געמוזט קענען פסקענען שאלות, מישפּטן א דין־תורה, בקיצור: ער האָט געדאַרפט קענען לערנען — אנדערש האָט ער נישט געקאָנט זיין קיין רב, קיין ראש־בית־דין.

אויף צו ווערן רב האָט מען געמוזט האָבן אן אטעסטאט, א דיפּלאָם (התרת הוראה אָדער הירמונא).

אויף צו ווערן רבי האָט מען נישט געדאַרפט זיין קיין גרויסער למדן. מע האָט דאָך נישט געדאַרפט פסקענען קיין שאלות. מע האָט אָבער געדאַרפט זיין געלייטערט פון אלע ערדישע קליינלעכע חטאים. מחמת דעם, יענע וואָס האָבן זיך געגרייט צו ווערן א רבי, האָבן אָפּגעריכט גלות, זענען געגאנגען צו פוס פון שטאָט צו שטאָט, דאָרט וואו זיי האָבן געטאָגט האָבן זיי נישט גענעכטיקט, זענען ארומגעגאנגען מצוות טון, ראטעווען יידישע נשמות, און פּשוט צו ליידן עינויים, כדי געלייטערט צו ווערן, דערהויבן צו ווערן אויף יענער הויכער מדריגה, אז די שכינה זאָל אויף זיי רוען. ערשט דעמאָלט האָבן זיי זיך געקאָנט דערלויבן נתגלה צו ווערן, צו ווערן א רבי און זיך פירן לויט א נוסח וואָס איז געווען אָדער געוואָרן זיין שיטה. סע זענען געווען רביים, וואָס אפילו נאָכן נתגלה ווערן האָבן זיי ווייטער געלעבט באשיידן, סע זענען אָבער געווען דינאסטיעס רביים, וואָס האָבן זיך געפירט מלכותדיק מיט כמעט א קיניגליכן הויף, ווי סע פלעגט זיך פירן, למשל, די ריזשינער גזע...

דערציילט מען, פון איינעם אזא ייד, איידער ער איז נתגלה געוואָרן, ווען ער האָט אָפּגעריכט גלות און ארומגעגאנגען בע-ונד, איז ער אָנגעקומען אין א שטעטל, און נאָכן דאווענען מעריב האָט ער אָנגעהויבן טראכטן וועגן אן אכסניה, וואו איבערצונעכטיקן, און אפשר אויך עסן א וועטשערע ?

האָט ער זיך ארומגעקוקט אין בית־המדרש און דערזען א בעל־בית, וואָס לויט זיין אויסזע איז ער געווען א פארמעגלעכער ייד. האָט ער זיך צו אים דערנענטערט עניוותדיק און אים געפרעגט צי ער וואָלט געקאָנט ביי אים איבערנעכטיקן. וועגן וועטשערע עסן האָט ער אפילו נישט מזכיר געווען.

ווען דער גבירישער בעל־בית האָט דערזען, אז ער האָט צו טון מיט אן אָרעמאן, א שלעפער, וואָס גייט ארום צו פוס האלב באָרוועס פון שטאָט צו שטאָט, האָט ער אים געשיקט אז ער זאָל גיין איבערנעכטיקן צו אן אָרעמען ייד, וועלכער האָט אליין נישט געהאט צו עסן א גוטע וועטשערע, אָבער ער איז געווען באקאנט פאר א גרויסן מכניס־אורח. יעדן אָוונט, נאָך מעריב דאווענען, פלעגט ער זיך ארום־קוקן אין בית־המדרש, און אז ער האָט געזען אן אָרעמען ייד, האָט ער נישט געוואַרט אז יענער זאָל זיך אָנבאָטן צו אים. אדרבה, ער פלעגט זיך דערנענטערן און אים פארבעטן צו אים איבערצונעכטיקן און במילא געגעסן אין איינעם מיט אים וועטשערע, וואָס גאָט האָט מיט זיין חסד אים געשאָנקען.

אויך דאָס מאָל איז אזוי געשען. ער האָט געזען, אז דער אורח איז נאָך געבליבן אין שיל, האָט ער אים פארבעטן צו זיך.

דער אורח האָט זיך ביי אים זייער גוט געפונען, אָבער ער האָט נישט געקאָנט פארגעסן, אז דער גביר האָט אים אָפגעזאָגט און אים נישט געוואָלט אויפנעמען, אז ער זאָל ביי אים איבערנעכטיקן.

סע זענען פאריבער עטלעכע יאָר. מיט דער צייט איז ער נתגלה געוואָרן און זיין שם איז געוואָרן גרויס. געוואָרן א רבי צו וועלכן חסידים פלעגן קומען אין די טויזנטער. דאָס מאָל איז ער שוין נישט ארומגעגאנגען צו פוס פון שטאָט צו שטאָט, נאָר געפירט זיך מלכות־דיק, געפאָרן אין א שיינע בריטשקע, מיט שיינע גרויסע פערד, גלייך א מלך וואָלט געפאָרן...

מאכט זיך, און ער קומט אָן איין מאָל אין יענעם שטעטל, און נישט געוואַרט אויף קיין אנדערע כיבודים, איז ער גלייך צוגעפאָרן צו יענעם באַשיידענעם ייד, ביי וועלכן ער האָט אמאָל איבערגענעכטיקט.

דער אָרעמער ייד האָט זיך געפילט זייער גוט. אדרבה, עס איז דאָך געווען פאר אים אזא איבערראשנדיקער כבוד, אז אזא רבישע פערזענלעכקייט זאָל איינשטיין ביי אים. האָט ער זיך געפילט ווי אין

זיבעטן הימל. ווען איז נאָך ביי אים איינגעשטאַנען א צדיק מיט אזא נאָמען? געוויינטלעך שטייט אין אזא באַרימטער רבי ביים גביר פונעם שטעטל...

ווען דער גביר האָט דאָס דערהערט, איז ער תיכף געקומען צום רבי, אים פאַרבעטן אַז ער זאָל קומען איינשטיין ביי אים, וואו ער וועט האָבן מער פּלאַץ און א רייכערע וועטשערע, ווי סע קאָן אים אָנביטן דער באַשיידענער ייד.

עס איז אָבער געשען, אַז ביידע, אי דער רבי אי דער גביר, האָבן זיך דערקענט. דער גביר האָט זיך דערמאַנט, אַז דאָס איז נישט קיין אַנדערער ווי דער געוועזענער אָרעמאַן, וועלכן ער האָט נישט געוואָלט נעמען אויף איבערצונעכטיקן. האָט ער אים טאַקע תיכף מחילה געבעטן, און אויף אַן עקשנותדיקן אופן אים פאַרבעטן צו אים.

דער רבי האָט מיט א שמייכל אים אָפּגעזאָגט, בזה הלשון:

— פאַרשטייט איר מיך, מיין ליבער גביר, איך בין דאָך דער זעלבי־קער ווי פריער... דעמאָלט האָט איר מיך נישט געוואָלט אַריין נעמען צו אייך אין שטוב, כאָטש איך האָב נישט געהאַט וואו איבערצונעכטיקן. היינט בין איך דאָך דער זעלביקער, נאָר וואָס דען? היינט האָב איך א טייערע בריטשקע מיט שיינע פערד, אזוי ווי סע שטייט אָן פאַר מיין שטאַנד... איז אויב איר ווילט, קאָנען מיינע פערד איינשטיין ביי אייך — איר זענט דאָך מכבד די פערד, נישט מיך...

ענִיוּת און זעלבּאכטונג

געווען אַמאָל אַ צדיק... נו, מילא, אויך אַ צדיק ווי גרויס זיין צדקות זאָל נישט זיין, אַז מע הויבט אָן צו בלאָזן מיטן שופר ציטערט אויף אים די הויט. אדרבה, וואָס גרעסער דער צדיק איז אַלץ גרעסער זענען די מקטריגים און דאָס צינגל פון דער וואָגשאָל דאַרף זיך נישט וואַקלען הין און הער — איז וואָס זשע בלייבט אים איבער צו טון?

אַז סע קומען די פּאַרכטיקע טעג פון תשובה, פלייסט ער זיך נאָך מער ווי אַ גאַנץ יאָר, שטייט אויף ביי נאַכט און ריכט אָפּ חצות; האָט ער זיך קוים צוגעלייגט, שטייט ער שוין ווידער אויף און זאָגט סליחות מיט התלהבות און געוויין.

בקיצור, ער שטייגט זיך אַליין איבער. ער איז בכלל נישט דער זעלביקער וואָס איז אַ גאַנץ יאָר. אָבער די שפּאַנונג וואַקסט מיטן דערנענטערן זיך פונעם יום-הדין — ראש-השנה און יום-כיפור איז דער הויך-פונקט. אין די דאָזיקע טעג מאַכט דער שטן אָן די גרעסטע אָנשטרענגונגען כדי אָפּצווייכן די מחשבות פון די מתפללים, זיי זאָלן טראַכטן פון אַלץ און אַלעמען, נאָר נישט פון דעם וואָס סע רעדט זיך אין די תפילות. דער שטן טוט אָפּ כּל-השׂטיק אַז דאָס התעוררות זאָל אָפּגעשוואַכט ווערן, כדי פון די תפילות וואָס מע זאָגט אין אָט די הייליקע טעג זאָל זיך נישט אויסקלייבן גאָרנישט...

דער צדיק, וועגן וועלכן סע דערציילט זיך דאָ, האָט זיך נישט געוואָלט לאָזן פאַנגען אין דער נעץ פונעם שטן — האָט ער זיך געמאַכט אַ מנהג, שוין יאָרן אַזוי, אַז ער זאָל דאַווענען בשכנות פון אַ פרומען ייד, וועלכער טוט תפילה מיט חסידישן ברען, און פון אָט דעם גרויסן התלהבות פון זיינע תפילות זאָל ער משפיע זיין אויך אויף אים, ער זאָל אויך אים רירן דאָס האַרץ און אים דערוועקן צו אַן התעוררות, וואָס זאָל איבערשטייגן דעם שטנס מעשים... אַזוי איז געגאַנגען עטלעכע יאָר. ער האָט שוין געהאַט זיין שכן, אין דער שיל, אין וועלכער ער האָט געדאַוונט יעדן ראש-השנה און יום-כיפור, אַ ייד וואָס האָט געדאַוונט מיט אַזאַ התלהבות אַז אַ שטיין האָט עס געקאָנט רירן.

מאכט זיך אָבער א מאָל, אז דער צדיק איז געווען אונטערוועגס און עס איז אים אויסגעקומען אָפּצוהאַלטן יום־כיפור אין א קליין שטעטל, וואו קיין גרויסע לומדים זענען נישט געווען און מיט קיין צו פיל התעוררות האָט מען זיך נישט געקאָנט רימען. וואָס זשע טוט מען דאָך? איז ער ארומ־געגאַנגען אין שיל, ערב יום־קדוש פאַר כל־נדרי, און קוקט זיך ארום, וואו ער זאָל זיך אָפּשטעלן דאווענען אין אָט דעם הייליקן טאָג, נעבן א ייד וואָס זאָל אים אויך שענקען כאָטש א ביסל פון זיין התלהבות, כדי דער הייליקער טאָג זאָל פאַרלויפן ווי ער איז זיך נוהג כל ימיו.

זוכנדיק אזוי, דערזעט ער א ייד, וואָס שטייט און שאָקלט זיך, מיטן טלית איינגעהילט איבערן קאָפּ און דאווגט. זיין געזיכט זעט מען נישט, ווייל דער טלית דעקט אים אין גאַנצן איבער. פון אונטערן טלית שטעקט אַפּיר א האַנט, א ציטערנדיקע, און וועלכער ער האָט א גרויס שווער מחזור, און סע הערט זיך א קול, א הייזעריקס פון א צעבראָכן געמיט, וואָס רעדט זיך אויס צום רבונו של־עולם, גלייך ער וואָלט גערעדט צו איינעם פון זיינס גלייכן:

— עפר אני בחיי — און ער פאַרטייטשט זיך יעדעס וואָרט אויף יידיש — ערד בין איך נאָך ביים לעבן, קל־וחומר במיתתי, כל־שכן נאָך מיין טויט...

ווען דער צדיק האָט דאָס דערהערט, האָט עס אויף אים געמאַכט אַן אויסעראָרדנטלעכן רושם, און ער האָט זיך געטראַכט: אָט דער איז ער! אָט דער איז פאַר אים ווי אָנגעמאָסטן. נעבן דעם ייד דאַרף ער דאווענען.

ער האָט זיך אָפּגעגעבן חשבון אז קיין גאָר גרויסער קענער דאַרף ער נישט זיין. מסתמה לייענט ער דעם טעקסט אויף עברי־טייטש, ווייל ער פאַרשטייט נישט קיין לשון־קודש. אָבער, צוריק גערעדט, זוכט ער דען א למדן? ער זוכט דאָך עמעצן וואָס דאווגט פונעם גאַנצן האַרץ, איז וועט ער געפינען איינעם מיט מער התלהבות ביים דאווענען ווי ביי אָט דעם פשוטן, פרומעם ייד?! דער ווייזט אויס צו זיין א גאָטס־פּאַרכטיקער ייד, א פּשוטער, וועלכער ווייסט נישט פון קיין גרויסע חכמות און ער האָט דערפילט, אז פון אָט דעם פשטות וועט זיך אויך צו אים איבערגיסן א חלק און ער וועט קענען דאווענען דעם גאַנצן יום־טוב אזוי ווי סע באַדאַרף צו זיין, ווי ער איז זיך נוהג אין דער היים.

געזאָגט און געטון. דער צדיק האָט זיך אוועקגעזעצט נעבן אָט דעם פשוטן אָבער אויפריכטיק פרומעם ייד, וואָס מיט זיין דאווענען

קען ער אוועקלייגן נישט נאָר איין שטן — נאָר הונדערט. קיינער וועט נישט אימשטאנה זיין זיך אנטקעגן צו שטעלן אַט די תפילות און זיי וועלן געוויס דערגיין גלייך צום כסא־הכבוד...

אזוי האָט דער צדיק געדאוונט צו כל־נדרי, צו מעריב, דעם צווייטן טאָג צו שחרית. ער האָט געזאָגט די יוצרות, פילנדיק ווי דאָס געמיט זיינס ווערט איבערגעפלייצט מיט א רוחניותדיק געפיל, וואָס קיין בע־סערן וואָלט מען זיך נישט געקאָנט ווינטשן. ער וואָלט געקאָנט זאָגן אז ער פילט זיך נאָך פיל בעסער ווי ווען ער פלעגט דאווענען אין דער היים, אין א שיל פון סאמע לומדים, הייסע חסידים, וואָס האָבן דעם ניצוץ פון חסידות אין זייער גאנץ לעבן, איינגעזאַפּט אין די טיפענישן פון זייער נשמה, וואָס זענען אימשטאנד אים אָנצוצינדן אין א ברענענדיק ליכט... דאָס מאָל אָבער איז עס אויף א פיל העכערער מדריגה. איצט פילט ער, אז ער איז נישט קיין פשוט ליכט, נאָר ממש א פאקל, א ברענענדיקער פאקל...

יאָ, אלץ איז ווי סע באדארף צו זיין. אין אזא שטימונג ווייסט מען נישט פון קיין הונגער, פון קיין דורשט — מע פילט אפילו נישט אז מע פאסט. ווּעמען גייט עס איצט אָן וועגן אזא קלייניקייט, וועגן תענית?

אָבער ביי קריאת־התורה האָט עפּעס פּאסירט, וואָס האָט איבער־געקערט אלע ווערטן. גלייך א באָמבע וואָלט געפּלאַצט און גע־וואָרפן אין דער לופט אלץ וואָס איז געווען ארום אים. וואָס האָט פּאסירט? א קלייניקייט... מע האָט אויפגערופן צום ספר אָט יענעם פשוטן ייד, זיין שכן, נעבן וועמען ער האָט אזוי וואויל געדאוונט און זיך געפילט כמעט ווי אין זיבעטן הימל, אָבער מיט א מאָל האָט ער דערפילט גלייך מע וואָלט אים געווען אָפּגעגאָסן מיט אַן עמער קאלט וואסער.

דער ייד האָט זיך צעשריגן:

— וואָס איז, איך בין פאר רביעי?! — און ער איז ארויף אויפן באלעמער אַן אומצופרידענער, וואָס מע האָט אים נישט אויפגערופן צו א בעסערער עליה, צו שלישי...

דער צדיק איז געווען אויסער זיך. ער האָט נישט געקאָנט פאר־שטיין: ווי אזוי איז עס מעגלעך אז אזא ייד זאָל האָבן אזא חוצפּהדיקן

שטעל? און — ווי אזוי האָט ער געקאָנט האָבן אזא גרויסן טעות, אז דווקא ער, דער דאָזיקער ייד וועט אים מתעורר זיין צו די תפילות פון אזא הייליקן טאָג?!

ער האָט זיך נישט געקאָנט בארויקן. דער קאָפּ איז אים שוין נישט געשטאַנען צו די תפילות. סע האָט געמוטשעט דער געדאנק: ווי איז עס מעגלעך געווען? דאָס מוסף דאַווענען, די עבודה, גאָרנישט האָט שוין ביי אים נישט געהאַט קיין שום טעם. ער האָט געדאַוונט מיטן מויל, אָבער דאָס הארץ, די מחשבות זענען שוין נישט געווען דערביי.

דער שטן דארף דען עפּעס מער?!

צו מינחה האָט ער זיך שוין מער נישט געקאָנט איינהאלטן און צוגעגאַנגען צו יענעם ייד און נישט געוואַגטערהייט אים געפרעגט:

— ר' ייד, היתכן, ווי בייזערט זיך א ייד אין סאַמע יום־הקדוש וועגן אזא נישטיקער זאַך, וועגן רביעי?!

— וואָס הייסט רביעי? — קוקט אים דער ייד אָן פאַרוואונדערט — אויב רביעי איז דאָס זעלביקע, איז פאַר וואָס האָט ער מיך נישט אויפגעַ־רופן צו שלישי?

— איך האָב אליין געהערט מיט מיינע אייגענע אויערן — האָט דער צדיק אים געפּרוּווט איבערשלאָגן די רייד — ווי נעכטן פאַר כל־נדרי האָט איר געזאָגט אז „ערד בין איך ביים לעבן"...

— ווּעמען האָב איך דאָס געזאָגט? — האָט דער ייד זיך צעשמייכלט — צום רבונו־של־עולם? פאַרן אלמעכטיקן בין איך טאַקע גאָרנישט שבּ־גאָרנישט. אָבער פאַרן גבאי פון דער שיל, דארף ער וויסן, אז איך בין נישט געצל פאַרעדן!...

אויך שניידערגעלט

נישט אלע רביים האָבן זיך געפירט מלכותדיק, ווי די ריזשינער גזע. סע זענען געווען פיל רביים, וואָס האָבן געלעבט זייער באַשיידן. אפילו דאָס ביסל געלט, וואָס זיי האָבן באַקומען פון די נישט זייער פאַרמעגלעכע חסידים, האָבן זיי צעטיילט פאַר צדקה און אליין, מיט זייער אייגן בני־בית, האָבן כמעט געהונגערט דאָס שטיקל ברויט.

אַזוי איז געווען אויך דער פאַל מיטן רבי ר׳ זוסיא. ער איז געווען באַרימט פאַר א בעל־צדקה. אַזוי ווי קיין נגיד איז ער קיין מאָל נישט געווען, האָט זיך עס דערקאַנט אין זיין הויזווירטשאַפט. די רביצן זיינע איז געווען אָנגעטון ווי א בעטלערקע און זי האָט זיך געשעמט צו ווייזן פאַר מענטשן. האָט זי טאָג-איין טאָג-אויס דערמאַנט איר מאַן, אַז סע וואָלט שוין צייט געווען אַז זי זאָל האָבן א ניי קלייד.

וויפל קאָן דאָס א מאַן אויסהאַלטן דאָס דערקוטשען פון א ווייב? אפילו א רבי ווי ר׳ זוסיא קאָן דאָס אויך נישט ביי‌קומען. האָט ער זיך אויסגעליגן ביי א פאַרמעגלעכן חסיד א ביסל געלט און האָט געקויפט עטלעכע מעטער שיינעם געבלימטן קאַרטון און עס געגעבן דער רביצן וועלכע האָט עס געטראָגן אין איילעניש צו א פּרויענשניידער, אַז ער זאָל איר אויפנייען א קלייד, אַז זי זאָל שוין נישט אויסזען ווי א פּשוטע שלעפּערקע.

דער רבי ר׳ זוסיא האָט געמיינט אַז דערמ׳ט האָט זיך עס געענדיקט. אַציגד וועט ער שוין א צייט האָבן רו, די רביצן וועט אים שוין נישט מאַטערן מיט אירע בקשות... ליידער האָט עס אָבער נישט אָנגעהאַלטן לאַנג. סע זענען נישט אַדורך נאָר עטלעכע טעג און ער האָט ווידער דערזען אַז די רביצן איז פאַרזאָרגט און פאַרמרה־שחורהעט פּונקט ווי פריער.

האָט ער זי געפרעגט:

— וואָס זאָל דאָס באַטייטן, וואָס דו ביסט שוין ווידער ברוגז?

האָט די רביצן אים דערציילט דעם גאַנצן אמת. דאָס געוועב אויפן נייעם קלייד האָט זי איבערגעגעבן דעם שניידער אויפצונייען, און ער האָט זיך געגעבן די מי אַזוי ווי פאַר א רביצן, און האָט איר

אויפגעניִיט א שיין קליידּ. סע האָט אָבער פּאסירט אז ווען דער שניי־דער האָט איר אָפּגעבּרענגט דאָס קלייד, און געמאכט די לעצטע אויס־בעסערונגען, האָט ער בעת יעדן שטאָך מיט דער נאָדל א זיפץ געטון, אז סע האָט געקאָנט רירן אויך א שטיין. זיין גאנץ פּנים האָט אויסגע־דריקט נאָר צרות און זאָרג. האָט די רביצן אים געפרעגט:

— ר' ייד, פאר וואָס זענט איר עס אזוי פארזאָרגט?

— איך זע א שיין קלייד — האָט איר דער שניידער געענטפערט — איז דערמאָן איך זיך אָן מיין אומגליק, וואָס איז מיר דערפון ארויסגע־קומען פאר מיין טאָכטער... צוריק מיט א צייט איז מיין טאָכטער א כלה געוואָרן. נו, איר ווייסט דאָך, ווי שווער מע זעט א שידוך צו טון מיט א טאָכטער, ווען מע האָט נישט קיין נדן. דערצו דארף מען אויך אויף חתונה הוצאות. וואָס טוט מען? די צייט פון דער חתונה רוקט זיך צו... פאר עטלעכע טעג קומט אריין צו מיר דער חתן און זעט אז איך ניי א שיין קלייד. וואָס זאָל ער וויסן? האָט ער ביי זיך געטראכט, אז דאָס איז אוודאי זיין כלהס חופּה־קלייד, הגם עס איז נישט קיין ווייס חופּה־קלייד, אָבער דאָך איז עס א ניי מלבוש... אָבער ווען ער האָט זיך דערוואוסט אז דאָס איז נישט אזוי, האָט ער זיך דערביזערט און ער האָט אָנגעהויבן צו פארנאָכלעסיקן מיך און זיין כלה. מיין טאָכטער האָט דאָס באמערקט און איצט גייט זי ארום ווי אָן אָבל, פאריאָמערט. זי האָט מורא אז דער חתן זאָל חלילה נישט אָפּלאָזן דעם שידוך... וואָס וועט זי טון, זי איז דאָך שוין נישט אזא יונגעטשקע? און איך, איז דען מיין הארץ פון א שטיין?! דאָס אומגליק פון דער טאָכטער איז דאָך פאר מיר א פיל גרעסערע צרה... אָט, פאר וואָס זינט דעמאָלט איז שוין מיר גאָרנישט פאר ליב.

— ווי איך האָב דאָס דערהערט — זאָגט ווייטער די רביצן — האָב איך תיכף געזאָגט דעם שניידער, אז ער זאָל נעמען דאָס קלייד א מתנה פון מיר פאר זיין טאָכטער, וועלכע איז איצט א כלה־מיידל. איך בין דאָך נישט קיין כלה, וואָס גרייט זיך צו גיין אונטער דער חופּה... מיין זוסיא וועט זיך פון מיר נישט גטן אפילו ווען איך וועל נישט האָבן קיין ניי קלייד... האָט דער שניידער קודם זיך אָפּגעזאָגט, נישט געוואָלט נעמען דאָס קלייד, אָבער אז איך האָב מפציר געווען, האָט ער גענומען דאָס קלייד און איז אהיים געגאנ־גען א פריילעכער... האָב איך טאַקע געטון א מצווה, איך מיין אז אפילו א

גרויסע מצווה, אָבער צו גיין אזוי אָפּגעריסן, שעם איך זיך, עס איז נישט קיין כבוד התורה אז א רביצן זאָל זיך ווייזן צווישן מענטשן אָפּגעשליסן...

זאָגט איר ר' זוסיא:

— לאָמיר לאָזן די בושה ביי דער זייט... אן ערלעכער מענטש האָט זיך דערמיט נישט צו שעמען. וואויל איז דיר, רביצן מיינע, וואָס דו האָסט געקאָנט גובר זיין דעם יצר־הרע און דו האָסט זיך געקאָנט אָפּזאָגן פונעם בייעם קלייד. אָבער זאָג נאָר, איך בעט דיך, שניידער־געלט האָסטו באַצאָלט דעם בעל־מלאכה?

— נישט גענוג וואָס איך האָב אים אוועקגעגעבן מיין קלייד — וואונדערט זיך די רביצן — זאָל איך אים נאָך צאָלן אויך שניידערגעלט?!

— נו, אוודאי — זאָגט צו איר דער רבי ר' זוסיא — טו נאָר א טראַכט, מיין ליבע יידענע, דער שניידער איז אן אָרעמער בעל־מלאכה. ער האָט אָפּגעאַרבעט א גאַנצע וואָך פאַר דיינעטוועגן, בלויז פון דיינעטוועגן, כדי צום סוף זאָל ער ביי דיר איינמאָנען דאָס שניידערגעלט, כדי ער זאָל האָבן אויף שבת-הוצאות, ער זאָל האָבן מיט וואָס צו לעבן... אויף דעם געלט האָט ער גערעכנט צו האָבן פרנסה פאַר זיין גאַנץ הויזגעזינד אויף דער גאַנצער וואָך, און אויב דו האָסט עס אים נישט באַצאָלט, הייסט עס אז דו האָסט אים באַרויבט. דו האָסט אים נישט געגעבן זיין שכר-טירחא. דו האָסט אים געשאָנקען דאָס קלייד? דאָס איז חוץ א מעשה. איינס איז דיין מתנה, לאָמיר זאָגן ווי א דרשה-געשאַנק פאַר זיין טאָכטערס חתונה, און א צווייטע זאַך איז זיין פאַרדינסט...

...איז ר' זוסיא תיכף אוועקגעלאָפן און פונסניי געליגן געלט, כדי צו באַצאָלן דאָס שניידערגעלט...

קינסטלערישע הנאה

...אין דער חסידישער וועלט איז באוואוסט, אז אלע מעשיות, אלע דערציילונגען אָדער פערזן, לידער, תורה־ווערטלעך, וואָס עמעצער האָט אַמאָל געזאָגט, דערציילט אָדער אָנגעשריבן — סיי די וואָס זענען געחתמעט מיט א נאָמען, א פסעוודאָנים, אָדער זענען אַנאָנים, און געבענטשט געוואָרן מיטן כלל־נאָמען פאָלקלאָר — זענען נישט קיין נייע, צי אָריגינעלע מעשיות, אָדער לידער, צי גאָר תורה־ווערטלעך, נאָר אלע זענען זיי אַלטע, נאָך מקדמונים.

אויך דאָ ביי תורה־ווערטלעך צי מעשיות דערציילן, איז חל דער זאָג פון שלמה המלך: אין חדש תחת השמש. נישטאָ קיין נייע מעשה צי ליד אונטער דער זון... אלע, אלע מעשיות וואָס מע האָט אַמאָל דערציילט, אָדער מע וועט נאָך אַמאָל דערציילן, זענען זיי נישט קיין נייע מעשיות נאָר איבערדערציילטע און אָבער אַמאָל איבערדערציילטע.

וויכטיק איז אָבער ווי אַזוי מע דערציילט זיי איבער, אויב דער דערציילער האָט זיין אייגענעם נוסח, איז עפּעס מחדש ביים תורה־זאָגן, אין סגנון, לייגט אריין כאָטש א פונק פון זיין נשמה — כדי ער זאָל עס קאָנען אָנרופן „זיינס״...

אין אזא פאַל קאָן ער גופא, דער דערציילער, צי דער בעל־דרשן גופא הנאה האָבן פון זיינע אייגענע שאַפונגען — און מיט אָט דער הנאה זיינער, מיט דער פרייד, דערהייבט ער זיך אויף א העכערער מדרגה און איז ביכולת צו שאַפן. דערציילט מען דאָך, אז דער גרויסער שלום־עליכם, ווען ער פלעגט אָנשרייבן א מעשהלע, פלעגט ער גופא, בשעתן שרייבן, קייכן פאַר געלעכטער.

...מע דערציילט נאָך, אין נאָמען פון א רבין, אז ער פלעגט זאָגן ביי די שבתדיקע סעודות זייער שיינע דברי־דרוש, טיש־תורהס, אז די צוהערער פלעגן זיך פון זיי לעקן די פינגער. בלויז ער אליינער איז קיין מאָל נישט געווען צופרידן מיט זיך. תמיד האָט ער זיך גע־פילט ווי געקריוודעט פון זיינע אייגענע תורה־ווערטלעך, הגם ער האָט זיי אַזוי שיין געזאָגט און אויסגעטייטשט, אז זיי זענען אריינגעדרונגען אין דער טיפעניש פון דער נשמה און אין די הערצער פון זיינע צוהערער.

אויף זיין געזיכט האָט מען געזען באַשיימפערלעך, אז דאָס תורה זאָגן קומט אים אָן זייער שווער, גלייך ער וואָלט געטאָן א שווערע עבודה, הגם, ער האָט געזאָגט די תורה מיט שמחה, דאָך איז ער געווען

געפלאָגט ווי פון א געדאַנק, גלייך ער וואָלט געפּרוּווט אריבערגיין איבער א שטרויכלונג, וואָס איז אים שווער איבערצוהיפּערן.

די מקורבים האָבן עס נישט זעלטן באַמערקט, אָבער זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען די סיבה דערפון.

איין מאָל האָבן זיי צווישן זיך אָפּגערעדט און באַשלאָסן אים צו שטעלן די פראַגע, אַז ער זאָל דאָס אויפקלערן, פאַר וואָס ער איז אַזוי אומצופרידן מיט זיינע תורה־ווערטלעך, בעת זיי, די חסידים זיינע, זענען נשתומם ווען זיי הערן זיך צו און זענען איבערצייגט, אַז דאָס איז ממש געזאָגט געוואָרן אויפן באַרג־סיני, בשעת מתן תורה...

דערציילט מען, אַז דער רבי האָט זיי געזאָלט האָבן געענטפערט בזה הלשון:

— עס טוט מיר אוודאי גרויס הנאה, וואָס אייך געפעלן מיינע דברי תורה. איר מעגט וויסן, אַז אויך מיר געפעלן זיי. אָבער איך וויל זיך דערמיט נישט באַגניגן. איך זוך און פּרואוו, אַז זיי זאָלן זיין נאָך בע־סער, נאָך שענער, ווייל... אמת, די תורה איז אייביק, אי אַלט אי ניי — זי איז ניצחיות. אמת, איך זאָג אייך נישט קיין נייעס, דאָס אַלץ איז שוין געזאָגט געוואָרן צו משה רבינו. אָבער, זעט איר, דער שטן האָט זיך זיינע שטיק... מחמת דעם בין איך צו מאָל געערגערט. נישט וועגן וואָס איך זאָג, נאָר צו מאָל ווי אַזוי איך זאָג זיי... איך באַמי זיך, אַז סע זאָל אַרויסקומען וואָס בעסער, אַז לכל־הפּחות איך גופא זאָל דערפון הנאה האָבן. ווייל, אַז איך וועל אם־ירצה־השם קומען פאַרן בית־דין של מעלה, וועט מען דאָך מיך אוודאי מישפּטן אויך וועגן יעדן איינציקן תורה־זאָגן, מע וועט דאָך ביי מיר מאָנען חשבון וועגן יעדן דרוש מיינעם, וואָס איך האָב אַמאָל געזאָגט — איז איידער מע וועט מיך טאַקע מישפּטן, וועל איך איבערהאַקן די רייד פונעם קטיגור און וועל אים פרעגן, אַז ער זאָל מוחל זיין מיר זאָגן וועגן וועלכער תורה מיינער וויל ער מיך באַשולדיקן. וועט ער דאָך מוזן איבערחזרן דעם דרוש מיינעם... איז ממה־נפשך: איז עס נישט איינער פון מיינע דרושים וואָס איך האָב אַמאָל געזאָגט, בין איך דאָך גאַרנישט שולדיק און מע וועט מיך נישט קאָנען פאַראורטיילן... ווידער אַז סע וועט יאָ זיין איינע פון מיינע תורה־ווערטלעך, וויל איך איצט מיך באַוואָרענען, אַז זיי זאָלן זיין אַזעלכע שיינע ווערטלעך, אַז ווען איך וועל זיך צוהערן, בעת מע חזרט דאָס איבער מיין א תורה־ווערטל, זאָל עס מיר אַזוי געפעלן, אַז פון דער הנאה זאָל איך געשטאַרקט ווערן און כוח האָבן אויסצוהאַלטן אויך גיהנום...

...דאָס איז די קינסטלערישע הנאה.

ווי שלמה-המלכס מישפּט

מע דערציילט אז...

צו מישפּטן צוויי בעלי־דינים איז נישט אזא שווערע זאַך, ווי מע וואָלט אויבנאויפיק געקאָנט מיינען. אדרבה, עס איז גאָר פשוט: מע הערט אויס די בעלי־דינים, מע הערט אויס די עדות, מע לייגט ארויף אויף דער וואָגשאָל און וואוהין דאָס צינגל פון דער וואָג בייגט זיך — דעם גיט מען געדעכט...

דאכט זיך, אז עס איז פשוט, יאָ?

וואו איז דאָס געזאָגט געוואָרן? ווען סע זענען פאַראַן עדות, ווען סע זענען פאראן עדותשאפטן, באַווייזן, דעמאָלט קאָן זיך דער שופט אמאָל גרינגער און אמאָל א ביסל שווערער אָריענטירן, אָבער דאָך קאָן מען דערגיין צו אן אמת.

וואָס טוט מען אָבער, ווען קיין באַווייזן זענען נישטאָ, נישט די בעלי־דינים ברענגען זיי פאַרן בית־דין, נישט דער בית־דין קאָן עס פון זיי פאָדערן, ווייל אזעלכע באַווייזן זענען נישט פאראן און מע קאָן קיין אמתדיקע באַווייזן נישט ברענגען? דאָס זעלביקע איז אויך מיט די עדות: אויב דער ענין, וואָס ווערט געמישפּט איז פאָרגעקומען צווישן די צוויי בעלי־דינים און קיין דריטער מענטש האָט עס נישט געזען — איז פון וואַנען זאָל מען נעמען עדות?

אָט, אין אזא פאַל קאָן מען שוין נישט דערוואַרטן אז דער בית־דין זאָל זיין ביכולת אויפצוקלערן און ארויסגעבן א גערעכטן פסק. די וואָגשאָל זאָגט דאָך דעמאָלט דעם בית־דין גאָרנישט. דאָס צינגל שטייט אין מיטן, נישט הין און נישט הער — וועמען זשע זאָל מען געבן גערעכט?

אין אזא פאַל, דאכט זיך, אז סע קאָן קיין שום בית־דין אין דער וועלט נישט ארויסזאָגן קיין גערעכטן פסק, אז די בעלי־דינים זאָלן זיין געצווונגען אים אָנצונעמען, דווקא ווייל עס איז נישט באַוויזן געוואָרן פאַר זייערע אויגן ווער סע האָט געזאָגט דעם אמת און ווער עס איז גערעכט.

אין אזעלכע פאַלן קאָן קיין בית־דין, מיטן קלאַסישן שולחן־ערוך, כמעט גאָרנישט אויפטון. דאָ דאַרף מען האָבן א שלמה־המלכדיקע חכמה,

אזוי צו פירן דעם מישפט, אז דער פאלשער בעל־דין זאָל זיך ארויס־שטעלן, ווי אויף חוזק, אז ער איז נישט ערלעך, אז ער וויל אָפּנארן יעדן, אפילו דעם בית-דין, און אזוי ארום באקומען פון זיין בעל-דין, דאָס וואָס סע געהער נישט צו אים.

עס איז באקאנט דער מישפט פון שלמה-המלך מיט יענע צוויי פרויען, וועלכע האָבן ביידע געטענהט, אז דאָס לעבעדיקע קינד איז אירס און דאָס טויטע איז יענערס...

וואָס האָט געזאָלט טון שלמה-המלך, ווען קיין עדות איז דערביי נישט געווען, אז ער זאָל זאָגן עדותשאפט, ווצמען סע געהער דאָס לעבע־דיקע קינד?! איין זאך האָט שלמה-המלך יאָ געוואוסט, אז ביידע קאָנען נישט זיין גערעכט. ווי אזוי זשע געפינט מען אויס וועלכע מוטער סע זאָגט דעם אמת און וועלכע זאָגט א שקר?

האָט ער עס געטון מיט א תחבולה.

צו אזא תחבולה האָט געדארפט אָנקומען רבי לוי יצחק בערדיטשעווער, ווען ער האָט געדארפט ארויסגעבן א פסק, צווישן א ייד, איינער אליין, און אן אלמנה מיט קינדער, ווען זיי האָבן געדארפט פונאנדערטיילן זיך מיט א ירושה. וועגן אָט דעם מישפט דערציילט מען אזוי:

....געווען איז בערדיטשעוו אן אָרעמאן. נו, דאָס איז קיין נייעס נישט, אז אין בערדיטשעוו האָבן קיין אביונים נישט געמאנגלט. אזוי אז די מעשה מיט אונדזער אָרעמאן וואָלט נישט געווען קיין חידוש... האָט אָבער מיט אים פאסירט, וואָס נישט מיט אלע בערדיטשעווער האָט פאסירט — ער איז געוואָרן א שטיקל נגיד.

ווי אזוי? געגנוי ווי אזוי עס איז געשען, דאָס איז נישט וויכטיק איצט פאר אונדז. דאָ דערציילט זיך דאָך נישט וועגן די אופנים ווי אזוי מע קאָן, אָדער מע האָט אמאָל געקאָנט, אויפגעריכט ווערן... דאָך, דארף מען דערמאנען, אז דער אָרעמאן האָט שוין נישט געקאָנט אויסהאלטן דאָס דח־קות אין דער היים, נישט קאָנענדיק מפרנס זיין דאָס ווייב און דעם האלבן טוץ מיידלעך, וועלכע האָבן אָנגעהויבן וואקסן, ווי אויף הייוון.

איז דארף מען טראכטן אויף ברויט, אויף קליידונג. מיידלעך, ווי אָרעמע זיי זאָלן נישט זיין, האָבן פּרעטענציעס. און פאר וואָס זאָל מען נישט דערמאנען, אז לויט דער יידישער טראדיציע, דארף מען שפייזן לויט די מעגלעכקייטן, אָבער קליידן די פרוי דארף מען דווקא אפילו איבער די מעגלעכקייטן...

איז פאר אונדזער אָרעמאַן נישט איבערגעבליבן ווי מקיים צו זיין אן אנדער גמרא־ווערטל: ווען מען סע גייט שלעכט אויף אן אָרט, זאָל ער גיין פּרוּוון זיין מזל אין אן אנדער אָרטשאַפט.

האָט ער איבערגעלאָזט ווייב־און־קינדער, געקושט די מזוזה, געזאָגט תּפילת־הדרך און איז אוועק...

די מעשה דערציילט, אז פון צייט צו צייט האָט ער געשיקט מיט דער פּאָסט א ביסל געלט פאר זיין ווייב, אז זי זאָל האָבן פון וואָס צו לעבן, זאָל האָבן מיט וואָס אויסצוהאַלטן אירע טעכטער — אָבער מיט וואָס זיי חתונה צו מאכן, דאָס הייסט, אויף נדן, אויף דעם האָט נישט געסטייעט... האָט זי נישט געהאַט קיין אנדערע ברירה, ווי וואַרטן אפשר וועט זי אין א שיינעם טאָג באַקומען פון אים א גרעסערע סומע געלט, אז זי זאָל קאָנען צודעקן דעם קאָפּ כאָטש דער ערשטער טאָכטער — און מיט די איבעריקע איז גאָט א פאָטער, וועט מען שוין זען.

קודם, צו אלעם ערשט, דאַרף מען אָנהייבן. מע זאָל זען כאָטש די ערשטע טאָכטער חתונה געמאכט...

איז אָבער געשען, אז סע האָבן אויפגעהערט קומען אפילו די געוויינטלעכע סומע געלט, וואָס זי האָט באַקומען מער־ווייניקער רע־גולער.

עס איז אדורכגעגאַנגען א חודש, צוויי — א יאָר... בקיצור, ענד־לעך איז אָנגעקומען א בריוו, נישט צו זיין פרוי נאָר צו זיין ברודער, אין וועלכן דער געוועזענער אָרעמאַן שרייבט בזה הלשון:

„ליבער ברודער, ווען דו וועסט באַקומען דעם דאָזיקן בריוו, וועל איך שוין נישט זיין צווישן די לעבעדיקע. איך האָב געליטן אן אומגליק־פאַל און גלייב נישט, אז איך וועל אים איבערלעבן. איצט, אין דער לעצטער מינוט פון מיין לעבן, שרייב איך דיר, מיין ליבער ברודער, אז דו זאָלסט זאָגן קדיש נאָך מיר, ווייל גאָט האָט מיר נישט געשאָנקען צווישן מיינע קינדער קיין איין זון.

בייגעלייגט צום דאָזיקן בריוו שיק איך דיר טויזנט רענדלעך. דאָס איז מיין גאַנץ פאַרמעגן, וואָס איך האָב געקאָנט צונויפזאַמלען במשך די שווערע יאָרן פון מיין האָרעוואַניע. פון דעם דאָזיקן סכום, בעט איך דיך, אז דו זאָלסט געבן מיין פרוי וויפל דו ווילסט, דאָס איבעריקע נעם דיר.

און אצינד, בעט איך דיך, זאָלסט מתפּלל זיין פאר דער נשמה פון דיין ברודער, וועלכן דו וועסט שוין קיין מאָל נישט זען".

אזוי ווי ער האָט באַקומען דעם בריוו, איז דער ברודער געגאַנ־
גען צו זיין שוועגערין, ער האָט איר געוויזן דעם בריוו, אין וועלכן
עס איז געשריבן שוואַרץ אויף ווייס, אַז ער זאָל איר געבן „וויפל ער
וויל" — האָט ער איר אָנגעבאָטן הונדערט רענדלעך, די איבעריקע
ניין הונדערט האָט ער איבערגעלאָזט פאַר זיך, ווי זיין ברודער האָט אים
געשריבן אין זיין צוואה־בריוו.

פאַרשטייט זיך, אַז די שוועגערין וועלכע איז איצט שוין אַן
אלמנה און האָט אויף איר קאָפּ מיידלעך חתונה צו מאַכן, האָט זיך
נישט געלאָזט. זי האָט געזאָגט, אַז דאָס איז נישט קיין יושר... האָט
זי גערופן דעם שוואָגער צו א דין־תורה.

רבי לוי יצחק בערדיטשעווער, ווען ער האָט דערהערט אין וואָס
סע באַשטייט דער ענין, האָט ער זיך אָפּגעגעבן חשבון, אַז דאָס איז
נישט קיין גלאַטיקע זאַך.

באַווייזן זעגען נישט פאַראַן. דער איינציקער באַווייז, דער בריוו,
ער קאָן אָבער אַזוי פאַרשטאַנען ווערן, ווי אַזוי דער ברודער האָט אים
אויסגעטייטשט. אָבער, האָט דער בערדיטשעווער צדיק געטראַכט, מיטן
הוילן באַווייז וועט ער דאָ ווייניק קאָנען אויפטון. דאָ דאַרף מען אויך
צולייגן א שטיקל הארץ... מע קאָן דען לאָזן אַן אלמנה מיט אַזוי פיל
טעכטער, אַז זיי זאָלן זיך באָדן אין חובות. בעת דער ברודער וועט
אויפגעריכט ווערן מיט אַן עשירות, צו וועלכן ער האָט נישט קיין צו
גרויס רעכט?!

האָט דער בערדיטשעווער, דערציילט מען, געלייענט דעם בריוו
נאָך איין מאָל און ווידער א מאָל, ביז אים איז געקומען אין געדאַנק
א תחבולה, ווי ביי שלמה־המלך, בעת זיין מישפּט מיט יענע צוויי פרויען...

האָט ער קודם געזאָגט, אַז מע זאָל איינלייגן דעם גאַנצן סכום
ביים בית־דין און דערנאָך וועט ער אַרויסגעבן דעם פּסק:

— עס איז קלאָר, זאָגט דער בערדיטשעווער צדיק, דער בריוו
איז אויטענטיש און זיין תוכן איז זייער קלאָר... דאָ ווערט געשריבן:
דו זאָלסט געבן פאַר מיין פרוי „וויפל דו ווילסט"... דאָס הייסט, אַז
איר, ר' ייד, האָט געוואָלט ניין הונדערט רענדלעך, דאָס זאָלט איר
געבן פאַר דער פרוי... „דאָס איבעריקע זאָלט איר נעמען פאַר אייך".
דאָס הייסט, די איין הונדערט רענדלעך...

זינט דעם דאָזיקן מישפּט, דערציילט מען, האָט מען געשאַצט
דעם בערדיטשעווער צדיקס חכמה נאָך מער, ווייל נאָר זיין אהבת
ישראל, צוזאַמען מיט דער חכמה, האָט געקאָנט געבן אַזעלכע שלמה־
המלכדיקע מישפּטים...

קלאנג און אָפּקלאנג

געפעלשטע אויערינגלעך

סע גייט מיר נישט אין מיין אייגענעם שאָדן. אייגנטלעך האָב איך דאָך גאָרנישט אָנגעוואָרן. לאָמיך מיר דאכטן אז די מומע מיינע איז בכלל נישט געשטאָרבן; אז איך האָב קיין מאָל קיין מומע נישט געהאט; אז מיין מומע האָט קיין אויערינגלעך נישט געהאט... יאָ, דאכטן קאָן זיך פארן מענטש וואָס ער וויל און אפילו וואָס ער וויל נישט. עס איז אָבער דאָך אנדערש דעמאָלט ווען דו האָסט יאָ א מומע און זי האָט יאָ אויערינגלעך און איידער זי זאָל צומאכן אויף אייביק די אויגן, רופט זי דיך צו צום קראנקן בעט און טוט א ווינק מיט א פילדייטיקן בליק, רוימט דיר איין אין אויער, אז זי וויל דיר איבערלאָזן (נישט בירושה, צו דעם האָט זי נענטערע!) א מתנה.

זי האָט אפירגענומען פון אונטערן קישן א בינטעלע, א מין טאשנטיכל, אין וועלכן זי האָט געהאט פארבונדן מסתמה רעשטלעך פון איר צירונג, האָט עס מיט אירע ציטערנדיקע הענט פונאנדערגענומען און מיר עס דערלאנגט בסוד, אז די שטוב-מענטשן זאָלן עס נישט זען — אזוי האָט זי מיר געגעבן אירע גאָלדענע אויערינגלעך.

פאר וואָס האָט די מומע דווקא מיר געגעבן די אויערינגלעך?!

אפשר ווייל איך האָב קיין מאָל נישט ארויסגעלאָזט די געלעגנהייט איר צו זאָגן: „קיס די האנט, טאנטיו!“? מעגלעך. א פאקט איז אָבער אז די מומע האָט מיר געגעבן דאָס טייערסטע וואָס זי האָט איצט פארמאָגט. לכל־הפחות ביי איר אין די אויגן זענען די אויערינגלעך געווען אזוי חשוב, אז זיי זענען נישט געווען צום דערשאצן.

זיי זענען דאָך געווען פון גאָלד. מיט טייערע רובינען...

ווען איך האָב באקומען די אויערינגלעך, האָב זיי ארייַנגעלייגט ביי מיר אין דער קעשענע — האָב איך מיר נאָך נישט אָפּגעגעבן חשבון וועגן „אוצר“ וואָס דאָס מזל האָט מיר צוגעשפּילט. ערשט שפּע־טער, ווען איך האָב זיי באטראכט און געזען ווי אזוי זיי פינקלען, שפּיגלען אָפּ דאָס ליכט וואָס פאלט אויף זיי, אויף די שטיינדלעך וואָס

האָבן זיי באַצירט — ערשט דעמאָלט האָב איך געפילט, אַז די מומע האָט מיר באמת געגעבן אַזאַ מתנה, וואָס איז ווערט אַז איך זאָל זי קיין מאָל נישט פאַרגעסן, דאָס הייסט, אויף מיין גאַנצן לעבן.

הגם, ביז איצט האָט קיינער נישט גערעדט וועגן די דאָזיקע אויערינגלעך, אַז זיי זענען באַצירט מיט פיינע איידלשטיינער. מע האָט פשוט געזאָגט: גאָלדענע אויערינגלעך. די רובינען, דאָס האָב איך אַליין באַמערקט.

און אַזוי ווי מיין פאַנטאַזיע האָט זיך צעשפּילט אין די חומשדיקע איידלשטיינער פון רובינען, סאַפּירן, מיט וועלכע דער חושן און אפוד פונעם כהן גדולס מלבושים — האָב איך זיך שוין נישט געקאָנט באַהערשן און פאַר-שווייגן מיין סוד. איך האָב געמוזט אויפקלערן דעם ווערט פון מיין „אוצר". די נייגיר האָט דאָך מיך געמוטשעט און נישט געלאָזט שלאָפן.

היינט בין איך שוין איבערצייגט, אַז יענע וואָס האָבן נישט קיין אויערינגלעך, אָדער לכל-הפחות זיי זענען נישט פון קיין גאָלד מיט רובינען, אויב זיי האָבן יאָ — יענע שלאָפן רואיקער... איך, איך האָב שוין נישט געקאָנט שלאָפן רואיק, אפילו נישט אומרואיק. איך האָב בכלל נישט צוגעטון קיין אויג. איך האָב אַלץ געטראַכט און נישט געקאָנט איינשלאָפן — הגם איך בין שוין נישט געווען קיין קליין קינד...

בין איך דעם צווייטן טאָג גאָר פרי, אַלנפאַלס פריער ווי גע-וויינטלעך, אויפגעשטאַנען און אַוועק צום זייגערמאַכער...

פאַר וואָס צום זייגערמאַכער? ווייל קיין ספּעציעלער גאָלדשמידט איז ביי אונדז אין שטעטל נישט געווען. עס איז געווען אַ זייגערמאַכער אַן עלטערער ייד, אַ תלמיד-חכם, וועלכער האָט געלערנט יעדן טאָג כאָטש אַ פּרק משניות, איידער ער איז אַוועק אין דער זייגערמאַכעריי. ער האָט געטון אַלץ, זיינע אַלע באַוועגונגען זענען געווען פאַמעלעכע, גלייך ער וואָלט זיין גאַנץ לעבן געהאַט צו טון מיט פּרוזשינעס פון זייגערס, מיט רעדעלעך, מיט ווייזערס, וואָס אַז מע גייט מיט זיי נישט אום מיט אויפמערקזאַמקייט, איז אָדער זיי צעברעכן זיך, אָדער זיי גייען לאיבוד צווישן די פינגער — און גיי זוך זיי.

דער זייגערמאַכער האָט גענומען מיינע אויערינגלעך אין די הענט. ער האָט צוגעלייגט צום רעכטן אויג, נאָך איין „קוקער", אַחוץ זיינע דיקע ברילן און באַקוקט פון אַלע זייטן מיין „אוצר"...

קודם האָט ער זיי באַטראַכט שווייגנדיק, פאַרטראַכט. דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן פּרעדאָנירן א חסידיש תנועהלע. דערנאָך האָט זיך באַוויזן אויף זיין פּאַרטראַכט געזיכט א שמייכעלע. יאָ, א גאָר דין שמייכעלע.

פאַר וואָס זאָג איך א „דין" שמייכעלע? ווייל סע זענען פאַראַן פאַרשידענע שמייכלען, פּונקט אַזוי ווי סע זענען פאַראַן ווערטער, פאַרשידענע ווערטער. קאַלירטע ווערטער, שמעקנדיקע ווערטער, פאַרמיקע ווערטער מכל המינים.

אפשר איז נישט יעדער בן־אדם מסוגל פונאַנדערצוקלייבן זיך צווישן דער פּילפּאַכיקער אַנדערשקייט פון די ווערטער. אָבער, ווער סע האָט אַן אויפמערקזאַם אויג פּונקט אַזוי ווי סע האָבן טייל מענטשן אויפמערקזאַמע אויערן, יענע דערקענען פונעם ערשטן אויגנבליק דעם חילוק פון א מינדסטער נואַנס פון א קאָליר — פּונקט אַזוי וועלן טייל מענטשן מיט אַן אַנטוויקלט געהער דערקענען די „קאָליר" פון א וואָרט. פּונקט אַזוי וועלן יענע, וועלכע האָבן א שאַרפן חוש הריח דערקענען דעם ריח פון א וואָרט.

טאַקע דערפאַר וועלן טייל מענטשן זיך באַליידיקן פאַר א וואָרט וואָס זעט אויס צו זיין „אומשולדיק" אָבער דאָך האָט עס באַרירט זייער סענסיביליטעט.

א שמייכל איז אויך אַזוי ווי א וואָרט. סע קאָן זיין א שמייכל פון סימפּאַטיע, פון איראָניע, פון מיטלייד, גרינגשאַץ, פון קינאה, פון שינאה, פון גאווה — און פון וואָס נישט?

דאָס דאָזיקע *שמייכעלע*, וואָס האָט זיך איצט באַוויזן אויפן פאַרטראַכטן פּנים פונעם זייגערמאַכער, איז געווען א מין מאָדנע שמייכעלע וואָס איך האָב מיר נישט געקאָנט פאַרטייטשן, ווייל עס איז געווען אַזא מין פאַרהוילנס, אַז וואָס מע האָט געוואָלט האָב איך געקאָנט אין אים אריינטייטשן — נאָר איין זאַך האָב איך זיך נישט דערוואַרט, אַז דאָס שמייכעלע וועט מיר געבן אַזא זעץ אין מיינע געהירן, אַז איך וועל בלייבן ממש אָן לשון...

— יאָ, יאָ — האָט דער זייגערמאַכער איבערגעחזרט מיטן זעלביקן תנועהלע פונעם ראש־השנהדיקן דאַווענען, מיט וועלכן ער האָט זיך פאַרנומען בשעתן באַטראַכטן מיינע גאָלדענע אויערינגלעך, מיט בריליאַנטן באַפּוצטע אויעררינגלעך, דער אומדערשאַצטער „אוצר" מיינער.

אָבער דאָך האָט ער מיר נישט געזאָגט דעם באַשייד פון זיין „יאָ־יאָ". איך האָב דאָך געוואַרט פון אים, אַז ער זאָל מיר זאָגן קלאָרע דיבורים: דעם ווערט פון די אויערריגגלעך.

און אַז ער האָט נאָך איין מאָל איבערגעחזרט זיין זינגענדיקן „יאָ־יאָ", האָב איך שוין נישט געקאָנט שווייגן:

— פעטער, אפשר וואָלט איר מיר געזאָגט, מה יקר? וועלכער איז דער ווערט פון די אויערריגגלעך?

ער האָט אוועקגעלייגט די אויערריגגלעך אויפן טיש, אויף וועלכן סע זענען געווען ווי אין א חרוב געמאַכטער וויטרינע, אויסגעשיט ווי פון א זעקעלע רעשטלעך פון זייגערלעך, מכשירים, רעשטלעך פון אויסגערייכערטע ציגייערן, שטויב, ברעקלעך — אַזוי אַז מיינע טייערע אויערריגגלעך האָבן זיך פשוט געקאָנט פאַרלירן אין דעם תוהו־ובוהו וואָס האָט געהערשט אויף זיין אַרבעטס־טישל, קוקנדיק מיר אין די אויגן, מיט זיין פילזאָפגנדיקן שמייכעלע, האָט ער ענדלעך אַרויסגעשטאַמלט:

— די אויערריגגלעך זענען ווערט נישט מער ווי א געבראָטענע ציבעלע...

— וואָס רעדט איר? — האָב איך אויסגעשריגן, ווי נישט מיט מיין קול — וואָס הייסט „נישט ווערט", זיי זענען דאָך גאָלדענע?!...

— די אויערריגגלעך זענען נישט קיין גאָלדענע — האָט ער זיך רואיק גערעדט גלייך ער וואָלט געווען נישט געהערט מיינע ווייטיקדיקע אויפגערעגטע פראַגן.

— וואָס הייסט „נישט קיין גאָלדענע" — פרעג איך אַן אויפגערעגטער — די גאַנצע וועלט ווייסט אַז זיי זענען גאָלדענע, די גאַנצע משפחה ווייסט אַז זיי זענען גאָלדענע, מיין „טאַנטי" האָט זיי געטראָגן א גאַנץ לעבן ווי גאָלדענע אויערריגגלעך — איצט קומט איר און זאָגט זיך אַזוי פשוט „נישט קיין גאָלדענע"... די וועלט איז דען משוגע?

— איר האָט מיך געפרעגט, האָב איך אייך געזאָגט — האָט ער גלייכגילטיק געזאָגט זיין מיינונג, גלייך א שופט זאָגט אַרויס א קאַלטבלוטיקן פסק־דין...

— אפשר זענט איר אייך טועה? — פרעג איך, גלייך איך וואָלט ביי אים געבעטן רחמנות — אפשר זענט איר אייך טועה?...

האָט ער אַרויסגענומען א פלעשעלע מיט שאַרף וואַסער, האָט אַרויסגענומען א שטיקל שטיינדל. מיט אַן אויערריגגל האָט ער ווי א

שרייב געטון אויפן שטיינדל, לאַזנדיק אויפן שטיינדל א געלן גאָל־דענעם שטריך. דערנאָך האָט ער נעבן יענעם געמאכט נאָך א שטריך מיט אן אנדער רינגל, אן אמתדיק גאָלדנס — און מיט א פינדזל א שמיר געטון מיט א ביסל פליסיקייט פונעם פלעשעלע איבער דיביידע שטריכן. איך האָב געוואַרט מיטן פאַרכאַפּטן אָטעם, צו זען דעם באַשייד פון דער פּראָבע — און דאָס שמייכעלע, וואָס האָט מיך אזוי ווי געטון גלייך סע וואָלט זיך מיר אייגעגעשניטן אין מיין לעבעדיקן לייב, האָט מיר שוין געזאָגט דעם באַשייד. דאָס שטריכעלע, וואָס ער האָט געמאכט מיט מיין אויערינגל איז באַלד פאַרשוואונדן. געבליבן איז בלויז יענץ שטריכעלע, וואָס ער האָט געמאכט מיט זיין פאַרשאָלטן גאָלדן רינגל...

— זעסטו — זאָגט ער מיטן זעלביקן ניגון — אָט דאָס איז גאָלד, זהב טהור, און דיינס איז נישט...

— אפשר איז עס דובליי? — האָב איך זיך ביי אים געבעטן, אז ער זאָל מאכן כאָטש אזא פּשרה — נו, יאָ, אפשר זענט איר טאקע גערעכט עס איז נישט קיין ריין גאָלד – אָבער דובליי, דובליי איז עס דאָך זיכער?!

— ניין, עס איז קיין דובליי אויך נישט — מאכט ער צו מיר שוין אן א שמייכל, גאנץ אָן חכמות, אָבער דאָך האָט זיך מיר אויסגעדאכט אז דאָס איז מיט אכזריותדיק רישעות...

דאָס בלוט האָט זיך אין מיר אָנגעצונדן. ווי אזוי דאָס, עס איז א פּשוט שטיקל מעש?

— און די שטיינדלעך — פרעג איך שוין א ביסל שטילער, וייל דאָס קול איז ביי מיר הייזעריק געוואָרן — די שטיינדלעך?

— פּשוטע שטיקלעך גלאָז — זאָגט ער. און כדי איבערצוהאקן מיט דעם שמועס, האָט ער זיך גענומען צו דער ארבעט.

אָבער איך האָב אים נישט געקאָנט אָפּלאָזן אזוי. עס האָט זיך מיר נישט געוואָלט גלייבן, אז נישט נאָר איך בין דער אָפּגענארטער (אייגנטלעך האָט דאָך מיך קיינער נישט געוואָלט אָפּנארן!), דער אָפּ־גענארטער איז דאָך יענער וואָס האָט געגעבן געלט פאַר דער דאָזיקער מציאה. די אָפּגענאַרטע איז דאָך אייגנטלעך אין דעם פאַל, מיין מומע, וועלכע געזעגנט זיך היינט־מאָרגן מיט איר דעמוועלטיקן לעבן און איצט, ווען זי האָט מיר, איר ליבלינג, געגעבן איר לעצטע מתנה — די גאָלדענע אויערינגלעך, און איצט, איצט לאָזט זיך אויס פון דעם אלעמען א בוידעם?!

ניין, טראכט איך מיר, סע קאָן נישט זיין. און אויב יאָ, איז דאָרף איך דאָך איר זאָגן, דער מומע, אז זי זאָל וויסן אז די אויער־רינגלעך וואָס זי האָט מיר געגעבן מיט אזא כמעט הייליק געפיל, זייענדיק איבערצייגט אז זי גיט מיר א ווערטיקע זאַך, א מתנה אז איך זאָל געדענקען אויף מיין גאנצן לעבן לאנג... אז זי זאָל וויסן, אז דאָס איז נישט מער ווי א שטיקל מעשן בלעך, וואָס איז נישט ווערט מער ווי עטלעכע גראָשן...

— אפשר זאָל איך פרעגן אן אנדערן? — בעט איך מיך ביים זייגערמאכער, אז ער זאָל כאָטש איין מינוט דערלאָזן, אז עס איז מעג־לעך אז ער זאָל זיך געווען טועה זיין?

— איר מעגט פרעגן וועמען איר ווילט — זאָגט ער שוין א ביסל מיט כעס, וואָס איך ספק אין זיין מבינות — קיינער וועט אייך נישט זאָגן אנדערש ווי איך, און אויב יאָ, זאָלסטו וויסן, אז יענער פאַר־שטייט זיך צו דער מלאכה ווי א קאַץ אויף הייוון...

— זאָל איך גיין זאָגן דער מומע?

די דאָזיקע פראגע האָט זיך ארויסגעכאַפּט פון מיין מויל ווי אָן מיין ווילן, ווייל צוריק געשמועסט, צו וואָס וואָלט מיר געהאָלפן דאָס צו זאָגן פאַר מיין מומע? וואָלט זיך דען געביטן די לאגע ווען איך זאָג דער מומע, אז אייגנטלעך האָט זי מיר נישט געגעבן קיין ווער־טיקע מתנה, נאָר א מין שפילעכל, וואָס איז נישט ווערט מערער ווי עטלעכע גראָשן?!

און אפשר, אז איך וועל איר אויסזאָגן דעם אמת — אפשר וועט זי מיר געבן עפעס אנדערש?!

— איך מיין — האָט דער זייגערמאכער שוין געזאָגט, ווי איינער וואָס וויל געבן אן עצה פאַר א ידיד — מיין מיינונג איז, אז דו דאַרפסט נישט זאָגן פאַר דער מומע, דווקא איר נישט. דו מעגסט עס זאָגן סיי וועמען, נאָר איר נישט. פאַר וואָס זאָלסטו איר פאַרביטערן אירע לעצטע מינוט פונעם לעבן, ווען זי געזעגנט זיך פון דער דאָזיקער וועלט, וואו אן אויערריינגל וואָס גלאנצט א ביסל און גיט א שיין ביי אן אָפּגע־שפיגלטער שטראַל, זאָל קאָנען פאַרקויפט ווערן ווי א גאָלדנס?!

— זאָל איך זי לאָזן, אז זי זאָל צומאכן די אויגן, נישטוויסנדיק אז איר גאנץ לעבן האָט זי זיך באַצירט מיט אויערריינגלעך, וועלכע זי האָט געהאלטן פאַר גאָלד, אָבער אין דער אמתן זענען זיי נישט מער ווי פשוט ביליקע מעשענע צי בלעכענע אָפּגעליישטע אויערריינגלעך?!

— צו וואָס טויג עס דיר איר אויסצוזאָגן? — זאָגט מיר דער זייגערמאַכער שוין אַ פאַרזאָרגטער, ווען גורל פון מיין מומע — קודם וועט זי דיר נישט גלייבן. והאַ ראַייה, דו האָסט דאָך אויך לכתחילה נישט געוואָלט גלייבן. קיינער וויל נישט גלייבן דאָס וואָס סע געפעלט אים נישט. דאָס איז איינס. און צווייטנס, וואָס איז דער חילוק פאַר איר, איצט, אויב די אויעררינגלעך וואָס זי האָט געטראָגן, ווי דו זאָגסט, איר גאַנץ לעבן, זענען געווען פון גאָלד צי פון מעש? דער הויפּט איז דאָך געווען אַז דעמאָלט, ווען זי האָט זיי געטראָגן, ווען זי האָט זיך מיט זיי באַצירט, האָט זי זיי אַזוי געטראָגן ווי גאָלדענע — איז מסתמה האָבן זיי געהאַלטן פאַר גאָלד אויך אירע באַקאַנטע, אירע פריינ־דינס, איז דאָך שוין געווען רעכט גלייך זיי וואָלטן באמת געווען גאָל־דענע... יענע ווערט, יענע פאַר וועלכער מע האָט זיי דעמאָלט געהאַלטן, דאָס האָבן די אויעררינגלעך נישט פאַרלוירן אויך איצט נישט, נאָך דעם ווי איך האָב זיי געזען און עס דיר געזאָגט, אַז זיי זענען נישט קיין גאָלדענע... זיי האָבן נאָר איצט פאַרלוירן דעם ווערט, אויב דו ווילסט זיי פאַרקויפן. אָבער ווען עמעצער ווייסט דאָס נישט, און ער טראָגט זיי אויך פון איצט אָן און ווייטער ווי גאָלדענע — איז דער פאַרגעניגן דער זעלביקער.

איך האָב מער נישט געהאַט וואָס אים צו זאָגן. וואָס זאָל איך אים געווען זאָגן? ער האָט דאָך געהאַט רעכט, ווען מע וויל אַ ביסל אַ טראַכט טון צום תוך פון זיין מיינונג. אָבער איך האָב זיך נישט גע־קאָנט צוגעוויינען צו אָט דעם געדאַנק, אַז מע קאָן אָפּלעבן אַ גאַנץ לעבן מיט אַ ליגן און זיין מיט אים נישט נאָר צופרידן, נאָר אויך אפילו גליקלעך...

איך האָב שוין באַגעגנט מענטשן, וועלכע זאָגן געוויינטלעך, אַז עס איז נישט גוט אָנצוזאָגן פאַר עמעצן קיין שלעכטע בשורה. פאַר וואָס? כדי אים נישט צו ערגערן?! עס איז אַ שטות. אויב מע זאָגט עס אים נישט אָן, ענדערט זיך דאָך גאָרנישט דער מצב, וועלכער איז אָן אָביעקטיווער. סיי מע זאָגט עס אים, סיי מע זאָגט עס אים נישט. אדרבה, איך בין תמיד געווען ביי דער מיינונג אַז אויב איך ווייס יאָ, אפילו ווען עס איז נישט קיין גוטע בשורה אויב איך ווער פון איר געוואויר וואָס פריער, אפשר קאָן איך נעמען מאַסמיטלען, כדי צו פאַרבעסערן דעם מצב, וואָס איז געשאַפן געוואָרן פון יענער בשורה, וואָס מע וויל מיר גאָרנישט אָנזאָגן, כדי מיך צו שוינען...

יענער איז מיר נישט קיין גוטער פריינד, וועלכער וויל מיך שוינען און מיר נישט אָנזאָגן די שלעכטע בשורה. בעסער וועל איך דאנקען יענעם, וועלכער וועט מיר יאָ אָנזאָגן די נישט גוטע בשורה, איך וועל אָבער קאָנען נאָכטראַכטן באצייטנס וואָס און ווי אזוי, כדי צו קאָנען פארבעסערן אָדער גאָר באזייטיקן אויף וויפל עס איז מעגלעך דאָס נישטאָנגענעמלעכקייט...

וואָס טוט מען אָבער מיט די אויערריגלעך?

דער זייגערמאכער, א זקן א תלמיד־חכם, האָט מיך געטרייסט מיט זיין באקאנט שמייכעלע...

— דאָס זענען שטותים... טרויעריקער איז דעמאָלט ווען א מענטש לעבט זיך אויס זיין לעבן און איז זיך מקריב פאר אן אידייע... צום סוף, ערב דעם סאמע סוף, ווערט ער געוואויר אז דאָס גאנצע לעבן זיינס האָט ער מקריב געווען פאר א פאלשער אידייע, דאָס „גאָלד" איז קיין גאָלד נישט און די רובינען זענען פשוטע שערבלעך גלאָז... ווי אזוי איז דעמאָלט אויף דער נשמה ביי איינעם וואָס גייט זיך געזעגענען מיט דער וועלט, מיט אזא מין אָפּגענארט געפיל?!...

איך בין געקומען צו מיין מומע, וועלכע איז געלעגן אין בעט, געלעבט אפשר אירע לעצטע טעג, אָבער זי איז געווען א צופרידענע.

ווען זי האָט מיך דערזען, האָט זי געשמייכלט צו מיר, מיט אזא צופרידנקייט, פונקט אזוי ווי ווען זי האָט מיר בסוד געגעבן אירע אויערריגלעך...

...איך האָב נישט געהאט קיין כוח איר אויסצוזאָגן, דאָס מאָל שוין מיין „סוד", אז דער אידעאל פאר וועלכן זי האָט מקריב געווען אפשר די בעסטע יאָרן אירע, יענער „אידעאל" איז לגמרי קיין „גאָלד" נישט געווען, נאָר א „בלעכל"...

דיכטערישע מוזע

— שוין ווידער דרימבעסטו מיט דיין הארף?... רעד צו אים, און רעד צו דער וואנט. ער טוט זיך זיינס, גלייך ער וואלט געווען א פאר־ליבט בחורל, וואס זינגט סערענאדעס ביי דער שיין פון דער לבנה...

בת־שבע האט זיך צערעדט ווי געוויינטלעך, פּרוּאוונדיק אָפּחוזקן פון איר מאן, דוד המלך, וועלכער זיצט, וואס אמת איז, טאָג־איין טאָג־אויס און שפּילט אויף זיין הארף די תהילימדיקע שיר־המעלותן זיינע. גלייך ווי נישט צו אים וואלט מען גערעדט. ער הערט אפילו נישט וואס זי זאָגט. ער איז דאך שוין צוגעוויינט צו אירע ווייבערישע רייד. וואס זשע זאָל ער זיך צוהערן, ווען ער ווייסט שוין פון פריער וואס זי וועט אים זאָגן.

— דאָדיע, דו הערסט? צו דיר רעד איך! — מונטערט אים ווי־דער בת שבע מיט אירע שטעך־ווערטלעך — וואס דרימבעסטו אזוי פיל? לאָז די הארף רוען א מאָל... איך ווייס כלעבן נישט, ווי אזוי קאָן עס א מענטש, א דערוואקסענער, זיך אָנברענגען די צייט דרימבענדיק...

דוד האט זיך אָפּגעשטעלט, אויף א ווײַלע איבערגעריסן זיין גע־זאנג, כדי דאָך איר אָפּצוענטפערן. וויפל איז דען דער שיעור, אז א מענטש זאָל פארשוויגן, אפילו ווען ער זאָל זיין פון אייזן, אז ער זאָל קאָנען דולדן ווען א ווייב, אפילו זי איז אמאָל געווען שיין ווי א בת־שבע, זאָל אים נודיען ווי א זלידנע פליג און אים דערגיין די טעג מיט אירע שטעך־ווערטלעך?!

— שבע! בעסער וואָלסטו געשוויגן — האט דוד געזאָגט מיט אן איראָנישן שמייכל — וואס ווילסטו? דאס איז פאר דיין מח?!... ווי אזוי ווילסטו דאס פארשטיין, ווען דאס איז נישט פאר דיין השגה... ווען איך זאָל, למשל, זינגען א מאָדערן לידל „טידל־טידל דאם“ צי „דאבא־דאבא־דאם!“, אָט דאס וואָלסטו אויך פארשטאנען מיט דיין ווייבערישן שכל. אָבער אז סע קומט צו א למנצח, צי א מזמור, א תהילימדיק גע־זאנג, וואס נאָר די מלאכים, וואס זענען אויסגעטאָן פון דער ערדישער

משא, וועלכע זענען סאמע רוחניות — אַט יענע קאָנען פארשטיין אזא נגינה...

— נו, זאָג איך דאָך — הייבט אויף דעם טאָן בת־שבע — אז דיינע זמירות טויגן אויף כפרות... דו זינגסט נאָר פאר די „מלאכים", נישט פאר מענטשן. נו, אויב עס איז נישט פאר קיין מענטשן — איז קאָן שוין זיין אז דו ביסט גערעכט. אז פאר מלאכים, אפשר. די מענטשן פארשטייען בכלל נישט, וואָס דו זאָגסט דאָרט אין דיינע תהילים־קאפיט־לעך... יאָ, טאקע נאָר בלויז די מלאכים, כאַ־כאַ...

— איך ווייס נישט, וואָס דו האָסט זיך אזוי נאריש צעלאכט — האָט שוין דוד געזאָגט אן אויפגערעגטער — וואָס איז דאָ צום לאכן?

— ווי אזוי זאָל איך נישט לאכן, אז דו אליין זאָגסט, אז דו זינגסט פאר די מלאכים...

— איך האָב נישט געזאָגט, אז איך זינג פאר די מלאכים — פארענטפערט זיך שוין דוד, אָבער די באָרד האָט אים אָנגעהויבן צי־טערן פאר אויפרעגונג — דו פארשטייסט בכלל נישט קיין דיכטערישן אויסדריק. דאָס קאָן זיין א פארגלייך, א מעטאפער. און דו, מיט דיין נארישן ווייבערישן שכל... איך האָב געזאָגט, אז דאָס איז פיינע נגינה, מלאכישע. צי קאָנסטו פארנעמען א קלאנג פון א הארף, פון א סטרונע וואָס ווייבירט, ווי א מענטשלעך הארץ?! ניין, דו פאַרשטייסט עס נישט. נישט פאר קיין מלאכים זינג איך אָט די מזמורים, נאָר דווקא פאר די מענטשן, ווען זיי זענען אין אן עת צרה, וועלן זיי אין מיינע קאפיטלעך תהילים געפינען אן אויפמונטער...

— אז דו שרייבסט דיינע מזמורים אין א שפראך, וואָס קיינער פארשטייט זי שוין נישט... ווער ווילסטו זאָל דיך פארשטיין? די יוגנט, זיי רעדן שוין אלע אראמעאיש, זעלטן וואָס דו וועסט געפינען איין אייג־ציקן אויף א נאָווינע ער זאָל פארשטיין לשון־קודש — איז פאר וועמען טויגן דיינע שירים? אפשר פאר די עטלעכע אויסגעוועפטע זקנים, וואָס לעבן זיך אויס זייערע לעצטע געציילטע יאָרן, וועלכע פארשטייען דיינע מזמורים? נו, איז פרעג איך דיך, איז עס כדאי?... דערפאר זאָג איך דאָך דיר, דו דרימבעסט אזוי סתם אין דער וועלט אריין. קיינער דארף שוין נישט דיין נגינה. און מאָרגן? מאָרגן וועט זי שוין קיינער נישט קאָנען איבערלייענען אפילו... סיידן דו וועסט עס אָנשרייבן מיט די נקודות... אָבער — דאָ האָט זי אריינגעטריפט א ביסל ביטערן סם אין אירע ווער־טער — איך וועל דיר געבן אן עצה: זאָלסט זיי אָנשרייבן מיט גרויסע

אותיות, ווייל די אלטע לייט פונעם מושב־זקנים, וואָס וואָלטן נאָך יאָ געקאָנט לייענען לשון־קודש, האָבן שוין א שוואכע ראייה, איז שרייב זיי כאָטש מיט גרויסע אותיות...

ווי, וויפל גאל סע זענען פאראן אין די רייד פון אָט דער, וואָס איז אמאָל געווען אזא שיינע יידענע. דוד האָט איר שוין נישט אָפגע־ענטפערט. וואָס זאָל ער איר געווען ענטפערן? אייגנטלעך האָט זי דאָך רעכט. ער ווייסט עס דאָך שוין אויך, נישט ווינציקער פון איר. און דווקא צוליב דעם וואָס זי איז גערעכט, האָט עס אים ווי געטאָן, וואָס זי שיט אים נאָך זאלץ אויף די וואונדן.

אָבער, כדי זיך אליין צו פארטייבן, צו פארטרייבן זיינע אייגענע שלעכטע מחשבות, וואָס זי האָט ארויסגערופן מיט אירע איראָנישע באַ־מערקונגען, האָט ער אָנגעהויבן צופן די הארפע־סטרונעס מיט נאָך מער אייפער און זיך צעזונגען אויפן הויכן קול, גלייך ער וואָלט געוואָלט איבערשרייען די יאוש־געפילן וואָס זי האָט ווי מיט געוואלד ארייג־געשטופט אין זיין דיכטערישן געמיט.

אָבער זי האָט אים אָלץ נישט אָפגעלאָזט:

— זעסטו, דיין זינדל, שלמה, דער טוט דאָס שוין בעסער. ער האָט אָפגעזונגען זיין שיר־השירים און שוין. אויס סערענאַדע, אויס ליבע, אויס „שמיבע"... איצט דרימבעט ער שוין נישט ווי דו מיט דער הארף. ער האָט זיך בעסער געלאָזט אויף אן אנדערן זשאנער. איצט מאכט ער פילאָזאָפישע משלדיקע ווערטלעך, וואָס זענען בכלל נישט אין איינקלאנג מיט זיין טאָג־טעגלעכן לוסטיקן הוליענדיקן לעבן... יאָ, איצט פילאָסאָפירט ער.

— נאָך גוט, וואָס דו פארגלייכסט מיך נאָך מיט אים, וועלכער איז אויך, ווי איך, זיין פאָטער, א דיכטער. סוף־כל־סוף איז דאָך נישט דער עיקר דער זשאנער. דער עיקר איז אז דו זאָלסט דערגיין צום פאָלק, צו די לייענער, צו די צוהערער.

— נו יאָ, זאָג איך דאָך — נעמט אויף די רעפליק בת־שבע — אז ווען דו וואָלסט כאָטש געזונגען אויף אראמיש, אפשר וואָלסטו געקאָנט האָפן, אז סע זאָל זיך נאָך געפינען א לייענער — אָבער אזוי, מיט דיין הייליקן לשון?

....„מיין הייליקן לשון" — האָט דוד געטראכט פארטרויערט. אָבער טיף, אין זיין באוואוסטזיין, איז ער ביי זיך דאָך נישט געפאלן. וואָס איז דאָ צו פאריאושן? פאר וואָס זאָל ער פארלירן זיין בטחון,

צוליב ווייבערישע ריידן! די ווייבער, אין בעסטן פאַל, הערן זיי בלויז דעם קלאַנג, אָבער דעם אָפּקלאַנג, וועלכער קומט ערשט שפּעטער, דאָס הערן זיי נישט און זענען נישט ביכולת עס צו פאַרנעמען... איז דען זיין לירן, די תהילימדיקע, פאַרבינדן דווקא מיט לשון־קודש? נו יאָ, ער זינגט און שרייבט אינעם לשון, וואָס איז פאַר אים צום נאָענטסטן, אין וועלכן ער קאָן צום בעסטן אויסדריקן זיינע געפילן, ער געפינט גיכער די אויסדריקן פאַר זיין געמיט־צושטאַנד. ער האָט דאָך ליב אָט דאָס לשון. ער שפּילט זיך מיט דעם דאָזיקן לשון, וואָס לאָזט זיך בייגן, אין ריטמישע מאָסן, ווי אַזוי דאָס האַרץ זיינס באַגערט... ער זינגט זיינע מעלאָדישע פּערזן לויטן אלף־בית, דריי מאָל דעם אלף־בית, זיבן מאָל און אויך אכט מאָל, לויטן אלף־בית — מיט געציילטע ווערטער מיט געצוימטן ריטעם, וואָס אין אַ אַנדער לשון וואָלט ער עס נישט דערגרייכט...

— אין וויפל עקזעמפּלאַרן וועסטו פאַרעפנטלעכן דיינע לידער, דוד?

דוד האָט אוועקגעלייגט אויף אַ מינוט די האַרף, זיך אויסגעטאָן די ברילן, גלייך ער וואָלט געמאַכט אַ פּויזע, כדי איר אָפּצוענטפערן אויף אירע שטעך ווערטעלעך:

— איך ווייס נישט, כלעבן, וואָס דו האָסט זיך היינט אויף מיר פאַרלייגט, וואָס דאָס לשון געפעלט דיר נישט, די נגינה מיינע געפעלט דיר נישט — ווען איך האָב דיר געזונגען סערענאַדעס מיט אָט דער האַרף, מיטן זעלביקן לשון, דעמאָלט האָסטו נישט געזאָגט, אַז איך „דרימבע״, דעמאָלט האָסטו נישט געפרעגט אין וויפל קאָפּיעס איך וועל פאַרעפנטלעכן מיינע שירים?... אדרבה, דעמאָלט האָסטו גאָר ארויסגעוויזן, אַז דו האָסט אַ באַזונדערן אינטערעס פאַר מיינע מזמור־דיקע ליבע־סערענדעס. דו האָסט זיי פּרעדאַנירט ווי צופאַליק, בעת דו האָסט געקערט דאָס הויף פאַרן הויז, האָסט געזוכט לפנים אַרבעט אין דרויסן כדי איך זאָל דיך זען, דיך הערן ווי דו זינגסט מיינע לידער... דעמאָלט האָבן זיי דיר געפעלן?

— מיר האָבן זיי געפעלן? אויך איצט געפעלן זיי מיר — האָס זי שוין געזאָגט מיט אַן איבערבעטערישן טאָן — אָבער ווער פאַרשטייט זיי? דאָס טענה איך צו דיר... וועגן דעם האָב איך דיך געפרעגט אין וויפל עקזעמפּלאַרן דו וועסט פאַרעפנטלעכן דיינע מזמורים...

דוד האָט ווידער גענומען די האַרף אין די הענט. ער האָט ווייטער געָ... ניין, דאָס מאָל האָט זי טאַקע רעכט געהאַט. ער האָט נישט געזונגען און נישט געשפּילט. ער האָט בלויז געדרימבעט, געצופּט די סטרונעס, גלייך ער וואָלט אַפּוועזנט געווען. די מחשבות האָבן אים פאַרפּלייצט, פאַרדעקט ווי מיט טונקלע וואָלקנס. ער האָט זיך געטראַכט: נו, איז טאַקע שוין עק וועלט? אמת, עס איז נישט דאָס ערשטע מאָל ווען די ספקות פּייניקן זיין געמיט. וויפל מאָל האָט ער איבער־געזונגען זיינע שיר-המעלותן און סע האָט זיך אים געדאַכט אַז סע טויג נישט? יאָ, דאָס ווייסט ער פון לאַנג. ווי „איינגעבילדעט" ער זאָל נישט זיין דער דיכטער וועגן זיין טאַלאַנט, דאַך דאַכט זיך אים צו מאָל אויס אַז אָט דאָס, וואָס ער האָט נאָר וואָס אויסגעשפּילט אויף זיין האַרף, טויג נישט. ערשט שפּעטער, ווען ער האָט זיך ווידער גענומען איבער־זינגען דעם שיר, נאָך דעם ווי עס איז פאַריבער אַ צייט, ערשט דעמאָלט האָט ער פונסניי דערפילט, אַז דער שיר איז פול מיט פּאָעזיע מיט השתפכות-הנפש, אַז די נשמה צעגייט זיך אין דיר פאַר התלהבות פון יעדער סטראָפע, פון יעדן קלאַנג, וואָס צעשפּרייט זיך אין אַרום, ווי אַ גערוך פון אַ פיינעם פאַרפום... אויב ער האָט אַמאָל אַזוי געספּקט, האָט ער עס איבערגעזונגען פאַר זיין פריינד נתן דער נביא, דער וואָס האָט אים נישט זעלטן געמוסרט, אָבער אויך באַשיט מיט קאָמ־פּלימענטן פאַר זיינע שיינע מזמורים... אויך איצט וואָלט ער געדאַרפט זיין עצה. נישט דווקא קיין עצה — אַ דערמונטער וואָרט, וואָס זאָל אים צוריק געבן זיין מנוחה. אַנדערש וועט ער נישט קאָנען פאָרזעצן זיין זינגען...

ער האָט זיך פאַרטראַכט, דוד, אויף זיין גורל: דווקא אָט דאָס ווייבספאַרשוין, וועגן וועלכער ער האָט אָפּגעטאָן אַזעלכע מיאוסע מעשים כדי זי צו באַקומען פאַר אַ פרוי (און זי ווייסט עס נישט ווייניקער פון אים!), דווקא זי, אָנשטאָט זי זאָל אים סטימולירן אין זיין שעפערישער טעטיקייט, אין וועלכער ער זאָל געפינען איצט, אויף זיין עלטער, אַ טרייסט — דווקא זי, מיט אירע חוזק-ריידעלעך וועגן זיין „דרימבען" אויך דער האַרף, דווקא זי אַנטמוטיקט אים...

ער וואָלט געוועזן געשיקט רופן דעם נביא, נתן, אָבער ער האָט זיך צוריקגעהאַלטן. ער איז אויך מיט אים נישט אַלע מאָל זיכער. ער איז נישט זיכער, אַז ער וועט אים געפינען אַ גוט-געלויבטן. און אויב

ער איז הייגט נישט קיין גוט-געלויגטער, איז שוין בעסער אים אויס־צומיידן. ווייל, וואָס וועט ער טאָן, אז אויך ער, נתן דער נביא, וועט אויך צולייגן א ביסל זאַלץ אויף זיינע וואונדן, וואָס זי, זיין אמאָליקע בת־שבע, האָט איצט אויפגעריסן, דאכט זיך, בלויז צום דערצערענען אים?

עפּעס האָט ער באמערקט, אז בכלל האָט זי אין דער לעצטער צייט א נטיה אים ארויסצוברענגען פון די כלים. פאר וואָס? ווייל ער איז שוין א ביסל א געעלטערטער און ער פילט ווי א פראָסט וואָלט זיך איינגעביסן אין זיינע פארעלטערטע ביינער?... יאָ, דאָס איז שוין איצט נישט קיין סוד. שמואל הנביא האָט עס באשריבן אין זיינער א כראָניק. דאָס גאנצע קיניגלעכע הויף ווייסט עס שוין. ווען איז דאָס געשען? דאכט זיך אז יענע וואָך, ווען סע האָט זיך א ביסל פארצויגן דער הימל, סע האָט זיך בלויז פארוואָלקנט, הגם סע האָט נישט גערעגנט, האָט אים ארומגענומען אזא קעלט, גלייך ער וואָלט פארפרוירן געוואָרן. וויפל וואַלענע קאָצן, שאָפענע און בערענע פעלן מע האָט אויף אים ארויפגעלייגט, אים איינגעהילט — האָט ער זיך נישט געקאָנט דערוואַרעמען.

זיינע יועצים האָבן דעמאָלט אים געראָטן, אז מע זאָל אים ברענגען א יונגפרוי, וואָס זאָל אים אפשר דערוואַרעמען... נו, איז וואָס? פאר דעם דארף זי, וואָס ווייסט וויפל ער האָט געהאַט צו ליידן דערפאַר, וואָס ער האָט געוואָלט ראַטעווען איר כבוד, און זי גענומען פאר א געזעצלעך ווייב, נישט בלויז פאר א קעפּסווייב, זאָל איצט ארויסווייזן אזוי פיל רישעות לגבי אים, און אים אויפרייצן ביים סענסיבילסטן פונקט זיינעם, ביי זיין דיכטונג?!

נו, וואָס וועט ער טאָן, אז דער נביא נתן וועט אויך טאָן דאָס זעלביקע און וועט נאָכבאַמקען נאָך איר, מיט אירע שטעכווערטלעך (ניין, ער טוט עס נאָך פיל וויטיקלעכער: ער רעדט נאָך מכלומרשט אין נאָמען פון גאָט. אזוי הייבט ער דאָך אָן געוויינטלעך זיינע נביאישע ריידעלעך: „גאָט האָט גערעדט צו מיר אזוי צו זאָגן...“ וואָס וויל ער מיך פירן ביי דער נאָז, אז גאָט האָט נישט קיין אנדערע ארבעט ווי צו שטיין פּלאַפּלען מיט אים... וואָלט ער כאָטש געווען א ביסל עניוותדיקער. איך, וואָס האָב שוין אָנגעשריבן אזוי פיל קאַפּיטלעך תהילים, וואָס אפילו די מלאכי־השרת האָבן דערפון הנאה און זינגען זייער שירה פון מיין תהילים, האָב קיין מאָל נישט געזאָגט, אז „גאָט האָט

צו מיר גערעדט אזוי צו זאָגן". הגם, איך ווייס נישט אויב אין מיינע זמירות זענען פאראן ווייניקער רוח-הקודש, ווינציקער נביאה, ווי אין זיין שטענדיקן מוסר-זאָגן, וואָס איז בלויז מוסר און נישט מערער. קיין טראָפן פאָעזיע וועט מען אין זיי נישט געפינען... ניין, ער וועט אים נישט רופן. ער וויל אויסמיידן די ריזיקע, אז יענער זאָל אפשר שותפות מאכן מיט אירע ריידעלך!) ניין, בעסער וועט ער איבערוואַרטן, אזוי, אין זיינע ליידן, געפייניקט פון זיינע פינצטערע מחשבות, ביז דער נביא וועט געלעגנהייטלעך אליין זיך באווייזן אין קיניגלעכן פאלאץ — דעמאָלט וועט ער, ווי דרך-אגב, פארפירן אָט דעם שמועס, כדי צו הערן אויך זיין מיינונג וועגן זיין פּאָעטישער יצירה.

אָבער מעשה־שטן, ווען מע דאַרף אים נישט האָבן, דעמאָלט באווייזט ער זיך, דער נביא, ווי א נישט פארבעטענער גאסט. איצט, ווען דוד וואָלט יאָ געוואָלט אז ער זאָל זיך יאווען — קומט ער נישט. גלייך ער וואָלט געפילט, אז דער קיניג וואַרט אויף אים מיטן אומגעדולד פון א קינד. ניין, מיטן אומגעדולד פון א דיכטער, א קינסטלער, וואָס איז נאָך קינדישער אין דער היגזיכט ווי אן אמתדיק קינד...

אייביקע שירה — אָפּקלאַנג

דוד איז געלעגן אליין, אין זיין ליג-בעטל, און זיך געוויגט לאנגווייליק מיט דער האַרף אין די הענט. די האַרף האָט זיך מיט־געוויגט פויל מיט זיינע פאמעלעכע באוועגן, וואָס האָבן געוואָלט זיין אין ריטעם מיט זיינע פוילע געזאנגען.

ער איז געווען טרויעריק, איכהדיק. ער האָט זיך אליין נישט דערקענט: דאָס איז ער, אויף וועמען אנדערע און אויך ער האָט אמאָל געזאָגט, אז „אלע מיינע בייגער זינגען א לויב!!" ניין, סע זינגט איצט אפילו נישט זיין האַרץ. שוין אָפּגערעדט וועגן געביין...

דאָס האָט זי, ווייזט אויס, בת-שבע, אריינגעטריפט א טרויעריקן טראָפּן סם אין זיינע אָדערן? ניין און יאָ. בכל אופן קאָן מען מיט קיין יאוש-געפיל קיין שירים נישט זינגען. דאָס איז נישט קיין שירה. דאָס ווייסט דאָך סיי ווער — נישט נאָר א דיכטער, נאָר אפילו אויך

דער גרעסטער גראַפאָמאַן. אויף צו זינגען, אויף צו „מאכן" פּאָעזיע, אפילו אויף צו אימפּראָוויזירן (און אפשר דווקא אויף צו אימפּראָוויזירן ווי א א טרובאַדור!) א שיר, דאַרף מען זיין אדורכגענומען פון א געפיל, פון אן אויפשוידערנדיק געפיל, סיי פון א פריילעכן, סיי פון א טראַגישן, א טרויעריקן — וואָס זאָל אויסזינגען אָדער אויסשרייען א „הידד!" צי א „הוי!" אָדער „האח!". אויף צו זינגען דאַרף זיין אָדער א „התונה" אָדער סע זאָל זיין א „לוויה" און מע זאָל באַוויינען — אָבער יאוש? דאָס איז נישט קיין סחורה פאַר א משורר, צי א מקונן.

נו, לאָמיר זאָגן אז נישט זי האָט אריינגעטריפט אָט דעם פאַר־סמטן יאוש טראָפּן, נאָר ער אליין האָט זיך ארומגעקוקט, אז עס איז באמת נישטאָ כמעט פאַר וועמען צו זינגען אין דער הייליקער שפּראַך. אפילו עזרא און אויך אנדערע נביאים האָבן דאָס שוין באַמערקט און האָבן געגרעדט צום פאָלק אויף אראַמיש און אָפּגעווייכט פון לשון־קודש כדי דאָס פאָלק זאָל זיי פארשטיין... גאַנצע קאַפּיטלעך פון עזרא זענען דאָך געשריבן אין אראַמיש.

... נאָר, צו וואָס טויג ברענגען ראיות פון עזראַן, אז אפילו משה רבינו האָט אויך גערעדט אזוי ווי מע האָט אים פארשטאַנען. איז דאָך דאָס ערשטע וואָרט פון זיינע עשרת הדברות, דער „אנכי", אויף מצריש...

דוד האָט געפּרוּווט, אין זיין פארלעגנהייט, ברענגען ראיות — צו וואָס? אז ער זאָל אָנהייבן זינגען זיינע תהילים־לידער אין אראַמיש? ניין, פון דעם קאָן קיין רייד נישט זיין. אמת, ער קאָן זייער גוט דאָס לשון. אָבער איז דען דאָס גענוג? אויף צו זינגען, אָדער אויף צו קלאָגן, דאַרף מען נישט בלויז קענען דאָס לשון — מע דאַרף עס לעבן, מיט אַלע נשמה־קעמערלעך. מע דאַרף עס חלומען אין שלאָף און אויך אויף דער וואָר. מע דאַרף עס באַניצן דאָס לשון סיי ווען מע וויל ציילן געלט, און מע וויל זיין זיכער אז מען איז זיך נישט טועה; סיי ווען מען איז אויפגערעגט און סע פליט ארויס פונעם מויל א קללה, נישטווילנדיק. יאָ, נאָר אויף דעם לשון קאָן מען זינגען, דאָס הייסט, נישט נאָר צו „מאכן" גראַמען, נאָר געזאַנג וואָס קומט ארויס אויף די לעפצן, גלייך פונעם הארץ... און אויף אזוי פיל קאָן ער קיין אראַמיש נישט. זיין אראַמיש איז דאָך בלויז אן איבערזעצונג פונעם לשון־קודש, די שפּראַך אין וועלכער ער טראַכט און ברענגט ארויס זיינע רעיונות...

ער האָט מיט א מאָל אוועקגעלייגט די האַרף. ער האָט זיך אויפ־געהויבן א נערוועזער. ער האָט נישט געקאָנט מער זיצן אויף איין אָרט. האָט ער זיך גענומען שפּאַצירן פון איין ווינקל פון זיין צימער צום צווייטן, כדי צו פאַרטרייבן זיינע געדאַנקען, וואָס האָבן אים איצט גע־מאַטערט.

ער האָט א פּליעסקע געטאָן דריי מאָל, ווי געוויינטלעך, און גערופן זיין דינער:

— זאָל עמעצער גיין רופן דעם נביא נתן! — האָט דוד געגעבן א קורצן באַפעל, נישט אזוי ווי זיין סדר איז געווען.

געוויינטלעך, אז ער האָט געוואָלט רופן עמעצן, האָט ער גע־זאָגט: סע וואָלט געווען רעכט, ווען עמעצער זאָל זיך מטריח זיין פאַר בעטן צו מיר אין פּאַלאַץ דעם און דעם... דאָס איז געווען א ביסל א העפלעכערער טאָן. איצט אָבער, איז דער באַפעל געווען א קורצער, כמעט א ברוטאַלער. שוין אָפּגערעדט פון העפלעכקייטן. דאָס האָט אויסגע־דריקט זיין געמיט־צושטאַנד. ער האָט איצט נישט געהאַט קיין צייט און געדולד פאַר העפלעכע נאַרישקייטן. ער האָט נישט געקאָנט מער בלייבן אליין מיט זיינע מחשבות, וואָס האָבן זיך אריינגעגעסן אין זיין מאַרעך, ווי שלאַנגען וואָס עקבערן.

דער נביא איז אריינגעקומען צו דער מינוט:

— אדוני המלך, הנני, איך בין אויף דיין באַפעל! — האָט דער נביא געזאָגט מיט א נישט העפלעכן שמייכל.

— אזוי שנעל ביסטו אָנגעקומען, נתן הנביא? — האָט דוד גע־זאָגט פאַרחידושט.

— דעם אמת געזאָגט — האָט דער נביא געענטפערט מיטן זעל־ביקן שמייכעלע, פון כמעט גרינגשאַץ — בין איך נישט געקומען אויף דיין באַפעל... דאָס האָט מיך גאָט געשיקט צו דיר, אז איך זאָל דיך אויפמונטערן און דיר צוריקברענגען דעם דיכטערישן חזיון...

— גאָט?! — האָט דוד ארויסגערעדט דעם איינציקן טראַף, ווי אָן זיין ווילן, אָבער ער האָט נישט ארויסגעזאָגט זיין גאַנצן געדאַנק. ער האָט אים פאַרשוויגן. ביי זיך, אָבער, האָט ער געטראַכט: גאָט האָט שוין באמת קיין אנדערע זאָרגן נישט ווי זיך אָפּצוגעבן מיט מיין יאוש־צושטאַנד, מיט מיין אומדיכטערישער שטימונג, אז ער זאָל צוליב דעם מטריח זיין דעם נביא?!

— יאָ, גאָט — האָט דער נביא אויך געענטפערט מיט בלויז איין־טראַפּיקע ווערטער, לאָזנדיק אומגעענטפערט אויף דעם נישט אַרויסגעזאָגטן געדאַנק דודס, וועלכן ער האָט בלויז מיט זיין נביאה געלייענט. הערנאָך, נאָך אַ פּיינלעכער שווייגנדיקער פּויזע, האָט ער פאַרגעזעצט:

— מיט מיין נביאה האָב איך געזען דיין יאושדיק גריבלען זיך אין די ספקות דיינע, וואָס זענען נאַרמאַלע אויך פאַר אַן אמתדיקן דיכטער, ווי אַזוי איך האַלט דיך, און יעדער איינער האַלט דיך פאַר אַזעלכן... ספקות, נישט נאָר אין דער קוואַליטעט פון דיינע שירים, נאָר אויך אין לשון וואָס דו באַניצסט... זעסטו, האַר — האָט דער נביא שוין דאָס מאָל גערעדט מיט אַ היימישערן טאָן, נישט פון קיין אָפיציעלן נביא וואָס ברענגט אַ שליחות אַ געטלעכס, נאָר פון אַ פריינד וואָס רעדט צו אַ פריינד — דאָס איז דער גורל דיינער און נישט בלויז דיינער, ער איז אויך מיינער — אונדזער אַלעמענס... מיינסט אפשר אַז איך וואָלט נישט אָנגעשריבן מיינע „מוסר־רעדעס“? נו, וועל איך זיין צווישן די פּילצאָליקע נביאים וואָס האָבן נישט פאַרעפנטלעכט זייערע נביאותן... אָבער וואָס שייך דיינע מזמורים — דאָס איז שוין עפּעס אַנדערש. לגמרי עפּעס אַנדערש. דיינע מזמורים, האַר מיינער, וועלן האָבן אַן אַנדערן גורל. יעדער קלאַנג דיינער וועט האָבן אויך אַן אָפּקלאַנג... זיי וועלן לעבן און איבערלעבן...

— בת־שבע זאָגט — האָט אים דוד אונטערבראָכן די רייד — אַז סע זענען שוין נישט פאַראַן קיין לשון־קודש־קענער נאָר אין די מושב־זקנים... און זי לאַכט פון מיר, אַז איך דאַרף פאַרעפנטלעכן מיינע מזמורים אין איין איינציקן עקזעמפּלאַר, דאָס איז דער טיראַזש, וואָס קאָן באַפרידיקן מיין גאַנצן לייענער־עולם...

— נישט וועגן דעם גייט עס — האָט דער נביא ווי אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט די רייד פונעם מלך — נישט וועגן טיראַזש גייט עס... וועגן טיראַזש באַקלאָגסטו דיך?... אַזוי זענט איר קורצזיכטיקע דיכטער־קינדער, אויך ווען עס איז אַ מלך. איר זעט נאָר וואָס איז אונטער דער נאָז — אַ ביסל ווייטער, שפּעטער מיט אַ „מאָרגן“, אָט דאָס זעט איר שוין נישט... ווייסטו, האַר מיינער און משורר, אין וואָס פאַר אַ טיראַזש סע וועלן אַ מאָל דערשיינען דיינע מזמורים? איך וויל עס דיר נישט זאָגן, הגם איך ווייס זיי גענוי מיט דער צאָל, אָבער איך וויל עס דיר נישט מגלה זיין כדי די זאָלסט נישט ווערן אין גאווה און אַזוי אָרום כדי דיר צו געבן אַ לעקציע, וועט מען דיר

ווידער דארפן ווייזן א פּראָש, אז זי זינגט שענער פון דיר, ווי מע האָט עס דיר שוין איין מאָל געוויזן... אָבער דאָך וועל איך דיר זאָגן, אז דו האָסט נישט אזוי פיל האָר אין קאָפּ, וויפל איבערזעצונגען מע וועט מאכן פון דיין תהילים...

— איך ווייס — האָט דוד געזאָגט מיט א חוזק־שמייכעלע — דו ווילסט פון מיר לאכן, אז איך בין שוין א פּליכעוואטער, און האָב שוין כמעט קיין האָר אויפן קאָפּ... פאר וואָס האָסטו מיר עס נישט געזאָגט, ווען איך האָב געהאט אזא שיינעם קאָפּ מיט געקרויזטע האָר ווי אויף דעם דענקמאָל פון מיקעלאנדזשעלאָן?...

— אגב, וועגן יענעם דענקמאָל לאָמיר נישט רעדן — האָט דער נביא מיט א שמייכל געמאכט אן איראָנישע באמערקונג — דאָרט ביסטו אויך אפילו נישט גע׳מל׳עט... דיינע מזמורים — האָט דער נביא זיך צוריקגעקערט צו זיין טעמע, גלייך ער וואָלט נישט געהערט דעם מלכס באמערקונג — וועלן האָבן אן אייגנארטיקן גורל... הער אויס, בן־אדם! — האָט דער נביא אויפגעהויבן זיין קול און גערעדט מיטן נביאישן שטייגער, נישט ווי ער פלעגט רעדן מיטן מלך, אונטערטעניק צי פריינדלעך — הער אויס דו מלך, אָבער דאָך א בשר־ודם: דיינע מזמורים זינגען שוין היינט די מלאכים, ווען זיי ווילן זינגען שירה צום מלך־המלכים. אָבער דאָס איז נאָך נישט גאָרנישט לגבי דעם, וואָס סע וועט געשען מיט די דאָזיקע מזמורים שפּעטער מיט יאָרן, מיט דורות... דיינע מזמורים וועלן געזונגען און „געזאָגט״ ווערן אויף אלע לשונות, סיי מע וועט זיי יאָ פארשטיין, סיי מע וועט זיי נישט פאר־שטיין. מע וועט זיי זינגען אויף פריילעכע פייערונגען, ווי א „הלל״ און מע וועט זיי אויסוויינען און אויסקלאָגן מיט זיי די ביטערסטע מאָ־מענטן פונעם לעבן פון א מענטש. ביי לוויות, ביי שמחות און ביי חתנים און כלות — אומעטום. אין אלע געלעגנהייטן; אין די קלויסטערס און אויך אין די בתי־מדרשים, אומעטום...

— בת־שבע זאָגט — האָט אים דוד ווידער איבערגעריסן די רייד — אז מע רעדט שוין היינט נישט קיין לשון־קודש, זי זאָגט אז בעסער וואָלט איך געזינגען אויף אראמיש...

— לשון־קודש, לשון אראמיש?! נו, וואָס איז דאָ וויכטיק דאָס לשון? — האָט דער נביא גערעדט ווי צו זיך אליין, גלייך ער וואָלט נישט געהערט, אָדער נישט געוואָלט הערן, וואָס דוד המלך רעדט צו אים — דיין התלהבותדיקער אויסגעשריי „הללויה!״ איז א וואָרט וואָס

איז דווקא אין לשון־קודש און גלייב מיר, אָ, מלך, אז קיינער וועט קיין מאָל נישט וואגן דאָס אפילו צו איבערזעצן, אָט דעם אויסרוף דייַנעם. מע וועט עס פארשטיין דאָס דאָזיקע וואָרט אויף אלע לשונות פון דער וועלט... „הללויה!“... דיין אָטעם, דיין וויברירן אין דיין תהילים־דיקער פּאָעזיע איז הייליק. קיינער וועט עס נישט קאָנען איבער־זעצן, אָבער דאָך וועט מען עס פּרואוון טאָן, אַנדערש וועט מען דאָך נישט קאָנען אָנקומען צו דיין השתפכות־הנפשדיקער ליריק. מע וועט עס פארשטיין, אויך אָן ווערטער, אויף אלע לשונות פון דער וועלט...

— בת־שבע זאָגט — האָט דוד גַעשעפּטשעט ווייטער ווי א פאר־לוירענער...

— וואָס ווייבער רעדן! — האָט דער נביא אים נישט געלאָזט ארויס־זאָגן זיין פארצווייפלטן געדאנק, ווי אן אויפגעבראכטער — עס איז כלעבן א שאָד, אז אזא דיכטערישע פערזענלעכקייט ווי דו ביסט, איך רעד שוין נישט פון דעם, אז דו טראָגסט אַ קיניגלעכע קרוין אויף דיין אַטַן, זיי נישט ברוגז, פליכעוואטן קאָפּ — און דאָך הערסטו זיך נאָך צו צו רייד פון א ווייבספארשוין, וואָס האָט דיך פארפירט אין דער יוגנט, ווען דיינע בלוטן פלעגן זיך נאָך צעקאָכן? וואָס ווייסט זי?... פאַר איר זענען שוין גאָרנישט ווערט יענע מזמורים, וואָס דו האָסט געזונגען ספּעציעל צו איר שיינקייט?! עס איז איר אריין אין איין אויער און ארויס דורך דעם צווייטן... איך ווייס דאָך דעם אמת. זי האָט זיך מיט א כיוון דעמאָלט געבאָדן אין הויף, אין העלן טאָג, כדי דו זאָלסט זי קאָנען אין אכט נעמען פון דיין גאניק אויפן פאלאץ...
האָסט זיך טאקע דעמאָלט פארליבט ווי א ישיבה־בחורל קאָן זיך פאר־ליבן, ווען ער זעט צום ערשטן מאָל א ווייבספארשוין, א נאקעטע חוה, וואָס פארמאָגט אין איר די קללה פון גאָט, אז זי זאָל פארכישופן נאַ־רישע מענערישע הערצער, וואָס פארכליגען זיך ווען זיי באמערקן א מינדסטע האָר פון אן אישה... יאָ, דו האָסט זיך תיכף פארליבט, אָבער זי, זי האָט דיך אפשר קיין מאָל נישט געליבט אויף אן אמת. ביי איר איז עס געווען מערער א סנאָבישע ליבע, אז זי ליבט א קיניג... יאָ, נישט קיין פּאָעט, וואָס שרייבט איר סערענאדעס־מזמורים, נאָר א קיניג... ניין, זי האָט אויך איר געוועזענעם מאַן, דעם באריִמטן גענעראל, א העלדישן קריגס־פירער, אויך אים האָט זי נישט געליבט. זי האָט בכלל אין איר גאַנץ לעבן אפשר קיינעם נישט געליבט... ביי איר ווילסטו געפינען אָפּשאצונגען פאר דיינע דערהויבענע מזמורים, וואָס דער־גרייכן ביזן כסא־הכבוד?! ביי איר ווילסטו געפינען אן אָנשפאר אין דיינע

קינסטלערישע ספקות?!... זי איז עס נישט בכוח צו פארנעמען און דיך אונטערשטיצן כאָטש מיט איין וואָרט. ווער סע האָט נישט קיין פּילנ־דיק הארץ פאר ליבע — דער קאָן נישט פארנעמען אויך קיין פּאָעזיע. א סריס קאָן נישט זיין קיין פּאָעט... דו האָסט טאקע געהאט אזוי פיל פרויען, אָבער דו קענסט זיך אין זיי זייער ווייניק אויס... זי פארשטייט גאָרנישט פון דער טיפקייט פון דיין תהילים, און זי פילט גאָרנישט די וויברירנדיקע געפילן וואָס דו האָסט אין זיי אריינגעטריפט צוזאמען מיט דיין בלוט פון דיין הארץ — אָט די דאָזיקע עמאָציעס וועלן דער־פילן בלויז צעבראָכענע נשמות, וואָס וועלן דערגיין צו השתפכות הנפש, צו א לירישן נשמה־ציטער, סיי רעליגיעזן און סיי אפילו קיין נישט רע־רעליגיעזן פּאָעטישן ציטער, אָן עמאָציע, וואָס קאָן זיך שטילן בלויז מיט דיין א תהילים־מזמור; א ווייטיק וואָס ברענט אָן אויפהער און וועט זיך קאָנען לעשן בלויז מיט א שיר־המעלות פון דיין תהילים. נישט וויכטיק איז איצט אין וויפל קאַפּיטלעך זיי וועלן איצט געשריבן ווערן — טיראזש, דאָס איז נישט קיין באגריף פאר א נביא און אויך נישט פאר קיין משורר... עס איז נישט וויכטיק אין וויפל קאַפּיטלעך דו שרייבסט דיינע געזאנגען — וויכטיק איז וויפל טרילן, וויפל געזאנג, וויפל עמאָציע דו לייגסט אריין אין יעדן תהילים־קלאנג... אין דעם און נאָר אין דעם הענגט אָפּ דער אָפּקלאנג...

א ווײַלע איז דער נביא אנטשוויגן געוואָרן.

אויך דוד האָט געשוויגן, פארטיפט אין זיינע מחשבות.

ער האָט יאָ געגלייבט און נישט געגלייבט אין די רייד פונעם נביא. ער האָט געוואוסט, אז צו מאָל, צו מאָל, טראכט אויך ער אזוי וועגן זיינע מזמורים, אז זיי וועלן איבערלעבן אים און אויך דורות; אָבער צו מאָל, אזוי ווי איצט, נעמט אים ארום א יאוש־געפיל און סע דאכט זיך אים אויס, אז זי, בת־שבע, וואָס איז אמאָל געווען זיין מוזע און היינט איז זי שוין בלויז א שאָטן פון דער אמאָליקער שיינקייט, און אפשר דווקא צוליב דעם, ברענגט זי אים ארויס פון די כלים מיט איר גרינגשאָץ, מיט איר ביטול לגבי זיינע געזאנגען. פאר איר זינגט ער דאָך שוין איצט נישט. ער „דרימבעט" בלויז... זי איך דאָך אייפער־זיכטיק אויף זיין הארף...

— יאָ, איך ווייס — האָט דער נביא גלייך ווי געענטפערט אויף זיינע נישט ארויסגעברענגטע, אויף די ליפּן, מחשבות — דאָס איז א נאַטירלעכע דערשיינונג פון א גרויסן טאַלאַנט. אדרבה, וואָס גרעסער דער טאלאנט, אלץ גרעסער זענען די ספקות ביי אים, אז עס איז נישט

דאָס בעסטע וואָס ער האָט נאָר וואָס אויסגעזונגען — אָבער צו פיל ספקות, דאָס איז אויך נישט געזונט. א דיכטער, דאַרפסטו וויסן — האָט דער נביא געראַדט צו אים און אים געקוקט גלייך אין די אויגן, כדי צו געבן מער באַטייט פאַר זיינע ווערטער — א דיכטער אַזוי ווי א נביא, טאָר נישט אַריינפאַלן אין גאווה געפילן, אַנדערש וועט עס שוין נישט זיין קיין שירה, בלויז קלייןלעכע גרויסהאַלטעריי, וואָס אינטערעסירן קיינעם נישט, הגם זיי וועלן האָבן די שענסטע ווערטער, די פּאַסיקסטע גראַמען, דעם קלינגענדיקסטן ריטעם — דאָס אַלץ, אָבער נישט קיין שירה. סע וועט ביי זיי פעלן דער עיקר, א ביסל האַרץ... און א שירה, אָן האַרץ, אָן נשמה, איז בכלל קיין שירה נישט, נאָר שטראָם־גראַם... ווידער פאַרקערט, צו פיל געפאַלנקייט ביי זיך, חלילה א יאוש־געפילן אָט דאָס איז שוין א מסוכנדיקע דערשיינונג, דאָס איז נישט קיין סגולה פאַר א דיכטער — און אויך נישט פאַר א נביא. זעסטו, האַר מיינער, אויך צווישן די נביאים איז תמיד געווען דאָס וויכטיקסטע אַז זיי זאָלן קאָנען זיך דערהאַלטן אויף א פּאַסיקער פּראָפּאָרץ. נישט צו פיל שטאָלצ־קייט, און אויך נישט צו פיל געפאַלנקייט. דער נביא דאַרף דאָך רעדן גלייך מיטן זעלביקן לשון אי צום מלך און אויך צום פשוטן פאָלק...

— איך פאַרשטיי — האָט דוד געמורמלט ווי פאַר זיך.

— זיי מוחל, האַר — האָט אים דער נביא אונטערבראָכן די רייד מיט א שמייכל. — סע דאַכט זיך דיר נאָר אויס אַז דו פאַרשטייסט. דו פאַרשטייסט עס נאָך נישט. אָבער דו וועסט עס פאַרשטיין שפּעטער, נאָך עטלעכע טעג, צי עטלעכע וואָכן, ווען סע וועט זיך פון דיר אָפּטון דיין יאוש־געמיט. דאָס קאָן מען דאָך נישט אוועקנעמען, ווי מע זאָגט, מיט דער האַנט... מיין שליחות איז בלויז דאָס, אַז דו זאָלסט זיך נישט אַנטמוטיקן. אויב סע זינגט זיך דיר אפשר נישט אַזוי ווי סע באַדאַרף צו זיין, באַהאַלט די האַרף אויף שפּעטער מיט א צייט. דו וועסט נאָך „דרימבען" מיט איר שיינע למנצחס און מזמורים, וואָס וועלן בלייבן און איבערלייבן, לעבן טויזנטער יאָרן און אַרומנעמען די גאַנצע וועלט... דאָס וועט זיין דער אָפּקלאַנג.

דוד איז געבליבן מיט זיך, מיט זיינע מחשבות, וואָס ער האָט אויסגעדריקט אין א נייעם מזמור, וואָס ער האָט אויסגעדרימבעט אויף זיין האַרף אַזוי שיין, אַזוי צאַרט, ווי דאָס טרילן פון גן־עדן־פייגעלעך...

אין זיין קלאַנג האָט זיך דערפילט אויך דער קומענדיקער אָפּקלאַנג...

א נייער דור

דער פּאַטער איז, ווי אַלע מאַראַמאַרעשער יידן, געווען גאַטספאַרכטיק און האָט שטרענג אָפּגעהיט די יידישע דינים און מנהגים. און ווי אין אַלע יידישע הייזער איז אויך ביי זיי געווען אַ רבי מאיר בעל־הנס־פּושקע.

ביי דער טיר, וואָס האָט אריינגעפירט פון קיך אין צימער אריין, איז זי געהאָנגען די בלעכענע פאַרזשאַווערטע פּושקע, און אַראָפּגעקוקט מיט קבצנישער גאווה אויף דער מזוזה, וואָס איז געווען אָנגעשלאָגן אקעגן איר, ווייל הגם די מזוזה האָט מען געקושט און די פּושקע נישט, איז זי דאָך געווען חשובער און מער געאַכט. ביי דער זייט פון דער פּושקע איז געהאָנגען אַ קליין מיניאַטור שלעסעלע, פון וועלכן סע האָט זיך געצויגן אַרויף, אויף דער פּושקע, אַ קוים אָנזעעוודיקע נעץ פון שפּינוועבעכץ מיט פאַרפלאָנטערע פליגן, ווי אַ גראָע פאַרמעטענע יריעה, מיט שווארצע, סופרישע באַ'תג'נטע אותיות.

פון צייט צו צייט האָט מען צוגעלייגט אַ מטבע צום אויבעקן שפּאַלט פון דער פּושקע און: פּאַנק... אַ מאַטער קלאַנג מיט אַ פאַרזשאַווערטן אָפּקלאַנג... גלייך סע וואָלט אָנגעזאָגט, אַז עס איז שוין דאָ מער מיט אַ מטבע אין דער פּושקע. און אַזוי האָט זיך טאָג נאָך טאָג אָנגעזאַמלט אַ מטבע מיט אַ מטבע.

וואָס סע זאָל זיך געווען טרעפן, האָט מען אַלץ צו וויסן געטון דער רבי מאיר בעל־הנס־פּושקע. האָט מען געהערט אַ גוטע בשורה, האָט מען אריינגעוואָרפן אַ מטבע, אויפגעהויבן די אויגן צו גאָט און געזאָגט: געלויבט איז זיין ליבער נאָמען. ווידער אַז עס איז געשען עפּעס נישט קיין פריילעכער פּאַרפּאַל — סע זאָל זיך נישט טרעפן — מע האָט, למשל, זיך אריינגעגנבעט ביי נאַכט, דורכן פענצטער, אין שטוב אריין, און מע האָט אוועקגעטראָגן וואָס דערויף און דערונטער, האָט מען מנדב געווען צדקה, אַ שיינעם סכום, פאַר רבי מאיר בעל־הנס. און מע האָט ממש געזען, ווי געטרייסט מען איז געווען נאָך דעם, ווי מונטער, גלייך סע זאָל געווען נישט פעלן גאָרנישט. אין זייער

פעסטן גלויבן זענען זיי געווען איבערצייגט, אז דער גנב וועט חרטה באקומען און וועט אליין צוריקברענגען די גנבה. אָדער, לכל הפחות, וועט מען היינט-מאָרגן געפינען דעם גנב.

און כאָטש מען איז ביי זיך זיכער געווען אין אָט דעם דאָזיקן נס, דאָך האָט מען נישט געוואַרט אויף אים, ער זאָל טאַקע געשען. מע האָט נישט געוואַרט נאָר מען איז שוין ווי געהאָלפן געוואָרן. סע האָט שוין נישט געפעלט גאָרנישט.

פאַרשטייט זיך, אז דאָס האָט נישט געקאָנט פאַריבערגיין, אז סע זאָל נישט האָבן קיין השפעה אויף די קינדער. און אָט דער גלויבן האָט זיך טאַקע איבערגעפלאַנצט צו די קינדער און דערנאָך צו די אייניקלעך.

און אמאָל, אז עס איז געקומען צו א סיכסוך צווישן יידן, מען האָט זיך נישט געקאָנט אויפן אָרט אויסגלייכן, האָט מען זיך געוועט: „כ'בין מנדב כך-וכך פאַר רבי מאיר בעל־הנס, אויב עס איז נישט אַזוי ווי איך זאָג!".

און אַזוי האָט זיך צונויפגעזאַמלט א מטבע מיט א מטבע, ביז עס איז געקומען דער „קאַסירער", וואָס האָט אויסגעליידיקט די פושקע.

אַן עלטערער (מע האָט געזאָגט, אז ער איז אַן ארץ־ישראל־ייד!), מיט א לאַנגער מילעכדיקער באָרד (ווען די קינדער פלעגן פסח עפע־נען די טיר פאַר „שפוך חמתך", כדי אליהו הנביא זאָל אַריינקומען, האָבן זיי זיך געריכט אויף אַזא ייד!)... צו ערשט האָט ער אפּירגענומען א בינטל שליסעלעך, צוגעפּאַסט צום שלעסעלע פון דער פושקע און עס פאַמעלעך, ווי מיט א סודותפולער כוונה, געעפנט. סע האָט זיך דערהערט א סקריפּ (א יאָר שוין ווי מע האָט עס נישט באַרירט!) און סע האָבן זיך אַרויסגעקוילערט אויפן טיש מטבעות.

מע האָט געהאָלפן ציילן דאָס צונויפגעזאַמלטע געלט און אז סע האָבן אויסגעפעלט נאָך עטלעכע ליי צום גראָדן סכום, האָט מען צוגע־לייגט, אבי די „קבלה" זאָל זיין א קיילעכדיקע.

די מטבעות זענען אַריינגעקוילערט געוואָרן אין א לאַנג בייטעלע, צוגעבונדן און איבערגעלאָזט א „קבלה" פונעם פאַריאָריקן געלט, וואָס מע האָט אַרויסגענומען דעמאָלט פון דער פושקע.

די קינדער פלעגן דעמאָלט באַוואונדערן דעם דאָזיקן ייד, וואָס האָט צונויפגענומען אַזוי פיל מינים מטבעות, פון וועלכע טייל זענען געווען גלאַנציק, שפּיגל־נייַ, און טייל שוואַרץ, פאַרזשאַווערט

פון א טראָפּן, פון ביי א תחינה אויסגעוויינטער טרער. און דער קאַסירער האָט זיי אַלע אין איינעם צונויפגעשיט — פאַר די ייִדן דאָרט, די זקנים פון מאַראַמאַרעשער „כולל" אין ארץ-ישראל, וואָס לערנען יום־ולילה און בעטן אויף די הייליקע מקומות פאַר די ייִדן אין גלות...

די „קבלה" וואָס מע פלעג באַקומען, איז געווען אַזוי צו זאָגן, דער שכר אויף דער וועלט. און זי האָט טאַקע געהאַט א גרויסן ווערט. געווען חשוב, מיט אירע שיינע געמעלן פון כותל-המערבי: א שטיינערנע געמויערטע וואַנט מיט מאָך באַוואַקסן און פאַר א פּאָר ברענעדיקע ליכטלעך שטייען, אין טליתים געהילט, זקנים און דאַווענען, צוזאַמען מיט זייערע שאָטנס אויף דער וואַנט; „קבר רחל" מיטן קיילעכדיקן דאַך; די מערת-המכפּלה און דאָס גלייכן.

איז זי געלעגן, די „קבלה", אויף א זייער חשובן אָרט: אין ווייסן ביין-דעקל געהילטן „קרבן-מנחה"-סידור, און יעדן פרייטיק פאַר זון-זעצן האָט די מוטער ארייַנגעוואָרפן א מטבע אין דער פּושקע און דערביי געזאָגט די „תחינה פאַר ליכט בענטשן", וואָס איז געווען אָפּ-געדרוקט אויף דער צווייטער זייט „קבלה" און מיט טרערן אין די אויגן אויסגעלאָזט: „אלקי דמאיר עננו"...

געוויינטלעך האָט מען געהאַט א קרוב אין ארץ-ישראל, וועמענס חתימה עס האָט זיך געפונען אויף יעדער „קבלה" וואָס מע האָט באַקומען. דאָס האָט געוואָלט הייסן, אַז דאָס פּושקע-געלט איז ריכטיק איבערגעגעבן געוואָרן דעם, וועמען עס איז אָנגעוויזן געוואָרן. און דערפאַר פלעג מען באַקומען פונעם דאָזיקן קרוב צו א מתנה: א בשמים-שקעטעלע, פון דער אויבן איז געווען אויסגעמאָלט „ירושלים", אָדער א קעס-טעלע פאַרן אתרוג. און אַז מען איז שוין שוואַך געווען אויף דער עלטער, האָט מען באַקומען א זעקעלע ארץ-ישראל-ערד...

אַזוי האָט זיך עס געפירט יאָרן צייט, ביז איין מאָל איז געקומען. ווי אַלע יאָר, דער אַלטער פּושקע-ליידיקער און האָט איבערגעלאָזט א „קבלה", נאָר די חתימה פונעם קרוב האָט געפעלט.

מע האָט פאַרשטאַנען, כאָטש מע האָט אויף זיכער נאָך נישט געוואוסט, אַז דער קרוב האָט דערגרייכט זיין ציל: צו שטאַרבן און באַגראָבן צו ווערן אין הייליקן לאַנד.

און כאָטש מע האָט בשעתן מנדב זיין געלט פאַר דער רבי מאיר בעל-הנס פּושקע קיין מאָל נישט אין זינען געהאַט דווקא דעם קרוב,

נאָר דעם גאַנצן מאַראַמאַרעשער „כולל” אין ארץ ישראל, האָט זיך דאָך אויסגעוויזן, אז נישט דער קרוב אין ארץ ישאל עקזיסטירט נישט מער, נאָר דער גאַנצער „כולל” איז ווי אָפּגעשטאָרבן. דער דאָרטיקער גאַנצער אַלטער דור, פאר וועמען מע האָט געזאַמלט דאָס געלט אין דער פּושקע, האָט צו ביסלעך אָנגעהויבן אָפּצושטאַרבן.

בפרט זינט דער יונגער בעל-דרשן איז געשטאַנען אין בית-המדרש אויפן באַלעמער, געדרשנט פאר נייע פּושקעס, שיינע, קאָלירטע און גערעדט מיט ביטול וועגן די אַלטע פאַרזשאַווערטע פּושקעס — א פּושקע צו לעבן אין ארץ-ישראל און נישט נאָר צו שטאַרבן, באַגראָבן צו ווערן אין דער הייליקער ערד — שטאַרבן איז נישט קיין אידעאַל, האָט ער געזאָגט — האָט מען אָנגעהויבן אַנדערש צו טראַכטן. און אויף דעם אָרט וואו עס איז פריער געהאַנגען די רבי מאיר בעל-הנס-פּושקע איינע אליין, איז שפּעטער, נעבן איר, געהאָנגען אויך די צווייטע, די שיינע ניי-אָפּגעגלאַנצטע, קאָלירטע פּושקע.

זענען אזוי געשטאַנען די צוויי פּושקעס ווי צוויי פרויען ביי איין מאַן, אַן אַלטע מיט א יונגער... ניין, ווי צוויי דורות וואָלטן געהאָנגען דאָרט ביי דער טיר, אויף צוועקעס, אָדער ווי צוויי שומרים, וואָס וואַכן ביי דער טיר, דורך וועלכער איין דור גייט ארויס און דער צווייטער אריין.

נייע מענטשן, יונגע לייט, לוסטיקע, האָבן אָנגעהויבן קומען ליידיקן די פּושקע. צו ביסלעך האָט אויפגעהערט צו קומען דער אַלטער פּושקע-ליידיקער. מיט דער צייט האָט מען אים פאַרגעסן און אויך די פּושקע זיינע.

און אז עס איז געקומען ערב-פּסח, ווען מע האָט זיך אָנגעהויבן גרייטן צום יום-טוב און מע האָט אריינגעבערענגט די שטוב-זאַכן, וועלכע מע האָט מיט א וואָך פריער ארויסגעטראָגן, האָט מען די אַלטע פאַר-זשאַווערטע פּושקע שוין נישט אריינגעברענגט. מע האָט שוין אויף איר אָרט אויפגעהאָנגען נאָר די נייע.

קודם האָט דאָס יעדן הנאה געטאָן. יעדן, בפרט דער יוגנט, די קינדער, האָט בעסער געפעלן די נייע פּושקע. נאָר שפּעטער האָט מען באַמערקט עפּעס, וואָס האָט כמעט פאַרשטערט די גאַנצע קינדע-רישע פרייד.

מע האָט זיך ארומגעזען, אז פאר די עלטערן איז עס שוין נישט דאָס, וואָס עס איז געווען. די נייע פושקע פארמאָגט נישט אפילו איין חלק פון אָט יענעם כוח, וואָס סע האָט פארמאָגט יענע, די אלטע. דער פאָטער האָט שוין נישט מנדב געווען מיט דעם זעלביקן חשק ווי פריער. אין סכום האָט זיך עס, אייגנטלעך, נישט דערקענט. אדרבה, סע האָט זיך פיל מאָל געטראָפן, אז אין דער נייער פושקע, וועלכע מע האָט אויסגעליידיקט יעדן חודש, זאָל זיך געפינען מער געלט ווי אמאָל אין דער בעל־הנס־פושקע — סע האָט אָבער געפעלט דער ברען, דאָס אמאָליקע התלהבות, מיט וועלכן דער פאָטער האָט אריינגעוואָרפן די מטבע אין דער אַלטער פושקע.

די נייע פושקע האָט אים נישט געגעבן אָט יענעם בטחון, די מונטערקייט, וועלכע ער האָט אמאָל באקומען ביי דער רבי מאיר בעל־הנס־פושקע.

סע האָט אויסגעוויזן, אז אין דער אלטער פושקע איז געווען א נשמה, און די איצטיקע, די נייע קאָלירטע פושקע איז אָן א רוח החיים.

די מוטער האָט נאָך אלץ, ווי דער סדר איז געווען, אריינגעוואָרפן א מטבע יעדן פרייטיק פארנאכט פאר ליכט־בענטשן. סע האָט זיך אָבער דערקאָנט אז סע פעלט איר אויס אָט יענע „תחינה" פון דער אלטער „קבלה", ביי וועלכער זי זאָל זיך אויסוויינען. סע זאָל איר אראָפ פונעם הארצן דאָס אלעס, וואָס סע האָט איר געפרעסט אין משך דער וואָך, אזוי ווי זי איז געוויינט געווען אמאָל, ווען זי האָט זיך פארשטעלט די אויגן מיט אירע שיינע הענט, איינגעהילט אין זיידן טיכל און געשעפטשעט, ווי דורך די לאנגע פינגער אירע, דעם „לכבוד גאָט, לכבוד זיין הייליק געבאָט"... די קינדער האָבן דעמאָלט נישט געוואגט צו קוקן אויף אירע הענט, ווי צו די כוהנים בשעתן דוכענען. און אז זי האָט זיך דערנאָך געוואָנדן צו די קינדער מיט א „גוט־שבת!", איז דאָס געווען א פריילעכער, איינגעטונקען אין סאמע הייליקייט. און איר פנים האָט נאָך מער געשיינט, אפילו מער ווי די אָנגעצונדענע ליכט.

זיי פלעגן דעמאָלט צוגיין זאָגן „גוט־שבת!", קושנדיק איר די האנט און אין שטוב האָט זיך געפילט דאָס העכערע, שבתדיקע.

און היינט?

סע האָט זיך לכתחילה אויסגעדאכט, אז די נייע פושקע האָט צוגערויבט דעם פריערדיקן בטחון, דאָס דורותדיקע ארץ-ישראל-בענקעניש, וואָס איז איבערגעגאנגען בירושה פונעם זיידע צום אייניקל. נאָר שפּעטער האָט זיך ארויסגעוויזן אז די נייע פושקע האָט אריינגעבראכט אין הויז אן אנדער מין בענקעניש. דאָס מאָל האָט מען זיך געפילט ווי אויפגעוואכט פון א חלום, וואָס איז געווען טיף איינגעקריצט און אויסגעברענט אין פלייש, מיטן פלאם פון די שבת-ליכט, וואָס די מוטער פלעג יעדן פרייטיק צו נאכטס אָנצינדן נאָך דעם ווי זי האָט אריינגעוואָרפן א מטבע אין דער פושקע — און סע האָט זיך געהערט א קלאנג...

די נייע פושקע איז געוואָרן דער המשך פון דער אלטער פושקע — נאָר מיט א נייעם קלאנג.

נישט א נייע פושקע, נאָר א נייער דור האָט זיך באוויזן.

דער אלטער דור מאראמאָרעשער יידן איז שוין נישטאָ. דער זכות פון דער אלטער רבי מאיר בעל-הנס-פושקע איז מסתמה זיי ביי־געשטאנען אין מאָמענט ווען זיי זענען אומגעקומען אין אוישוויצער קרעמאטאָריע... אָבער דער זכות פון דער נייער פושקע איז בייגעשטאנען פאר די ווינציקע, וואָס האָבן זוכה געווען ניצול צו ווערן, איבערצולעבן און דערלעבן צו שעפּטשען די ברכה „שהחיינו וקימנו והיגיענו לזמן הזה!“, ווען דער מיליטערישער בלאז-ארקעסטער האָט, לכבודו באזוך אין רומעניע פונעם פרעמיער פון מדינת ישראל, אָפּגעהילכט די די מונטערדיקע אקאָרדן פון „כל עוד בלבב“... ווען נעבן טריקאָלאָר פון דער סאָציאליסטישער רעפּובליק רומעניע האָט געפלאטערט, מיט דער זעלביקער שטאָלץ, די טליתדיקע פאָן.

...מסתמה איז דאָס דער אָפּקלאנג.

ליטעראַרישע ראַזשינקעס

איר בין פאַרבעטן געוואָרן צו לייענען „עפּעס" אויף אַ ליטעראַרישן אָוונט. געהייסן האָט עס „אַ באַגעגעניש מיט די לייענער", לייענער מיט וועלכע איך האָב זיך צום ערשטן מאָל „באַגעגנט". נו, אַוודאי קאָן מען נישט לייענען קיין ראָמאַן ביי אַ ליטעראַרישן אָוונט. אפילו ווען עס איז דער בעסטער, אינטערעסאַנטסטער ראָמאַן אויף דער וועלט, קאָן מען נישט דערוואַרטן ביי אַן עולם, וועלכער איז שוין אין דער צווייטער „יוגנט", אַז ער זאָל זיך געדולדיק צוהערן צו אַזאַ לייענען.

ביי אַ ליד איז שוין עפּעס אַנדערש. אַ פּאָעט קאָן אָפּקומען מיטן לייענען עטלעכע סטראָפעס. ער קאָן אויך לייענען צוויי און אפילו דריי לידער. הגם סע נעמט נישט פיל אין צייט, נעמט עס אָבער ביי די צו־הערער מער קאָנצענטרירטקייט. מע קאָן נישט זיצן און אויסהערן פערזן אַ לענגערע צייט. סע שעפּט אויס די צוהערער. אָבער דאָך קאָן זיך דער פּאָעט פאָרשטעלן פאַר די לייענער מיט רעפּרעזענטאַטיווע שאַפונגען אַז דער עולם זאָל זיך אָפּגעבן חשבון וועגן ווערט פון דער שאַפונג און אפילו וועגן דעם ווערט פון דיכטער גופא.

וואָס זאָל אָבער טון אַ פּראָזע־שרייבער, ווי איך? ער קאָן קוים לייענען אפילו אַ דערציילונג, ווייל ווער האָט געדולד היינט אויסצוהערן אַ מעשה, ווען זי איז אַ ביסל לענגער, כדי זי זאָל זיין רעפּרעזענטאַטיוו, סיי פאַר דער מעשה גופא, סיי פאַרן שרייבער?!

אָט פאַר וואָס איך בין געבליבן פאַרזאָרגט, ווען איך האָב געדאַרפט לייענען אַ פראַגמענט פון אַ נאָר וואָס דערשינענעם בוך.

קודם האָב איך געטראַכט צו לייענען דאָס אַריינפיר־קאַפּיטל. עס איז דאָך דער בראשית פונעם בוך, וואָס הייבט אָן מאַכן די שטימונג, וואָס זאָגט אָן די האַנדלונגען פונעם בוך. אָבער באַלד האָב איך געטראַכט, אַז אויב „סע זאָגט אָן" איז עס דען שוין רעפּרעזענטאַטיוו? אויב אַ מאָ־לער וועט מאָלן אַ דעקאָלטירטן האַלדז, וועט דען דער צושויער זען די „פרוי"?!

ניין, אויף צו וויסן דעם גוטן טעם פון א מאכל איז דאָך נישט גענוג צו פאַרזוכן בלויז איין לעפל. אויף צו וויסן דעם ווערט פון א האַרמאָנישער קאָמפּאָזיציע איז דען גענוג איין איינציקע אַריע?!

וואָס זשע זאָל איך לייענען?

איך וועל לייענען דאָס לעצטע קאַפּיטל, וואו סע ווערן שוין געצויגן די מסקנות. דער מחבר האָט שוין אַלץ געזאָגט, וואָס ער האָט געהאַט צו זאָגן. דער לייענער, ווען ער קומט, געוויינטלעך, אָן צום סופסטן קאַפּיטל, דערוואַרט ער אָבער שוין גאָרנישט נייעס געוואויר צו ווערן. ער קאָן זיך לגמרי באַגיין און אפילו מער עס נישט לייענען. געוויינטלעך קאָן זיך דער לייענער אליין „אָנשרייבן" דאָס לעצטע קאַפּיטל פון א בוך. אדרבה, ווען דער מחבר וואָלט אים געלאָזט, אז דער לייענער זאָל זיך אליין אויספאַנטאַזירן דעם „סוף" פון דער מעשה, וואָלט דאָך דער לייענער פיל צופרידענער געווען. ער וואָלט זיך געפילט א שותף צום שאַפן דאָס ווערק און וואָלט אים געגעבן א באַפרידיקונג, אז ער איז אויך א מיטשאַפער מיטן מחבר.

והשנית, אויב דער מחבר וואָלט דאָס לעצטע קאַפּיטל נישט אָנגעשריבן, וואָלט דער לייענער געהאַט די ברירה זיך פאָרצושטעלן, נישט איינעם, נאָר מערער וואַריאַנטן. פאַרשטייט זיך, אז יעדער לייענער וואָלט זיך געקאָנט אויסוויילן א וואַריאַנט, וואָס וואָלט אים מיינסט געפעלן...

ניין, דאָס לעצטע קאַפּיטל וועט נישט פאַרשטאַנען ווערן פון אַן עולם, וואָס האָט נאָך נישט געלייענט דאָס בוך.

בלייבט צו לייענען דאָס מיטלסטע קאַפּיטל, ווען די אינטריגע פון דער האַנדלונג איז אין סאַמע ברען, ווען חער לייענער ווערט צום נייגיריקסטן צו וויסן וואָס עס איז געשען שפּעטער מיט די העלדן פון דער דערציילונג?

יאָ, דאָס וואָלט יאָ כדאי געווען. אָבער וואו געפינט זיך אזא קאַפּיטל, איין איינציק קאַפּיטל, וואָס זאָל זיין דער שפּיץ פון דער „אינטריגע"?

אין דער אמתן רעדט זיך נאָר אזוי. ווייל אַן „אינטריגע" בויט זיך נישט אין איין איינציקן קאַפּיטל. אין לעבן געשעט נישט קיין „אינטריגע" אין איין איינציקער געשעעניש, וואָס פּאַסירט אין איין טאָג, אויף איין אָרט. אַן אינטריגע איז דאָך „אינטריגירט" אין געשעענישן וואָס נעמען צייט און אָרט, אויף צו פאַרוועבן זיך, צו פאַרפלעכטן זיך, געשעעניש אין געשעעניש, צופאַליקע

און ווינציקער צופאליקע, נישט-צופאליקע און ווינציקער נישטצופאליקע, וואס זענען צו מאל צוגעגרייט געווארן פון יצר הרעס, פון רכילותני-קעס, שדים און רוחות און צרה-ליידן, וואס גאט האט נישט פארגעסן זיי צו באשאפן אין יענעם קורצן פרייטיק פון בראשית, ווען ער האט אין איילעניש צוזאמענגעקנעטן וואס עס איז אים געקומען אונטער די הענט, כדי זיי, די דאזיקע באשעפענישן זאלן „ארויסהעלפן" דעם מענטש אין זיין „פוילגלדיקן" גליקלעכן לעבן אויף דער זינדיקער וועלט...

וואס זשע לייענט מען? אט דאס איז נישט קיין רעטארישע פראגע, עס איז א גאר פראקטישע פראגע, אויף וועלכער איך מוז געפינען א תשובה. מע קאן דאך נישט קומען פאר די „חשובע לייענער" און זיך אליין ארויסשטעלן אויף חוזק.

ווייל באוואוסט איז, אז גארנישט לייענען איז ווייניקער מסוכנדיק ווי לייענען דאס, וואס סע טויג נישט... מע וועט דאך נישט דערוואַרטן פון א שרייבער, אפילו ווען ער האלט זיך פאר איינעם פון די בעסטע, אז דאס גאנצע בוך וועט זיין סאמע „שפיץ ברוסט", און אז סיי וואס סע וועט פארגעלייענט ווערן פון יענעם בוך, וועט עס זיין „רעפרעזענ-טאטיוו" און וועט אויסנעמען ביים עולם.

האב איך געטראכט און זיך דערטראכט צו מאכן, ווי מיין מוטער, זכרונה לברכה, האט געטון ווען זי האט זיך נישט געוואוסט אן עצה צו געבן ערב-שבת, וואס פאר א קוגל צו מאכן. אין אזא מצב פלעגט זי מאכן א „געבלעטערטן קוגל".

וואס סע הייסט א געבלעטערטער קוגל?!

געווען זענען צווייערליי קוגלען: אדער א קוגל פון געריבענע קארטאפל, ווי פאר קעזלעך אויף פסח, מע האט אונטערגעלייגט אויפן דנא פונעם קוגל-ריינדל עטלעכע שמאלץ-גריוון און מע האט עס אריינ-גערוקט אין אויוון, און שבת ווען מע האט געגעסן דעם טשאלנט, האט מען זיך געלעקט די פינגער מיטן „קארטאפלענעם קוגל" (אין מאראמארעש פלעגט מען זאגן א ריבלענעם קוגל!). אויב מע האט גע-וואלט מאכן א וואריאציע, כדי צו פארענדערן דאס מאנאטאנקייט פונעם קארטאפלענעם קוגל, האט די מוטער געמאכט א „געקנעטענעם קוגל". שוין פון דעם נאמען „געקנעטן" זעט מען, אז עס איז א מין טייג, אויסגעמישט מיט אייער און בוימל (אדער עופן שמאלץ!) זאלץ, פעפער, וואס גיבן א באזונדערן טעם, וואס נאר א שבתדיקער קוגל

קאָן האָבן. אָבער א געבלעטערטן קוגל, אָט דאָס איז שוין עפּעס אנדערש. דאָס איז שוין א דעליקאטעס, וואָס מע פארגינט זיך נאָר דעמאָלט ווען מע האָט זייער אָנגעלייגטע געסט, און מע וויל זיך פאָרשטעלן פאר בעל־בתישע מענטשן, מאכט מען א „געבלעטערטן קוגל“. דאָס הייסט, וואָס איז צונויפגעשטעלט פון אלעמען און פון גאָרנישט... טאקע דער־פאר הייסט עס א געבלעטערטער, ווייל אייגנטלעך איז עס אויף א יסוד פון בלעטלעך, פון געוואלגערטע בלעטלעך, אין וועלכע מע האָט אריינ־געלייגט פון כל־טוב: ראָזשינקעס, מאנדלען, צוקער, בוימל און וואָס נישט?!

איך בין געקומען צו דער מסקנה, אז מיט אזא „געבלעטערטן“ קאַפּיטל דארף איך זיך פאָרשטעלן פאר מיינע צוהערער, די „חשובע לייענער“. איך האָב גענומען דאָס בוך, געבלעטערט, געמאכט א צייכן מיטן שרייבפענדל, וועלכע שורות צו לייענען, און אריינגעלייגט א שטרייפל פאפיר, א סימן, כדי צו קאָנען געפינען גיך דאָס זייטל פון וועלכן איך זאָל לייענען. אויסגעוויילט האָב איך יענע שורות, וועלכע איך האָב געהאלטן, אז זיי דריקן אויס דעם תמצית פון דעם געזאָגטן אין יענעם קאַפּיטל. מיינסט איז עס געווען א מין קורצפראזעדיקער זאָג, ווי אן אפאָריזם, אָבער אויך מיט א טיפזיניקן מיין, א חכמהלע, א טראָפּעלע הומאָר, וואָס קאָן ארויסרופן בייפאל מצד די צוהערער.

אזוי האָב איך געטון און אזוי האָב איך געלייענט. נאָך מער: ווען איך בין אָנגעקומען, בעתן לייענען, צו א סטראָפע פון א פאָלקלאָרישׁ לידל, האָב איך זיך געווענדט צום פאָרזיצער, וועלכער האָט אָנגעפירט מיטן „אָוונט“: „זאָל איך זינגען?“, האָט ער געענטפערט: „איר האָט דעם מיקראָפאָן פאר זיך, איז זינגט!“. פארשטייט זיך, אז איך האָב זיך אָפּגעגעבן חשבון, אז ער האָט נישט פארשטאנען מיין פראגע. איך קאָן מיר נישט פאָרשטעלן, אז ער האָט טאקע געמיינט אז איך וועל טאקע זינגען ממש די סטראָפעס פונעם לידל, וואָס זענען געווען ציטירט אין מיין בוך, ווייל וואָס־וואָס, אָבער קיין זינגער האָב איך קיין מאָל נישט פרעטענדירט צו זיין... האָב איך זיך נישט געמאכט וויסנדיק און טאקע אָנגעהויבן זינגען. קיינער האָט נישט געזען, ווי איך קלאַפּ מיר צו צום טאקט, מיטן פוס, כדי דאָס לידל זאָל ארויס לייטיש, כאָטש איך האָב נישט קיין מוזיקאלישע באגלייטונג (איך וויל נישט זאָגן „קיין מוזי־קאלישׁ קול“, ווער ווארט דען פון א שרייבער, אז ער זאָל זיין אויך א זינגער?! איך האָב געוואוסט, אז איך דארף נישט האָבן קיין „קול“,

איך דארף האָבן א מוזיקאַליש „געהער", אָן „אויער" און נישט זינגען „פאַלש"!). האָב איך געזונגען אָן באַגלייטונג, און... עס איז ארויס גאַנץ לייטיש, אַז דער עולם האָט מיך פארשטאַנען און טייל האָבן אָנ־געהויבן פּלעסקען, ווען איך האָב געענדיקט דאָס „זינגען" די סטראָפע.

ווי אַזוי סע האָט זיך געענדיקט מיין „באַגעגעניש" מיט די „חשובע לייענער"?

עס איז געגנוג צו זאָגן, אַז צום סוף האָט מיך באַגריסט איינער פון די קאָלעגן: דער „מאַנטואש" איז געווען א געלונגענער... לאָמיך זאָגן דעם אמת. אויף דעם האָב איך זיך נישט גערעכט. מיר איז אפילו אויפן געדאַנק נישט געקומען, אַז דאָס זאָל זיין א „מאַנטואש".

ערשט איצט גיב איך מיר אָפּ חשבון, אַז פּאַקטיש איז עס דאָך טאַקע געווען א מאַנטואש, און פאַר א מאַנטואש, איז עס געווען געלונגען.

איבערצייגט האָב איך זיך ערשט שפּעטער מיט א טאָג, ווען א חברטע האָט מיר אָנגעקלונגען און צווישן אנדערן מיר געזאָגט, אַז אזא „סעלעקציע" וואָלט כדאי געווען אָפּצודרוקן באַזונדער...

נו, איצט איז עס שוין פאַר מיר קלאָר: סיי דער „מאַנטואש", סיי די „סעלעקציע" פון די אויסגעוויילטע שורות, זענען טאַקע געראָ־טענע, בכל־אופן מער געראָטן ווי דאָס בוך גופא, און זענען כדאי פארעפנטלעכט צו ווערן באַזונדער פונעם בוך... א מין „זאַמלונג" פון אַפאָריזמען אָדער פאָלקסווערטלעך.

און דאָס בוך?!

זאָל איך זאָגן, אַז דאָס בוך, אין גאַנצן גענומען, טויג נישט איבערצודרוקן אין א נייער אויפלאַגע?! דאַכט זיך, אַז מע וואָלט גע־דאַרפט מאַכן בלויז א תמצית — דאָס יאָ... מע דאַרף אויסקוועטשן די זאַפט, אָדער דאָס „וואַסערדיקע" פונעם בוך, כדי סע זאָלן בלייבן בלויז די „ראָזשינקעס", וואָס געפינען זיך אין בוך...

נישט ווילנדיק איז מיר געקומען אויפן געדאַנק, אַז עס איז שוין א ביסל צו שפּעט. אויף דעם האָב איך געדאַרפט טראַכטן, נישט איצט — נאָר דעמאָלט, ווען איך האָב אָנגעהויבן שרייבן דאָס בוך, אָדער שפּעטסטנס ווען איך האָב עס געגעבן צום דרוקן...

וואָויל איז דעם שרייבער, וועלכער ביים סאַמע אָנהייב שרייבט ער אָן „וואַסער" און איידער ער גיט עפּעס צום דרוקן, ציטערן אים נישט זיינע „שעפערישע" הענט אויסצוקוועטשן דאָס „וואַסער" פון זיינע שאַפונגען, כדי סע זאָל בלייבן נאָר דאָס ווערטיקע, די „אַפאָריס־טישע" ראָזשינקעס מיט מאַנדלען...

דער נישטפארשטאנענער

בוכהאלטעריש וואָלט מען געקאָנט פארצייכענען אז פערענץ אקפאק איז געבוירן פאר דער ערשטער וועלט-מלחמה אין יאָר... גע-שטאָרבן פאר דער צווייטער וועלט־מלחמה אין יאָר... בכן, האָט ער געלעבט א ביסל מער ווי פערציק יאָר. יאָ, בוכהאלטעריש וואָלט מען אזוי געקאָנט פארצייכענען.

ניין, עס איז לגמרי נישט אזוי פשוט. ער איז טאקע געבוירן; אָבער ער האָט נישט געלעבט, ווייל בעת זיין לעבן איז ער שוין כמעט געווען טויט. אמת איז אָבער, אז נאָך דעם ווי ער איז שוין געשטאָרבן, ערשט דעמאָלט איז ער געוואָרן אומשטערבלעך.

יאָ, וואָס מער יאָרן סע זענען פארגאנגען און סע פארגייען זינט זיין שטארבן — ווערט אקפאק אלץ לעבעדיקער. מיט יעדן יאָר וואקסט ער אויס, באקומט פלייש און בלוט, וואָס באווייזט זיך אין ממשותדיקן לעבן, אין אן עקזיסטענץ „פאָסט-מאָרטעם״, וואָס קיינער קאָן עס שוין נישט נישט-דערזען.

דאָס איז דער גורל פון א קינסטלער, דער גורל פון א נביא, וועלכער איז בעת זיין לעבן, זיין נביאיש-נזיריש לעבן, אין התבודדות, אין אָפגעזונדערטקייט, אין עלנטקייט — א נישטפארשטאנענער, כמעט אן אויסגעלאכטער — פון מענטשן וואָס האָבן קוים איבערגעלעבט זייער אייגענעם שאָטן.

איז ער דען געווען דער איינציקער?!

ניין, אָבער ער איז געווען אן אייגנארטיקער. זענען דאָך געווען זייער פיל, וועלכע האָבן זיך אויסגעלעבט נישטפארשטאנענע. וויפל זע־נען דען נישט געווען, וועלכע האָבן זיך געהאלטן פאר קינסטלער. אויף וואָס פאר א געביט סע זאָל נישט זיין, און קיינער האָט זיי נישט גע-וואָלט נעמען אין אכט?! וויפל נביאים זענען דען נישט געווען און האָבן געזאָגט נביאות, געזונגען שירים, געשריבן מגילות, געזאָגט איכות — אָבער זייער קול איז געהערט געוואָרן בלויז פון די שאקאלן און היענעס אין די וויסטע מדבריות?!

קיינער ווייסט נישט היינט וויפל זיי זענען געווען. בכל־אופן זענען זיי געווען פיל מער ווי די געשיכטע האָט זיי פארצייכנט, אז מיר זאָלן פון זיי וויסן אויך היינט.

פאר וואָס? ווייל זיי זענען געווען פאלשע נביאים? ווייל זיי זענען אפשר געווען, דאָס וואָס מיר רופן היינט אַן, גראפאָמאנען? ניין. עס מוז נישט זיין דווקא אזוי. עס איז גאנץ זיכער נישט אזוי. אמת, ווינציק האָבן איבערגעלעבט און האָבן זיך דערהויבן אויף א העכערער מדרגה, אריבער זייערע „פארשרייער" אָדער בעסער געזאָגט: אריבער זייערע „פארשווייגערס", און האָבן איבערגעלעבט, ערשט פיל צייט נאָך זייער טויט... אָבער ווער קאָן זאָגן די צאָל פון יענע וואָס האָבן געפילט דעם ניצוץ פון זייער נביאישן טאלאנט, אין וועלכע סע האָט געברענט דער פונק פונעם רוח הקודש, און האָבן זיך נישט געלאָזט פארשרייען, אָדער פארשווייגן, און האָבן מיט אלע זייערע כוחות, אָדער אפילו אומכוחות, זיך נישט געלאָזט צעקוועטשן פון דעם דוחק פון דער היסטאָרישער צייט, פון די כוואליעס שינאה צי ביטול, צי דער שטויב פון דורות זאָל זיך אויסשפרייטן איבער זייער אמאָליקן זיין — און זענען פארגעסן אָדער נישט פארגעסן געוואָרן!

גאנץ זיכער זענען זיי געווען פיל מערער, אָבער קיינער ווייסט שוין היינט נישט וועגן זייער אמאָליקער עקזיסטענץ.

ווער איז שולדיק אין דעם? קיינער. נישט יענע, וועלכע האָבן זיי נישט פארשטאנען ביי זייער לעבן, נישט זיי גופא, וועלכע האָבן נישט געהאט גענוג כוח גובר צו זיין און איבערלעבן נישט אפילו נאָך זייער טויט, ווען סע וואָלטן זיך אפשר שוין יאָ געטראָפן מענטשן וואָס זאָלן זיי פארשטיין...

אזוי איז עס געווען און אזוי איז עס עד היום דער גורל פון א נביא...

פערענץ אקפאק איז נישט קיין נביא? אפשר איז ער נישט און אפשר איז ער יאָ א נביא. סע גייט דען דאָ אין נביאות? דאָ רעדט זיך דאָך נאָר וועגן גורל פון א פאָלקסטריבון, וועלכער הייבט אויף זיין קול צו רעדן צום עולם, סיי ער מוסרט שאַרף, סיי ער מוסרט אים מיט ווייכע רייד, אָבער ער איז געוואָנדן צום עולם, ער רעדט צו אים, אָן חניפות, ער פארווילט אים נישט מיט קיין ביליקער הומאָר־סחורה, ער קיצלט אים נישט אז ער זאָל אים פריילעך מאכן — אדרבה, ער זאָגט אים אָן א שווארץ נביאות, אז סע קומט אָן א מבול וואָס וועט פארפלייצן

אלץ אויף דער וועלט, אויב מע וועט נישט תשובה טון, אויב מע וועט נישט אויפהערן מיט רישעותי אז סע קומט אַן א סדום-איבערקערעניש, וואָס וועט פארברענען אלץ אין א שוועבלדיקער ברענענדיקער לאוועי אז סע קומט אַן א גלות-בבל — אזא מין „ירמיה" באקומט קיין קניפּ אין בעקל נישט... אזא מין נביא, צי קינסטלער, האָט מען פארצייטנס און מע וועט אים אויך מאָרגן ווארפן אין א לייבן-גרוב, ווייל קיינער דארף זיין שווארץ נביאות-זאָגעריי נישט... ערשט שפּעטער מיט דורות, אויב סע בלייבט נאָך איבער אן איבערלעבער, וועלכער געדענקט אים און זיין נביאות, ערשט דעמאָלט דערמאנט מען זיך, אז עס איז געווען אזא מין ירמיה הנביא, וועלכער האָט פאָרויסגעזאָגט אז סע וועט קומען א מין אטאָמישער סדום, נאָר קיינער האָט אים נישט געוואָלט כאַטש אויסהערן, הגם ער האָט גאָרנישט פארלאנגט פאר זיך גופא, אלץ וואָס ער האָט געזאָגט, אָדער געפּרעדיקט, איז דאָך געווען פארן טובת-הכלל...

מיט פערענץ אקפאק, אָדער מיט אן אנדערן פון זיינס גלייכן, איז געשען פונקט אזוי, אָבער נישט דווקא אזוי.

אויך ער האָט דערפילט די נביאה, וואָס האָט אים באזעסן, יאָ, באזעסן, ווי א שליחות פון וועלכן מע קאָן נישט ניצול ווערן, ביז מע גיט עס נישט איבער ווייטער, וועמען עס איז לכתחילה אדרעסירט געוואָרן.

זיין גורל איז אָבער געווען א מאָדנער. אן אייגנארטיקער מאָדנער, וואָס איז נישט קיין טאָגטעגלעכער פאר אן איינפאכן מענטש.

אין אן ענציקלאָפּעדיע וועט מען קאָנען אָנשרייבן, שוין ביים אות „א", אז ער איז „געווען א רומענישער שרייבער, פון קלויזנבאָרג, געשריבן אין דער אונגערישער שפּראַך". טייל וועלן צוגעבן, אז ער איז געווען א ייד, און טייל וועלן עס פארשווייגן.

טאקע אין דעם ליגט דאָס מאָדנעקייט, דאָס טשיקאווע אין דער עקזיסטענץ פונעם שרייבער. ער איז ער — אָבער ער איז דאָך נישט ער... ער איז אויך נישט דער אנדערער, ער איז גאָר דער דריטער... ווייל דאָס איז דאָך נישט דאָס זעלביקע ווי ווען אן אמעריקאנער ייד שרייבט ענגליש. אויך ווען דער אמעריקאנער ייד וואָלט נישט געשריבן אין אמעריקאניש, נאָר לאָמיר זאָגן אין פראנצייזיש, אויך דעמאָלט וואָלט עס אויך נישט געווען דאָס זעלביקע.

דאָ האנדלט זיך דאָך אין א ייד, וועלכער האָט געלעבט אין א לאטייניש לאנד, איז א בירגער פונעם דאָזיקן לאנד, און פארשטייט זיך, אז ער איז מסתמה געווען אויך א פאטריאָט פונעם דאָזיקן לאנד, אין וועלכן ער האָט געלעבט — און דאָך שרייבט ער, ער שאפט זיינע קונסט-ווערק אין א שפראך, וואָס איז צוליב די פאָליטישע אומשטענדן נישט פריינדלעך פאר זיין לאנד, אָבער עס איז מסתמה צום נאָענטסטן צו זיין נשמה. עס איז זיין מוטערשפראך...

אָט דאָס קאָן זיין דער יסוד פון אקפאקס „גילגול". שוין פון דעם אליין קאָן דאָך שוין ארויסקומען די טעמע און דער טיטל פון זיין דערציילונג, מיט וועלכער ער איז באקאנט געוואָרן, אָדער גאָר געוואָרן „אומבאקאנט", צוליב זיין מאָדנעקייט, צוליב זיין מאָדנע באשרייבן פון איינעם וואָס איז פארוואנדלט געוואָרן אין א כרושטש... מאָדנע, אין א שיינעם פרימאָרגן, וועקט זיך אויף אקפאק, אָדער זיין העלד, וועלכן אקפאק האָט געשאפן, אז ער איז שוין נישט מער ער, ער איז שוין פון היינט אָן מער קיין מענטש נישט, נאָר א כרושטש.

יאָ, אמת, ער איז טאקע נישט קיין געוויינטלעכער כרושטש, ער האָט די אייגנשאפטן פון א מענטש, וועלכער טראכט, וועלכער איז באוואוסטזיניק וועגן זיין „כרושטשישן" זיין — אָבער דווקא דאָס איז דאָך די גרעסטע טראגיק וואָס ער איז נישט מער קיין „האָמאָ סאפיענס", נאָר א „כרושטש סאפיענס", ער איז א דענקענדיקער כרושטש — נאָך מער, ער איז אייגנטלעך א מענטש, נאָר ווי, ער איז מגולגל געוואָרן אין א כרושטש.

איז ווי אזוי זשע קאָן ער זיך וויזן צווישן זיינע אייגענע, וועלכע ווייסן אז ער איז אייגנטלעך א מענטש, אָבער זיין אויסזען איז איצט נישט מער קיין מענטשלעכער, נאָר א גרויליקער כרושטש...

אָט איז עס א גילגול, נישט קיין פשוטער, נאָר א גרויליקער... מע „האלט" זיך פאר א מענטש מיט מענטשן גלייך און — מע קאָן קיין מענטש נישט זיין, ווייל יעדער איינער, ווער סע קוקט אויף דיר זעט דיך אָן פאר א כרושטש...

אוודאי האלט זיך אויך א ייד פאר א מענטש, אָבער די אנדערע וועלכע זעען אים? נו, אוודאי האלט זיך אויך א כרושטש פאר א כרושטש... אָבער ער, ווען ער קוקט זיך אָן אין א שפיגל זעט ער קיין מענטש נישט פאר זיך נאָר א כרושטש.

...האָט ער עס אָנגעשריבן אין דער דערציילונג. ער האָט עס געשילדערט גענוי אזוי ווי ער האָט עס געפילט. נישט אזוי ווי אנדערע האָבן עס אפשר אָנגעזען, נאָר אזוי ווי ער, מיט זיינע וויזיאָנערישע אויגן פון א קינסטלער, ווי פון איינעם וואָס האָט עס אליין איבערגעלעבט, דעם גילגול, און טאקע אין יענעם מצב, זייענדיק א כרושטש, האָט ער באשריבן ווי אזוי סע פילט זיך אזא „מענטש"?!

האָט עס דען שוין פאסירט אמאָל, אז א מענטש זאָל מגילגול ווערן אין א כרושטש און צוריק ווערן א מענטש, כדי ער זאָל עס קאָנען פינקטלעך באשרייבן וואָס און ווי אזוי ער האָט זיך געפילט אין יענעם מצב?!

אקפאק האָט עס באשריבן און מיר קאָנען עס לייענען, און אויך מיטפילן מיט אים, ווי אזוי א כרושטש־ייד פילט זיך... אין פרעמדע און אויך אין די אייגענע אויגן...

ווי אזוי איז אים געקומען אויפן געדאנק אָנצושרייבן אזא מין האלוצינאציע־בילד?

אמת, עס איז אים נישט געקומען פלוצעמדיק און נישט מיט א מאָל אויפן געדאנק. אויך ער, ווי אנדערע פאר אים און פיל אויך נאָך אים, האָבן געשריבן דערציילונגען, אויפן קלאסישן אופן, באשריבן שטייגער־לעבן, דאָס טאָגטעגלעכע מיט די ליידן און מיט די פריידן, אייגענע און פרעמדע, יחידשע און געזעלשאפטלעכע — אָבער?

...ער האָט זיך געטראכט: סע זענען שוין פאראן אויף דער וועלט אויך אזוי צו פיל מעשיות, אָן זיינע, און עס איז שוין נישט געבליבן קיין סך צייט אויף צו לייענען מעשיות — דארף ער צוגעבן נאָך אזעלכע מעשיות? ניין, ער מוז זוכן כאָטש א נייע פאָרעם, ער מוז נעמען גיין אויף א נייעם נישט אויסגעטרעטענעם וועג, אויף וועלכן עס איז קיינער נישט געגאנגען. ער מוז אָנהייבן א נייעם אופן דערציילן, בלויז אין דער נייער פאָרעם, נאָר אויך אין זיין נייעם תוכן, דאָס וואָס ער און טייל פון זיינע מיטמענטשן פילן, אָדער פילן נאָך נישט — וואָס זאָל אויסדריקן, נישט בלויז ער מיט זיין אויסגעשארפטן קינסטלערישן חוש דערפילט אים, הערט זיינע טריט מיט א שארפן נביאישן חוש — און דאָס דארף ער אויסדריקן...

אזוי האָט ער זיך גענומען שרייבן. ער האָט געשריבן און צעריסן. געשריבן און צעריסן. אפילו ער גופא ווייסט שוין נישט צום וויפלסטן

מאָל ער האָט צעריסן היינט, וואָס ער האָט מיט בלוט אָנגעשריבן געכטן. ער האָט אָבער געפילט, אז הגם ער צערייסט צוזאמען מיטן אָנגעשריבענעם פּאַפּיר אויך א טייל פון זיין נשמה, ער צערייסט א שטיק פון זיין הארץ — האָט ער אָבער געספּקט אין דער הצלחה, אז אים האָט זיך איינגעגעבן צו זאָגן דאָס וואָס ער האָט געטראַכט, צו זאָגן אזוי ווי ער האָט עס געוואָלט...

געספּקט? יאָ, געספּקט. סע האָט אים געטיאַכקעט דאָס ספק-ווע־רעמל ביז זיין לעצטער מינוט פון זיין שווער־געפּלאָגטן לעבן. האָט ער דאָך מיט זיינע אייגענע הענט איבערגעריסן זיין לעצטן הויך, זיין לעצטן אויסהויך — און געבעטן זיין בעסטן חבר, ווי זיין לעצטן ווינטש, אז ער זאָל פאַרברענען אלע זיינע כתבים און ביכער, וואָס ער האָט שוין יאָ פאַרעפנטלעכט, כדי סע זאָל נישט בלייבן גאָרנישט. גאָרנישט זאָל נישט בלייבן נאָך אים...

פאַר וואָס, פאַר וואָס איז ער אזוי אויפגעבראַכט געווען אויף דער „וועלט" אויף אלץ און אויף יעדן?! וואָס האָט אים אזוי אויפגע־בראַכט?

דער ספק-וואָרעם? מעגלעך. עס איז מעגלעך, אז דאָס איז גע־ווען די סיבה. מעגלעך אז סע זענען געווען אויך אנדערע סיבות. מעגלעך אז סע זענען געווען יאָושדיקע קוהלתדיקע סיבות. מעגלעך, מעגלעך — אלץ איז מעגלעך, ווייל אין דעם איז דאָך באַשטאַנען די דערשיינונג פון זיין עקזיסטענץ, וואָס ער איז געווען ביכולת אויפצו־שטעלן אזעלכע פּרעגנאַנטע צוויפלענס, וואָס האָבן געבראַכט צום דענקען, וואָס האָבן געשטעלט פראַגן פאַר די לייענער, אויך ווען זיי האָבן אין זיינע ווערק נישט געפונען קיין ענטפערס.

איז דאָך טאַקע אין דעם באַשטאַנען זיין גרויסקייט, וואָס אלץ וואָס ער האָט געשריבן, אפילו דאָס פאַנטאַסטישסטע — האָט מען זיך געפרעגט און אויך געענטפערט אז — „מעגלעך".

יאָ, עס איז מעגלעך אז טאַקע אזוי איז עס געשען, אויב נישט דווקא אין דער דאָזיקער פאַנטאַסטישער פאָרעם, איז אָבער בכל־אופן אין דעם רעאַלן אופן ווייזן דורך אים, אזוי ווי ער האָט עס באַ־שריבן—פאַרוואַנדלט געוואָרן פון א פאַנטאַזיע אין א „מעגלעכער" רע־אַליטעט...

טאַקע מחמת דעם, אויף וויפל די צייט פאַרגייט, אלץ בולטער און קלאָרער ווערט דאָס, וואָס ער האָט לכתחילה געזאָגט אזוי מיסטעריעז...

היינט צו טאָג, נאָך א האלבן יאָרהונדערט פון זיין דור, איז אקפּאק שוין וויכטיקער סודותדיק און מערער פארשטענדלעך, ווי ביי זיין לעבן.

דאָס איז דער גורל פון א נביא, וועלכער איז נישט פארשטאנען געוואָרן פון זיין דור — ער איז אָבער געווען א נביא, נישט בלויז וואָס ער האָט עס געפילט און זיך נישט געלאָזט צעקוועטשן בעת זיין לעבן, נאָר ער האָט געהאט דעם גרויסן כוח אין זיין נביאה, אז ער זאָל זיך מאכן „פארשטאנען" און פארערט פון די קומענדיקע דורות...

...מסתמה זענען געווען אזעלכע אקפּאקס אויך אין די צייטן פון ישעיה און ירמיה הנביא. מסתמה זענען זיי געווען נישט וויכטיקער טאלאנטירטע דיכטער, ווי יענע נביאים, וועמענס נאָמען מיר קאָנען אויך היינט. פאר וואָס זשע ווייסן מיר היינט נישט זייערע נעמען אפילו?
די געשיכטע דערציילט נישט דעם ענטפער אויף דער דאָזיקער פראגע, וואָס קאָן זיין א גערעכטע.

אפשר זענען נאָך נישט אויסגעגראָבן געוואָרן אלע „הומראנס"?

אפשר וועט מען נאָך אין א שיינעם טאָג געפינען אומבאקאנטע פארמעטן?!

זעלברעצענזיע

סע קאָן זיין, אז ווען מע וועט דערזען דעם טיטל „זעלב־רעצענזיע" וועט מען הייבן די אקסל: וואָס זאָל דאָס באַטייטן? אָבער איך האָב נישט געפונען קיין בעסערן, ער זאָל זיין מער צוגעפּאסט.

קודם, דאָס הייסט אז צוריק מיט א צייט, האָב איך געוואָלט שרייבן נישט קיין זעלברעצענזיע ממש, נאָר א זעלבנעקראָלאָג... איך האָב געהאט אזא שטימונג נישט צוליב מיין פּערזענלעכן מצב. חלילה, איך האָב נישט געטראכט און טראכט אויך איצט נישט צו שטאַרבן. אדרבה, סע דאכט מיר אויס, אויך ווען איך בין נישט גוט אויפגעלייגט אז איך האָב אין מיר נאָך גענוג וויטאליטעט און דאַרף נאָך נישט ארומגיין מיט אזעלכע שווארצע מחשבות. נאָך מער, איך וואָלט געקאָנט זאָגן, צו מאָל דאכט מיר אויס, אז איך וועל בכלל נישט שטאַרבן. אמת עס איז א ביסל א העזה פון א בשר־ודם. אָבער פאַר וואָס זאָל איך לייקענען, נאָר צוליב עניוות?!

אָבער דאָך האָב איך געוואָלט שרייבן א זעלבנעקראָלאָג, ווען עס איז געשטאָרבן א פּען־קאָלעג פון א שכנישן לאַנד. ער איז דאָרט גע־ווען דער לעצטער יידישער פּאָעט. ווער זשע זאָל נאָך אים שרייבן א נעקראָלאָג?! איך האָב געשריבן עטלעכע שורות וועגן אים, און דאַן האָב איך מיר נישט־ווילנדיק געשטעלט די פראַגע: ווער וועט שרייבן נאָך מיר דעם נעקראָלאָג? אָט פאַר וואָס איך האָב דעמאָלט טאַקע געזאָגט אז עס איז מיר געקומען צו שרייבן דעם זעלבנעקראָלאָג.

איצט, כמעט צוליב דער זעלביקער סיבה, איז מיר געקומען צו שרייבן די זעלברעצענזיע.

אמת, איך האָב נישט קיין גרונט זיך צו באַקלאָגן אז מיינע ביכער האָבן נישט ארויסגערופן קיין רעצענזיעס, דאָך — וועלכער שרייבער וועט זאָגן, אז מע האָט וועגן אים געשריבן גענוג? וועלכער איז דען דער שיעור פאַר „גענוג", וועגן רעצענזירן ביכער?

נישט לאַנג האָט מיר א חבר געשריבן, אז ביכער זענען נישט אויף צום לייענען, נאָר אז מע זאָל וועגן זיי רעדן... זאָל עס טאַקע

אזוי זיין?! איר ווייל נישט שלום מאכן מיט דעם, הגם איך שרייב אין יידיש.

אויב פאר דער שואה זענען געווען אויך יידישע קריטיקער, מיט וועלט-נעמען, זענען ליידער היינט געבליבן אמאטארן. דאס הייסט, אז א דיכטער צי א פראזאטאר זעצט זיך אוועק צו מאל און שרייבט אן א רעצענזיע, סיי ווייל ער ארבעט אין א רעדאקציע און באקומט די דאזי־קע אויפגאבע פון זיין שעף-רעדאקטאר, סיי ער וויל פשוט אזוי זיך „מרחם" זיין אויף א בידנעם מחבר, א פריינד צי א באקאנטער, און שרייבט אים אן א „רעצענזיע".

וואס עס איז דער חילוק צי עס שרייבט אן א פראפעסיאנעלער קריטיקער צי איינער אן אמאטאר?! יא, עס איז א גרויסער חילוק: א קריטיקער וועט מאכן אן אנאליז פון א ווערק, דאס הייסט ער וועט געפינען אויך חסרונות (אין וועלכן בוך קאן מען נישט געפינען קיין חסרונות?), צי גאר מאכן דעם מחבר ממש צו דער בלאטע, אז ער האט פשוט קאליע געמאכט דאס פאפיר, אזוי ווי סע האט פארצייטן פאסירט, אז א קריטיקער האט געשווארן ביי בארד און פיאות אז לייענענדיק דאס רעצענזירטע בוך האט ער זיך איבערצייגט, אז ער האט צו טון מיט א... אויב נישט מיט אן עם-הארץ ממש, כאטש מיט א גראפאמאן, וועלכער אנשטאט ער זאל האנדלען מיט הערינג, צי מיט סאדע-וואסער, כאטש אזוי ניצלעך זיין זיינע מיטמענטשן — שרייבט ער אן אזעלכע „זאכן", וואס זענען נישט ווערט אפילו, אז מע זאל אין זיי איינפאקן הערינג...

אזוי איז געווען אמאל. אמת, נישט אלע מאל זענען געווען גערעכט אזעלכע קריטיקער. איך האב געקאנט א פאל, אז דער זעלביקער קריטיקער האט שפעטער חרטה געהאט און האט געשריבן וועגן דעם זעלביקן „גראפאמאן", אז ער בעט מחילה פאר דער „שארפער קריטיק" וואס ער האט געשריבן אמאל.

אבער וועמען האט געהאלפן זיין חרטה, אז דער מחבר האט שוין נישט דערלעבט צו הערן מיט זיינע אייגענע „לעבעדיקע" אויגן צי אויערן, אז יענער קריטיקער האט געביטן זיין מיינונג וועגן אים?!

היינט שרייבט שוין קיינער נישט אזא קריטיק, אויך ווען סע זאל זיך האנדלען נישט פאר קיינעם געדאכט, וועגן אזא מין גראפאמאן.

היינט זענען בכלל נישט פאראַן קיין גראַפאָמאַנען. אויב עמעצן געפעלט נישט אַ בוך, וועגן וועלכן מע קאָן נישט שרייבן קיין לויב־רעצענזיע — איז בעסער שווייגט מען.

דערפאַר זאָגט מען טאַקע, אַז פאַרשווייגן אַ בוך, נישט שרייבן — איז אויך שוין אַ רעצענזיע. אמת, עס איז נישט קיין לויב. עס איז מערער ווי אַ שלעכטע רעצענזיע. בכלל איז שווייגן קיין מאָל נישט געווען קיין לויב. „פאַרשווייגן" איז תמיד געווען אַ קללה. שוין פון פאַרצייטנס האָט מען געוואוסט, אַז עמעצער חלומט נישט אַ וואָך צייט גאָרנישט — זאָגט די גמרא — דער איז אַ רשע... ווען איך האָב באַגעגנט די דאָזיקע מיינונג, האָב איך קודם נישט פאַרשטאַנען דעם זינען: פאַר וואָס אַ רשע?

אויב עמעצער חלומט יאָ, ער האָט אפילו קאָשמאַרן, וואָס פּלאָגן אים ביי נאַכט, לאָזן אים נישט שלאָפן רואיק — דער איז נישט קיין רשע, און יענער בשר־ודם, וואָס שלאָפט זיך אפשר צו רואיק, זיין געוויסן איז נישט געמאַטערט נישט פון קיין „זיסע" חלומות, אָבער אויך נישט פון קיין מוראַדיקע „זעעגישן" אין חלום, דער איז אַ רשע?

איך האָב עס לכתחילה נישט פאַרשטאַנען. שפּעטער האָב איך איינגעזען, אַז דאָ ליגט אַ טיפער געדאַנק: נישט-חלומען איז ערגער אפילו ווי אַ קאָשמאַר. „פאַרשווייגן" עמעצן — דאָס איז דאָס ערגסטע וואָס סע קאָן זיין.

אמת, גן־עדן איז גוט און גיהנום איז שלעכט — אָבער נאָך ערגער פון גיהנום איז כף־הקלע, וואָס איז אפילו קיין גיהנום אויך נישט, נאָר פיל נידעריקער ווי גיהנום, ווייל עס איז גאָרנישט... גיהנום איז דאָך שוין כאָטש עפּעס.

פאַר וואָס סע קומט מיר אָן, צו מאָל, אַז איך זאָל מיר אָנשרייבן אליין אַ זעלברעצענזיע?

יאָ, אויך צוליב דעם. „אויך"? יאָ, עס איז דאָ נאָך איין סיבה: אַמאָל האָט איינער אַ רעצענזענט (מיין ערשטער רעצענזענט!) געשריבן בערך אַזוי וועגן מיין ערשטלינג־בוך: דער מחבר האָט טאַלאַנט, אָבער אַז ער וועט לייענען און אַרבעטן איבער זיך, וועט ער דערגיין ווייטער ווי צום רבינס שלוש־סעודות... דער דאָזיקער רעצענזענט איז געווען דער ערשטער וועלכער האָט מיך געמוסרט, אַז איך האָב נישט אין מיין שרייבן דעם „סאָציאַלן קאָנפליקט"... דערנאָך, שפּעטער מיט

עטלעכע יאָר, איז געקומען אַן אַנדערער רעצענזענט און האָט מיך געמוסרט, אַז: אמת, פּאָליטיש איז דער סוף פונעם סיפּור טאַקע אויסגעהאַלטן, לויט דער „ליניע", אָבער קינסטלעריש? מע זעט דאָך באַשיימפּערלעך, אַז דאָס לעצטע קאַפּיטל איז צוגעניייט און סע זעט זיך אָן די ווייסע פאָדעם, ניין — ער האָט געשריבן בפירוש „די רויטע פאָדעם"... איך האָב געטראַכט, אַז אפשר איז טאַקע גערעכט דער דאָזיקער מבין. אפשר האָב איך טאַקע קאַליע געמאַכט דעם סוף פונעם סיפּור, נאָר כדי אונטערצושטרײַכן דעם סאָציאַלן מוסר־השׂכל...
איז אָבער געקומען שפּעטער אַן אַנדערער רעצענזענט און האָט געשריבן וועגן דעם זעלביקן סיפּור, אַז קינסטלעריש איז עס טאַקע געלונגען, אָבער „פּאָליטיש נישט אויסגעהאַלטן" — ער האָט נישט קיין „מעסאַזש"...

נו, איצט האָב איך שוין אַליין נישט געוואוסט: ווער פון די ביידע איז גערעכט?

דעמאָלט איז מיר „אויך" געקומען דער געדאַנק צו שרײַבן אַ זעלבּ־רעצענזיע, ווײַל...

ניין, מען איז נישט מחויב צו געבן קיין „ווײַל", ווען איינער אַ מחבר וויל אַליין אָנשרײַבן אַ רעצענזיע וועגן זײַן חיבור. אמת, ער זאָל נישט איבערכאַפּן די מאָס מיט די שבחים.

האָב איך געהאַט צוויי ברירות: אָדער איך שרײַב די זעלבּרעצענזיע און חתמע זי נישט מיט מײַן נאָמען, נאָר מיט אַ פּסעוודאָנים (וויפל האָב איך געזען, אַז זיי שרײַבן מיט אַ פּסעוודאָנים און קאָנען לויבן ביז אין הימל אַרײַן, סײַ זײַן ברודער, זײַן לײַבלעכן ברודער — סײַ זיך גופא!), דער לייענער וועט דאָך נישט קאָנען זיך כאַפּן, אַז דאָס האָט מען אים אָפּגענאַרט... אָדער, איך זאָל שרײַבן אַ רעצענזיע וועגן מײַן אייגענעם בוך און חתמענען מיט מײַן אמתן נאָמען, אָבער סע זאָל זײַן נישט מיט קיין גוזמאות, נאָר פּשוט וועקן דעם אינטערעס פון די לייענער, אַז זיי זאָלן נעמען מײַן בוך אין זייערע הענט, אַזוי פיל און נישט מער. איך בין דאָך בײַ מיר איבערצײַגט (יעדער שרײַבער מיינט דאָך אַזוי!), אַז ווי נאָר איך וועל זוכה זײַן אַז דער לייענער וועט אָנהייבן לייענען מײַן בוך — דעמאָלט האָב איך אים שוין ווי אין קעשענע...

איך האָב אָנגעשריבן מײַן זעלבּרעצענזיע מיט מעסיקע ווערטער. איך האָב נישט געלויבט מײַן בוך גופא, נאָר גערעדט סתם וועגן געלונגענע, זעלטן געלונגענע ביכער — און דערמאָנט אויך מײַן בוך

ווי דורך אגב. איך האָב חלילה־וחס נישט געזאָגט, אז מײַן בוך איז צווישן די געלונגענע ביכער... אזוי פיל פארשטיי איך אליין, אז דאָס וואָלט אויפגעטון פונקט דעם היפוך, ווי איך האָב געהאט דעם ציל. איך ווייס, אז ביים בעסטן ווילן, וועט א לייענער וואָס האלט זיך פאר אן ערנסטן מענטש (יעדער האלט זיך דאָך פאר אן ערנסטן און אויך פאר א „פארשטענדיקן״ מבין!) נישט אויסהאלטן אזא „חוצפה״ פון א מחבר. ניין, איך האָב נישט געלויבט מײַן בוך, אדרבה, איך האָב אונטערגעשטראָכן עט־לעכע חסרונות, וועלכע איך האלט באמת, אז זיי זענען חסרונות, אָבער נישט קיין עיקרדיקע (וועלכער מחבר זעט עיקרדיקע חסרונות אין זײַן א בוך?) וועלכע איך וועל אם־ירצה־השם אויסבעסערן ביי דער צווייטער אויפלאגע און איך האָב פארענדיקט בערך אזוי: אין מײַן בוך קאָן מען געפינען נישט ווייניק נארישקייטן, וואָס זענען דעם לייענער באקאנט — אָבער ער וועט גאנץ זיכער געפינען נישט ווינציק חכמה, וואָס וועלן ארויסרופן ביים גרעסטן מקפיד כאָטש א שמייכל... איז זאָל דער לייענער נעמען א שרייבפענדל אין דער האנט, ווען ער נעמט זיך לייענען מײַן בוך — זאָל ער אונטערשטרייכן מיט א בלוי שרייבפענדל יענע שורות, וועלכע געפעלן אים נישט — און מיט א רויט שרייבפענדל, יענע שורות, וואָס געפעלן אים יאָ...

...מײַן זעלבסטצענזיע איז איבערגעדרוקט געוואָרן אין דריי צייטונגען...

קינסטלערישער דערפאָלג

אוודאי וואָלט איך געקאָנט זיך אָנהייבן רימען, אַז נאָך זייענדיק א קינד האָב איך שוין געפילט, אַז איך בין געבוירן צו זיין א... וואָס? דאָס האָב איך נאָך פּינקטלעך אליין נישט געוואוסט. אָבער געפילט האָב איך, אַז עפּעס וועל איך אויסוואקסן, א פּאָעט, א שרייבער, א מוזיקער, א מאָלער?

געוואָרן בין איך אָבער גאָר א סקולפּטאָר. פאר וואָס? סע האָט זיך מיר אויסגעדאכט אַז דאָס וועט מיר אָנקומען צום גרינגסטן. א העמערל מיט א דאָלעטע — איז ביליקער ווי צו קויפן פארבן מיט לייוונטן. שטיינער געפינען זיך אויך, וויפל מע וויל. מע דארף זיך בלויז איינבייגן און זיי אויפהייבן. האָב איך אָנגעהויבן צו האקן פון די שטיינער, ארויסגעשיילט פיגורן, וואָס זענען געלעגן אויסבאהאלטן אין די רויע שטיינער. מיינע אויסגעהאקטע פיגורן, וואָס מע האָט געקאָנט אָנטאפּן מיט די הענט, פילן זייער גלאטקייט, זייער קילקייט און צו מאָל אויך זייער ווארעמען אָטעם, האָבן „צוגעזאָגט", אַז מיט דער צייט וועל איך טאקע ווערן אן אמתער סקולפּטאָר.

מיינע צייכענונגען? זיי זענען נישט געווען קיין שלעכטע, אָבער זיי האָט מען קוים אָנגעזען. מע האָט געדארפט דערראָטן, וואָס איך וואָלט געוואָלט מיט זיי זאָגן. בעת די סקולפּטורן זענען ממשותדיקע. מע האָט זיי געקאָנט נישט בלויז אָנקוקן, נאָר אויך אָנטאפּן מיט די הענט.

דערמיט ווילט זיך דערקלערן פאר וואָס איך האָב זיך אָפּגעשטעלט ביי סקולפּטור און נישט ביי מאָלעריי.

אָבער, ווי, אָנגעהויבן האָב איך אין א לגמרי נישט גינציקן מאָמענט.

עס איז געווען עטלעכע יאָר נאָך דער שווארצער מלחמה (אמת, קיין „ווייסע מלחמות" זענען בכלל נישט פאראן — אָבער די לעצטע איז געווען דאכט זיך ביז איצט די שווארצסטע!), ווען דער פראָלעט-קולט האָט אויך ביי אונדז אויף א צייט א בלי געטאָן אויף אלע געביטן, ווי שוועמלעך נאָך א רעגן.

אָן אָנהייבער, ווי איך בין דעמאָלט געווען, האָט נישט געקאָנט און נישט געטאָרט וואגן צו גיין קעגן ווינט... האָב איך יאָ געוואגט, מיינענדיק, אַז איך טראָג אַן אויסגעהאַקטן פעלדזן אויף מיינע אָרעמס, וועל איך זיך אַדורכשלאָגן — האָב איך אָבער געענדיקט תיכף, נאָך איידער איך האָב אָנגעהויבן וואגן.

געשען איז עס אַזוי: איך האָב געבראַכט מיין ערשטע אַרבעט, וואָס האָט געהאַט דעם נאָמען „דאָס קניילעכל", מיט וועלכער איך זאָל זיך אויך באַטייליקן אין דער אויסשטעלונג, וואָס איז אָרגאַניזירט געוואָרן טאַקע פון אַזעלכע אָנהייבער ווי איך.

זאָל מען נישט פאַרשטיין, אַז „דאָס קניילעכל" איז געווען מיין סאַמע ערשטע סקולפּטור-אַרבעט. אָנגעהויבן האָב איך מער באַשיידענער. קודם האָב איך אויסגעהאַקט אַ האַנט, אַ פוס, אַ בלום, און נאָך אַזעלכע ווייניקער קאָמפּליצירטע זאַכן. אָבער „דאָס קניילעכל" האָט זיך געקאָנט פאַררעכענען פאַר מיין ערשטער ערנסטער אַרבעט, וואָס איז געווען אויך אַ ביסל אַ „קאָמפּאָזיציע", וואָס האָט לויט מיין מיינונג שוין נישט בלויז „צוגעזאָגט", נאָך אויך שוין זוכה זיין אַריינגענומען צו ווערן צווישן די אויסגעשטעלטע סקולפּטורן.

אַז מע האָט נישט אָנגענומען מיין „קניילעכל", דאָס איז נאָך נישט געווען דאָס ערגסטע. ערגער איז געווען, וואָס מע האָט מזכיר געווען מיין נאָמען, פאַרשטייט זיך, אַז לגנאי, אין דער נאָטיץ, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דער לאָקאַלער צייטונג, לכבוד דער אויסשטעלונג. סע האָט זיך דאָרט געזאָגט וועגן „דעקאַדענץ", וועגן „קונסט לשם קונסט" און נאָך אַזעלכע שיינע עפּיטעטן, חברישע ברכות, וואָס מע האָט דעמאָלט אויסגעטיילט אויף רעכטס און אויף לינקס. אָט דעמאָלט, דעמאָלט האָב איך אויך זוכה געווען, אַז מע זאָל דערמאָנען אויך מיין נאָמען. סע האָט זיך דאָרט געזאָגט, צווישן אַנדערן: „פאַראַן עלעמענטן (כלעבן ווי איך האָב געוואָלט זיין אַ סקולפּטאָר. איך קאָן שווערן אַז בלויז אַ סקולפּטאָר און נישט עפּעס אַנדערש, און לסוף בין איך גאָר געוואָרן אַן „עלעמענט"!), וואָס קאָנען זיך נישט באַפרייען פון עם „נעכטן" און האַקן אויס אין שטיין — קעצלעך, וואָס שפּילן זיך מיט קניילעכלעך פאָדעם... דעם מענטש, דער וואָס בויט דעם „מאָרגן", — יענעם זעען זיי נישט"...

דעם אמת געזאָגט, האָב איך געהאַט א טאָפּלט געפיל: פון איין זייט האָב איך זיך געפרייט, וואָס איך האָב זוכה געווען דערמאַנט צו ווערן אין דער צייטונג, צווישן די סקולפּטאָרן-חברים, אויך אפילו ווען דאָס איז לגנאי. הייסט דאָך עס, אז איך בין דאָך „עמעצער". דער כראָניקער האָט דאָך באַמערקט מיינע „קעצלעך מיטן קנייפּעכל"... פון דער צווייטער זייט, האָב איך זיך געערגערט: פאַר וואָס דאַרף איך אריין אין היכל פון דער קונסט דווקא מיטן „לינקן פוס"?!

האָבן מיך חברים געטרייסט: נעם און האַק אויס אן ארבעטאָרער, א בויער פון דער נייער וועלט. בכל אופן א טעמע וואָס איז אקטועל.. אויב דו וועסט דיך באַמיען וועט עס זיך דיר איינגעבן, ווייל דו האָסט ארויסגעוויזן, אז דו ביסט באַשאָנקען מיטן פונק פון טאַלאַנט. דו דאַרפסט זיך נאָר באַמיען צו זיין „ניצלעך", דאָס הייסט, אויף דער „ליניע"...

ווי געזאָגט, האָב איך דאָך בכלל זיך גענומען צו סקולפּטור, ווייל עס איז מיר גרינגער געווען און סע האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אז עס איז אויך ביליקער צוצוקומען צו אזעלכע מאַטעריאַלן, וואָס קאָסטן ווייניקער ווי קאָלירן. אָבער צו צאָלן א „מאָדעל", דאָס האָב איך דאָך אויך נישט געהאַט פון וואַנעט.

זעכצן אדורך עטלעכע יאָרן און איך האָב געמאַכט שניצערייען, קליינע סקולפּטורן, אָן א גרויסער באַטייטונג.

אין א ווינקל פון מיין באַשיידן צימערל איז געשטאַנען מיין ער־שטע סקולפּטור, אין וועלכער איך האָב אריינגעלייגט אזוי פיל נשמה. מיין גאַנצן יוגנטלעכן אייפער האָב איך דאָרט אריינגעלייגט, און וואָס איז דערפון ארויסגעקומען? גאָרנישט. אדרבה, איך האָב זיך קאָמפּראָ־מיטירט און פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אן „עלעמענט"... אמת, פאַר מיר איז עס נישט געווען „גאָרנישט". פאַר מיר איז עס געווען מיין ערשט קונסט-ווערק. אָבער, איז דען געווען בלויז מיין אייגענע מיינונג?!

איך וואָלט נישט געוואָלט, אז מע זאָל פאַרשטיין, אז די גאַנצע מעלה פון דער דאָזיקער ארבעט איז געווען, וואָס זי איז געווען „מיינע" און ווייל זי איז געווען די „ערשטע". ניין, איצט קאָן איך שוין זאָגן אָן פאַלשער ענייוות אז די ארבעט איז שיין, איז פּראַקטיק — איז אן אמתדיק קונסט-ווערק, וואָס איז געבוירן געוואָרן פון א „שפּילן זיך" מיטן העמערל און מיט דער דאָלעטע.

די אידעע איז מיר געקומען ווען איך האָב געזען, ווי אַזוי דאָס קעצל איז אַרויפגעשפּרונגען אויפן קנײַלעכל פּאָדעם, וואָס די באָבע האָט אַרויסגע־לאָזט פונעם פּאָדעליק, בעת זי האָט געהעקלט... פאַרשטייט זיך, אַז פון קיין מאָדעל און קיין פּאָזירן קאָן קיין רייד נישט זײַן, ווײַל דאָס קעצל איז דאָך לעבעדיק און שפּרינגט אַרום מיט אַזאַ שפּילנדיקן אומרו, אַז יעדער שפּרונג איז אַנדערש. יעדער מוסקל־אָנשטרענג פונעם קעצל איז אַן אַנדערער. די באַוועגונג פון די אויערלעך, ווען סע לויערט זיך צו לאָזן נאָכן קנײַלעכל איז אַנדערש — איז לגמרי אַנדערש.

האָב איך קודם געצייכנט דאָס קעצל, דערנאָך האָב איך אָנידערגע־לייגט דאָס קנײַלעכל, וואָס האָט יאָ פּאָזירט, און איך האָב געצייכנט און געצייכנט, נאָך וועלכן איך זאָל אַרבעטן די סקולפּטור.

אָבער, ווען איך האָב אויסגעהאַקט דאָס קעצל, ווי סע האַלט צווישן די צוויי פּאָדערשטע לאַפּקעלעך דאָס קליינע קנײַלעכל — איז עס טאַקע גע־ווען שיין מיט רונדיקע, גלאַטיקע גלידערלעך — אָבער עפּעס האָט געפעלט. איך האָב קודם נישט געוואוסט געניי וואָס סע פעלט, אָבער איך האָב גע־פילט אַז דאָס קעצעלע, הגם שיין אויסגעהאַקט, לעבט דאָך נישט. סע שפּרינגט נישט... און איך האָב דאָך געוואָלט אַ לעבעדיק קעצעלע, אַ שפּרינגענדיקס — אַז אַפילו דאָס קנײַלעכל זאָל אויך לעבן, זאָל נישט רוען, נאָר זיך קוילערן... האָב איך אויסגעהאַקט נאָך צוויי קעצלעך. דאָס הייסט, אַז בסך־הכל האָב איך שוין געהאַט אַ סקולפּטור מיט דריי קעצלעך, אין פאַרשידענע פּאָזיציעס, כדי סע זאָל אויסזען אַ לעבעדיקע באַוועגנדיקע סקולפּטור. איז איין קעצל געווען מיט אַן אויפגעהויבן לאַפּקעלע, וואָס וויל כאַפּן דאָס קנײַלעכל. דאָס צווייטע קעצל האָט געהאַלטן דאָס קנײַלעכל צווישן די לאַפּקעלעך, ווי אַ מאַמע דריקט איר קינד צו דער ברוסט... און דאָס דריטע קעצל האָט גע־האַט אַ פּאָזיציע פון גרייט זײַן צום שפּרונג, כדי צו כאַפּן דאָס קנײַלעכל. אַלע דריי קעצעלעך אין איינעם האָבן אויסגעזען ווי איין לעבעדיק קעצל, וואָס שפּילט זיך מיטן קנײַלעכל (אויך די קנײַלעכלעך זענען געווען דריי). אָט דאָס איז געווען, לויט מײַן מיינונג, אַ לעבעדיקע סקולפּטור... אָבער זי איז געווען נישט מער ווי בלויז אַ „שיינע“ סקולפּטור.

...האָבן מיך די חברים געעצהט אויסצוהאַקן אַן אַרבעטאָרער...

איז אַוועק אַ יאָר, און נאָך איין יאָר, ביז איך האָב געטראַכט, אַז סוף־כּל־סוף מוז מען פּרוּוון אויסהאַקן אַן „אַרבעטאָרער“.

האָב איך געזען אַן אַפיש, לכבוד דעם ערשטן מאַי, וואָס האָט פאָר־געשטעלט אַן אַרבעטאָרער, וועלכער האַלט האָפּערדיק אַ האַמער אויפן

אקסל, שטאָלץ, ווי איינער וואָס איז קרעפטיק און איז א בעל־בית אויף זיין אייגענעם גורל. דער בליק איז געוואָנדן פאָרויס, צו דער צוקונפט...

האָב איך גענומען דעם אפיש, וואָס איז געווען א פשוטע פאָטאָגראַפיע, נאָר איך האָב אין איר אריינגעטייטשט דעם „צוקונפטיקן בליק" — און איך האָב מיר געגעבן די מי אויסצוהאקן ממש א דענקמאָל, אונטערן טיטל: „פרייע ארבעט"...

איך האָב זייער פיל געארבעט אויף אָט דער סקולפּטור. נישט בלויז דער ארבעטאָרער האָט אויסגעדריקט די „צוקונפט", נאָר אפילו דער „האמער" איז ביי מיר נישט ארויסגעקומען קיין פשוט שטיק אייזן, נאָר האָט ממש „געלעבט". איך האָב דאָך זיך אָפּגעגעבן חשבון, אז דאָס וועט אייגנטלעך זיין מיין דעבוט, נישט די קעצלעך...

צוויי יאָר האָב איך געשלייפט אָט דעם שטיין, פון וועלכן סע זאָל ארויס א „לעבעדיקער מענטש", א קעמפנדיקער ארבעטאָרער. איך האָב געארבעט מיט דער גאנצער עקשנות ווייל איך האָב געוואוסט, אז אויב דאָס וועט זיך חלילה מיר נישט איינגעבן, וועל איך שוין מער קיין סקולפּטאָר קיין מאָל נישט זיין. איך האָב אריינגעלייגט מיין יונגע בענקענדיקע נשמה אין דעם דאָזיקן קאלטן שטיין, כדי אים צו דערווארעמען, אריינצוהויכן אין אים „לעבן".

ווען איך האָב געבראכט צו דער קאָמיסיע די „פרייע ארבעט", האָט מיך דער פאָרזיצער פון דער קאָמיסיע, א באריכמטער מאָלער, געפרעגט:

— איך זע דעם האמער. אמת, א שיינער האמער, כמעט א לעבעדיקער — אָבער וואו איז דער „מענטש", וועלכער זאָל ארבעטן מיטן דאָזיקן האמער?!

איך בין געליימט געוואָרן, גלייך איך גופא וואָלט אין יענעם מאָמענט געווען א דענקמאָל, און נישט געקאָנט ארויסרעדן קיין איין וואָרט... וואָס האָב איך געקאָנט ענטפערן אויף אזא פראגע, וואָס האָט געקלונגען ווי א טויט־אורטייל פון א ריכטער.

האָט דער פאָרזיצער פון דער קאָמיסיע, וואָס האָט אָרגאניזירט די אויסשטעלונג, אויפגעריסן די ווייטיקדיקע שטילקייט, פאָרזעצנדיק:

— אפשר האָט איר נאָך עפּעס אן אנדערע ארבעט, מיט וועלכער איר זאָלט אייך באוויזן אין דער דאָזיקער אויסשטעלונג?

איך קאָן שווערן, אז נישט איך האָב געענטפערט. מיר האָט עס

אפגענומען דאָס לשון. וואָס האָב איך דען געוואָגט צו זאָגן? אָבער איך האָב געהערט מיט מיינע אייגענע אויערן ווי איינער האָט געזאָגט:

— דאָס „קנײדלעכל"...

אָט די צוויי ווערטער זענען געוואָרפן געוואָרן, ווי ווען מע וואַרפט א שטיק פלייש פאַר אן אויפגערייצטן הונגעריקן וואָלף... איך האָב זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן און ווי מיט נישט מיין קול געזאָגט איראָניש:

— דאָרט איז דאָך בכלל נישט פאַראַן קיין „מענטש"?!...

— עס איז יאָ פאַראַן... א קינסטלער, סיי דער סקולפּטאָר, סיי דער קונסט-געניסער — האָט יענער חבר דערקלערט — דאַרף נישט לייגן דעם פינגער אין מויל. מע דאַרף לאָזן אויך פאַרן צושויער, אָדער פאַרן לייענער, אז ער גופא זאָל אויך זיין א שותף צו דער שאַפונג, מיט זיין אייגענער פאַנטאַזיע... ביים „קנײדלעכל", וואו אויבנ-אויפיק מיינט מען אז עס איז נישט פאַראַן קיין מענטש, זעט מען דווקא דעם „מענטש", די באָבע וועלכע העקלט מיט דעם פאָדעם פון דעם קנײדלעכל, מיט וועלכן סע שפּילן זיך די לעבעדיקע קעצעלעך...

— יאָ, אָבער — האָט דער עזות-פּנים אין מיר זיך אָקעגנגעשטעלט ווי אויף צו להכעיס — די באָבע בויט דען דעם „מאָרגן"?!

— ברענגט אהער דאָס קנײדלעכל — זאָגט דער פאָרזיצער מיט א שמייכל — מיר וועלן שוין זען, וואָס די באָבע אייערע בויט...

...יאָ, איך האָב זיך אפילו פאָרשטעלן נישט געקאָנט, אז די באָבע מיינע האָט גאָר געבויט מיין ערשטן קינסטלערישן דערפאָלג...

ווי א פערד מיט א קאָפּעטע

אמאָל איז געווען...

געווען זענען זיי זייער פיל מינים. מע קאָן דאָך אָבער נישט דער־ציילן סתם אזוי, אין דער וועלט אריין — וועלן מיר זאָגן, אז אמאָל איז געווען א חזן, מיט א שיין קול, וואָס שענער קאָן שוין נישט זיין.

סע קאָן שוין נישט זיין?!

דאָס איז שוין א ביסל א גוזמא. ווייל גאָרנישט אויף דער וועלט איז נישט דאָס „שענסטע", צי דאָס „בעסטע". תמיד וועט זיך געפינען אויך ביים בעסטן ווילן אפילו, אז עס איז פאראן „שענערס" צי „בעסערס". פאר וואָס זשע זאָג איך אז „שענער קאָן שוין נישט זיין"?

וועל איך ענטפערן, אז נישט איך האָב עס געזאָגט. אלנפאלס בין נישט איך געווען דער, וועלכער האָט עס צום ערשטן מאָל געזאָגט. איך האָב עס בלויז איבערגעחזרט. געזאָגט האָט ער גופא עס געזאָגט, אפילו נאָך דעמאָלט ווען ער אליין האָט עס אפשר אויך נאָך נישט געגלייבט.

ווען ער איז נאָך געווען א ייִנגל, פון א צען־צוועלף יאָר, האָט ער געזונגען אין כאָר. דעמאָלט האָט ער געהאט א זיס סופראן־שטימעלע. אמת, א שיין קולעכל. דאָס איז געווען אָנערקענט פון יעדן, וועמען מע האָט געפרעגט נאָך דעם ווי מע האָט אים געהערט. בפרט ווען ער האָט געהאט צו זינגען א פסוק־צוויי אין „סאָלאָ". אָבער אויך אין כאָר, צווישן די אנדערע שיינע קינדערישע צי שפּעטער יוגנטלעכע שטי־מעס, האָט ער זיך ארויסגעהויבן און זיך „אָנגעזעען" איבער די קעפּ פון זיינע חברים.

פארשטייט זיך, אז דאָס וואָרט „אָנגעזעען" איז בלויז מעטאפאָריש גע־זאָגט. ווייל אָנגעזעען האָט מען אים בכלל נישט, ווייל ער איז געווען א נידערי־קער. פיל נידעריקער ווי זיינע כאָר חברים פונעם זעלביקן עלטער. איך האָב אָבער געזאָגט „אָנגעזעען" ווייל מע קאָן דאָך נישט זאָגן „אָנגעהערט".

מאָדנע: דעמאָלט, נאָך אין יענע יאָרן, ווען מע האָט אפשר יאָ געקאָנט זאָגן, אז צווישן אלע פונעם כאָר איז ער דער בעסטער — דע־

מאָלט איז אים אפילו אין זינען נישט געקומען אז ער זאָל „מיינען" אז ער איז דער „בעסטער" זינגער, אז ער האָט דאָס „שענסטע" קול.

דעמאָלט — ווען ער האָט עס טאקע אפשר יאָ געהאט, דאָס קול, איז ער געווען מער עניוותדיקער.

מיט דער צייט אָבער, האָט פּאסירט דאָס אומפארמיידלעכע. סע קאָן דאָך קיינער נישט בלייבן אויף תמיד מיטן קינדערישן, צי אפילו מיטן יונגנט־לעכן קול. קיינער קאָן נישט אויסמיידן דעם גורל, אז ווען מע גייט אריין אין די יאָרן פון ערב א דערוואקסענעם, הייבט זיך אָן צו בייטן דאָס קול. קודם איז עס א מין הייזעריקער קוויטש, ווי פון א גענדזל ווען מע ווארגט עס. דערנאָך, מיט דער צייט, ווערט עס פארוואנדלט אין א גאָנצ־רישן שרייען, ביז — ביז סע סטאביליזירט זיך, אָדער־אָדער.

אָדער מע באקומט א קול פון א געצייטיקטער מענערישקייט — אָדער, חלילה, מע פארלירט לחלוטין די שטימע און עס איז אוים מיטן זינגען. סע בלייבן בלויז זכרונות.

פונעם גאנצן זינגען אין כאָר, בעת די קינדער־יאָרן, בלייבן נישט מער ווי זכרונות, וואָס ווערן מיט דער צייט פארגעסן, אפילו פון אים גופא.

אונדזער חזן האָט טאקע נישט געהאט דאָס טרויעריקע מזל. ער האָט וואָס אָן אמת פארלוירן דאָס יונגטלעכע שטימעלע, ער האָט אָבער אין א רעלאטיוו קורצער צייט עס אויסגעביטן אויף א קרעפטיקן באריטאָן.

נאָך מער, אפילו זיין גערויקס איז דערהויבן געוואָרן. ער איז אויס־געוואקסן א הויכער מאן מיט ברייטע פּלייצעס, וואָס האָט געמוזט ביי־טראָגן צו זיין „געמבע".

אפילו מע וואָלט געוואָלט קאָן מען עס נישט דערקלערן, פאַר וואָס ער איז געוואקסן פיל מער אין זיינע אויגן, ווי אין די אויגן פון יענע וואָס האָבן אים געהערט זינגען. איך איינער קאָן עס נישט דערקלערן, ווייל איך ווייס נישט די שייכות צווישן דעם וואָס מען איז, אין דער אמתן, און צווישן דעם וואָס מע האלט זיך, אז מען איז. איך מיין אז בלויז איך קאָן עס נישט דערקלערן, אָבער איך בין זיכער אז סע זענען פאראן אזעלכע שייכותן.

איז עס דען די ערשטע דערשיינונג, וואָס אפילו די וויסנשאפט קאָן זי נאָך נישט דערקלערן?!

נאָך מער, איך בין זיכער אז עס איז פאראן א שייכות צווישן דעם וואָס מען איז אין דער אמתן און דעם אָפּשאַץ וואָס מע גיט זיך גופא

און צווישן יענעם וואָס אנדערע גיבן אים. אויך דאָס בין איך נישט בי־כולת צו דערקלערן. די סיבות זייערע, די קעגנזייטיקייט און די באַציונגען צווישן זיי. אָבער א פּאַקט איז, אז מיט וויפל דער מענטש שאַצט זיך איבער, פּונקט אין דער זעלביקער פּראָפּאָרציע וועט ער אונטערגעשאַצט ווערן פון די אַנדערע.

אוודאי ווילט זיך נישט זאָגן, אז דער קינסטלער דאַרף נישט זיין באַוואוסטזיניק וועגן זיין ווערט. דאָס טאַקע יאָ. אָבער ער טאָר נישט זיין „באַוואוסטזיניק" וועגן זיין „איבערווערט", אָדער וועגן זיין אליין „איבערשאַצן".

דאָס אומגליק איז אָבער אין דעם, וואָס דאָס איבערשאַצן שפּראָצט אויף אין יענע מוחות, און אין יענער צייט, דווקא ווען זיי הייבן אָן „הערן" אז זיי זענען נישט די איינציקע אויפן ערד־קיילעך, אז ס׳ זענען פאַראַן אויך אחוץ זיי, גאַנץ „גוטע" זינגער.

און דאָס איבערשאַצן גייט, פאַרשטייט זיך, אין דער להיפּוכדיקער פּראָפּאָרציע מיט דער אָביעקטיווער ווירקלעכקייט.

קודם מיינט מען, דערנאָך רעדט מען זיך שוין איין, אז מען איז דער „בעסטער" כאָטש אין זיין נאָענטער סביבה. דערנאָך ווען די כוחות ווערן א ביסל אָפּגעשוואַכט און מע הייבט אָן פון צייט צו צייט באַמערקן, אז מע האָט על־פּי־טעות גענומען מיט א האַלבן טאָן העכער צי נידעריקער, אז פון צייט צו צייט דערהערט זיך ווי א וויטיקדיקער פיינלעכער הייזעריקער גרילץ, וואָס האָט זיך ווי אויף להכעיס אַרויסגעכאַפּט פונעם גאָרגל — דעמאָלט...

ער גופא האָט עס אויך אין אכט גענומען?

אויפריכטיק קאָן מען אויף דער פראַגע ענטפערן מיט „יאָ" און מיט „ניין". קודם א ביסל מער מיט „ניין": דערנאָך, מיט דער צייט, קאָן מען שוין לגמרי נישט ענטפערן מיט „יאָ", נאָר מיט אַן אַנטשלאָסענעם „ניין". ניין, ער האָט עס טאַקע נישט געוואָלט אין אכט נעמען. אדרבה, וואָס מער ער איז געוואַקסן אין יאָרן — אַלץ נידעריקער איז ער אַרונטערגעבליבן אין זיין מדרגה — אָבער ער האָט זיך אַלץ וויכטיקער „געהאַלטן".

קודם האָט ער „געוואָלט" זיך האַלטן פאַרן בעסטן, דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן „גלייבן" אז ער איז טאַקע דער בעסטער אין דער גאַנצער מדינה; דערנאָך האָט ער „געוואוסט" אז ער איז דער בעסטער אויפן גאַנצן קאָנטי־

גענט: דערנאָך איז ער געווען „איבערצייגט" אַז ער איז דער בעסטער אויף דער גאָרער וועלט.

האָט ער טאַקע געהאַלטן אין איין איבערחזרן, אַז ער איז דער גרעסטער חזן פון דער וועלט, נאָר... ער האָט שונאים. אַלע אַן אויס־נאַם זענען זיינע שונאים און ווילן דאָס נישט אָנערקענען.

איז עס מעגלעך, אַז די וועלט, די גאַנצע, זאָל זיך ארויסווייזן מיט שינאה קעגן איין איינציקן?!

ווידער, איז עס מעגלעך, אַז אויף דער גאַנצער וועלט זאָל זיין איין איינציקער „גרעסטער" חזן?!

אפשר איז דאָך נאָך ערגעץ וואו פאַראַן כאָטש נאָך איינער, איין איינציקער „גרעסטער"? אפשר איז ערגעץ וואו נאָך פאַראַן נאָך איינער?

איז די וועלט דען נישט געננג גרויס, טראָץ די מאָדערנע שנעלע קאָמוניקאַציע־מיטלען, טראָץ די קאָסמישע שיפן, אַז סע זאָל זיין פּלאַץ פאַר, לאָמיר זאָגן, נאָך צוויי־דריי גרעסטע חזנים?! און פאַר וואָס זאָל נישט זיין קיין אָרט, צי ערטער, פאַר צענדליקער „גרעסטע" חזנים?!

ווען א מענטש (א חזן, א קינסטלער, איז דאָך סוף־כל־סוף אויך נאָר א מענטש!) דערגייט צו דער מסקנה, אַז נאָר ער איז און קיין אַנדערע זענען שוין נישטאָ — איז עס א סימן, אַז ער איז נישט דער, וואָס ער וואָלט געוואָלט זיין.

...אין אַן ארמיי זענען פאַראַן פאַרשידענע ראַנגן: פון א פּשוטן זעלנער, אַן אונטעראָפיציר, א העכער אָפיציר, א גענעראַל און אויך, טייל מאָל, א מאַרשאַל. כמעט אַזוי איז עס אויך אין ציווילן לעבן. דער חילוק איז נאָר וואָס די ציווילע בירגער טראָגן נישט די ראַנגן אויפן אַקסל, אַז יעדער זאָל זיי אָנזען. אַזוי איז עס געווען „נעכטן" און מסתמה וועט עס אַזוי זיין אויך „מאָרגן".

בכלל איז דאָס קיין מאָל קיין פּראָבלעם נישט געווען. די געזעל־שאַפט האָט זיך דערצו צוגעוויינט און איינגעלעבט מיטן דאָזיקן שטיי־גער. סע ווערט א פּראָבלעם, אין יחידישע פאַלן, ווען דער אָפיציר „האַלט" זיך פאַר א גענעראַל. אין יענער מינוט איז ער אַראָפּגעפאַלן פון דער מדרגה (מע קאָן עס גאַנץ אָפן אָנרופן „געזעלשאַפטלעכע לייטער"!) און ער איז פאַקטיש, פאַרשטייט זיך, אַז טראָץ זיין איינענעם ווילן, פיל נידעריקער ווי דער אונטעראָפיציר, וועלכער האָט שלום גע־מאַכט מיטן מצב, אַז ער איז אַן אונטעראָפיציר און נישט קיין אָפיציר...

דער אומגליק מיטן אפּיציר איז דאָס, וואָס ער „פילט" זיך גרע־סער, אָדער גאָר דער גרעסטער צווישן זיינע חברים.

וואָלט ער דערלאָזט דעם געדאַנק, אַז אַחוץ אים זענען נאָך פאַראַן אויך אַנדערע אָפּיצירן, גרויסע, גרעסערע צי אפילו גרעסטע, פּונקט ווי ער?!

ער קאָן עס נישט דערלאָזן, ווייל לויט זיין מיינונג איז נישטאָ קיין פלאַץ פאַר נאָך, כאָטש איין איינציקן גרעסטן, אַזוי ווי ער איז.

צוויי גרעסטע חזנים זענען לויט זיין מיינונג נישטאָ און קאָנען נישט זיין.

אין דער חסידישער וועלט פאַרגלייכט מען אַזאַ איינעם צו אַ „פערד"...

פאַר וואָס איז ער ווי אַ „פערד"?

מע דערציילט, אַז צו אַ רבי איז אַמאָל געקומען אַ חסיד און האָט זיך באַקלאָגט, אַז זיין אַ שכן האָט אויך געעפנט אַ געוועלב נישט ווייט פון אים...

דער רבי האָט שוין פאַרשטאַנען, אַז דער חסיד האָט מורא אַז זיין שכן וועט אים קאַליע מאַכן די פּרנסה מיט זיין קאָנקורענץ, האָט ער אים איבערגעהאַקט די רייד און האָט אים געפרעגט:

— דו האָסט געזען אַמאָל אַ פערד, ווען סע טרינקט וואַסער אין אַ טייך, דריגעט עס מיט די פיס אין וואַסער? האָסט דאָס געזען?... זאָג מיר, איך בעט דיך, פאַר וואָס דריגעט דאָס פערד מיט זיינע קאָפּעטעס?

הייבט דער חסיד מיט די אַקסל און ווייסט נישט וואָס צו ענטפערן אויפן רבינס פראַגע. אָבער מער איז ער פאַרוואונדערט: וואָס פאַר אַ שייכות קאָן האָבן דאָס דריגען פונעם פערד מיט זיינע פיס אין טייך און זיין ענין מיט זיין שכן־קאָנקורענט?!

ענטפערט אים דער רבי מיט אַ שמייכל:

— איז וועל איך דיר זאָגן: דאָס פערד, ווי אַלע פערד ווען זיי קומען צום טייך זיך אָנפּאָיען, איז דורשטיק און מיינט דעמאָלט, אַז סע וועט אַליין אויסטרינקען דאָס גאַנצע וואַסער פונעם טייך... אָבער אַז סע בייגט איין דעם קאָפּ צום טייך, איז נאָך איידער סע האָט אָנגעהויבן טרינקען, האָט עס דערזען ווי אין אַ שפּיגל, ווי אַ פערד וויל אויך טרינ־קען, פּונקט ווי ער, פונעם זעלביקן וואַסער פונעם טייך... דאָס הייסט, אַז דאָס פערד דערזעט אַ „קאָנקורענט". מחמת דעם דריגעט עס און קלאַפּט מיט דער קאָפּעטע אין וואַסער, אין יענעם „פערד" וואָס וויל אויך טרינקען פונעם טייך...

און נאָך א קליינער פּויזע גיט צו דער רבי:

— אזוי איז א פּערד... דו, אָבער, טאָרסט נישט טראכטן ווי א פּערד. צווישן מיינע חסידים געפינען זיך נישט קיין „פּערד"...

...דער חזן, וועלכער האַלט זיך פאַרן איינציקן „גרעסטן", טראכט אויך ווי יענץ פּערד — קלאַפּט ער מיט זיינע „קאָפּעטעס" אין טייך...

ער איז אימשטאַנד דורס צו זיין סיי וועמען, וואָס וואָלט געוואַגט צו זאָגן אז עס איז נאָך דאָ א „גרויסער" חזן, אויך אחוץ אים, וועלכער איז דער „גרעסטער"...

...און נישט בלויז א חזן. מע קאָן פּשוט אויסשטרייכן דאָס וואָרט „חזן" און שרייבן אויפן זעלביקן אָרט סיי וואָס מע וויל: פּאָעט, אַק-טיאָר, מאָלער, סקולפּטאָר, שרייבער, פּובליציסט, דאָקטער, אינזשינער, ארכיטעקט, מאַן, פרוי, צי שווינגער... בקיצור: וואָס מע וויל קאָן מען אָנשרייבן אויפן אָרט, וואו מע האָט אויסגעשטראָכן דאָס וואָרט „חזן".

מע זאָל נאָר נישט אויסשטרייכן דאָס וואָרט „פּערד" אָדער לכל-הפּחות דאָס וואָרט „קאָפּעטע", ווייל אָן דעם וואָרט „קאָפּעטע" וועט די מעשה אָנווערן דעם ווערטיקסטן תוכן און וועט נישט האָבן קיין שום טעם. ווידער א חסידישע מעשה אָן א „טעם" אָדער זי איז לגמרי נישט קיין מעשה, אָדער זי איז בכלל נישט קיין חסידישע...

דער זעלביקער מענטש

דער פריערדיקער גלח איז געווען א „הייליקער“, און ווי א הייליקן האָט מען אים זעלטן געזען צווישן מענטשן. ער האָט געוואוסט פון איין זאך: קלויסטער...

האָבן אים די פויערים געווייכט, פאר יראה צי פאר כבוד וועגן, אָבער ווי אזוי סע זאָל נישט זיין, א פאקט איז געווען אז ווען ער איז אדורכגעגאנגען די גאס, אויפן וועג צום קלויסטער און פונעם קלויסטער האָבן די פויערים געהויבן מיט ציטערנדיקע הענט די קוטשמעס און געמאכט א ווארע. די עלטערע פויערטעס האָבן ממש געקניט — יענע וואָס זענען געווען אין דער נאָענט, האָבן גענומען זיין האנט און שעפטשענדיק א מין תפילה, זי געקושט.

נו, דאָס איז געווען דער פריערדיקער גלח... דער נייער גלח, וואָס האָט באזעצט זיין אָרט, איז אן אנדערער מין מענטש. זיין אָנקומען איז געווען מיט א רעשיקער סענזאציע. זענען דאָך פאראן פארשידענע געבורטן. טייל קינדער ווערן געבוירן שטיל, אז מע הערט אפילו נישט זייער קול. טייל, ווידער, מאכן אזא לארעם, זיי וויינען אויף א קול, גלייך זיי וואָלטן איינגעריסן וועלטן, אז מע זאָל זיי אין אכט נעמען און באמערקן, אז זיי זענען שוין דאָ — אויף דער דאָזיקער וועלט... אזוי איז געווען אויך מיטן נייעם גלח. אמת, ער האָט נישט געוויינט, נישט געלארמעט, נאָר ער האָט אָפּגעטאָן כמעט אין דער שטיל אזא זאך, וואָס האָט אָפּגעקלונגען אין די ווייטע טיפע ווייטן.

די מעשה איז געווען אזוי:

אין איינעם א טאָג האָט אָפּגעברענט א קאָפּיצע היי, וואָס איז געשטאנען איבערן זומער אויפן פעלד, כדי סע זאָל זיך גוט אויסטרוקענען און זיין גוט פאר די בהמות אויף ווינטער צייט.

ווער האָט אונטערגעצונדן די קאָפּיצע היי?

נו, אז מע געפינט נישט קיין אונטערצינדער, האָט מען זיך באַלד געכאַפּט אַז... נו, אוודאי איז דער ייד שולדיק אַגב, איז דאָס שוין נישט קיין גאָר גרויס נייעס. דאָס איז שוין באוואוסט זינט עטלעכע יאָרן, וואָס הייסט יאָרן? טויזנטער יאָרן ווייסט מען שוין, אַז דער ייד איז שולדיק. בקיצור די קאַפּיצע היי האָט אונטערגעצונדן פּראַים-לייזער...

יאָ, ער האָט דאָרט דעם וועג, ווען ער איז געגאַנגען צונויפנעמען די מילך, וואָס זיינע קינדער טראָגן צו די קונים אין שטעטל אַריין.

האָט מען גענומען פּראַים-לייזערן, מע האָט אים געבונדן די הענט אויף אַהינטער, און די זשאַנדאַרן האָבן אים געפירט. קינד און קייט האָט געגלאָצט די אויגן אויף דעם „אונטערצינדער"... מסתמה האָט מען פאַר־צייטנס אַזוי געקוקט אויף יענע וואָס האָבן „פאַרסמט" די ברונעס כדי די קריסטן זאָלן נישט האָבן קיין וואַסער צו טרינקען...

דעמאָלט איז עס געשען. דער גלח, וועלכער האָט געזען די סצענע דורכן פענצטער, איז אַרויס און אָפּגעשטעלט די זשאַנדאַרן, זיי באַפוילן אַז זיי זאָלן פריי לאָזן דעם אומשולדיקן ייד, וויל ער, ער, ער וועט דאָך זאָגן דעם ריינעם קריסטלעכן אמת, ער רעדט דאָך אין נאָמען פונעם „הייליקן קריסטוס", ער האָט געזען, אַז ווען דער באַן איז אַדורכגעפאָרן, איז אַ פונק אַרויסגעפלויגן פון דעם לאָקאָמאָטיוו און אַזוי האָט זיך אָנ־געצונדן די קאַפּיצע היי...

אמת, דער גלח האָט נישט קיין שום מאכט נישט איבער די זשאַנ־דאַרן, אָבער דאָך, אַז אַ גלח שטעלט זיך איין פאַר אַ ייד... אַזוי איז עס געשען, אַז דאָס גאַנצע שטעטל האָט געגאַפט פון אַזאַ מין העלדישקייט.

אין תוך אַריין, וואו האָט מען נאָך געהערט אַז אַ גלח, וואָס טראָגט אויף זיין ברוסט אַזאַ גרויסן צלם, זאָל זיך איינשטעלן פאַר אַ ייד און אים אָפּראַטעווען פון אַזאַ בילבול?

דאָס איז, פאַרשטייט זיך, נישט קיין גלח — דאָס איז דאָך ממש אַ למד־וואָוו צדיק...

האָט מען גערעדט, אַז אפילו אַ גלח קאָן צו מאָל זיין אויך אַ מענטש...

זענען אָבער פאַראַן ביי יעדן בשר־ודם צוויי יצרים: א יצר־טוב און א יצר־הרע. אזוי זאָגט מען, ווערט ער געבוירן, מיט א טריב צו טון שלעכטס און מיט איינעם צו טאָן סאַמע גוטס. די רעליגיעזע פילאָסאָפיע איז ביי דער מיינונג, אז דער מענטש האָט די בחירה־חפשית, דאָס הייסט אז אין זיינע הענט ליגט די ברירה אויסצוּווײלן צווישן גוט און שלעכט, וואָס יאָ צו טאָן און וואָס נישט. אמת, סע ווייזט אויס אז מיטן באַדינג, ווען מע קאָן אויפהאַלטן די גלייכוואָג צווישן דעם יצר־הרע און יצר־טוב. ער, דער מענטש דאַרף זיך באַמיען אז דער יצר־הרע זאָל נישט באַקומען די איבערהאַנט. אז דער יצר־טוב זאָל נישט באַקומען די איבערהאַנט, פאַר דעם זאָרגט שוין דער יצר־הרע, ער לאָזט עס נישט צו...

דערפאַר, מאַכט זיך, צו מאָל, אז אפילו ביי א צדיק באַקומט דער יצר־הרע די איבערהאַנט, ער איז גובר דעם יצר־טוב, כאַטש אויף איין מאָמענט און ער טוט אָן מעשים, וואָס זענען נישט צו פאַרשטיין און נישט גלויבלעך אז זיי זענען אָפּגעטאָן געוואָרן פון דעם דאָזיקן מענטש.. פּונקט אזוי איז געמאָלט, אז אויך דער רשע זאָל אָפּטאָן א גוטע זאַך, וואָס איז פאַר אים א יוצא מן הכלל.

דערפאַר זאָגט מען צו מאָל א ווערטל, אז „ער איז געשטאָרבן צו דער צייט”, אויף א מענטש, וואָס ווען ער זאָל געווען לעבן, וואָלט ער געקאָנט אָפּטאָן, אָדער ער וואָלט געווען אין א מצב, אז ער זאָל דאַרפן אָפּטון אזעלכע מעשים, וואָס וואָלטן פאַרשוואַרצט זיין פּנים.

מיטן גלח איז געשען כמעט אזוי.

ווען די אונגערישע פאַשיסטן האָבן צונויפגעטריבן די טראַנסילוואַנישע און מאַראַמאַרעשער יידן אין געטאָ אריין און פון דאָרט קיין אוישוויץ, האָט דער גלח געהאַט אזא ראָלע, וואָס האָט לגמרי זיך נישט געקאָנט פּאַסן צו זיין זשעסט, וואָס ער האָט באַוויזן צוריק מיט א צוואַנציק יאָר, ווען ער האָט באַוויזן צו ראַטעווען א ייד פון א בילבול.

איצט, ביים דעפּאָרטירן די יידן, האָט ער זיך אויפגעפירט נישט ווי א גייסטלעכער מיט א „הייליקן צלם” אויף זיין ברוסט.

ווער האָט עס געקאָנט פּירזען, אז ער וועט זיך קאָנען אזוי נידעריק אראָפּקוילערן, אין אזא תהום פון אוממענטשלעכקייט?

...האָט דער יצר־הרע ביי אים גובר געווען, געמאכט פון א מענטש אן אוממענטש!

האָט מען געדרונגען, אז אפילו א גלח קאָן צו מאָל זיין אויך אן אוממענטש...

און עס איז געווען דער זעלביקער מענטש...

ערשטע טריט

מאראמאַרעשער יידן... קיין נאַר גוטן שם האָבן זיי קיין מאָל נישט געהאַט. וואָס זאָל מען זיך נארן? מע האָט געזאָגט גאנץ פּשוט און אָפן: מאראמאַרעשער גנבים... פאַר וואָס מע האָט זיי געמאַכט פאַר גנבים, דאָס וועט קיינער נישט קאָנען אויפקלערן, ווייל געגנבעט האָבן זיי דאָך ביי קיינעם נישט. אַלנפאַלס נישט מער ווי אַן אַנדערער ייד, פון אַן אנדערער געגנט. פאַר וואָס זשע האָט מען זיי באַגלייט מיט אזא מיאוסן בילבול?

סע גערעדעקט זיך, נאָך פון די קינדער־יאָרן, א לידל, מיט וועלכן מע האָט זיך געציילט, כדי צו וויסן ביי וועמען סע זאָל זיך אָנהייבן אָדער ענדיקן דער „שפּיל". ווער סע זאָל דער „ערשטער" צי דער „לעצטער" זיין:

„והוא רחום יכפּר עוון,
זענען געקומען סעפּינקער „גאנאָוון",
האָבן געגנבעט פערד און וואָגן,
ווייס איך נישט וויפל צו זאָגן,
איינס, צוויי, דריי —
דו ביסט פריי"...

עס איז פאראן ארום די „גאנאָוון" א גאנצער פאָלקלאָר, וואָס ווייסט צו דערציילן וועגן די סעפּינקער פערדס־גנבים א שאָך מיט מעשיות און גוזמאות. מע דערציילט, למשל, אז א סעפּינקער פערדס־גנב וויל אוועקגנבענען בלויז א גלעקל פון א פערד — שניידט ער אים אָפּ דעם קאָפּ, כדי ער זאָל זיך נישט מטריח זיין אראָפּצונעמען דאָס גלעקל פוגעם פערדס האלדז... מע דערציילט אויך:

— וואָס קוילעט מען, אָקסן צי פערד?

— אָקסן! — ענטפערט אומגעטראכט דער געפרעגטער.

— וואָס איז דאָ מערער, פערד צי אָקסן? — פרעגט ווייטער דער דערציילער.

— אָקסן זענען דאָ מערער! — ענטפערט דער געפרעגטער.

— ווי אזוי זשע דערקלערט זיך עס, וואָס קוילען קוילעט מען אָקסן, און דאָך זענען דאָ מערער אָקסן ווי פערד?!

ציט דער געפרעגטער מיט די אקסל און ווייסט שוין נישט וואָס צו ענטפערן.

— וועל איך דיר זאָגן — קלערט אים אויף דער פרעגער — פערד זענען ווינציקער פאראן אויף דער וועלט, ווייל פערד גנבעט מען...

אָבער די מאראמאָרעשער יידן גופא האָבן זיך ווייניקער גענערט וועגן דעם מיאוסן שם זייערן. זיי האָבן זיך געטרייסט, פונקט ווי די סעפינקער פלעגן זאָגן:

סעפינקער שמ'ען און אנדערע נעמען...

פון וואו זשע נעמט זיך אָט דער בילבול, אז מאראמאָרעשער יידן זענען גנבים? איז דער תירוץ, אז אין מאראמאָרעש איז דאָס דחקות געווען א פיל גרעסערער, ווי אין די אנדערע געגנטן פונעם לאנד, און אן ארעמאן קאָן קיינער נישט ליידן... האָט מען זיי נישט נאָר אויסגעמיטן, נאָר מע האָט זיי אויך בארעדט.

מע האָט דען זיי געקאָנט אויסמיידן?!

מאראמאָרעשער יידן זענען אויסגעוואקסן, וואו מע האָט זיי נישט פארזייעט. נישט געווען קיין ווינקל אויף דער וועלט, וואו מע זאָל זיך נישט אָנשטויסן אָן זיי. עד-היום איז כמעט נישטאָ קיין יידישער ישוב, וואו סע זאָל זיך נישט פארוואלגערן א מאראמאָרעשער ייד. אמאָל פלעגט מען דאָרט געפונען א מלמד, צי א שמש, צי א שוחט — און זעלטן אויך צו א בעל-בית, אן עושר... היינט וועט מען שוין קיין מאַ-ראמאָרעשער מלמדים צי שוחטים קוים געפינען, אָבער א חזן צי אפילו א גביר, א ראש-הקהל — דאָס יאָ...

ווען מע זאָל, למשל, זוכן א ביסל אין האָנאָלולו, וועט מען דאָרט אויך געפינען אָפּשטאמיקע פון מאראמאָרעש... אוודאי איז ער נישט דאָרט שמש, נאָר פרעזידענט פון...

עס איז קיין חידוש נישט. דאָס דחקות, ווי געזאָגט, איז געווען גרויס — האָט מען זיך געמוזט רירן, זוכן פרנסה. דאָס האָט מען אָנ-

געהויבן פון דער פריער יוגנט. אנדערש האָט מען דאָך נישט געקאָנט איבערלעבן.

האָט מען אָנגעהויבן, נאָך זייענדיק א תּלמיד פון א ישיבה, צו מאכן א „שטרעזל“, פון וואָס מע האָט זיך געקויפט א פּאָר הויזן...

וואָס סע הייסט א שטרעזל? מסתּמא קומט עס פון עם וואָרט „שטראָז“, וועג. מאכן א שטרעזל איז געווען פון די סאמע ערשטע טריט אין לעבן, צו ווערן זעלבשטענדיק. בעת מע האָט געלערנט אין דער ישיבה, האָט מען געגעסן „טעג“ צי אין דער „מענזע“, דאַרף מען דאָך אָבער האָבן אויך עטלעכע גראָשן אין דער קעשענע אויף אַנדערע קליינע הוצאות? האָט מען פון צייט צו צייט געמאכט א שטרעזל. דאָס הייסט, אז מע האָט זיך געלאָזט אויף א קליינעם שנאָר.

געווייגטלעך איז מען געגאנגען מיט א שותּף, מיט נאָך איין ישיבה-בחורל, וועלכער איז אויך געווען אין זעלביקן מצב. בערך א פערצן-זעכצן יעריקער — און מע האָט איינגעמאָנט דעם חודשלעכן בייטראָג צו דער חברה מזונות, פון וואָס מע האָט געהאַט אויסצוהאַלטן די מענזע אָבער מיט דער זעלביקער געלעגנהייט האָט מען אויך געקאָנט צושנאָרן נישט בלויז פאר דער חברה-מזונות, פאר דער ישיבה-קיך, נאָר אויך פאר אייגענע הוצאות... פאר דעם ישיבה-בייטראָג האָט מען געגעבן א קבלה, אויפן איינגעמאָנטן סכום, אָבער פאר דער נדבה, וואָס דאָס בחורל האָט באקומען, האָט ער בלויז אפּגעדאנקט און אָנגעווינטשן.

דאָס איז געווען אן אַלטער אויסגעפּראוווטער מעטאָד. מע גייט טאקע מאכן א שטרעזל, אָבער געווייגטלעך איז בעסער אז מע האָט אן אויסרייד, אז מע קלייבט צונויף נדבות פאר דער חברה-מזונות.

מאראמאָרעשער יידן, ווען זיי פּלעגן זיך ארויסלאָזן אויף גאָטס ברייטער ליכטיקער וועלט זאמלען נדבות, זענען זיי נישט געגאנגען סתם אזוי, מיט די ליידיקע הענט. מע האָט געהאַט אונטערן אָרעם א בוך, א רעגיסטער מיט קבלות, געדרוקטע, מיט פארשידענערליי טיטלען: אויף צו בויען א בית-המדרש, אויף צו שרייבן א ספר-תורה — אָבער דער אמתדיקער, אמתדיקער מיין, אפילו ווען מע האָט אים נישט ארויס-געזאָגט בפירוש, איז געווען אז מע האָט געזוכט א ביסל פּרנסה, כדי צו האָבן דאָס שטיקל ברויט פאר א ווייב און צו מאָל א טוץ קינדער...

געווען ביי אונדז איינער, אברהם-יוסף, א קליינוויקסיק יינגל, מיט שווארצע ווי פּעך געקרייזלטע פּיאות, ווי פלעשעלעך נעבן די אויערן

האָט ער פאַרקויפט „קאַקאַשעס“, פון געברענטע קוקוריזע-קערנדלעך. ווען ער איז אַדורך די גאַס, אויסשרייענדיק „פריש-קאַקאַש!“, האָט אָפּ-געקלונגען דאָס גאַנצע שטעטל. די קינדער זענען אים נאָכגעלאָפן. אויך זיי האָבן געשריגן אויפן זעלביקן ניגון: „פריש קאַקאַש!“. דער חילוק איז נאָר געווען, וואָס זיי האָבן אים נאָכגעקרומט, אָבער ער איז געווען איינגעבויגן אונטערן גרויסן זאַק „קאַקאַשעס“, פון אונטער וועלכן מע האָט אים קוים אַפּירגעזען. סע האָט אויסגעזען, אַז דאָס קול קומט פו-נעם זאַק, נישט פון אים... ווען עלטערן פלעגן מוסרן זייערע קינדער, פאַר וואָס זיי טראַכטן נישט וועגן אַ „תכלית“, אַז זיי זאָלן אויך אַרויס-העלפן צו דער פרנסה אין דער שטוב — האָט מען געוויזן פאַר אַ מוס-טער אַברהם-יוספן: אים איז קיין בושה נישט צו פאַרקויפן קאַקאַשעס און אַרויסצוגיין אויך אין שכנישן שטעטל... און צוריקקומענדיק, שוין מיטן ליידיקן זאַק — האָט ער געמאַכט אַ פשוט שטרעזל, געקליבן נדבות...

האָט זיך לייזער-בער אויך אונטערגעגאַרטלט און זיך געמאַכט קוראַזש, נישט אַליין, נאָר אויך מיט אַ חבר — און גענומען מיט זיך אַ העפטל מיט קבלות, לפנים, איינצוקאַסירן פאַר דער חברה-מזונות, און זיך געלאָזט מאַכן אַ שטרעזל.

נאָר אַזוי ווי די מאַראַמאַרעשער זענען אינווענטיוו, שוין זינט דער פריעסטער יוגנט, גייט מען נישט סתם אויף אַ שטרעזל, שנאָרן — נאָר מע נעמט אויך מיט מיט זיך אַ זייטיקע פרנסה. אַזוי ווי עס איז פורים-צייט, נעמט מען מיט זיך אויך געדרוקטע פאָרמולאַרן אויף שטר-מכירות און מע פאַרקויפט זיי פאַרן פרייז, וואָס יעדער בעל-בית האָט דעם גוטן ווילן אָנצובאָטן. עס איז געוואָנדן לויטן יכולת פונעם קונה.

עס איז דאָך פאַר פסח, און פאַרקויפן דעם חמץ דאַרף דאָך יעדער מאַראַמאַרעשער ייִד, איז ווער זשע וועט נישט קויפן קיין שטר-מכירה!

הייסט עס, אַז דער דערפאָלג איז אַ זיכערער, נאָר... מיט איין באַדינג, אַז אַלץ זאָל אַדורך כשורה.

נו, קאָן דען געמאָלט זיין, אַז אַ ייִדישע שמחה זאָל נישט פאַרשטערט ווערן?

האָט לייזער-בער מיט זיין חבר געהאַט אַ שלעכט-באַגעגעניש, וואָס האָט גורם געווען, אַז פונעם גאַנצן שטרעזל זאָל זיך אויסלאָזן אַ בוידעם.

זיי האָבן באַגעגנט אויפן וועג די זשאַנדאַרן, וועלכע האָבן זיי גלייך אָפּגעפירט צו דער זשאַנדאַרמעריע און דאָרט זיי גוט געשלאָגן.

איינגטלעך, האָט דער זשאַנדאַרן־שעף געוואוסט וואָס סע הייסט א שטרעזל. ער האָט געוואוסט אויך וואָס עס איז אזוינס צונויפזאמלען געלט פאר דער חברה־מזונות, פאר דער מענזע פון די ישיבה־יינגלעך — אָבער ער האָט ביי די צוויי בחורימלעך געפונען שטר־מכירות, נישט עטלכע, נאָר צענדליקער. אָט דאָס איז שוין געווען פאר אים אומבאַקאַנט ער האָט זיך געפרעגט: זענען עס נישט „אומלעגאַלע פליבלעטלעך"? אמת, זיי זענען מיט יידישע אותיות, אָבער איז דען נישט מעגלעך מיט יידישע אותיות צו מאכן רעוואָלוציאָנערע פּראָפּאַגאַנדע?!

אומזיסט האָבן די בחורימלעך געפּרוּאווט זיך פארטיידיקן, אז זיי ווייסן בכלל נישט וואָס עס איז אזוינס „מאניפעסטן", אז דאָס זענען שטר־מכירות, וואָס זיי ווייסן עס נישט צו פארטייטשן גוט אויף וואָלע־כיש, אָבער יעדער איינער ווייסט דאָך דאָס, אז אויף פסח, דאָס הייסט אז ערב־פסח מוז יעדער ייד אויסשטעלן אזא פּאַרמולאַר און פארקויפן דעם חמץ פאר א נישט־ייד. אָן דעם איז דאָך קיין פסח נישט געמאָלט... אזא פּאָרמולאַר קאָן מען קויפן ביי יעדן מוכר־ספרים, איז אָנשטאָט צו גיין קויפן דאָרט, טראָגן זיי דאָס אָפּ יעדן אהיים, כדי צו פאַרדינען עטלעכע גראָשן...

אומזיסט האָבן זיי דאָס געטענהעט. דער זשאַנדאַרן־שעף האָט זיך געהאַלטן ביי זיין מיינונג, ווייל אין די טעג האָט ער באַקומען אזא וואָ־רענונג פון זיין קרייז־קאָמענדאַנט, אז יונגע לייט פארשפּרייטן אזעלכע מאניפעסטן — איצט האָט ער זיי געכאַפּט... אמת, דאָס גאַנצע עסק איז ביי אים געווען לעכערלעך — אָבער ווי לאַנג וואָס ווען, האָט ער זיי גוט „אָנגעמקלט", קאָנפיסקירט די „ליטעראַטור" און זיי זענען גע־בליבן אָן די שטר־מכירות...

דאָס איז געווען דאָס לעצטע שטרעזל לייזער־בערס, אָבער די ערשטע שלעק פאר פארשפּרייטן אומלעגאַלע ליטעראַטור...

דער כח פון פחד

צו אַלע חולאתן האָבן די דאָקטוירים געפונען רפואות, נאָר צו איינער האָט מען נאָך נישט געפונען, הגם מע וואָלט נישט געקאָנט זאָגן, אַז מע זוכט נישט גענוג. בלויז ווען מע רעדט ארום דאָס וואָרט „קרעפּס" גייט אריבער א שוידער איבערן לייב...

פון וואָס נעמט זיך אָט דאָס חולאת? די דאָקטוירים ווייסן נאָך נישט. וואָלטן זיין אפשר יאָ געוואוסט, וואָלטן זיי גאנץ באשטימט געפינען אויך די רפואה. ווייסן זיי אָבער נאָך נישט די סיבה.

איך בין נישט קיין דאָקטער. איך בין א פשוטער פּאציענט (הגם מע זאָגט אָפּט מאָל: נישט אַלע מאָל זאָל מען פרעגן דעם דאָקטער, בעסער פרעגן דעם חולה!) און אפילו דאָס אויך נישט קיין גוטער. דאָקטוירים האָבן מיר געזאָגט, אַז איך בין א שלעכטער פּאציענט ווייל איך „באַקלאָג" זיך נישט גענוג, ווען איך האָב א ווייטיק. זיי האָבן מיר געגעבן צו פארשטיין: ווי אזוי ווילסטו אז דער דאָקטער זאָל דיר העלפן, אויב דו גופא שווייגסט און פארשווייגסט און זאָגסט נישט אַלע מאָל, אז דו ליידסט פון דעם אָדער פון יענעם, פון דער אָדער יענער מחלה?! איז, ווייל איך זאָגן אז נישט נאָר וואָס איך בין נישט קיין דאָקטער, בין איך אפילו נישט קיין גוטער פּאציענט — דאָך בין איך ביי דער מיינונג, אז א קרעפּס קומט, אָדער קאָן קומען פון צרות. דאָס הייסט, אז איך וויל זאָגן אז זוכן די סיבה פאר א קרעפּס דארף מען נישט ביי די פיזיאָלאָגישע אנאַליזן, נאָר אדרבה, ביי די פּסיכאָלאָגישע. והא ראייה, ווען א מענטש האָט איבערגעלעבט א צרה, א שאָק, מעג עס זיין א פערזענלעכער דורכפאַל, א משפחה-טראַגעדיע און דאָס גלייכן — ווייזט זיך ארוים מיט דער צייט, פריער אָדער שפּעטער, אז ער האָט א קרעפּס — און שטאַרבט אוועק פאר דער צייט.

האָב איך געהאַט א באַקאַנטן, א יונגער (ביי עטלעכע און פערציק יאָר, ווען מען דאָך נישט זאָגן, אז ער איז שוין אן אַלטער, און איז שוין אויף דער ליסטע פונעם מלאך-המוות?!), א געזונטער מענטש. איז אָבער זיין פּרוי, „אויף אַלע פּוסטע געזעגט", קראַנק אויף א קרעפּס. די דאָקטוירים פּרוּוון זי ראַטעווען. מע האָט איר אָפּגעשניטן איין ברוסט, כדי אָפּצושטעלן

די מחלה, אז זי זאָל זיך נישט אויסשפּרייטן. נו יאָ, א פרוי קאָן לעבן אויך מיט איין ברוסט, בפרט ווען זי דאַרף שוין נישט זייגן קיין קינד.

שפּעטער מיט א יאָר האָט מען איר אָפּגעשניטן נאָך איין ברוסט — נאָר זי צו ראַטעווען.

וויפל זשע בריסטן האָט עס א פרוי, און דערצו נאָך איינע וואָס **ליידט** אויף א קרעפּס? און אפילו ווען זי ליידט געוועזן נישט אויף א קרעפּס, האָט דאָך קיין שום אשה אויף דער וועלט נישט מער ווי צוויי בריסטן?

איז גייט איר פון טאָג צו טאָג ערגער, פון וואָך צו וואָך ערגער, און אזוי פון יאָר צו יאָר...

אלע, די משפּחה און אויך די באַקאַנטע, זענען שוין אויף אלעמען גרייט. עס איז קלאָר — א קרעפּס האָט נישט קיין רפואה, אויב נישט היינט איז מאָרגן. דער סוף איז א פאַטאַלער. אפשר מיט דער צייט, אין יאָרן ארום. אבער לעת עתה, נישט. א קרעפּס — איז הארבער ווי א טויט־אורטייל. קענען וועלכן מע קען קיין אפעל נישט מאַכן...

באַגעגן איך אָפּט מיין באַקאַנטן, וועמענס פרוי האָט דעם קרעפּס, און איך געפין נישט קיין ווערטער, אז איך זאָל אים דערמוטיקן. וואָס קאָן איך אים זאָגן (דאַכט זיך, אז סע זענען נאָך אזעלכע ווערטער נישט פאַראַנען. גיכער קאָן מען טרייסטן אן אבל. יאָ, מנחם־אבל זיין, דאָס איז פיל לייכטער. מע זאָגט: „איר זאָלט באַהיט ווערן פון צערן". צי דעם קלאַסישן „המקום ינחם אתכם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים"!)... אָבער אים, וואָס קאָן איך זאָגן? ניין, עס איז נאָך אזא טרייסט־וואָרט נישט פאַראַן.

ווייך איך אים אויס, איך וויל אים וואָס ווייניקער באַגעגענען. גלייך איך, אָדער אפשר ער, וואָלט שולדיק געווען צי מיטשולדיק געווען אין דעם אומגליקלעכן קרעפּס פון זיין פרוי.

בין איך שוין אויך גרייט, ווי אלע זייניקע, און וואַרט אז אין א שיינעם טאָג, ווי מע זאָגט, זאָל מען מיר אָנזאָגן די שלעכטע בשורה, וואָס מע קאָן זי נישט אויסמיידן. פריער צי שפּעטער וועט מען דאָך זיך מוזן צוגעוויינען... דער טויט איז דאָך פאַטאַל.

יאָ, איך האָב א באַקאַנטן, איז ער געווען א יונגער (יונגער פון זיין פרוי מיט א יאָר־צוויי!), א געזונטער מענטש. איז אָבער זיין פרוי, „אויף אלע פּוסטעם גערעדט", קראַנק אויף א קרעפּס...

... איך האָב זיך שוין צוגעגרייט, אז אין א שיינעם טאָג וועט מען מיר אָנקלונגען און מודיע זיין טעלעפאָניש, אז איך זאָל קומען צו זיין לוויה... צו זיין לוויה. נישט צו זיין פרוים לוויה...

בין איך געשטאַנען דאָרט, ביי זיין לוויה, א פאַראַבלטער און נישט געווען ביכולת צו דערפירן דעם געדאַנק ביזן סוף: אָט ליגט ער אין ארון, און הערט זיך צו אָדער נישט, צו די שבחים וואָס מע רעכנט אים אויס אין די הספדים, אז ער האָט געלעבט ווי א מאַרטירער... און זי, זיין פרוי, וואָס ליידט, נישט פאַר קיינעם געדאַכט, אויף א קרעפּס, זיצט אויף א בענקל (זי האָט נישט קיין כוח צו שטיין!) און ווישט זיך די טרערן... זי כליפּעט שטיל, דערשטיקט די ווייטיק אין איר. איז דאָך שטומער צער א פיל ווייטיקדיקער ווי אן ארויסגעוויינטער.

ניין, איך קאָן נישט דערפירן דעם געדאַנק ביזן סוף: ער איז אין אָרון און זי באַוויינט אים?! ער, דער געזונטער איז טויט, — און זי, די קראַנקע אויף א קרעפּס?!

...האָט איינער פון די מלווים (אפשר האָט ער געלייענט מיינע מחשבות?) מיך גענומען אין א זייט און מיר דערציילט בדרך־אגב: מע האָט געמאַכט אן עקספּערימענט אין א לאַבאָראַטאָריע. מע האָט געהאָדעוועט א מייזל, אין א שטייגל. מע האָט אים געגעבן עסן, וואַסער — לויט די בעסטע דאָקטערישע פּירשריפטן... נאָר, מע האָט יעדן טאָג, אין א געוויסער שעה, געוויזן דעם מייזל א קאַץ. מע האָט די קאַץ געשטעלט נעבן שטייגל, אז דאָס מייזל זאָל זען די קאַץ בלויז עטלעכע מינוט — און שוין...

...דאָס מייזל האָט נישט אויסגעהאַלטן. הגם מע האָט עס געשפּייזט גוט, איז עס אוועקגעפאַלן א טויטס.

אפילו א מייזל קאָן נישט אויסהאַלטן, ווען סע זעט יעדן טאָג געבן זיך א קאַץ...

אָבער מיר, איך, ווי האַלטן מיר עס אויס — הגם מע ווייזט אונדז נישט בלויז איין קאַץ שוין צוויי טויזנט יאָר?!

אייגענע ברילן

סע זענען פאראן זייער ווייניק מעגלעכקייטן צו דערזעצן מענטשלעכע אברים. אָבער וואָס זאָל מען אָבער טון אין א נויט? דער מענטש האָט דען א ברירה זיך אויסצוקלייבן, וואָס יאָ און וואָס נישט.

אין א נויט מוז מען אקצעפטירן אויך א פּראָטעזע.

וואָס איז א פּראָטעזע? געוויינטלעך, אויב איר וועט עמעצן פרעגן וואָס ער פארשטייט אונטערן וואָרט „פּראָטעזע", וועט ער אייך זאָגן, אומגעטראכט, אז א פּראָטעזע מיינט א הילצערנעם צי מעטאַלענעם פוס צי האנט. יאָ, עס איז נאָך דאָ א מין פּראָטעזע — א ציין-פּראָטעזע. אדרבה, ווען איר וועט נעמען א פשוטן ווערטערבוך, וועט איר געפינען, אז פּראָטעזע מיינט דווקא א ציין-פּראָטעזע, נישט אזוי ווי איך האָב אָנגעהויבן אויסרעכענען די ציין-פּראָטעזע ערשט אויפן דריטן אָרט.

נו, האָב איך געטראכט, אז מע קאָן צוגעבן צו דער ליסטע פון פּראָטעזן נאָך איינע — ברילן. זענען דאָך ברילן אויך א מין פּראָטעזע. אמת, זיי דערזעצן נישט דאָס אבר, דאָס אויג, אָבער זיי דערזעצן דאָך די פונקציע פונעם אויג, אָדער זיי פארבעסערן עס. דאָס הייסט, אז מיט די ברילן זעט מען, אויך ווען אָן די ברילן זעט מען נישט.

זענען פאראן ברילן און „ברילן". ברילן וואָס קענען אָנגערופן ווערן פּראָטעזן און ברילן וואָס זענען בשום אופן נישט קיין פּראָטעזן. למשל. ברילן וואָס זענען צו פארהיטן די אויגן פון די שטארקע זונען-שטראַלן — זענען נישט קיין פּראָטעזן. ברילן, וואָס פארהיטן דעם מעטאַל-ארבעטער פון די פייער-פונקען אז זיי זאָלן אים נישט ארייַנפליען אין די אויגן, זענען פּראָטעקציע-ברילן, אָבער נישט קיין פּראָטעזן (סע זענען פאראן מענטשן, וואָס טראָגן ברילן נאָר סתם אזוי פון גאווה וועגן; כדי זיי זאָלן האָבן א סנאָבישן שטעל, ווי אמאָל האָבן אדליקע לייט, צי דאמען פון דער „הויכער" געזעלשאפט, געטראָגן א מאָנאָקל צי א לאָרניאָן, די מין ברילן זענען אפילו נישט קיין פּראָטעזיר-ברילן אויך נישט!).

פאראן העלע ברילן, סתם, פאר קורצזיכטיקע. סע זענען פאראן

קאָלירטע ברילן, וואָס גלייכצייטיק זענען זיי אויך א שוץ פאר דעם באַ־ברילטן, אז מע זאָל אים נישט קאָנען קוקן גלייך אין די אויגן. אזוי ארום קאָן ער אויסוויכן א בליק, וואָס אָן די ברילן וואָלט ער אפשר אים נישט אויסגעהאלטן.

פאראן נאָך א מין ברילן, וואָס זענען צוגעפאסט אויף ביידע מינים קורצזיכטיקייט: די לענטילן זענען טאָפּלטע. דער אויבערשטער טייל פונעם גלאָז איז אויף צו זען אויף דער ווייט, און דער אונטערשטער טייל פונעם גלאָז איז ווי א האלבע לבנה, כדי צו זען בעסער פון דער נאָענט, למשל צו לייענען א צייטונג צי א בוך... אָט די מין לענטילן האָבן א מעלה, וואָס מע דאַרף נישט האָבן קיין צוויי פּאָר ברילן, איינע פאר דער ווייט און די צווייטע פאר דער נאָענט. עס איז גענוג אז מע האָט באָר איין פּאָר אזעלכע ברילן און מע באניצט זיי אין יעדן פאל, אי אויף דער ווייטנס, קוקנדיק גלייך פאָרויס, אי אויף דער נאָענט ווען מע הייבט א ביסל אויף דעם קאָפּ און מע קוקט אין דער צייטונג מיטן אונטערשטן חלק גלאָז. דאָס קומט זייער צו ניץ, בפרט ווען דער איבערגאנג פון נאָענט אויף ווייט איז זייער אָפטער און מע האָט נישט קיין צייט, אָדער די מעגלעכקייט צו בייטן אזוי שנעל די ברילן ווי מע וואָלט געדאַרפט.

ברילן קומען צו ניץ אויך אין אן אומאָנגענעמער געלעגנהייט. אויב מע שטופּט דיר ארונטער אונטער דער נאָז צו לייענען עפּעס, וואָס איז דיר נישט צום הארץ, וואָס דו ווייסט זיך נישט ווי אזוי ארויסצודרייען פּטור צו ווערן, נישט צו לייענען, כדי דו זאָלסט נישט זיין געצוווּנגען צו געבן א באלדיקן ענטפער — קאָן מען פּשוט זאָגן: לײדער האָב איך נישט די ברילן ביי מיר... מיט די ברילן וואָלט ער עס אויך נישט געקאָנט לייענען, אָבער מע קאָן עס דען אזוי אָפן זאָגן? עס איז דאָך א בושה.

זאָגט מען: איך האָב ביי מיר נישט די ברילן. סע קאָן זיין אז דו ווילסט נישט לייענען, ווייל דו ווייסט פון פאָרויס וואָס עס איז דאָרט געשריבן, און דווקא מחמת דעם ווייל דו ווייסט, ווילט זיך עס דיר נישט לייענען, האָסטו א גוטן אויסרייד.

צו מאָל, אויב דו האָסט נישט ביי דיר די ברילן, געפינט זיך עמעצער, וואָס וויל דיר א טובה טון און דיר אויסבאָרגן זיינע ברילן — אָבער דאָ געשעט שוין גאָר עפּעס אנדערש: דו זעסט מיט יענע ברילן, נישט מיט דיינע אייגענע אויגן, און אויך אפילו נישט מיט דיינע אייגענע

ברילן — דאָס זענען פּרעמדע ברילן, און וועסט דורך זיי זען בלויז דאָס וואָס יענער וויל דיר ווייזן.

וויפל מאָל האָט איר באַגעגנט מענטשן, וואָס זעען נישט מיט זייערע אייגענע אויגן, נאָר קוקן געוויינטלעך דורך פּרעמדע ברילן? אדרבה, טייל מענטשן האַלטן אַז עס איז געזונטער צו קוקן דורך פּרעמדע ברילן און זאָגן בלויז יענעמס מיינונג, כּדי וואָס וויניקער צו ריזיקירן מיט זייער אייגענער מיינונג... אין אַזאַ פאַל קען מען בייטן די ברילן, לויט דער געלעגנהייט, ווען דעם צווייטנס ברילן פּאַסן זיך שוין נישט, קאָן מען נעמען דעם דריטנס ברילן, וועמענס ברילן סע פּאַסן זיך בעסער צו דער דאָזיקער צייט און צו די דאָזיקע אומשטענדן. יאָ, אַזעלכע מין ברילן זענען פיל בעסער, זענען באַקוועמער.

איך האָב אויך ברילן... פון זינט נישט לאַנג האָב איך זיי. הגם סע זענען פאַראַן מענטשן וואָס טראָגן ברילן פון קינדוווייז אָן. אויף יעדן פאַל טראָגן שטעטערישע מענטשן מער ברילן ווי דערפערישע. פּויערים טראָגן זעלטן ברילן. דערפאַר טאַקע זענען זיי געוויינטלעך מער אויפריכ־טיקע און זעען מיט זייערע אייגענע אויגן, אָן ברילן... אויב אַ שטעטע־רישער זאָגט עפּעס, איז עס נישט אַלע מאָל דאָס, וואָס ער האָט געזען מיט די ברילן, און אויך דאָס, נישט אַלע מאָל מיט זיינע אייגענע ברילן.

אנומלט האָט זיך מיר געטראָפן, אַז איך זאָל רעדן בפּרהסיה.

האָב איך זיך צוגעגרייט, האָב מיר אויסגעווישט מיטן טיכעלע די ברילן כּדי איך זאָל נישט האָבן קיין שוועריקייטן ביים לייענען דעם רעפעראַט (אָדער כאָטש די ציטאַטן!). האָב איך זיך צוגעגרייט... אָבער אַזוי ווי איך האָב אָנגעהויבן רעדן, האָט זיך אָנגעצינדן אין מיר דער „פּויער", איך שטאַם דאָך אויך פונעם דאָרף און אין מיר איז נאָך פאַרבליבן נישט וויניק „פּויערישקייט"... איך האָב מיר אויסגעטון די ברילן, גלייך איך וואָלט אַזוי בעסער געזען די צוהערער. תמיד וויל איך זען די מענטשן צו וועלכע איך רעד. איך וויל פילן ווי אַזוי זיי רעאַגירן אויף מיינע רייד. דאָס גיט מיר דעם מוט צום רעדן, אַרויסצוזאָגן זיך פריי מיינע מיינונגען. איך וויל זען אויב זיי דרימלען צי הערן זיי זיך צו מיט אויפמערקזאַמקייט צו דעם וואָס איך זאָג. געפעלט עס זיי, צי דאַרף איך פאַרענדיקן פאַר דער צייט און פּטור ווערן... איך ווייס, אַז דער בעסטער רעדנער דאַרף וויסן ווען אויפצוהערן און נישט שפּילן זיך מיט די נערוון און געדולד פון זיינע צוהערער.

ווי געזאָגט, האָב איך דערווייל אויסגעטון די ברילן, מיטן געדאנק אז ווען איך וועל ציטירן פונעם בוך, וואָס איז געשטאנען אויפגעמישט פאר מיר, וועל איך מיר צוריק אָנטון די ברילן. דערווייל האָב איך גערעדט אויסנווייניק, אָן די ברילן. איך האָב גערעדט מיט אייפער, מיט חשק, וועגן די שיינע פערספעקטיוון, וואָס שטייען פאר אונדז פאָר, טראָץ די צייטווייליקע שוועריקייטן. דער עולם האָט מיך אויסגעהערט מיט אויפמערקזאמקייט. איך האָב אריינגעבראָכט די ציטאטן דאָרט וואו מע האָט געדארפט, ביז איך האָב געענדיקט. דער עולם האָט געפליעסקעט און איך בין אראָפּ פון דער בינע, ווי א העלד וואָס קערט זיך צוריק פונעם שלאכטפעלד, א זיגער, און זיך געזעצט אויף מיין אָרט, א צופרידענער...

שפעטער מיט עטלעכע מינוט פרעגט מיך מיין שכן: צו וואָס טויגן אייך די ברילן? און אָנשטאט אן ענטפער, פרעג איך אים: וועלכע ברילן? זאָגט ער: וואָס הייסט וועלכע ברילן, אייערע ברילן?!

ווי איינער וואָס וועקט זיך נאָר וואָס אויף פונעם שלאָף, זאָג איך: יאָ, מיינע ברילן — און נעם אין אכט אז איך האָב זיי פארגעסן אויפן טיש, אויף דער בימה... ערשט איצט האָב איך זיך אָפּגעגעבן חשבון, אז איך האָב געלייענט די ציטאטן אויך אָן די ברילן.

איז דאָך א סימן, אז נישט אלע מאָל דארף איך האָבן די ברילן...

איך וויל נישט געבן קיינעם קיין עצות, אָבער איך בין מחיוב צו זאָגן דעם אמת, אז צו מאָל איז דאָך בעסער צו קוקן דורך ברילן, אויך ווען זיי זענען נישט קיין אייגענע — און אפשר זענען די נישט-אייגענע גאָר פיל בעסערע...

אן אויטאָמאָביל אקסידענט

ווער האָט היינט נישט זיין אייגענעם אויטאָמאָביל? יעדערער בע־סערער מענטש האָט זיין אייגענעם אויטאָמאָביל. מיר גופא איז פשוט א בושה וואָס איך האָב נישט קיין אויטאָמאָביל. הגם, צוריק געשמועסט, וואָלט איך דאָך אויך געקאָנט מיר קויפן אן אויטאָמאָביל, נאָר...

ווען מע פרעגט מיך, פאר וואָס איך קויף מיר נישט קיין אויטאָ, זוך איך אָפּצופּטרן מיט א פילאָסאָפישן ענטפער: ווען איך זאָל געווען יונגער זיין מיט א צוואָנציק יאָר, אָדער מיין זון וואָלט עלטער געווען מיט כאָטש א צען יאָר, וואָלט איך מיר אויך געקויפט אן אויטאָמאָביל, אָבער אזוי — וויל איך שטארבן אין מיין אייגענעם בעט, איידער צו בלייבן א טויטער צי א קאליקע ערגעץ אין א שאנץ.

הגם, נישט איין מאָל טראכט איך ביי מיר, אָבער דאָס זאָג איך קיינעם נישט, אז ווען איך וואָלט געווען יונגער מיט א צוואָנציק יאָר, אָדער מיין זון וואָלט געווען עלטער מיט א צען יאָר — וואָלט איך... אָבער דאָס זאָג איך נישט, ווייל איך וואג עס נישט ארויסצוברענגען אויף די ליפּן, כדי מע זאָל נישט זאָגן... אוודאי איז אין מיין עלטער שוין שווער אָנצוהייבן אלץ פון דאָס ניי... אָבער, גיי דערצייל...

אלע מיינע שכנים האָבן שוין אויטאָמאָבילן. איך נישט. איך האָב מיר מיין קאָנסערוואטיווע פילאָסאָפיע. אז עס איז בעסער צו שטארבן אין איינן בעט, איידער אין אן אויטאָמאָבילן-צוזאמענשטוים... אמת, מע קאָן שטארבן אויך אויפן שלאכט-פעלד, נישט דווקא אין בעט — אין אזא פאל איז מען אָבער א העלד, און ווער קאָן זיך אָפּזאָגן פון צו זיין א העלד?! שטארבן אין אן אויטאָ־צוזאמענשטוים איז נישט קיין העל־דישקייט, נאָר א נאריש טיפּשות... עס איז נישט פאראן קיין „קלוג" טיפּשות? קאָן מען דאָס אויך נישט זאָגן אזוי זיכער. אויב מע וויל א ביסל א טראכט טון, קאָן מען אויסגעפינען אז נישט אלע טיפּשותן זענען

גלייך. עס איז דאָך פאַראַן לעכערליכע טיפּשותן, טראַגישע, אבסורדע און אויב אזוי — פאַר וואָס זאָל מען נישט דערלאָזן, אז עס איז פאַראַן אויך א „קלוג" טיפּשות?

האָב איך אָבער א שכן, וואָס האָט אויך נישט געהאַט קיין אויטאָמאָביל, און דאָך איז ער מיט זיין פרוי אומגעקומען אין איין הרף־עין אין אזא מין פּאַרפּאַל, צעפּלעטשט געוואָרן פון אן אויטאָמאָביל...

ניין, נישט פון זייער אייגענעם. זיי האָבן דאָך נישט געהאַט קיין מאַשין. זיי זענען אפילו נישט אריבער די גאַס, בעת דער סעמאַפאָר האָט געוויזן אויף רויט. ניין, זיי זענען געגאַנגען רואיק אויפן טראָטואַר, דאָרט וואו א זינדיקער בשר־ודם דאַרף גיין און קאָן גיין... אָבער א מאַשין, וואָס איז געפאָרן אויפן שאָסיי, האָט זיך שיער נישט אָנגעשלאָגן מיט אן אנדערער און געוואָלט אויסמיידן א קאַטאַסטראָפע, האָט זי אָפּגענייגט און ארויף אויפן טראָטואַר — און שוין.

אקעגן דעם, וואָס מע זאָגט, אז מע זאָל זיין פּראַזיכטיק, ווען מע גייט אויף דער גאַס, אָדער מע פירט אן אויטאָ.

מע מעג זיין פּראַזיכטיק. נישט אלע מאָל וועט עס העלפן. אויב דו שטויסט זיך נישט אָן מיט אן אנדערן, הייסט עס נאָך נישט, אז אן אנ־דערער וועט דיך נישט אָנשטויסן...

מיין שכן, מיט זיין פרוי, האָבן נישט צייט געהאַט אפילו קיין ווידוי צו זאָגן, הגם ער האָט נישט פאַרמאָגט זיין אויטאָמאָביל.

אן אויטאָמאָביל־פּאַרפּאַל, ווי סיי וועלכער — איז אן אבסורד.

א מנהג

ווען די ערשטע וועלט-מלחמה האָט אויסגעבראָכן (קיין איין מלחמה אין דער וועלט הייבט זיך נישט אָן דעם ערשטן יאַנואַר — נאָר זי „ברעכט" אויס!) איז מיין פאָטער, זכרונו לברכה, אויך מאָבּיליזירט געוואָרן אין דער עסטרייך-אונגערישער ארמיי (טראַנסילוואַניע און מאַראַמאָרעש האָבן דעמאָלט געהערט צו אונגערן!) אין דעם גאַרניזאָן פון דער שטאָט ענגער. דאָס איז געווען א יידיש שטעטל, מיט חסידישע יידן, אָבער פון אַן אַנדערן נוסח.

אויף די ימים-נוראים האָט מען די יידישע זעלנער ארויסגעלאָזט אין שטעטל אריין, כדי זיי זאָלן קאָנען גיין דאַווענען אין שיל. ראש-השנה נאָך מעריב, וועלנען האָבן די בעלי-בתים פארבעטן צו זיך צו א יידישן סאָלדאַט, אַנדערע צוויי סאָלדאַטן, אז זיי זאָלן עסן כשרס לכבוד יום-טוב.

מיין פאָטער איז אויך פארבעטן געוואָרן צו א בעל־בית, ביי וועלכן ער האָט געגעסן ביידע טעג ראש-השנה. ביי דער געלעגנהייט האָט ער זיך געקאָנט אויסקענען מיט א נייעם מין חסידישע יידן, כאָטש אָן באָרד און פיאות, נאָר מיט א פּאָר לאַנגע אונגערישע וואָנצעס, פארקרייזל-טע מיט די עקן ארויף. דאָך איז ער געווען א תלמיד-חכם און מיט יראת שמים, ער איז געווען פון יענעם טיפּ אונגערישע יידן, וואָס פלעגן זיצן גאַנצע טעג לערנען ש"ס ופוסקים בעת ער האָט געריכערט א פייף, א לאַנגע לולקע, א קינסטלעריש געשניצטע. אין הויז האָט מען גערעדט אונגעריש, נאָר שבת ביי דער סעודה האָט מען גערעדט נאָר יידיש. א ספּעציעלן דיאַלעקט. פלייש האָט געהייסן „פלאַאש": פלוימען האָבן געהייסן „טשוועטשקן"; קאַרטאָפל האָבן געהייסן „קרומפּירן" — און ווען דער ייד האָט א זיפץ געטון, האָט מען אים נישט געהערט זאָגן דעם געוויינטלעכן „רבונו-של-עולם" נאָר „אישטענעם, אישטענעם, האַא-ליקער (הייליקער) פאָטער!"...

...יום-כפור, נאָך כל-נדרי, איז מיין פאָטער ווידער פארבעטן געוואָרן צו דעם זעלביקן בעל־בית, און ווי פארחידושט איז ער געוואָרן ווען ער האָט דערזען אז אויפן טיש זענען צוגעגרייט אלע מעדני מלך,

גאָר זיך צו זעצן צום טיש און עסן... א פלאַש ווײַן מיט א בעכער צום קידוש. טעלערלעך מיט פיש, אויסגעשטעלטע פאַר יעדן איינעם. די חלות זענען אויבן אָן פאַרן בעל־בית, אָבער זיי זענען נישט צוגעדעקט ווי געוויינטלעך.

מע האָט זיך געזעצט צום טיש, ווי צו א הייליקער עבודה, יעדער אויף זײַן אָרט. מײַן פאָטער האָט נישט געוואוסט וואָס צו טאָן און וואָס צו טראַכטן: זיי ווילן חלילה איצט עסן, אין הייליקסטן הייליקסטן תענית?! וואָס זאָל ער טון? ווי אזוי זאָל ער זיך ארויסדרייען פון אָט דעם נסיון און גלײַכצײַטיק נישט מבייש זײַן דעם בעל־בית?

דאָס הארץ האָט בײַ אים געטיאָכקעט ווי בײַ א גנב, וועלכער איז געכאַפּט געוואָרן בשעת מעשה. וואָס טוט מען?

און בשעת ער טראַכט אזוי, קומט ארײַן די בעל־ביתטע פון דער קיך מיט א פאָרצעלייענער שיסל, פון וועלכער סע הייבט זיך א פארע פון א וואַרעמער יויך, אויף וועלכער סע שווימען נאָקערלעך, ווי קיי־לעכדיקע גילדענע רענדלעך...

וואָס וועט איצינד זײַן? ווי אזוי דרייט מען זיך פון דאָ ארויס, אז מע זאָל נישט געצוואונגען זײַן צו עסן אום יום־כפּור?

אָבער בעת מײַן פאָטער האָט זיך געראַנגלט מיט אָט די געדאַנקען האָט זיך דער בעל־בית אויפגעהויבן, און נאָך אים האָט זיך אויפגעהויבן דאָס גאַנצע בני־בית, און פאַרשטייט זיך אז אויך מײַן פאָטער — און דער בעל־בית האָט געזאָגט ווי אין א דעקלאַמאַציע:

— אישטענעם אוראָס, האר פון דער וועלט! מיר האָבן השם־יתברך פון אַל דאָס גוטס... מיר האָבן טאַקייער ווײַן צו קידוש, מיר האָבן גוטע און געשמאַקע געפילטע פיש. מיר האָבן א גוטע יויך מיט עופן פלייש... מיר האָבן דאָס בעסטע און געשמאַקסטע צו עסן (אפילו מלאכים וואָלטן אזעלכע גוטע מאכלים געקאָנט עסן!) אָבער אז דו, רבונו־של־עולם האָסט אונדז געבאָטן צו פאַסטן און נישט צו עסן — איז ווילן מיר דײַן געבאָט פאָלגן און להכעיס דעם יצר־הרע ווילן מיר דווקא נישט עסן!...

דאָס אָפּגעזאָגט האָט מען זיך ווידער אנידערגעזעצט אויף א ווײַלע און באַלד זיך אויפגעהויבן און יעדער איז געגאַנגען שלאָפן.

א יידישער מנהג...

מגילת אסתר

ווען מע זאָל מאכן א סטאטיסטיק (אין דער מאָדערנער וועלט מאכט מען דאָך סטאטיסטיקן אויף אלע נארעשקייטן — איז פאר וואָס זאָל מען נישט מאכן א סטאטיסטיק אויך וועגן די מלאכות וואָס יידישע שרייבער האָבן פראקטיצירט?) וואָלט מען באקומען זייער א מאָדנע בילד. פאר וואָס זשע, זאָג איך, אז דווקא פון די יידישע שרייבער? ווייל ביי די אומות־העולם וועט מען אויך געפינען שרייבער מיט פארשידענע מלאכות, אָבער דאָך נישט אזוינע ווי ביי יידישע שרייבער. מיר זענען אן אוים־נעם. און נישט נאָר פון היינט צי פון נעכטן. שוין פונעם אָנהייב אָן האָט די יידישע ליטעראטור אָנגעהויבן נישט פון „אויבן אראָפּ" נאָר (פון אונטן ארויף? ניין:) פון אונטן אראָפּ, אראָפּ...

נאָך מער, ווען מע זאָל גוט זוכן, וועט מען אויסגעפינען אז איינער און דער זעלביקער יידישער שרייבער האָט במשך זיין לעבן פראקטיצירט אזוי פיל מלאכות, אז מע וואָלט געדארפט דערצו אן ענציקלאָפּעדישע צוגרייטונג. אוודאי האָט מען זיך נישט געקאָנט דערוואַרטן, אז א יידישער שרייבער זאָל לעבן פון זיין שרייבעריי... פון תמיד האָט דער יידישער שרייבער געדארפט נישט נאָר זוכן, נאָר אויך געפינען אויף פרנסה אין א זייטיקער פארדינסט און דאָס שרייבן זאָל זיין ווי א מין צייטפארטרייב אין זיינע פרייע שעהן, אויף צו פארווייל׳ן זיינע שרייבערישע אמביציעס.

איז פאר וואָס זאָל מיר זיין א בושה, אז במשך מיין לעבן האָב איך אויך געצויגן פרנסה פון זייער פארשידענע באשעפטיקונגען? וואָס האָב איך נישט אָפּגעטון, נאָר אויף צו פארדינען אויף ברויט, כדי נישט צו זיין אָנגעוויזן (צו לעבן פון מיין פען? ניין. אפילו ווען איך וואָלט געוועזן געוואָלט, האָב איך דאָך דאָס אויך נישט געקאָנט. טרויע־ריקער איז געוועזן מיט טייל פון מיינע חברים, וואָס האָבן עס יאָ גע־פרואווט, סע האָט זיך אויסגעלאָזט נישט מיט ברויט, נאָר מיט הונגער... טייל פון זיי האָבן געפרואווט נישט א חודש, א יאָר צי עטלעכע יאָר, נאָר זייער גאנץ לעבן... איך האָב נישט אויסגעווילט דעם דאָזיקן דער־נערדיקן וועג. בעסער האָב איך געטאָן סיי וואָס נאָר נישט צו זיין אָנגע־וויזן:) צו בעטלען, פארקויפנדיק א ביכעלע פערזן, צי דערציילונגען...

אָט פאַר וואָס איך האָב, ווילנדיק־נישטווילנדיק, געמוזט פּרוּאוון אָננעמען א רבנות־פּאָסטן... אמת, איך האָב נישט געהאט קיין דיפּלאָם, הגם איך מיין, אויך אנדערע זענען געווען ביי דער מיינונג, אז איך וואָלט געמעגט באקומען אזא דיפּלאָם אויף רבנות. אָבער אז איך האָב נישט געהאט אזא דיפּלאָם, פאר וואָס זאָל איך זאָגן, אז יאָ? איז האָב איך געוואָלט פּרוּאוון אויך אָן א געשריבענער דיפּלאָם. אָבער, אויף צו קאנדידירן האָב איך געמוזט האלטן א מין דרשה, א דרוש, א פּשטל, אָדער ווי מע זאָגט עס אין דער מאָדערנער וועלט: א ראבײ-ספּיטש...

אזוי ווי עס איז געווען פּורים, האָב איך גענומען א גלעזעלע משקה דערנאָך נאָך איין גלעזעלע... ביז איך האָב באקומען מוט צו עפענען דאָס מויל און צו זאָגן א „פּורים-תורה“. עס איז נישט געווען דווקא צוגע־פּאסט פאר א קאנדידאט אויף א רבנות־פּאָסטן, מער איז עס געווען פון אן „אדרבה“, ווי פון א רב — אָבער אז עס איז געווען פּורים?... אז איך האָב אויסגעטרונקען עטלעכע גלעזלעך, נישט אזוי לכבוד פּורים, ווי זיך צו מאכן מוט?

האָב איך אזוי געזאָגט:

מורי ורבותי, א גאנץ יאָר שיכור און פּורים ניכטער. א גאנץ יאָר זאָגן די רבנים תורה. איצט, לכבוד פּורים — וועל איך זאָגן תורה. אזוי ווי עס איז געווען דער מנהג נאָך מקדמונים, אז פּורים, ווען מען איז בגילופינדיק זאָל מען זאָגן א ביסל לוסטיקע תורה — איז מיט וואָס הייבט מען אָן? פארשטייט זיך, אז מיט מגילת אסתר.

מה נשתנה? פאר וואָס ווערט אָנגערופן אָט די מגילה, מגילת אסתר?

איך האָב געטראכט אויף אלע אופנים און נישט געטראָפן קיין איין מאָטיוו וואָס זאָל מיך באפרידיקן. קודם האָב איך געוואָלט זאָגן, אז מע האָט גענומען די העלדן פון דער מגילה לויטן אלף־בית, און אזוי ווי דער נאָמען אסתר הייבט זיך אָן מיט אן אלף, איז דערפאר האָט זי זוכה געווען, אז די מגילה זאָל אָנגערופן ווערן אויף איר נאָמען... יאָ, אָבער תיכף האָב איך געטראכט: אויב אזוי, וואָלט מען דאָך געדארפט אָנרופן די מגילה אויף אחשוורושס נאָמען? נישט נאָר וואָס זיין נאָמען הייבט זיך אויך אָן מיט אן אלף, איז אויך דאָס צווייטע אות פון זיין נאָמען א חית און לויט אלע געזעצן פון א סדר לויטן אלף־בית דארף מען דאָך האלטן חשבון אויך וועגן צווייטן אות, אין פאל ווען סע זענען פאראן צוויי נעמען וואָס הייבן זיך אָן מיטן זעלביקן אות?!

אזוי איז אוועקגעפאלן אָט דער מאָטיוו פונעם אלף־בית...

איז האָב איך גענומען איבערציילן וויפל מאָל סע ווערט דערמאנט אין דער גאנצער מגילה דער נאָמען פון אסתר המלכה. האָב איך אָנגעציילט פיר און פופציק (54) מאָל. נו, טראכט איך מיר, דאָס איז שוין יאָ א מאָטיוו, ווייל אחשוורוש איז דערמאנט אין דער גאנצער מגילה בלויז ניין און צוואָנציק (29) מאָל... און אפילו ווען מע נעמט א פורימדיקע כוסה, ווייסט מען נאָך צו מאכן א חילוק, אז 54 איז כמעט טאָפלט ווי 29... יאָ, דאָס איז עס, טראכט איך מיר, מחמת דעם ווערט די מגילה אָנגערופן אויף אסתרס נאָמען.

דאכט זיך אז אלץ איז בסדר? איז האָט איר, מורי ורבותי, א גרויסן טעות...

איך האָב זיך גענומען ציילן וויפל מאָל סע ווערט דערמאנט אין דער מגילה דער נאָמען פונעם „הייליקן" המן, אנו, טרעפט, זייט מוחל: וויפל מאָל ווערט דערמאנט אָט דער שונא ישראל אין א יידישער מגילה, געשריבן פון יידן פאר יידן?

איר וועט נישט גלייבן (איך האָב עס מיר אויך נישט געגלייבט פאר מיינע אייגענע אויגן!), אז איך האָב אָנגעציילט פיר און פופציק מאָל (יאָ, טאקע 54 מאָל!) המנס נאָמען... איך רייב מיר דעם שטערן: וואָס איז דאָס, א צופאל? צי אפשר האָב איך זיך טועה געווען?!... עס קאָן נישט זיין. פונקט אזוי פיל מאָל ווי אסתר המלכהס נאָמען?!

איך האָב נאָך איין מאָל געציילט, אָבער דאָס מאָל נישט פונעם אָנהייב, נאָר להיפוך, פונעם סוף פון דער מגילה, ביז צום אָנהייב... בקיצור, וויפל איך זאָל געווען נישט ציילן, פון אָנהייב ביזן סוף, צי אויף צוריק, פונעם סוף ביזן אָנהייב — האָב איך געטראָפן אז די זעלביקע צאָל פון אסתר המלכה (און להבדיל אלף הבדלות!) און פון המן הרשע זענעןביידע איבערגעחזרט אין דער מגילה פיר און פופציק מאָל...

נישט מער מיט איין מאָל און נישט ווינציקער. נו, מורי ורבותי, גיי און קלייב זיך אוים אין אזא מצב!...

...האָב איך גענומען ציילן ווידער א מאָל, דאָס מאָל שוין דעם נאָמען פון מרדכי הצדיק... נו, עס איז מיר שוין, כלעבן, א בושה צו דערציילן (סע האָט מיר שוין געשווינדלט דער קאָפּ פון אזוי פיל ציילן!). ווער וועט מיר גלייבן אז אויך מרדכי הצדיקס נאָמען איז אויך איבערגעחזרט נישט ווינציקער ווי פיר און פופציק מאָל?! ווער סע גלייבט נישט, זאָל ער קודם נעמען א פורימדיקע כוסה, אזוי ווי איך האָב געטון, און זאָל מיך קאָנטראָלירן, ער זאָל איבערציילן די נעמען, וועט ער מסתמה

אויך אזוי אָפּצײלן ווי איך האָב אָפּגעצײלט. יאָ, ביי מרדכי הצדיק זענען נאָך אויסגערעכנט, אחוץ יענע 54 מאָל, אויך נאָך זעקס מאָל „מרדכי היהודי"... נו, דאָס האָב איך נישט געוואָלט אריינגעמען אין מיין חשבון, ווייל ווער דריקט זיך אזוי אויס וועגן א ייד, א צדיק? מסתמה אן אנטי־סעמיט. ער געפינט קיין מאָל נישט קיין אָנשטענדיקערן אויסדרוק ווי „היהודי"... ער האָט דאָך געקאָנט זאָגן אזוי ווי אזוי אזא מרדכי האָט פאַרדינט, אז מע זאָל אים אָנרופן „מרדכי המיניסטער"?! — פאַר וואָס האָט ער געזאָגט „מרדכי היהודי"?... (איך מיין, אז ער האָט בכלל נישט געזאָגט „היהודי", ער האָט געזאָגט „מרדכי זשידאָנול", נאָר מע האָט עס אזוי איבערגעזעצט אויף לשון־קודש!)...

בקיצור, מורי ורבותי, בלייבט דאָך די אַלטע קשיא: פאַר וואָס זשע רופט מען אָט די מגילה אויפן נאָמען פון אסתר המלכה? איז בלייבט די קשיא אומפאַרענטפערט. און ווי באַקאַנט, נאָך פון דער גמראס צייטן, ווען סע בלייבט אזא קשיא אומפאַרענטפערט, זאָגט מען „תיקו". דאָס הייסט אין ראָשי־תיבות: תשבי יתרץ קשיות ובעיות, ווען משיח וועט קומען, וועט פריער פאַר אים קומען אליהו הנביא, אָדער אליהו התשבי, און וועט פאַרענטפערן אַלע נישט־פאַרענטפערטע קשיות — מסתמה אויך די דאָזיקע צווישן זיי.

וואָס וועט זיין ביז משיח וועט קומען? צי נאָך דעם ווי ער וועט קומען? מורי ורבותי, נישט געזאָרגט: די זעלביקע גמרא האָט אונדז פאַר־זיכערט אז דעמאָלט וועלן אַלע יידישע יום־טובים בטל ווערן. אַלע, נאָר נישט פּורים... פאַר וואָס? ווייל „המנס" וועלן זיך אם־ירצה־השם אייביק געפינען. אָט פאַר וואָס פּורים וועט איבערלעבן אַלע יום־טובים.

יאָ, נחזור לעניננו: איז דערווייל לאָמיר אָננעמען, אז דערפאַר איז אָנגערופן די מגילה אויף אסתרס נאָמען, ווייל זי איז דערמאָנט געוואָרן 54 מאָל... איי, וועט איר דאָך פרעגן: אויך המן איז דערמאָנט 54 מאָל? וועל איך זאָגן, אז קודם איז אסתר א יידענע — און מיט קיין ווייבער זאָל מען נישט פּיר־האָבן... והשנית האָט מען אויף המנס נאָמען אָנגערופן דעם „המן־טאש"...

יאָ, איך האָב נאָך עפּעס צוצוגעבן צו דער פּורים־תורה: די „וועלט" האַלט, אז אין דער גאַנצער מגילה, כאָטש זי איז איינע פון די ספרים פון תנך, דאָך ווערט נישט דערמאָנט אין אָט דער הייליקער מגילה דער נאָמען פונעם אייבערשטן...

מורי ורבותי, סע קאָן נישט זיין!

ווי איז עס מעגלעך, אז יידן אין אזא מין עת-צרה, ווען א המן וויל נישט מער און נישט ווייניקער ווי אויסקוילען יעדן, אפילו די וואס האבן זיך אויסבאהאלטן אונטער פרעמדע נעמען און נישט געזאגט אז זיי זענען „היהודי", אין אזא סכנה וועלן יידן זיך נישט ווענדן צום רבונו-של-עולם?! ניין, זאג איך מיר, עס איז נישט מעגלעך... אזוי ווי עס איז נישט מעגלעך, אז משה רבינו זאל געוועז האבן געשריבן די תוכחה, צו שעלטן יידן...

(אגב, וויל איך איצט דערמאנען, אז א רבי האט אמאל געזאגט, אז די גאנצע תוכחה זענען לויטער ברכות... ווי אזוי האט איר אייך געקאנט אפילו פארשטעלן, אז משה רבינו וועט שעלטן די יידן?! פרעגן זיינע חסידים: רבי-לעבן, ואכלתם בשר בניכם ובשר בנותיכם (ויקרא כו-כט), און איר וועט עסן דאס פלייש פון אייערע זין און דאס פלייש פון אייערע טעכטער — דאס זענען אויך ברכות?... אוודאי, ענטפערט דער רבי: אויב א ייד קאן עסן פלייש ביי זיין זון אדער ביי זיין טאכטער, אז ביי זיי איז כשר — דאס איז טאקע א ברכה!).

אזוי האב איך אויך געטראכט: עס איז נישט מעגלעך, אז סע זאל נישט דערמאנט ווערן אין דער גאנצער מגילה, כאטש איין מאל, דער נאמען פון גאט!

האב איך געלייענט נאך איין מאל די מגילה און — האב גע-טראפן. זייט מוחל און מישט אויף די מגילת אסתר און לייענט אין קא-פיטל ד' פסוק י"ד: „רווח והצלה יעמוד ליהודים ממקום", וואס איז טייטש: א דערלייזונג און רעטונג וועט אויפשטיין פאר יידן פון מקום... אט, אט האב איך געפונען דעם נאמען פון גאט אין דער מגילת אסתר...

אלפרעד נאבעל האט אפילו נישט געטראכט, אין זיין צוואה, צו לאזן א פרייז אויף פאר אזא דערפינדונג... איך האב אבער די פאטים-פאקציע, אז איך האב עס אויסגעפונען... „מקום", דאס איז גאטס נא-מען. איר ווילט באווייזן? איך קאן אנווייזן אויף מערער מקורות, וואו „מקום" ווערט באניצט ווי גאטס נאמען. איר קאנט דעם אנווינטש „המ-קום ינחם", גאט זאל אייך טרייסטן? דאס ווערט געברענגט אין דער גמרא ברכות דף ט"ז עמוד ב', אז ווען עמעצער האט געליטן א שאדן, זאל מען אים טרייסטן מיט די ווערטער „המקום ימלא חסרונך", גאט זאל דיר דיין שאדן דערזעצן... דאס זעלביקע געפינען מיר אין מסכת שבת, דף י"ב עמוד ב', אין דער ערשטער שורה ווערט געזאגט: „רבי

יהודה אומר, המקום ירחם עליך... רבי יוסי אומר, המקום ירחם"... דאָס הייסט אז מע גייט אריין צו א חולה, זאָל מען אים אָנווינטשן אז המקום, גאָט, זאָל אים שיקן די רפואה...

...אזוי זאָל זיך המקום מרחם זיין און... לשנה הבאה!... סיי ווי סיי וועלן מיר פייערן דעם יום-טוב פורים אויך נאָך דער גאולה, אָמן...

איך בין געבליבן אליין אין דער שיל, ווייל דער גאנצער עולם איז זיך צעגאנגען, מסתמא אהיים צו דער פורימדיקער סעודה, און נישט גע-האט קיין געדולד אויסצוהערן מיין פשטלדיקע דרשה ביז צום סוף...

...אָפּגעזאָגט אזא טייערע תורה, א פורים-תורה, אָבער דאָך — און דאָך האָט מען מיך נישט אויפגענומען פאר קיין רב...

בין איך געוועז געגוויטיקט צו בלייבן, א פשוטער יידישער שריי-בער, ביז צו דער גאולה שלמה — אמן...

שיכור אָן א „לחיים"

אויב איך וועל זאָגן אז איך בין נישט שיכור, וועט מען מיר גלייבן? און אפילו איך וועל עס איבערחזרן מערער מאָל, וועט מען מיר פונקט אזוי גלייבן, ווי אזוי איך גלייב, ווען איך באגעגן איינעם וועלכער האלט אין איין זאָגן: „איך בין נישט שיכור!".

איז זאָל יעדער גלייבן וואָס ער וויל, נאָר איך וועל דאָך זאָגן אז שיכור — וואָס שיכור הייסט — בין איך אין מיין לעבן נישט געווען נישט איך, נישט מיין פאָטער און נישט מיין זיידע, הגם... געטרונקען, אָט דאָס זעט איר, דאָס יאָ. געטרונקען האָב איך זינט מיין פריער יוגנט, זינט מיין זיכרון קאָן עס נאָך נישט פארגעדענקען.

יאָ, איך האָב געטרונקען וויין, אָנשטאָט מילך, נישט ווייל איך האָב דאָס געוואָלט. אדרבה, איך האָב געפילט א מין ביטער-זויערן טעם, וואָס האָט מיר לגמרי נישט געשמעקט. פאר וואָס זשע האָב איך עס געטרונ־קען? פשוט, ווייל איך האָב זיך נישט געקאָנט ווערן, ווען דער מוהל האָט מיר מיט דער געוואלד ארייננעשטופט אין מיילעכל זיין פינגער, איינגעטונקען אין וויין און האָט מיר אָנגעזאָגט די „פריילעכסטע" בשורה, וואָס מיך דערוואַרט: „בדמיך חיי!" מיט דיין בלוט זאָלסטו לעבן... דע־מאָלט האָט מען מיר פארגאָסן, צום ערשטן מאָל, מיין בלוט — דעמאָלט האָב איך צום ערשטן מאָל אויך טועם געווען א טראָפּן וויין, אמת איך האָב זיך נישט אָנגעשיכורט, אָבער דאָך בין איך אנטשלאָפן געוואָרן, נישט געפילט די ווייטיק און אנטשלאָפן געוואָרן און געחלומט... ניין, דאָס טאקע נישט. דאָס וויל איך שוין נישט זאָגן, וואָס איך האָב דעמאָלט געחלומט, ווייל מסתמה וועט מען עס מיר פונקט אזוי גלייבן, ווי ווען איך זאָג, אז איך בין איצט נישט שיכור...

יאָ, איך האָב מיין גאנץ לעבן געטרונקען. דאָס איז מיר שוין אָנ־געקומען בירושה. מיינע עלטערנס-עלטערן האָבן זיך נוהג געווען צו האלטן בכבוד די כוסה: פרייטיק צו נאכטס האָט מען געמאכט קידוש אויף וויין, ממש וויין און צו מאָל אויף ראָזשינקע-וויין. אמת, נישט זעלטן האָט עס

פאסירט, אז עס איז קיין ווײַן נישט געווען אויף שבת, האָט מײַן פּאָ־טער, זכרונו לברכה, געמאַכט קידוש איבער די חלות...

צי ער האָט זיך דעמאָלט אָנגעשיכורט? אפשר. הײַנט מײַן איך טאַ־קע, אַז דעמאָלט ווען ער האָט קידוש געמאַכט איבער די חלות איז ער ווינציקער ניכטער געווען — נישט צוליב דער משקה, וואָס ער האָט נישט געטרונקען, נאָר צוליב שברי־לב...

מוצאי־שבת האָט ער געמאַכט הבדלה איבער ווײַן, און אויב נישט ווײַן — איז איבער סליבאָוויצע... און אַז עס איז אין שטוב נישט געווען קיין שטאַרקע משקה, האָט דער פּאָטער געמאַכט הבדלה איבער מילך.

צי ער האָט זיך דעמאָלט אָנגעשיכורט? ער — נישט, אָבער איך יאָ... פֿאַר האַרצווייטיק. איך קאָן זאָגן אַז יענע מילך האָט מיך קראַנק געמאַכט. די הבדלה איבער מילך איז געווען אָן אַ טעם און אָן אַ ריח. איך ווייס באמת נישט, פֿאַר וואָס האָט מען נישט אײַנגעפֿירט, אַז אויך הבדלה זאָל מען קאָנען מאַכן איבער חלות?!

סליבאָוויצע, אָט דאָס איז שוין עפּעס אַנדערש. איך פֿיל נאָך הײַנט דעם טעם פֿון יענער סליבאָוויצע, אויף וועלכער מײַן פֿאָטער פֿלעגט צו מאָל מאַכן הבדלה... ניין, איך האָב אפילו נישט טועם געווען פֿון יענער סליבאָוויצע, אָבער סע האָבן מיך פֿאַרכישופֿט די ברענענדיקע פֿלאַמען־צינגען, וואָס האָבן זיך געהויבן און זיך באַוואויגן ווי גילדענע בלעטער פֿון פֿאַלמען, וואָס דער ווינט וואָלט זיי געוויגט... ווען מײַן פֿאָטער האָט דאָס הבדלה־ליכט אויסגעלאָשן אין דעם ביסל משקה, וואָס ער האָט אויס־געגאָסן פֿונעם כוס אויפֿן עק טיש: נאָך דעם ווי ער האָט דאָס טישטעך אויפֿגעהויבן...

די סליבאָוויצע האָט זיך אָנגעצונדן אויפֿן טיש, געברענט אין געל־גרינלעכע פֿלאַמען און קודם דער פֿאָטער, דערנאָך מיר אַלע, האָבן אײַנ־געטונקען די שפּיצפֿינגער און באַשמירט דעם שטערן, געשטופּט אין די קעשענעס, שעפּטשענדיק: „סימן־טוב ומזל־טוב“...

אָט דאָס האָט טאַקע געקאָנט פֿאַרשיכורן אַ קינדישע פֿאַנטאַזיע...

אָבער אַז דער פֿאָטער האָט געמאַכט הבדלה איבער מילך?!

לאָמיר בעסער וועגן דעם נישט מאריך זײַן... בעסער לאָמיר זיך אומקערן צו דער סליבאָוויצע.

סליבאָוויצע... דעם אמת געזאָגט, האָב איך געמיינט אַז דאָס איז אַ לשון־קודשדיק וואָרט. אַנדערש האָט דאָך עס נישט געקאָנט זײַן. דאָס

איז דאָך נישט געווען קיין פשוטער וואָכנדיקער בראָנפן, וועמענס גע־שמאק (איך וויל נישט זאָגן „שטונק“!) איך האָב נישט פאַרטראָגן. סליבאָוויצע, פסחדיקע סליבאָוויצע וואָס האָט געהאַט א קאָליר פון בוימל און האָט געשמעקט נאָך צייטיקע פלאָמען — דאָס האָט נישט געקאָנט האָבן קיין אַנדערן נאָמען נאָר א לשון־קודשדיקן, אָדער כאָטש פון תרגום־לשון, וואָס זאָל זיך גראַמען מיט „אתקינו סעודתא“, מיט „חדווה“ און „דיצא“...

אומזיסט האָט מען מיר פאַרטייטשט, אַז „סליבאָ“ הייסט אויף רוס־נאַקיש פלאָמען — ביי מיר איז „סליבאָוויצע“ א הייליק, כשר, פסחדיק, וואָרט, וואָס איז אַסאָציִאירט מיט „לחיים“, מיט אַגווינטשעניש און מיט ברכות, מיט יאָרצייט, מיט קדיש — מיט אַלץ וואָס קערט זיך אָן מיט יידישקייט...

פאַרשטייט זיך, אַז אויך ווען איך רעד בלויז וועגן סליבאָוויצע מיט אַזא יראת־הכבוד שלינגען זיך די סלינעס — אָבער שיכור בין איך דאָך נישט.

אפילו נישט פון וויין,ביים סדר, ווען מע האָט געטרונקען נישט ווי ביים קידוש, איין כוסה, נאָר פיר כוסות.

דעם אמת געזאָגט, האָב איך ביי דער ערשטער כוסה נאָך געפילט עפּעס א טעם, ווייל איך בין געווײַנטלעך געווען הונגעריק, דורשטיק — מע האָט דאָך ערב־פסח נישט געגעסן קיין מיטאָג. אָבער די איבעריקע כוסות האָב איך קוים טועם געווען. דער וויין איז טאַקע געווען כשר של פסח, אָבער דאָך זויערלעך.

פיר כוסות... ניין, פינף. אָבער נישט איך האָב אים געטרונקען.

דעם פינפטן כוס, דעם כוס של אליהו הנביא — האָט געטרונקען מיין מוטער, רוען זאָל זי אין ליכטיקן גן־עדן. פון וואו סע האָט זיך גענו־מען דער מנהג? מעגלעך אַז נאָר מיין פאָטער האָט אים איינגעפירט, כדי זיך „נוקם“ צו זיין אין מיין מוטער... זי איז דאָך שוין געפאַלן פון די פיס פאַר מידקייט. וויפל זי האָט זיך אָנגעהאָרעוועט אין דער וואָך פאַר פסח, ערב־פסח — און אפילו שוין איצט, ווען דער פאָטער „קיניגט“ אויפן „הסעע־בעט“, רוט נישט די מוטער — זי איז באַשעפטיקט אין דער קיך. קוים וואָס מע קאָן זי אָפּרייסן אויף עטלעכע מינוט, אַז זי זאָל א זופּ טון פונעם כוס, אַז זי זאָל מיטן שפּיץ פונעם קליינעם פינ־

גערל ארויסגיסן וויין פונעם כוס, די „מכות“ דם, צפרדע, כנים... איז אז מען איז שוין דערגאנגען צום כוס של אליהו, נישט קיין נארמאלע כוסה, נאר א וואסער־גלאז, טאפלט ווי א כוסה, דעמאלט האט דער פאטער זי מכבד געווען, אז זי זאל טרינקען אנשטאט אליהו הנביא (ער איז דאך נאך נישט געקומען, כאטש איך האב געעפנט די טיר און דער פאטער האט אפילו געזאגט „ברוך־הבא“!), און איז צוגעשטאנען אז די מוטער זאל איבערקערן דעם כוס מיטן דנא ארויף...

די מוטער האט זיך אנגעשיכורט? חלילה. ווער האט אזעלכעס געהערט! יא, זי איז אוועקגעפאלן און אנטשלאפן געווארן אזוי ווי זי איז געווען. אפילו זיך נישט אויסגעטון...

פון וועמען זשע זאל איך געווען ירשענען צו זיין שיכור?!

פון מיין פאטער? ער האט נישט געשיכורט אפילו פורים, ווען עס איז א מצווה זיך אנצושיכורן, אז מע זאל נישט וויסן קיין חילוק צווישן „פארשאלטן זאל זיין המן און געבענטשט זאל זיין מרדכי“...

ניין: ער האט זיך נישט אנגעשיכורט אפילו פורים. אבער איך וועל זאגן דעם אמת אפילו ווען ער זאל זיך געווען יא אנשיכורן, וואלט ער אויך קיין מאל נישט געווען געקאנט מאכן אזא טעות צו פארפלאנטערן זיין צונג און נישט וויסן קיין חילוק צווישן א „המן“ און א „מרדכי“. נישט צוליבן וויין וואס ער האט זיך אנגעשטרענגט צו טרינקען, כדי מקיים צו זיין די פורים־מצווה — נאר אדאנק די המנס, וואס האבן תמיד אין זינען געהאט, אז מיר זאלן זיי חלילה נישט פארגעסן, סיי וויפל משקה מע זאל נישט געווען טרינקען.

אזוי אז פון פורים איז שוין אויך אפגערעדט. מיין פאטער האט זיך אויך דעמאלט נישט אנגעשיכורט.

יא, לאמיך זאגן דעם אמת, אדער: לאמיר נישט פארשווייגן אן אמת (דאס פארשווייגן אן אמת איז דאך אויך א שקר!), אז איין מאל אין יאר איז מיין פאטער ארומגעגאנגען „ווי“ שיכור.

דאס איז געווען דעם ערשטן טאג שבועות.

אייגנטלעך, איז שבועות דער שענסטער יום־טוב. אין וועלכן יידישן יום־טוב וואלט מען געקאנט אזוי פרייליך זיין, אומגעשטערט?

לאמיר נעמען נאך דער ריי: ראש־השנה איז דאך גאר נישט קיין יום־טוב. עס איז איין לאנגער טאג פון דאווענען און זיך אויסוויינען א גוט, גליקלעך יאר; סוכות, וואלט יא געווען א יום־טוב, מוז מען אבער

עסן אין סוכה און — מעשה־שטן, רעגנט, סע גיסט ווי מיט ציבערס. אפילו די פויערים פרעגן זיך נאָך: ווען איז דער יידישער רעגנדיקער יום־טוב?... זיי פאַרגעסן אַז עס איז האַרבסט. זיי מיינען אַז סע רעגנט נאָר צוליבן יידישן יום־טוב.

פּסח? יאָ, פּסח וואָלט געווען צו מאָל אַ פריליגנדיקער פרייליכער יום־טוב — טאָר מען אָבער נישט נעמען אין מויל קיין שטיקל ברויט. עס איז חמץ... נו, אָן ברויט קאָן זיין פריילעך?

אָט, שבועות — דאָס איז אַ צעבליעטער, פרילינגדיקער, פריילעכער יום־טוב.

פריילעך? ביי אַנדערע אפשר יאָ, אָבער ביי אונדז איז דאָס געווען אַ זייער טרויעריקער יום־טוב.

איך האָב שוין אַזוי פיל מאָל געזאָגט, אַז איך גלייב נישט אין מזל, אָבער דאָך איז גוט אַז מע האָט.

אָט, למשל, צו דעם יום־טוב האָבן מיר לגמרי נישט געהאַט קיין מזל.

פאַר וואָס? ווייל מיין זיידע, דעם פאָטערס פאָטער, וועמענס נאָמען איך טראָג, האָט נישט געפונען קיין פּאַסיקערן טאָג, אין וועלכן ער זאָל איין מאָל פאַר אַלע מאָל צומאַכן די אויגן, ווי דעם ערשטן טאָג שבועות. דאָס הייסט, אַז אין דעם דאָזיקן טאָג זאָל מיין פאָטער האַלטן דעם יאָרצייט, דאַווענען פאַרן עמוד, עולה זיין מפטיר, זאָגן קדיש און געבן קידוש.

אויבנאויפיק וואָלט די גאַנצע רשימה מיט די יאָרצייט־התחייבותן גאָרנישט געהאַט צו טון מיט אונדזער טעמע. מיר וואָלטן זיך געדאַרפט אָפּשטעלן בלויז ביים „קידוש“, איז אָבער די מעשה דאָס, וואָס דער „קידוש“ איז ביים סוף פון דער רשימה, און מע קאָן בשום־אופן נישט איבערהיפּערן די רשימה ביז צום קידוש. ווייל דאָס גאַנצע איז איינס, דער קידוש איז בלויז דער „סוף“. דאָס הייסט די תּאָוו, און צו דער תּאָוו קאָן מען נישט אָנקומען אָן דעם אַז מע זאָל אָנהייבן מיט דער אַלף.

יאָ, עפּעס פון דער רשימה וואָלט מען יאָ געקאָנט אַרויסלאָזן, דאָס איז דער קדיש, דער קידוש און אפילו דאָס דאַווענען פאַרן עמוד. נישט חלילה אַז מע זאָל עס ממש איבערהיפּערן — נאָר מע קאָן עס טון מיט ווינציקער שווערקייטן. אָבער וואָס שייך עולה זיין צו דער תּורה, דערצו נאָך מפטיר, אָט דאָס איז שוין אָנגעקומען מיט האַרצווייטיק און מיט פיל נערוון.

דער גבאי פון דער שיל איז געווען א בלוט-שונא פאר מיין פאטער. פאר וואס, ווייס איך נישט, און עס איז בכלל נישט וויכטיק צו דערמאנען וועגן דעם. זיי זענען דאך שוין אלע אויפן עולם-האמת. וויכטיק איז נאר צו דערמאנען אז ווען איך זאג „בלוט-שונא" איז עס נישט קיין גוזמא, ווייל עס האט ממש געטריפט דאס בלוט פונעם הארץ ביי מיין פאטער, און פארשטייט זיך אז ביי יעדן איינעם פון אונדזער משפחה, ווען עס איז אנגעקומען דער „יארצייט", וואלט עס געווען אין א וואכעדיקן מיטוואך, וואלט עס מסתמה נישט געווען אזא הארבער ענין, איז עס אבער געווען דווקא אין ערשטן טאג שבועות, ווען יעדער איז גוט אויפגעלייגט, יום-טובדיק, אפילו אויך דער גבאי, וועלכער איז דער בעל-בית פונעם שטעטל און ער האלט אז עס איז דער פאסיקסטער טאג זיך צו לאזן וואוילגיין אויפן חשבון פון א ייד, וועלכער איז נישט קיין גביר.

די עליות, און אויך מפטיר, האט מען פארקויפט דורך א ליצי-טאציע: פינף כהן, צען כהן צום ערשטן מאל, צום צווייטן מאל און צום... צום דריטן מאל.

נו, כהן וועט מיין פאטער נישט ליציטירן. איז ער דאך קיין כהן נישט געווען. שנית, איז חשובער מפטיר... איין טאטע האט א מענטש — איז אז מע האט א יארצייט אין אזא טאג, פון קריאת-התורה, „קנייפט מען די באקן אז זיי זאלן רויט זיין" — שטרענגט מען זיך אן צו קויפן מפטיר.

ביי א ליציטאציע איז אבער יעדער איינער גלייך און ווער סע וויל געבן מערער — יענער קויפט די עליה. דארף מען אבער אויסקאריגירן דא דאס ווארט „וויל" און מע דארף אויף זיין ארט שרייבן „קאן". ווייל עס איז דאך נישט באלאנגען נאר אין ווילן — עס איז דאך באלאנגען אין דעם, אין וויפל געלט מען איז ביכולת צו געבן פאר דער עליה, און, ווי געזאגט, איז מיין פאטער קיין גביר נישט געווען, און נישט געקאנט ליציטירן אין דער וועלט אריין. האט ער זיך געמוזט אפשטעלן ביי א סומע, וואס איז געווען העכער פון זיינע מאטעריעלע מעגלעכקייטן.

ווי אזוי זשע האלט מען יארצייט אן אן עליה? קערן זיך איבער די געדערים פאר אויפרעגונג. דאס דאווענען פארן עמוד איז מיט נערוון, און בעם האט אן איינשאפט, וואס פארוואנדלט א רואיקן גוטן מענטש, ווי מיין פאטער איז געווען — אין א רגזן, וואס קאן זיך שווער באהערשן. סע ציטערן אים די הענט בעת ער גיסט אן די גלעזלעך מיט סליבאוויצע, א

גלעזל פאלט אים פון די הענט ארוים און טראסק... טייל מאכן א שפאס און זאגן „מזל־טוב!“ ווי אונטער א חופה — אבער די מוטער לאזט פאלן א וואָרט: ער „האט זיך שוין אָנגעשיכורט!“... אומזיסט טענהעט א גאנצן טאָג דער פאטער, אז ער האט אפילו נישט טועם געווען קיין משקה. איך בין אן עדות און קאן שווערן אז ער האט קיין איין טראפן נישט צוגעטראָגן צו זיינע ליפן — אבער אז די מוטער האט עס געזאגט...

האט דער פאטער, פאר כעס, זיך שוין נישט געזעצט צו דער מילכי־קער סעודה, דער שבועותדיקער, אויך נישט שפעטער צו דער פליישיקער — און אפילו יענע פון אונדז, וואס האבן זיך יא צוגערירט צו די מאכלים, איז עס געבליבן אין האלדז.

...ווייל דער פאטער „האט זיך אָנגעשיכורט“...

איבעראיאר? איבעראיאר האט דער פאטער שוין נישט געווארט ביז אין דער לעצטער מינוט צו ליציטירן מפטיר — ער האט אָנגעהויבן ביי שלישי. אבער דאך האט ער נישט געקאָנט קויפן אן עליה. פאר וואס? בעתן ליציטירן האט דער גבאי אזוי געטון, אז ער האט נישט „דערהערט“ וואס מיין פאטער האט געזאגט און האט פארענדיקט צום ערשטן, „צום צווייטן און דריטן מאל“...

און ווידער האבן מיר געהאט א פארשטערטן יום־טוב...

איבעראיאר? איבעראיאר האט דער פאטער זיך אפגעשמועסט מיט זיין א חבר, אז יענער זאל קויפן די עליה... נאר אים לאזן אויפרופן צום ספר־תורה. דאס הייסט, אז דער פאטער האט לפנים אויך זיך באטייליקט אין דער ליציטאציע, אבער געקויפט האט יענער.

וואלט דאך שוין געווען גוט! אבער ווען עס איז געקומען צום אויפ־רופן — האט מען מיין פאטער נישט אויפגערופן. דער בעל־קורא האט אויפגערופן יענעם, וועמען דער גבאי האט געהייסן...

...און ווידער איז מיין פאטער געווען אין כעס. די הענט האבן ביי אים געציטערט. דאס גלעזל איז אים ארויסגעפאלן פון דער האנט. די מוטער האט ווידער געזאגט, אז „ער האט זיך אָנגעשיכורט“ און ביי אונדז איז קיין יום־טוב טאָג נישט געווען נאר ממש תשעה־באב.

איך חזר איבער: מיין פאטער האט אפילו נישט טועם געווען קיין משקה. הגם ער האט דאך אויך געדארפט טרינקען, כדי אָנצווינטשן „לחיים“ די נשמה זאל אן „עליה“ האבן — אבער עס איז צו דעם נישט געקומען, צו־ליב... וואס זאל מען לאנג ברייען? ער האט זיך באגנוגט מיטן אָנגיסן די גלעזלעך און נאָכגעזאגט „אמן“ אויף די ווינטשן אז די נשמה זאל אן עליה האבן...

אָבער „ווי שיכור" איז ער טאקע יאָ געוועז... איך מיין אז דעמאָלט האָט ער טאקע נישט געוואוסט קיין חילוק צווישן אָרור המן און ברוך מרדכי... ניין, צווישן אָרור און ברוך מרדכי... ווייל ער איז געווען „שיכור"...

...אויב אזוי איז דאָך קיין וואונדער נישט, אז פון צייט צו צייט בין איך אויך „שיכור"... נישט פון קיין משקה, נאָר צוליב דעם שיכרות, וואָס איך האָב געירשנט פון מיין פאָטער, און מסתמה פון מיין זיידע.

...איצט, ווען סע פאסירט מיט מיר, אז מיר זאָלן ציטערן די הענט פאר כעס, און אז סע פאלט ארוים א גלעזל פון מיין האנט, זאָגט מיר מיין פרוי „שוין ווידער האָסטו דיך אָנגעשיכורט!".

איך דארף נישט שווערן אז איך האָב אפילו נישט טועם געווען קיין משקה. זי האָט דאָך געזען אז איך האָב נישט געטרונקען — אָבער שיכור זיין, בין איך טאקע אפשר יאָ... אז מיין פרוי זאָגט...

דארף מען דען טרינקען אז מע זאָל זיין שיכור?!

איך האָב געזען מענטשן, וועלכע האָבן געטרונקען און געטרונקען און זענען נישט געווען שיכור... פונקט אזוי קאָן דאָך געמאָלט זיין, אז א מענטש זאָל קאָנען זיין שיכור אָן דעם אז ער זאָל טרינקען.

יאָ, איך מיין, אז מע קאָן זיין שיכור אויך אָן א לחיים!...

שווער צו זיין א הונט

(א קינדער־מעשה פאר די זיידעס)

שווער צו זיין א הונט

(אויטאָביאָגראַפישער נישט־ליטעראַרישער מיני־ראָמאַן)

אקדמותדיקער פּראָלאָג

קינדערלעך צוויי זענען זיי געווען, צוויי.

דאָס עלטערע האָט זיך אָפּגעשטעלט בערך ביי די צוויי יאָר, דריי חדשים, פיר וואָכן, פינף טעג, זעקס שעה, זיבן מינוטן און אכט סע־קונדעס.

דאָס צווייטע האָט זיך אויך אָפּגעשטעלט בלויז ביי איין יאָר, צוויי חדשים, דריי וואָכן, פיר טעג, פינף שעה, זעקס מינוטן און זיבן סע־קונדעס.

זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין אייביקער רו און אין אייביקער אומרו. און געבליבן פאַרשטיינערט, פאַראייביקט, אין יענעם קינדישן זויגלינג־עלטער ביז...

שלעכט דערצויגענע קינדער, האָבן זיך געלאָזט פאַרשלעפּן פונעם אשמדאי? און אפשר האָבן זיי זיך נישט געלאָזט?! אפשר האָבן זיי זיך געראַנגלט, גערופן נאָך הילף — און קיינער האָט זיי נישט מציל געווען?

נישט די מזוזה ביי דער טיר און אויך נישט דער הונט פאַרן הויז האָבן גאָרנישט געהאָלפן. און זיי זענען אוועק, אוועק אויף אייביק.

מיט קינדערישער עקשנות זיך אָנגעכאַפּט און געקלאַמערט אָן דער מוטערס פאַרטעך, איבערגעשראָקענע, נישט פאַרשטייענדיק גאָרנישט פונעם וועלט־ציטערניש, וואָס האָט אויפגעטרייסלט די מאָראַלישע יסודות, און גלייך מיט זיי, אויך זייער קינדערישע רו.

און פאַרלאָזט האָבן זיי אליין, עלנט, דעם פאָטער — אין אייבי־קער אומרו.

און זיי, אין זייער קינדערישן אומרו, האָבן זיי דען געקאָנט אין אוישוויץ זייער אייביקע רו געפינען?

איז דאָך באַוואוסט קינדער צום איינשטילן, צום איינשלעפן, דאַרף מען זיי זינגען א לידל אָדער דערציילן צו א מעשהלע. האָבן זיי אָבער

אָפּגעטאָן, ווי אויף צו להכעיס, און האָבן איינגעדרימלט אויף אייביק, אָן א קינדיש-נאַיווער מעשה.

דאַרפן זיי מער נישט דאָס דערציילן.

אָבער ער, דער פאַריתומטער פּאָטער, ווי אַזוי זאָל ער איינשלאָפן אָן א מעשה?

דאָס איז ערשטנס.

צווייטנס:

זענען שוין ברוך-השם ווידער דאָ קינדער, וואָס וואַקסן בעל-כורחו, אויך נאָכן פייערדיקן מבול, נאָכן פאַרפלייצנדיקן חורבן — מוז מען דאָך פאַר זיי דערציילן א מעשהלע, ווי א פאָטער צו א זיידע, פאַר א קינד צו פאַר אַן אייניקל.

כדי זיי זאָלן נישט קאָנען פאַרשלאָפן ביי נאַכט.

אָבער אויך אפילו נישט וואַך זיין ביי טאָג...

צו וואָס דען טויג זיין א שרייבער?

איז כדי זיך אליין צו פאַרווינגן. אין די שלאָפלאָזע נעכט — די ווידערגעבוירענע קינדער צו האַלטן וואַך, גאַנצע פינף און צוואַנציק שעה אין איין אייניציקן מעת-לעת — דערציילט מען א קינדישע מעשה מיט א הינטעלע:

...שיין, קליין הינטעלע,
נעם אין די ציין ס'בינטעלע.
ס'הינטישע גורל מיינס —
מיטן הינטישן לעבן דיינס.
נישט צום פאַרטייטשן צום שלעכטן,
בלויז נישט צו פאַרגעסן דעם נעכטן...

פאַרשטייט זיך, אַז עס איז באַרעכטיקט די פראַגע: פאַר וואָס דערציילט א וואָלף דווקא וועגן א הונט? קאָן מען ענטפערן מיט עטלעכע שורות פון מענדעלע מוכר־ספרימס „פּרק שירה“:

„דער וואָלף מיט דעם הונט קערן זיך קרובים אָן,
און האָבן צווישן זיך באַשטענדיק צו טאָן.

דער וואָלף לעבט אין אַלע מקומות פראַנק און פריי,
און זאָגט זיך נישט אָפּ פון דבר מן החי.

ער פארצוקט בהמות ווי א חיה רעה,
און האָט פון א שעפעלע שטארק הנאה.
כאפט זיך אריין אין טשערעדעם אויפן סטעפּ,
און דרייט שעפּעלעך, דאָרט אָפּ די קעפּ.
דער הונט אָבער דינט זיין בעל־בית טריי,
און שרייט אויף אזא מעשה רע: אי, אי, אי,
אי, פעטעך וועלפל, דו ביסט א רוצח,
היט זיך פאר מיר, איך האָב א חוש הריח.
איך בין דאָך א שומר, פּאָלג מיין הארם געבאָט,
צו היטן אין פעלד זיינע בהמות, זיין סקאָט.
וואָס ווילסטו, גנב איינער, האָבן פון מיר,
ווייטער, ווייטער, א ביסל, גזלן, גיי דיר.
היט זיך, זאָג איך דיר אָן מיטן הארבן וואָרט,
דו גנב, גזלן, אלצדינג וואָס אין דער קאָרט.
נאָר דער וואָלף אָבער ביי זיך איז אויך נערעכט,
וואָס בילסטו אזוי, הונט, דו פארפלוכטער קנעכט,
און רעכנסט מיר דאָ אוים א צעטל פון זינד,
דו ווילסט אפשר, הא, איך זאָל לעבן פון ווינט?
דו באדארפסט, עזות־פנים, נישט פארגעסן,
אז איך בין א בשר־ודם און וויל עסן.
מיט וואָס בין איך ערגער פון אנדערע טאקע,
זיי מעגן עסן פלייש און איך א מכה?!
מה רעש, וואָס שרייסטו אזוי אויף די ציין,
און דו, הונט איינער, האָסט פיינט א פעטן ביין?!
אלע חיות רויבן, פולן אָן דעם בויך,
אפילו דיין בעל־בית, ער עסט אויך.
און פונעם על־חטא,
איז קיינער נישט פטור.
דער וואָלף איינגעלעך דרינגט דאָ אוים ווי מעגלעך,
אז גאָט איז איטלעכן מפרנס טאָג־טעגלעך.
און אויף דעם שטייגער, ווי ער באקומט מזונות,
דארף ער קיינעם נישט אָפּגעבן חשבונות.

נאָר, עולם, א מוסר דערמיט זאָגט ער אייך,
אז דרינען זענט איר, מענטשן, צו אים נישט גלייך"...

אָט פאַר וואָס א הונט קערט זיך אָן מיט א וואָלף, סיי בלוט־קרובותשאפט — סיי מלאכה־קעגנערשאפט, איז דאָך נאטירלעך אז א וואָלף זאָל דערציילן וועגן א הונט.

נו, אז מע דערציילט וועגן א הונט, דאַרף מען דאָך אים געבן א נאָמען. אָבער וואו נעמט מען א נאָמען, א יידישן, פאַר א הונט? אויף רומעניש, למשל, איז פאַראַן אזא נאָמען: גריווויי. סיי ווער ווייסט דאָס, אז עס איז א נאָמען, א כלל־נאָמען פאַר א הונט. מע געפינט עס אויך אין סיי וועלכן ווערטערבוך. אָבער אין יידיש? אין יידיש איז שווער צו טרעפן אזא נאָמען, ווייל יידן האָבן געוויינטלעך נישט געהאַלטן קיין הינט פאַר זייער הויז. אפשר איז עס א פאַראורטייל, א טראַדיציאָנעלער, אז א ייד זאָל קיין הונט נישט האַלטן צוליב דער לעגענדע פון דער גמרא, וואָס וואָרנט, אז ווער סע וואקסט אויף א הונט פאַר זיין הויז יענער מיידט אויס חסד. דער־ציילט דאָך דער תלמוד (שבת ס"ג): מע זאָגט נאָך אין נאָמען פון רבי שמעון בן לקיש, ווער סע וואקסט אויף א הונט אין זיין הויז, יענער מיידט אויס רחמנות פון זיין הויז... א פרוי, א מעוברתע, איז א מאָל געקומען צו איר שכן אין הויף, כדי צו באַקן ברויט, האָט דער הונט פון דאָרט זיך געלאָזט אויף איר און זיך צעבילט, ווי דער שטייגער איז. האָט זי זיך דערשראָקן און פון שרעק דערפילט ווי איר קינד אין בויך האָט זיך גערירט פונעם אָרט. ווען דער בעל־בית האָט דערהערט איר געשריי, האָט ער געוואָלט איינשטילן דעם הונט און באַרואיקן אויך די פרוי, און געזאָגט צו איר: האָב קיין מורא נישט, יידינע, ער האָט קיין ציין נישט צו בייסן... האָט די פרוי, הגם אין איבערגעשראָקענע, דאָך אים איראָניש געענטפערט: וואַרף דיין טובה מיט די שיינע ריידעלעך אויף די דערנער. פאַר מיר איז שוין דיין טרייסט געקומען א ביסל צו שפּעט. דאָס קינד אין בויך האָט זיך שוין גערירט און איז שוין גרייט צו מפּלען...

עס איז מעגלעך, אז אָט די לעגענדע זאָל געווען זיין אן אָפּהאַלט, אז יידן זאָלן אויסמיידן האַלטן הינט ביי זייערע הייזער, הגם זיי האָבן נישט איין מאָל געפילט א נויטווענדיקייט צו א הונט, בפרט ווען מע וואוינט אויפן דאָרף, אין אן איזאָלירט ווינקל, א הייזל אליין צווישן פעל־דער, צו מאָל אויף א באַרג, אַרויס פונעם דאָרף, פונעם מענטשלעכן ישוב...

סע קאָן זיין... אָבער צוריק געשמועסט, האָט דאָס וויניק צו טאָן מיט דער טראַדיציע. דער זעלביקער תלמוד, אויף אן אנדער אָרט (פסחים קיג), לויבט דווקא יענץ אָרטשאַפט, וואו עס איז יאָ פאַראַן הינט. אַזוי ווערט דערציילט, אַז רב האָט געזאָגט צו רב אסין: זאָלסט נישט וואוינען אין אַ שטאָט, אין וועלכער מע הערט נישט הירזשען קיין פערד און דאָס בילן פון אַ הונט, ווייל דאָרט בושעווען די גנבים פראַנק און פריי... די הינט זאָגן אָן וועגן זייערע גנבישע מעשים און מיט די פערד קאָן מען זיי נאָכיאָגן און כאַפּן.

ווייזט אָבער אויס, אַז דאָס דאָזיקע ווערטל האָט וויניקער אַריינגעדרונגען און זעלטן האָבן יידן יאָ געהאַלטן הינט ביי זייער הויז — נו, איז פון וואו זאָל זיך יאַווען אַ יידישער נאָמען ביי אַ הונט?!

הגם, אין דער פּראַקטיק, נאָך זינט דער תנכישער ליטעראַטור, וועט מען געפינען אויסדריקן פון סימפּאַטיע און אפילו התחייבותן צו שפּייזן אַ הונט. אַזוי, למשל, ווערט געזאָגט אין חומש (שמות כב-ל): און הייליקע מענטשן זאָלט איר מיר זיין, און פלייש פון אַ פאַרצוקטער אויפן פעלד זאָלט איר נישט עסן; פאַרן הונט זאָלט איר עס אַוועקוואַרפן... פאַרטייטש מען אַזוי: דער הונט האָט זיך מוסר-נפש געווען און פאַרטיידיקט די שאָף בעת זיי זענען באַפאַלן געוואָרן פון די וועלף, זאָלסטו נישט זיין קיין כפוי-טובה, ווען סע האָט פּאַסירט אַז אַ שאָף איז יאָ פאַרצוקט געוואָרן. זאָל דאָס זיין דעם הונטס שכר, ווייל ער האָט זי ביז איצט געהיט, אַז זי זאָל נישט פאַרצוקט ווערן און אויך צוליב דעם, וואָס ער איז דער שומר איבער די איבעריקע שאָף... דער מדרש זאָגט: גאָט האָט השגחה אויף אַלע זיינע ברואים, אַז זיי זאָלן באַקומען זייער שכר. ווייל זיי האָבן נישט געשאַרפט זייער צונג קעגן די יידן אין מצרים, האָט גאָט געזאָגט: גיט זיי זייער שכר... דערפאַר איז אַ מצוה צו שפּייזן אַ הונט אפילו אום שבת.

אן ענלעכע לעגענדע זאָגט עדות אויף די רעכטן פון אַ הונט אויף געשפּייזט צו ווערן: אַמאָל האָט זיך געטראָפן, אַז אַ קצב האָט פאַרקויפט פאַר יידן טריפה פלייש, זאָגנדיק אַז עס איז כשר, ביז די זאַך איז באַוואוסט געוואָרן. איין מאָל, אין ערב יום-כיפור, האָט דער קצב געטרונקען פיל וויין, בראָנפן, און איז געוואָרן שיכור, און ער איז אַרויפגעגאַנגען אויפן בוידעם עפּעס נעמען, האָט ער זיך אָן עפּעס אָנגעטשעפּעט און איז אַראָפּגעפאַלן און געהרגעט געוואָרן. זענען געקומען הינט און האָבן געלעקט זיין בלוט און געגעסן זיין פלייש. איז מען

געקומען פרעגן א שאלה ביי די רבנים אויב מע זאָל די הינט אוועקטרייבן. האָבן זיי נישט געהייסן. ווייל ער האָט ביז איצט פארקויפט דעם חלק פון די הינט, ווייל די תורה האָט געזאָגט, אז טריפה פלייש זאָל מען געבן פאר די הינט, זענען דאָך די הינט געווען הונגעריק, זאָלן זיי זיך איצט זעטיקן מיט זיין בלוט און פלייש. (ירושלמי, עבודה זרה פ"ב ה"ג)

איז קאָן מען נאָר דרינגען, אז אפילו ווען מע האָט יאָ אָפּגעשאצט די וויכטיקייט פון א הונט, אז ער זאָל זיין דער שומר ביי א הויז, דאָך האָט מען אים אָפּגעגעבן ווייניק כבוד. אדרבה, אז מע האָט געוואָלט זאָגן אויף עמעצן א שלעכטס, האָט מען אים פארגליכן צו א הונט. פאר וואָס? איז דען א הונט ערגער פון אנדערע בריאות, אנדערע בעלי־חי, צי שטוב־חיות? אדרבה, וועלכע שטוב־חיה איז נאָך אזוי געטריי פארן מענטש? די מעלות פון א הונט זענען באקאַנט. יעדער ווייסט אז „א הונט דערקענט זיין בעל־בית, א קאץ דערקענט נישט דעם בעל־בית" (הוריות יג). און דאָך ווערט מען זיך ערגער אויסדריקן וועגן הינט ווי, למשל, וועגן קעץ.

סע קאָן זיין, אז דאָס זאָל אויך זיין אָפּהענגיק פון דער עפּאָכע. אפשר איז נישט תמיד געווען אזוי. אפשר האָבן מענטשן, אין יענע צייטן, ווען זיי האָבן זיך אָפּגעגעבן מערער מיט פעלדארבעט, מיט פיצוכט, יאָ געוואוסט צו שעצן א הונט... האָט מען דאָך דעם הונט אויך ארייגגענומען צווישן די שטוב־חיות, וועלכע מע מעג שפייזן אום שבת (שבת יט) אדרבה, טייל מאָל האָט מען אונטערגעשטראָכן די פליכט, אז א ייד איז מחויב צו שפייזן א הונט. דאָס זאָל זיין פאר אים שכר: בעת אויף די מצרים וועט קומען די לעצטע מכה, ווען יעדער, אָנהייבנדיק מיט פרעהן, וועלכער זיצט אויפן טראָן, ביז דעם בכור פון דער דינסט, וואָס הינטער די מילשטיינער, וועלן אויסשטארבן, און סע וועט ווערן א גרויס געשריי אין גאנצן לאַנד מצרים, וואָס אזא וועט מער נישט זיין... אָבער קעגן אלע קינדער פון ישראל וועט א הונט נישט שאַרפן זיין צונג, סיי קעגן א מענטשן, סיי קעגן א בהמה (שמות יא־ז).

איז אויב דער הונט האָט דעמאָלט געשוויגן קומט דאָך אים, אז א ייד זאָל אים שפייזן... מעגלעך, אז פון דעמאָלט שטאמט דאָס יידישע ווערטל „לא־יחרץ געלט". אונטער דעם ווערטל פארשטייט מען געבן „שוויג־געלט", אָדער כאבאר. בכן איז עס מיט דער צייט פארוואנדלט געוואָרן לגנאי. עס איז אָבער נישט אזוי. כאבאר אָדער שוויג־געלט גיט מען בעת מעשה אָדער אחר־המעשה, ווען מע וויל פארשווייגן דאָס שוין

געשעענע. דאָ איז אָבער געשען פאַרקערט: קודם האָבן די הינט געשוויגן און דערנאָך גיט מען זיי דעם שכר.

יאָ, דאָס וואָס איז אַמאָל פאַרשטאַנען געוואָרן, אַז מע האָט אַ חוב צו די הינט, אַז מע זאָל זיי שפּייזן, ווייל זיי האָבן זיך פאַרהאַלטן לייטיש און נישט געבילט, אָדער נישט מיטגעבילט אין יענעם קריטישן מאָמענט, ווען אַרום זיי האָט געבושעוועט שינאה, האָט זיך מיט דער צייט פאַרוואַנדלט פון אַ מעלה אין אַ חסרון, אין אַ פאַרלוימדונג, אַז מע קאָן אַ הונט אונטערקויפן. זאָגט אויך דער מדרש: אַ הונט, אַז מע וואַרפט אים אַ שטיקל ברויט — שליסט מען אים דאָס מויל (ילמדנו, דברים). אין זוהר געפינט מען אַן אַנדערן משל: וואַרף אַ ביין פאַר אַ הונט, וועט ער אָפּלעקן דעם שטויב אויף דיינע פיס (אחרי־מות סג). הגם זיי, די הינט, האָבן קיין מאָל נישט געטראַכט וועגן דעם. זיי האָבן זיך פשוט אויפגעפירט הינטיש (זאָל מען פאַרשטיין — לייטיש!) אָן שום אינטערעס. נאָר סתם אַזוי, ווייל זיין אַ הונט הייסט זיין געטריי, וואַכן און היטן דעם בעל־בית, אים אויפמערקזאַם צו מאַכן, ווען ער זעט נישט די סכנה, ער פילט זי נישט ווען זי דערנענטערט זיך, בעת דער הונט פילט עס יאָ און ער, מיט זיין בילן, מאַכט אים אויפמערקזאַם, אַז דער מענטש זאָל זיך וויסן צו היטן...

נו, אָט דאָס איז דאָך טאַקע דער גאַנצער ענין, וואָס נישט איט־ן לעבער האָט די זעלביקע מיינונג וועגן הינט בכלל. בעת סע זענען פאַראַ מענטשן וואָס ווייסן אָפּצושאַצן די ווערט פון אַ הונט ביי זיין הויז, די מעלות וואָס אַ הונט פאַרמאָגט — זענען פאַראַן אַזעלכע, וואָס האַסן הינט, אָן אַ פאַרוואָס פשוטע שינאה, אָן אַ פאַרוואָס שינאת־חינם. אַנטיהינטיזם...

פון דעם שטאַמט דאָס גרינגשאַצן, אויב אפילו נישט קיין האַסן עפּנטלעך, איז כאָטש גרינגשאַצן... אַ גרינגשאַצן וואָס ברענגט צו דעם, אַז וועגן וואָס מע זאָל נישט רעדן, וועט מען אַרויפקומען צו געבן אַ משל וועגן הינט.

דאָס האָט שוין געוואוסט אויך דער הונט „רעקאָ", וואָס אַנאַטאָל פראַנס באַשרייבט אין זיין בוך „היינטצייטיקע געשיכטע". דאָרט באַקלאָגט זיך רעקאָ „תמיד בין איך דער צענטער פון אַלע געשעענישן. אַרום מיר זענען פאַראַן מענטשן, חיות און זאַכן — און זיי, אָדער זיי זענען מיר פריינד אָדער זיי זענען מיר פיינט"... מע זאָל אים לאָזן אויף גאָטס באַראָט, ווי מע זאָגט זיך, דאָס איז נישט גילטיק פאַר קיין הונט. ווייל

מען זיך אויסדריקן אונטערטעניק, אפילו חניפותדיק, גלייכט מען זיך אליין צו א הונט, וואס וויל באטייטן, אז מען איז דער נידעריקסטער פון דער געזעלשאפטלעכער מדריגה. אזא משל קאן מען געבן אויך פון דעם פאלגנדיקן ציטאט פון תנך, פון מלכים ב (ח — יג) בן הדד, דער מלך פון ארם, איז געווען קראנק. האט ער געשיקט צו אלישע הנביא א שליח, חזאלן, מיט מתנות, אז ער זאל פרעגן דעם נביא „וועל איך גענעזן ווערן פון דער דאזיקער קראנקשאפט?“ האט אלישע צו אים גע־זאגט: גיי זאג צו אים, „גענעזן וועסטו גענעזן ווערן, אבער גאט האט מיר באוויזן אז שטארבן וועט ער שטארבן“... און דער געטלעכער מאן האט געוויינט. האט חזאל געזאגט: פאר וואס וויינט מיין הארר? האט ער געזאגט, ווייל איך ווייס דאס בייז וואס דו וועסט אנטאן די קינדער פון ישראל... האט חזאל געזאגט: אבער וואר איז דיין קנעכט דער הונט, אז ער זאל טאן די דאזיקע גרויסע זאך? האט אלישע געזאגט: גאט האט מיר געוויזן דיך ווי דעם מלך איבער ארם...

האט דער דאזיקער חזאל נישט געקאנט זיך צוגלייכן צו אן אנדע־רער חיה, לאמיר זאגן, צו א קאץ, א שאף, א שטשור — סיי וואס, נאר נישט קיין הונט? פאר וואס האט ער, ווי דרך אגב, באליידיקט דעם הונט?

אזוי איז שוין דער גורל פון הינט... צי איז גאר דעמאלט געווען אזא מאדע, צו רעדן מיט אזא ביטול וועגן הינט?! אנדערש ווי אזוי דער־קלערט זיך עס, וואס מע געפינט אפט אזעלכע ביישפילן פון דערמאנען א הונט, ווי א פארגלייך פאר א נידעריקער בריאה?

דעם זעלביקן פארגלייך, צו א הונט, געפינט מען אויך אין שמואל ב (ג־ח): און עס איז געווען, ווען די מלחמה איז געווען צווישן הויז פון שאולן און צווישן דעם הויז פון דודן, האט אבנר זיך געהאלטן אן דעם הויז פון שאולן. און שאול האט געהאט א קעפסווייב, וואס איר נאמען איז געווען רצפה, די טאכטער פון איהן. האט איש־בושת געזאגט צו אבנרן: פאר וואס ביסטו געקומען צו מיין פאטערס קעפסווייב? האט אבנרן זייער געברענט אויף די ווערטער פון איש־בושתן און ער האט געזאגט, בין איך דען א הונטסקאפ פון יהודה?... און אבנר איז אריבערגעגאנגען אויף דער זייט פון דודן...

עס איז נאך נישט גענוג געווען זיך צו פארגלייכן צו א פשוטן הונט, כדי זיך ארויסצווייזן נישטיק קליין, ווי א גארנישטל, וועגן וועמען עס איז נישט כדאי צו רעדן — האט מען זיך נאך פארגלייכט צו א טויטן הונט (מעגלעך, אז דאס איז געטאן געווארן כדי צו פארגיינען יענעם זאג,

(קוהלת ט־צ), אז א לעבעדיקער הונט איז חשובער פון א טויטן לייב!) ווען דוד איז פארפאָלגט געוואָרן פון שאול המלך, האָט ער אים געפרעגט: נאָך וועמען איז ארויסגעגאנגען דער מלך פון ישראל? נאָך וועמען יאָגסטו זיך? נאָך א טויטן הונט, נאָך אן איינציקער פלויז (שמואל א כד־טו).

די גרינגשאצונג איז דערגאנגען אזוי ווייט, אז מע האָט גאָר פאר־גליכן א פשוטן אומשולדיקן הונט צו א זונה: „א לעמל וואָס מע האָט געגעבן ווי א לוין פאר א זונה, אָדער מע האָט עס באקומען ווי א טויש פאר א הונט, זאָל מען נישט ברענגען פאר א קרבן, ווייל ביידע זענען זיי אומווירדיק פאר גאָט" (דברים כג־יט).

נו, אויב מע קאָן נאָך פארשטיין, פאר וואָס עס איז אומווירדיק דאָס לעמל וואָס מע האָט באקומען ווי א לוין פון א זונה — דאָס קאָן מען נאָך דערקלערן. אָבער פאר וואָס איז אומווירדיק יענץ לעמל, וואָס מע האָט באקומען ווי אן אויסטויש פון א הונט? ווען יענער הונט זאָל געווען נישט זיין קיין אָרנטלעכער שומר, וואָס האָט געהיט געטריי שאָף צי א בעל־בתישקייט, וואָלט דען עמעצער געגעבן פאר אים, ווי אן אויס־טויש, א לעמל? און דאָך איז ער אומווירדיק...

האָט מען געוואָלט מוסרן, אז עס איז נישט שיין צו עסן אויף דער גאס, האָט מען געזאָגט: (קידושין מ) ווער סע עסט אויף דער גאס איז געגליכן צו א הונט... וואו דען זאָל דער הונט עסן? „וואו האָט הונט הויז"? ניין, אהונט עסט נישט ערגער ווי אן אנדערע בריאה. דער הינטישער אופן פון זיך שפייזן איז בכלל נישט אָפגעזעענער ווי פון אנדערע בעלי־חיים. ניין. אדרבה. פיל מאָל קאָן מען זיך לערנען ביי הינט ווי אזוי מע דארף עסן אָדער טרינקען...

סע זענען געווען פאלן, ווען מע האָט געוואָלט אויסוויילן אויך צווישן מענטשן, מע זאָל דערקאָנען זייער כאראקטער — האָט מען זיי אויסגעפרואווט לויט דעם אופן ווי אזוי זיי וועלן טרינקען וואסער:

ווען גדעון האָט מילחמה געהאלטן מיט די מדינים, האָט ער אויס־גערופן: „ווער סע האָט מורא און ציטערט, זאָל זיך אומקערן און אוועקגיין אין דער פרי פון בארג גלעד". האָבן זיך אומגעקערט פון פאָלק צוויי און צוואָנציק טויזנט, און צען טויזנט זענען געבליבן. האָט גאָט געזאָגט צו גדעונען: דאָס פאָלק איז נאָך אלץ צו פיל. מאַך זיי נידערן צום וואסער. איטלעכער וואָס וועט לעקן פונעם וואסער מיט זיין צונג, אזוי ווי סע לעקט א הונט, אים זאָלסטו שטעלן באזונדער, און באזונדער יענע

וואָס וועלן זיך אראָפּלאָזן אויף זייערע קני צו טרינקען. איז געווען די צאָל פון יענע וואָס האָבן געלעקט פון זייער האַנט אין זייער מויל דריי הונדערט מאַן, און דאָס גאַנצע איבעריקע פאָלק האָט זיך אראָפּגעלאָזט אויף זייערע קני צו טרינקען וואסער. און גאָט האָט געזאָגט צו גדעונען: מיט די דריי הונדערט מאַן וואָס האָבן געלעקט, וועל איך אייך העלפן, און וועל געבן מדין אין דיין האַנט; און דאָס גאַנצע פאָלק זאָל גיין איטלעכער אין זיין היים (שופטים ז־ה).

זעט מען דאָך, אַז דער אופן פון טרינקען וואסער פון אַ הונט איז אַמאָל אַ מוסטער אויך פאַר מענטשן?... נאָר גיי טענה, ווען מע האָט זיך שוין געמאַכט פאַראורטייל — קעגן פאַראורטייל איז שווער צו טענהן.

דאָ האָט מען נישט צו טאָן מיט רעאַליטעטן, מיט זאַכן וואָס זענען פאַראַן און מע דאַרף זיי אויפנעמען אַזוי ווי זיי זענען. ניין, דאָ האָט מען צו טאָן מיט „מיינונגען", וואָס האָבן זיך געפּאַרעמט במשך יאָרטויזנ־טער. מיינונגען וואָס האָבן זיך געבאַנט אַ וועג אין די מוחות און געוואָרן אַ צווייטע איינגעבוירענע געוואוינהייט, וואָס מע קאָן זיי נישט אויסוואָרצלען.

סע האָט זיך שוין געמאַכט אַ מינהג, דאַכט זיך, אַז אָן שום בייזע כוונות, אַז עמעצער וויל אַרויסווייזן זיין חכמה און וויל דערציילן אַ וויץ — דערציילט ער עס אונטער דער פאָרעם: אַמאָל איז געווען אַ הונט... צי סע פּאַסט זיך יאָ, צי סע פּאַסט זיך נישט צו דעם וויץ, וואָס מע וויל דערציילן, וועט מען דאָך מאַכן אָט דעם דאָזיקן אַריינפיר: אַמאָל איז געווען אַ הונט... מיט דעם וויל מען זיך פאַרזיכערן דעם דערפאָלג, אַז ביים ענדיקן דערציילן, וועט מען גאַנץ זיכער לאַכן. ווייל, ווער וועט נישט לאַכן, ווען מע דערציילט אַ וויץ וועגן אַ הונט?!...

מע וועט זיך חכמען וועגן הונטס הונגעריקייט, וועגן זיין בילן. בקיצור, תמיד וועט מען געפינען ווער סע זאָל וואַרפן אַ שטיין... דערפאַר האָט זיך טאַקע געשאַפן אַזאַ מין נאָמען. יאָ, אַ יידישער נאָמען פאַר אַ הונט: „ראַבטשיק" צי „אַ שטיינער־הונט"... דאָס הייסט, אַ הונט אין וועלכן יעדער וואַרפט שטיינער...

זאָל דער דאָזיקער הונט, וועגן וועלכן סע וועט דאָ דערציילט ווערן, אויך אָנגערופן ווערן „שטיינער־הונט?!"

ניין, דאָס וועט זיין גלייך מע וואָלט אים שוין ביים סאַמע אָנהייב, נאָך פאַרן דערציילן, שוין פאַראורטיילט. ניין, דאָס נישט. מוז ער דען טראָגן אַ יידישן נאָמען?! קאָן ער דאָך אָנגערופן ווערן סיי ווי אַזוי, מיט סיי

וואָס פאַר א נאָמען, אפילו „טאַרקאָ“, וואָס איז בכלל נישט יידיש. אדרבה, עס האָט אן אונגערישע רעזאָנאַנץ אויף א רומענישן צי סלאַווישן שורש.

דער נאָמען איז נישט אלע מאָל וויכטיק, בפרט אין דעם פאַל... און אפשר האָט ער טאַקע יאָ א באַטייט?

טאַרקאָס קינדהייט

געוויינטלעך, ווען מע דערציילט וועגן עמעצן, הייבט מען אָן פון דער קינדהייט און מע זאָגט זיך: „זינט ער האָט געעפנט די אויגן“... נו, ביי טאַרקאָן איז דאָס נישט שייך. דאָ הייבט זיך אָן די מעשה נאָך פיל פריער ווי ער האָט געעפנט די אייגעלעך. זיינע זכרונות הייבן זיך אָן זינט דעמאָלט, ווען ער האָט נאָך נישט געעפנט זיינע אויגן, נאָר אַזוי, נאָך בלינדערהייט, אין די ערשטע מינוטן און טעג, ווען ער האָט מיט זיין געעפנטן מיילעכל געזוכט דער מוטערס ברוסט, כדי צו שפייזן זיך.

ער דערמאָנט זיך נאָך, צו מאָל, און קאָן נאָך אלץ נישט פאַרשטיין, ווי אַזוי האָט זיך עס תמיד געמאַכט, אז ווען ער האָט זיך געלאָזט זויגן, האָט ער געטראָפן אלע ציצלעך פאַרנומען. ער האָט געניש־טערט, געזוכט און — אומזיסט. אלע זענען געווען אין די מיילער פון זיינע ברידער און שוועסטער־צווילינגן און דרילינגן. דעם אמת געזאָגט, ווייסט ער בכלל נישט וויפל זיי זענען געווען. ער האָט דען געקאָנט זיי איבערציילן? ער האָט זיי נאָר געפילט, ווי זיי גוידערן זיך אַרום אים, איבער אים, אונטער אים, אין א קעצישן געשפיל... גרויס איז געווען זיין איבערראַשונג, שפּעטער מיט עטלעכע טעג, ווען ער האָט ענדלעך געעפנט די אויגן און באַמערקט, אז עס איז בכלל נישט קיין מאַנגל אין ציצלעך. זיין מוטער האָט פונקט אַזוי פיל ציצלעך וויפל הינטלעך סע האָבן זיך צו זיי געלאָזט ווי אין געיעג, כדי זיי צו זויגן. אדרבה, סע זענען נאָך געבליבן צוויי נישט באַזעצטע, וואָס קיינער האָט זיי נישט גע־זויגן (ער האָט איין מאָל יאָ געפּרוּווט, אָבער פון זיי איז קיין טראָפּן מילך נישט געראָנען).

פון יענער צייט איז אים פאַרבליבן אין זיכרון דאָס לאַשטשען פון זיין מוטער, וואָס האָט מיט געדולד זיך צוגעקוקט צו אירע שפּילעוודיקע קינדער, וואָס האָבן אַרומגעוואָיוועט אַרום איר, און זי איז קיין מאָל נישט געוואָרן אין כעס. זי איז געשטאַנען און געשוויגן. האָט עס איר הנאה געטאָן? ווער קאָן וויסן וואָס סע טוט זיך איבער אין אַ מוטערס הארץ, אפילו ווען זי איז נישט מער ווי אַ צויג?! זעלטן, ווען זיי האָבן איבערגעטריבן די מאָס, און זי געגודעט, ווען זי האָט געוואָלט רוען, דרימלען, דעמאָלט האָט זי מיט איר לאַפּקעלע אַ שטויס געטאָן איינע פון די סאמעטענע הינטעלעך, ווי איינער רעדט: זיץ איין אויף אָן אָרט, איך וויל שלאָפן!...

אָט די גליקלעכע צייט האָט ביי טארקאָן פיל נישט געדויערט. די מוטער האָט טאַקע זיי אין זינען געהאַט, זיי געשפּייזט און זיי געהיט, אַז קיינער זאָל זיי קיין בייז נישט טאָן, אָבער אין איינעם אַ טאָג, ווען די מוטער איז, ווי געוויינטלעך, אַוועק זוכן שפּייז פאַר איר — איז זי מער נישט צוריקגעקומען. פאַר וואָס זי איז נישט צוריק געקומען ווייסט ער עד-היום נישט. און וועט עס מיסתמה קיין מאָל זיך שוין נישט דערוויסן. נו, מילא, וואָס עס קאָן אַלץ פּאַסירן מיט אַ הונט. אָבער דעמאָלט, ווען ער האָט נאָך קיין דערפאַרונג נישט געהאַט און נישט געוואוסט וואָס און ווי אַזוי, איז ווי גלייך ער וואָלט דעמאָלט זיך דערזען אין אַ נייער וועלט, אין וועלכער ער מוז זיך אַליין פאַרזאָרגן, אויב ער וויל איבערלעבן.

ער ווייסט נישט, וואָס עס איז געשען מיט די איבעריקע ברידער און שוועסטער זיינע. ער געדענקט נאָר, אַז ער האָט זיך געלאָזט אין וועג זוכן עפּעס. וואָס? ער האָט דאָך אויף געבוי נישט געוואוסט וואָס. ער האָט נאָר געפילט אַז ער איז הונגעריק. סע ווילט זיך זויגן — און עס איז נישטאָ וואו. וואוהין איז די מוטער פאַרשוואונדן? האָט ער זיך געלאָזט אין וועג אַריין. ניין, נישט ער האָט זיך געלאָזט, זיינע ברידער זענען געווען די ערשטע, וואָס האָבן זיך אַוועקגעלאָזט זוכן. זיי האָבן אפילו גאָרנישט געזאָגט, נאָר אַוועק. האָט ער זיך אויך געלאָזט גיין, אָן אַ ציל, מער געפירט פונעם אינסטינקט, פונעם הונגער, וואָס האָט גענאָגט. ער האָט אָנגעהויבן גיין מיטן קאָפּ אַראָפּגעלאָזט. געזען בלויז די טריטעלעך זיינע ווי זיי שטעלן זיך, פיסל נאָך פיסל, וואָס פירן אים, וואוהין? נאָר אויפן וועג האָט ער באַגעגנט קליינע באַשעפעניש, מוראַשקעס, פליגן, וואָס האָבן ווי פאַרהאַלטן זיין וועג — האָט ער נאָר אַ לעק געטאָן מיטן צינגל און אַראָפּגעשלונגען. אַזוי האָט ער געטאָן מיט אַלץ וואָס ער האָט באַגעגנט אויפן וועג.

אָט אזוי האָט ער אין די ערשטע טעג זיך אָנגעהויבן שפּייזן פון זיין אייגענער מי. די נויט האָט אים אויסגעלערנט. אפשר האָבן אנדערע הינט יאָ געהאַט דאָס מזל, אז זיי זאָלן זיך עס אויסלערנען ביי עמעצן? ער איז, ווייזט אויס, געבליבן א יתום פאַר דער צייט און געמוזט אריין אין לעבן אָן שולן, אפילו אָן דעם הינטישן אלף-בית וואָס איז אזוי וויכטיק פאַר יעדן אָנפאַנגער. ער האָט קיין מזל נישט געהאַט דערצו. אלץ וואָס ער ווייסט היינט, אלץ וואָס ער האָט זיך אויסגעלערנט, איז אים נישט אָנגעקומען לייכט. אלץ האָט ער געמוזט לערנען אויף זיין אייגענער פעל. ער האָט טייל מאָל געדאַרפט טייער באַצאָלן, פאַר יעדער לעקציע, פאַר יעדן אות פונעם הינטישן זעלבשטענדיקן לעבן. טאַקע דערפאַר, ווייל אים איז עס אָנגעקומען שווערער ווי פאַר אנדערע, איז דאָס, וואָס ער האָט געלערנט, איז אים פארבליבן אין קאָפּ, אויפן גאנצן לעבן. סע האָט זיך אים אריינגעקריצט אין מוח, מיט ווייטיק און מיט ליידן — און לאָזט זיך נישט פארגעסן.

בכן, איז ער געגאַנגען זיין ערשטן וועג, אָן דעם ער זאָל זיך ערגעץ אָפּשטעלן. ער איז געגאַנגען וואוהין די אויגן האָבן אים געפירט — ביז סע האָט אָנגעהויבן גיסן א גאָס-רעגן, וואָס האָט נאָס געמאַכט זיין יונג וואָלן פעלעכל. פון צייט צו צייט האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, א טרייסל געטאָן מיט זיין קערפּער, כדי דאָס רעגן-וואַסער וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט אויף זיין פעלעכל, זאָל זיך אָפּרינען גיכער פון זיין קערפּער, אָבער דאָס גיין איז שווערער געוואָרן, דער וועג איז גליטשיק, און — סע האָט אים ארומגענומען א קעלט.

האָט ער זיך אָפּגעשטעלט. דערזען א קאַפּיצע היי אין דער נאָענט, האָט ער קיין סך נישט געטראכט און צוגעלאָפן, אריינגעגורעט דאָס קעפּל אין היי, אונטער דער קאַפּיצע (געלאָזט דעם איבעריקן קערפּער אין דרויסן, ווי א שטרויס, ווען ער באהאַלט זיין קאָפּ אין זאמד!), אָבער ער האָט געפילט ווי די רעגן-טראָפּן פאַלן ווייטער אויף אים, האָט ער פאַמעלעך זיך צוזאמענגעצויגן און אריינגעשטופּט דעם גאנצן קערפּער אין זיך געמאַכט א נעסט. ער האָט דאָרט געוואַרט אז דער רעגן זאָל זיך אָפּשטעלן. אָבער וואַרטנדיק, איז ער איינגעשלאָפן...

דאָס איז געווען זיין ערשט געלעגער, ווען ער האָט איבערגענעכטיקט אליין, שוין אויף זיין אייגענעם חשבון.

דאָס איז געווען דעמאָלט... איצט, איז ער שוין רייכער אין דער־פאַרונג. איצט ווייסט ער שוין ווי אַזוי די מענטשן דערציילן זיך אַנעק־דאָטן אויפן חשבון פון די ברידער זיינע, די הינט וואָס האָבן נישט קיין היים...

די מענטשן חכמען זיך איבער זיי, ווי זיי ציען זיך צונויף ווינטער, ווען זיי איז קאַלט, דרייען זיך איין ווי אַ בייגל כדי צו געווינען אַ ביסל פון זייער אייגענער קערפּערלעכער וואַרעמקייט. דעמאָלט, אין ווינטער צייט, ווען זיי ווערן שיער פאַרפרוירן, טראַכטן זיך די הינט: אַז סע וועט וואַרעם ווערן אין דרויסן, איך וועל זיך קאָנען רירן פריי, נישט געשטערט פונעם פראָסט, וועל איך זיך אויפבויען אַ הייזל (אַלע האָבן דאָך זייער היים, נאָר איך וועל בלייבן מיין גאַנץ לעבן אַ נע-ונדניק?). איך דאַרף דען האָבן ווער ווייסט וואָס פאַר אַ גרויסע נעסט? איך בין דאָך אַזוי קליין, אַז איך בין איינגעקנוילט בין איך דאָך נישט מער ווי אַ... אַזאַ קליין שטיבל קאָן איך דאָך מיר אויך מאַכן... אָבער אַז סע קומט דער זומער, סע ווערט וואַרעם — שטרעקט דער הונט אויס זיינע פיר פיס און וואַרעמט זיך ביי דער זון... טראַכט ער: צו וואָס דאַרף איך האָבן אַן אייגענע דירה? קאָן איך דען בכלל זיך אַריינפּאַסן אין אַ הויז, איך בין דאָך אַזוי גרויס (ער איז דאָך איצט אויסגעצויגן, ווי נאָר מעגלעך, און איז לאַנג און ברייט!), איך קאָן דאָך נישט אַריינגיין אין אַ בנין. די וועלט די פרייע — אָט דאָס דאַרף איך...

דער אמת איז, אַז אַ הונט איז נישט קיין פוילאַק. דאָס ווייסט טאַר־קאָ פון זיך אַליין. מעגן זאָגן די מענטשן אויף זיי וואָס זיי ווילן. זיי, די הינט גופא, ווייסן אַז דאָס איז נישט מער ווי רכילות. ווען מע גיט זיי אַ שטיקל אַרבעט, וועלן זיי עס טאָן געטריי, וועלן היטן דאָס הויז, די שאָף, דאָסווירטשאַפט און וועלן נישט צומאַכן קיין אויג, נאָר וואַכן אַז סע זאָל זיך נישט צורירן קיין גנב... אויב מע נעמט זיי צו דער יאַגד וועלן זיי לויפן קילאָמעטערס גאַנצע און נישט אַרויסווייזן קיין מידקייט און וועלן צוטראָגן געטריי דעם בעל-בית זייערן, אַלץ וואָס מע גיט זיי צו טאָן...

לויבט דאָך די דאָזיקע מעלה אויך מענדעלע מוכר-ספרים אין זיין „פּרק שירה“:

"מע מעג אויף די הינט זיך זאָגן וואָס מע וויל,
נאָר פון דער געטריישאַפט צום האר דאָס געפיל.
קען מען בשום אופן ביי זיי נישט צונעמען,
מע מעג אין דער מידה פאר זיי זיך שעמען.

דער האר זייערער מעג זיי מאכן דעם טויט,
פון דעסט וועגן בלייבן זיי אים געטריי דאָך,
און ווארפן פון זיך כלל נישט אראָפּ זיין יאָך.
זיי האָבן אמונה, זייער האר איז גוט,
אז ער שלאָגט, מיסתמה ווייסט ער וואָס ער טוט..."

דאָס ווייסן אויך נישט ווייניק מענטשן, וואָס האָבן צו טאָן מיט הינט, זיי ווייסן אז אויף א הונט קאָן מען זיך פארלאָזן פיל מאָל נאָך מערער ווי אויף א מענטש. דאָך וועלן זיך געפינען נישט ווייניק וואָס וועלן זאָגן מיט ביטול: אָט, הינטישע ארבעט...

אפילו דער קלוגסטער צווישן די קלוגע, ווען ער האָט זיך געוואָלט חכמען וועגן א נאר, האָט ער אויך נישט געפונען קיין אנדערן פארגלייך ווי צו א הונט: ווי א הונט וואָס קערט זיך אום צו זיין מייקעבץ, חזרט איבער דער נאר זיין טיפּשות (משלי כו-יא). צי אז ער האָט געוואָלט עצהן, אז מע זאָל זיך נישט אריינמישן אין מחלוקות וואָס אינטערעסירן דיך נישט, האָט ער געזאָגט: ווי דער וואָס נעמט אָן א הונט פאר די אויערן, איז א פארבייגייער וואָס היצט זיך איבער א קריג וואָס איז נישט זיין עסק (משלי כו-יז). פאר וואָס האָט ער דווקא גענומען פאר א משל א הונט?... אז מע וועט אָננעמען ביי די אויערן א פוקס צי א וואָלף — וועט מען בעסער אָפּשניידן? וועלן זיי דאָך נאָך פיל ערגער אָפּצאָלן! (אפילו א קאץ). בעת דער הונט וועט בלויז בייסן — וועלן יענע חיות גענצלעך פארצוקן... נאָר וואָס איז צו רעדן? אזוי איז שוין דער גורל פון א הונט: מע ווילצלט זיך אויף זיין חשבון ווען מע דארף (און בפרט!) ווען מע דארף נישט. לפנים איז עס א וויץ, אָבער אין יעדן וויץ ליגט אזוי פיל אומזיסטיקער האס וואָס ווערט איבערגעגעבן פון דור צו דור... אנטיהינטיזם...

הינט-כאַפּער און וועטערינאַרן

עס איז פאריבער א צייט... ער איז ווידער אין וועג, ער וואַנדערט...

טאַרקאָ האָט זיך אָפּגעשטעלט. פון נישט ווייט האָט זיך דערטראָגן צו אים א קול פון א שטיל האַווקען, א שטיל קולעכל פון א הינטל וואָס

פון צייט צו צייט שרייט עס אוים ווי ריטמיש: האוו! האוו-האוו!... ער האָט זיך געלאָזט נאָכן קול און געפונען א קליין הינטל וואָס כאַפּט פליגן און האוקעט זיך אונטער כמעט אָן א סיבה.

— וואָס האוקעסטו ברודער? — פרעגט אים טארקאָ.

— כדי איך זאָל מיך נישט לאַנגווײַלן — ענטפערט אים דאָס הינטל.

— וואָס הייסט נישט לאַנגווײַלן?

— פשוט אזוי — זאָגט דאָס הינטל — איך זינג מיר אונטער... דו זינגסט קיין מאָל נישט?

— סע גלוסט זיך מיר נישט צו זינגען — זאָגט טארקאָ א פאַר-זאָרגטער.

— איז א סימן אז דו ביסט נישט קיין הינגער: א הונט ווען ער פילט זיך אין דער היים, בילט ער זיך אוים סע זאָל אים לייכטער ווערן אויף דער נשמה...

(„א הונט ווען ער פילט זיך אין דער פרעמד בילט ער נישט זיבן יאָר" (עירובין סא). ער וואגט נישט צו עפענען דאָס מויל... ער האָט מורא? מעגלעך אז ער האָט מורא אויך פאַר די איבעריקע הינט!).

...דאָס איז נישט גוט — זאָגט דאָס הינטל — א הונט דאַרף זיך נישט פארשליסן אין זיך... אויב עס איז דיר לוסטיק אויפן הארץ, זינג. האוקע דיר אוים א ניגון, אז דער גאנצער ארום זאָל אָפּקלינגען. ווידער אז עס איז דיר נישט אזוי פרייליך אויף דער נשמה, איז וויין דיר אוים דאָס הארץ, וועט עס דיר באַלד גרינגער ווערן... האוקע יעמער-לעך, אז דער גאנצער ארום זאָל פילן אז דיר איז ביטער אויפן הארץ...

— דער גאנצער ארום? — פרעגט טארקאָ — ווער איז דער ארום? איך זע דאָ קיינעם נישט, בלויז ביימער, גערטנער, בערג.

— איך ווייס נישט וואו דו האָסט ביז איצט געלעבט, אָבער ווי איך זע האָסטו נאָך גאָר ווייניק וויסן וועגן דעם ארום — זאָגט דאָס הינטל מיט א ביסל איראָניע — די וועלט איז גרוים, זייער גרוים. נאָר בלויז פאַר אונדז הינט איז זי קליינטשיק, ווייל מיר מוזן אויסמיידן די גרויסע וועלט. וואָס ווייטער מיר האלטן זיך פון די מענטשן, אלץ זיכערער זענען מיר מיט אונדזער פעל.

— מיר האָט זיך געדאכט — האָט טארקאָ קוים ארויסגעשטאמלט — אז דער הונט וואָס קאָן זיך צולאשטשען צו א מענטש, א בעל-בית, דער איז אויסגעזאָרגט מיט אלעמען...

— דאָס איז אמת — זאָגט דאָס הינטל מיט א שמייכל — אָבער ביז מע געפינט אזא בעל-בית... האָסטו באַגעגנט צי כאָטש געהערט וועגן הינטכאַפּערס?

טאַרקאַ האָט נישט געענטפערט. אים איז געווען א בושה מודה צו זיין, אז ער האָט טאַקע וועגן אזעלכע נישט געהערט. ער האָט באמערקט אז דאָס הינטל איז טאַקע קליינוויקסיק, עס איז פיל קלענער פון אים, אָבער עס איז פיל עלטער אין יאָרן — און אויך מיט דערפאַרונגען. האָט ער נישט געוואָגט געענטפערט:

— איך האָב ווייניק געהערט דערפון, איך האָב מערער געלעבט אליין, אָפּגעזונדערט... אמת, איך האָב שוין איבערגעלעבט א זומער ביי א סטינע, אָבער זיך נישט דערוואוסט צו פיל זאכן. וואָס איז אזוינס „הינט-כאַפּערס"?

— הינט-כאַפּערס — האָט אָנגעהויבן דאָס הינטל אים צו דערקלערן, ווי א פּראָפעסאָר פון דער קאַטעדרע — דאָס זענען אזעלכע מין מענטשן וואָס לעבן פון דעם וואָס זיי כאַפּן הינט, אונדזערע ברידער, פאַרשפּאַרן זיי אין א שטייג, פירן זיי ארויס פון דער שטאָט און דאָרט קוילען זיי אונדז אוועק... דאָס איז זייער ארבעט. פאַר דעם באַקומען זיי חודש-געהאַלט און פון דעם לעבן זיי... אחוץ דעם האָבן זיי אויך א קליינע הכנסה פון די פעלכלעך, וואָס זיי שינדן אראָפּ פון די געקוילעטע הינט.

— פאַר וואָס טוט מען דאָס? — פרעגט טאַרקאַ פאַרחידושט, בעת סע גייט אריבער א שוידער איבערן לייב, הערנדיק אזעלכע מוראדיקע זאכן — סתם קוילען?!

— ווי אזוי מע וויל עס נעמען — זאָגט דאָס הינטל — ביי אונדז איז דאָס אן אכזריות. מיר קאָנען עס נישט פאַרשטיין, וואָס מע נעמט אונדזערע ברידער סתם אזוי און מע קוילעט זיי, אָן א שום סיבה... זעסטו, אז מע קוילעט עופות צי רינדער, נו, שפּייזן זיי זיך כאָטש, די מענטשן. אָבער מיט די הינט — אונדזער פלייש עסן זיי דאָך נישט... זיי אָבער, די מענטשן, זיי האַלטן אז זיי טוען אָפּ דערמיט א וואויל-טעטיקע ארבעט, אזוי זאָגן זיי זיך. זיי רוימען אָפּ די בע-ונדנע הינט, וואָס קענען משוגע ווערן, בייסן א מענטש און יענעם אויך-משוגע מאכן.

— וואָס הייסט משוגע מאכן, צי משוגע ווערן? — פרעגט פאַר חידושט טאַרקאַ.

דאָס איז לײדער אמת — זאָגט דאָס הינטל — מיט נישט װײניק טרויער — דאָס מוזן מיר אָנערקענען. סע זענען טאַקע פאַראַן הינט, װאָס װערן צו מאָל משוגע. האָסט געזען אַמאָל אַן אומגעזויבערטן, װי ער לױפֿט אַרום מיט דער אַרױסגעשטרעקטער צונג און פֿון זײַן מױל רינען די סלינעס? אויב דו האָסט געזען אַזאַ אײנעם, װאָס ער האַלט דעם עק צװישן די פֿיס — װײַך אים אויס. דאָס איז אַ סימן אַז ער איז משוגע געװאָרן, און אויב דו חברסט זיך מיט אים, ער קומט מיט דיר אין קאָנטאַקט, קאָנסטו אויך משוגע װערן, און דאַן איז מיט דיר אויס...

(ביי א משוגענעם הונט באמערקט מען פינף אײגנשאַפטן: זײַן מױל איז אָפֿן, סע רינען אים די סלינעס, די אויערן הענגען אים נאָך, דער עק הענגט נאָך צװישן די פֿיס, ער גײט געװײנטלעך ביי דער זײַט פֿונעם װעג. טײל זאָגן אויך, אַז ער בילט נאָר מע קאָן זײַן קול נישט הערן (יומא פד).

— פֿון װאָס קומט דאָס... איך מײן, פֿון װאָס קאָן מען משוגע װערן?!

— אויך מיר אַ װאונדער!... פֿון װאָס קאָן מען נישט משוגע װערן?! פֿון אַזאַ הינטיש לעבן, אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ, זומער אין די היצן, װינטער אין דער קעלט, אין רעגנס און שנײען — איז אַ װאונדער אַז אַזאַ אײנער װערט אין אַ שײנעם טאָג משוגע?!... נײן, עס איז קײן װאונדער נישט, אָבער מײנסטנס װערט אַ הונט משוגע פֿון הונגער און צו מאָל אויך פֿון שרעקלעכער צײן־װײטיק. דערפֿאַר האָבן זיך די מענטשן געמאַכט דערפֿון אַ װערטל: „ער איז הונגעריק װי אַ הונט", װײַל אַזױ הונגעריק װי אַ הונט קאָן זײַן, קאָן קײן שום בריאה נישט זײַן. פֿאַר װאָס? װײַל ער איז אַ מפֿונק אויפֿן עסן...

(„טאַקע דערפֿאַר זאָגט רבי יונה: דער אײבערשטער װײסט אַז דער הונט האָט װײניק שפּײַז, האַלט ער אויף זײַן שפּײַז דרײַ טעג אין זײַנע געדערים... רב המנונא זאָגט: געװײנטלעך װאַרפֿט מען צו אַ שטיקל פֿלײש פֿאַר אַ הונט... רב פּפּא זאָגט: עס איז נישטאָ קײן גרעסערער אָרעמאַן װי אַ הונט, װײַל ער עסט נישט סײַ װאָס")...

...אוודאי איז בעסער, אָדער דאָס בעסטע, איז פֿלײש. אָבער אַז ער געפֿינט נישט קײן פֿלײש — דערקלערט דאָס הינטל פֿאַר טאַרקאָן — הריזעט ער אויך בײנער. אָבער דאָך עסט ער נישט סײַ װאָס. קאָן מען דערפֿון נישט משוגע װערן?! איז אונטער דעם אויסרײד קוילעט מען אים אויך מכלומרשט „משוגענע הינט", הגם זײ זענען בכלל

נישט משוגע. אדרבה, די משוגענע הינט כאפט מען זייער זעלטן. די נישט-משוגענע כאפט מען, ווייל זיי זענען נאיווע און נישט דערפארענע, ווי איך זע אז דו ביסט.

— וואס זאל איך, צי אזעלכע ווי איך, טאן? — פרעגט איבער-געשראקן טארקא.

— וואס הייסט וואס? — עצהט אים דאס הינטל — מע גייט נישט ארום אזוי, שלינג-שלאנג, מיט די אראפגעלאזטע אויערן, גלייך גארנישט וואלט דיך נישט אנגעגאנגען... צו וואס האט אונדז גאט גע-בענטשט מיטן בעסטן געהער צווישן אלע ברואים, צו וואס האט אונדז גאט געגעבן די בעסטע ראייה, צי דעם בעסטן חוש-הריח צו דערשנאפן די וייטסטע סכנה, דאס אלץ פארמאגן מיר כדי מיר זאלן געוואויר ווערן צו דער צייט, וואס סע קאן אונדז דערוואַרטן...

— וואס א סכנה, קאן אונדז דערווארטן?

(אויף א הונט לויערט די סכנה תמיד. קיין מאל קאן ער זיך נישט ריכטן פון וואו דאס אומגליק קאן אנקומען... למשל, רעקא, אנאטאל פראנס הונט, האט שוין געוואוסט: „אויף די גאסן פארן ארום וועגענער, גע-שלעפט פון פערד. ווי מוראדיק זענען אט די וועגענער! סע זענען אבער פאראן וועגענער, וואס פארן אזוי, פון זיך אליין און זיי סאפען אזוי הויך, מיט אזא רעש. אויך פון די דאזיקע איז גארנישט זיך צו דערווארטן עפעס גוטס פאר א הונט. איך קאן נישט ליידן די מענטשן וואס גייען אנגעטאן צעריסן, מענטשן וואס טראגן אויף זייערע קעפ קוישן און מענטשן וואס קוילערן פאר זיך פעסלעך. און פון אלע, אלע האב איך צום ווינציקסטן ליב די קינדער, וואס שפילן זיך אין באהעלטעניש, בעת זיי לויפן ארום און ליארמען אין די גאסן. די גאנצע וועלט ווימלט מיט זייער מוראדיקע און פיינדלעכע זאכן")...

— א הונט דארף זיך תמיד האלטן וואך... קיין מאל וועט מען נישט קאנען זיך דערוויסן פון וואו די סכנה קאן אנקומען...

— איך מוז מודה זיין — האט אים טארקא געחנפעט — אז דו ביסט פיל דערפארענער פון מיר. ערשט איצט זע איך ווי פיל איך דארף נאך לערנען. אבער איך פארשטיי נישט די מענטשן: פאר וואס גיבן זיי געלט אויף צו צאלן הינט-כאפערס, ווען זיי וואלטן בעסער געקאנט אונדז ארויסהעלפן מיט שפייז, וואלטן די הונגעריקע הינט נישט משוגע געווארן...

— דאָס איז אַן אַנדער קאַפּיטל — זאָגט דאָס הינטל צופרידן, וואָס ער האָט די געלעגנהייט אַרויסצוווייזן זיינע קענטעניש און דערפאַרונגען — סע זענען פאַראַן מענטשן וואָס גיבן זיך אָפּ אויך מיט הינט, זיי גוטס צו טאָן. אַ הונט וואָס האָט אַ בעל-בית, דער לעבט זיך שוין פיל בעסער ווי אַ הונט אַ „וואַגאַבאַנד“. אַזאַ הונט האָט וואָס צו עסן, האָט זיך זיין דירה (און צו מאָל אויך אַ מלבוש!) און אויב חלילה ער ווערט קראַנק, פירט מען אים צו אַ דאָקטער.

— אַ דאָקטער? וואָס איז דאָס?!

— האָסט נישט געהערט ווען אַ דאָקטער? אַ דאָקטער איז יענער וואָס היילט קראַנקע, מייסטנס זענען זיי צו היילן מענטשן, אָבער סע זענען פאַראַן אויך צו היילן בהמות און חיות. דאָס זענען דאָקטוירים-וועטערינאַרן...

— דיע זענען אויך מענטשן?

— וואָס דען? מענטשן זענען פאַראַן פאַרשידענע, אַי גוטע אַי שלעכטע, אַי מיט רחמנות אַי ווילדע אכזרים... סע קאָן אונדז פאַרדריסן, פאַר וואָס אויף אַ שלעכטן מענטש זאָגן זיי געוויינטלעך: „ער איז שלעכט ווי אַ הונט“. גלייך אַ הונט וואָלט ערגער געווען פון אַ מענטש...

— פאַר וואָס זשע — פרעגט טאַרקאַ — פאַר וואָס זוכט נישט יעדער הונט צו האָבן אַ בעל-בית, וואָס זאָל אויף אים אכטונג געבן?

— צו פרעגן איז גרינג, נאָר צו ענטפערן איז אַ ביסעלע שווערער. סע זענען פאַראַן הינט וואָס בילכער גייען זיי אַרום נע-ונד, אָן אַ בעל-בית, מיט אַלע סכנות וואָס זענען פאַרבונדן מיט דעם מצב, איידער צו דינען ביי אַ בעל-בית און צו זיין געבונדן אויף דער קייט אַ גאַנץ לעבן...

— וואָס זשע ראָטסטו מיך צו טאָן?

— וואָס קאָן איך דיך ראָטן? עס איז שווער צו געבן עצות... איך וואָלט נאָר געוואָלט דיר זאָגן, אַז זאָלסט וויסן אַז אונדזער מצב איז קאָמפּליצירט. איין שטאָט האָבן מיר נישט וואָס צו זוכן. דאָך, אויב דו ביסט אַ משרת ביי אַ בעל-בית האָסטו דיין וואוינונג, ביסט אויסגעזאָרגט מיט אַלעמען און האָסט קיין שום דאגות נישט.

— ווי אַזוי זשע קאָן מען אָנקומען אין שטאָט?

— אָט-אָט, דאָס איז נישט אַזוי לייכט. צו דעם דאַרף מען זיין געבוירן אין אַ הייבל. מע דאַרף זיין פון אַ געווויסער ראַסע. סתם אַזוי

א הונט האָט קיין שום פּרייז נישט. אויב אזא איינער ווי מיר פאַרבלאָנדזשעט אין שטאָט, כאַפּן אים תיכף די הינט-כאַפּערס און עס איז אויס... ביסטו אָבער פון אן איידעלער ראַסע, דאָס הייסט, א יאַגד-הונט, א וואָלף-הונט, א פּעקינעז, צי א פּשוטער פּודל, א שנעקל, וואָס קוים זעט מען עס אָן, נישט מער ווי א שטשורל, אָבער א חנעוודיקס, דווקא צוליב זיין קליינעם געוויקס, צוליב זיינע פּיצינקע פיסעלעך, צוליב זיין לויפן ווי אין א טענ-צל, מיט די לאַנגע האָר זיינע, מיט די לאַנגע אַראָפּגעלאָזטע אויערלעך, צוליב דעם אלעם האָט ער חן אין די אויגן פון א שיינער דאַמע (אָדער איינע, וואָס האַלט זיך פאַר א שיינער, וואָס האָט אלע שיינע מעלות — און סע פעלט איר מער גאָרנישט בלויז א קליין הינטל, וועלכעס זי זאָל פירן ביי א רימענדל!) דעמאָלט ביסטו א מזלדיקע בריאה. מע שפּייזט דיך, מע באָדט דיך, מע צוואָגט דיך, ווי א געפּיעסטעט קינד... אָבער נישט א יעדער, ווי געזאָגט, האָט צו דעם מזל. יאָ, וואו בין איך געבליבן? ביי דער שטאָט. דאָרט האָט איינער, ווי מיר, נישט וואָס צו זוכן. אונדזער לעבן איז אין דאָרף. דאָ איז קלענער די סכנה. אמת, דאָ קאָנען מיר באַקומען עטלעכע שלעק פון איינעם, וואָס הגם דו האָסט אים גאָרנישט געטאָן קיין שלעכטס, האַלט ער אָבער פאַר זיין חוב, אז כאָטש א שטיין דאַרף ער דיר וואַרפן און דיך פאַריאָגן, אָבער קיין הינט-כאַפּערס זענען אין דאָרף נישט פאַראַן. דאָ, אין דאָרף, קאָנסטו דיר געפינען לייכטער, א בעל-בית, איינעם וואָס האָט וויניקער פּרעטענציעס ווי די שטעטרישע, אָבער דו קאָנסט נישט געפינען די באַקוועמלעכקייטן וואָס מע גע-פינט אין שטאָט. נאָכן דאָרף קומט דאָס פרייע פעלד, דער וואַלד, וואו דו באַגעגנסט קוים א מענטש און קיינער טשעפּעט דיך נישט. קיינער הייסט, אז קיין מענטש טשעפּעט דיך נישט. דאָ זענען, אמת פאַראַן חיות, וואָס ווען זיי זענען אויסגעהונגערט וועלן זיי ליינען זייערע לאַפּעס אויף א מאָגערן הונט... אָבער דאָס איז שוין זעלטענער. מע דאַרף נאָר וויסן ווי אזוי זיך אַרויסצודרייען און זיי אויסצומיידן. מע דאַרף זיך נישט שטופּן אין זייערע אויגן...

— דו ביסט נישט געווען אין שטאָט? — פרעגט זיך נאָך געגויער, טאַרקאָ.

איך בין געווען בלויז אין דורכגאַנג. איך האָב איין מאָל אַריינגע-שטעקט מיין נעזל און געוואויר געוואָרן ווי אזוי די זאַך באַשטייט און בין באַלד אויסגעוועזן די צייט. דאָס אלץ, וואָס איך האָב דיר דערציילט, בין איך געוואויר געוואָרן פון איינעם וואָס האָט דאָרט געלעבט, אָבער

צופאַליק האָט ער זיך געבראָכן א פוס. הגם מען האָט אים געדאָקטערט, געהאַלטן דעם פוס וואָכן לאַנג, צווישן צוויי ברעטלעך, אָבער סע האָט נישט געהאָלפן. ער איז געבליבן מיט א מום. ער האָט אונטערגעהינקט. ער האָט נישט געקאָנט גיין, נאָר אונטערגעשפּרונגען בלויז אויף דריי פיס. האָט אים זיין בעל-ביתטע פריי געמאַכט, אין א שיינעם טאָג, פון זיין קייטעלע — און ער איז אוועק אין דער ברייטער וועלט, וואָס ווייטער פון דער שטאָט. ער האָט געוואוסט וואָס סע קאָן אויף אים וואַרטן... ער האָט עס מיר דערציילט...

דאָס הינטל איז פארשווינדן געוואָרן אויף א ווײַלע. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און זיך אויסגעדרייט צו טאַרקאָן...

— און איצט, ליבער ברודער, לאָמיר א ביסל א האווקע טאָן צוזאַמען, ווי איין א דועט. ווי איך זע האָסטו א בעסער קול פון מיר. דו קאָנסט אַרויסלאָזן א קול אויך פון א באַס. איך בין א נעבעכל, א סאָפּ-ראַנדל, אן איידל סאָפּראַנדל, אָבער אַזוי איז דער מינהג: הינט ווען זיי באַגעגענען זיך צי צעשיידן זיך האווקען זיי צוזאַמען א שטיקל געזאַנגל.

אפילו די רעדאַקטאָרן פונעם מדרש האָבן דאָס שוין געוואוסט, ווען זיי האָבן געשריבן: „ווען איין הונט בילט, נעמען זיך צונויף אַלע הינט און בילן אומזיסט און אומנישט" (שמואל רבה לט), אָבער זיי האָבן א טעות געהאַט. קיינער בילט נישט אומזיסט. יעדעס געביל, יעדעס קול, האָט זיין פאַרוואָס, אויב נישט קיין מאַטעריעלן — איז עס א קינסטלערישער מיין — א געזאַנג, נישט פאַרן גוף, נאָר א שירה פאַר דער נשמה. דער אומגליק איז נאָר וואָס מע פאַרשטייט זיי נישט. נישט יעדער באַנעמט אָט די ניגונים. דאָס איז נישט קיין סתם האווקען. דאָס איז א מוזיקאַלישע סימפאָניע, א שירה, געזונגען אויף זייער אופן. זאָגט דאָך דער מידרש:

„רבי ישעיה, דער תלמיד פון רבי חנינא בן דוסא, האָט גע פאַסט אכט און אכציק טעג, תעניתים. ער האָט זיך געפרעגט: די הינט, וועגן וועלכע סע ווערט געזאָגט, אַז זיי זענען עזי-נפש און ווייסן נישט פון קיין זעט, זיי זאָלן זוכה זיין צו זאָגן שירה? האָט א מלאך פון הימל אים געענטפערט: ישעיה, ביז ווען וועסטו פאַסטן וועגן דעם? גאָט האָט געשוואָרן, זינט ער האָט זיין סוד אַנטפּלעקט צום נביא חבקוק האָט ער עס מער קיינעם נישט געזאָגט, אָבער ווייל דו ביסט א תלמיד פון א גרויסן חכם, האָט מען מיך פון הימל געשיקט דיר צו זאָגן: די

הינט, ווען וועלכע סע ווערט געזאגט אז זיי האבן נישט געשארפט זייער צונג אויף די בני ישראל — נאך מער, זיי האבן זוכה געווען, אז מיט זייער צואה זאל מען אויסארבעטן פון די פעלעכלעך פארמעטן אויף וועלכע מע שרייבט תפילין און מזוזות און ספרי-תורות — דערפאר האבן זיי זוכה געווען צו זאגן שירה" (ילקוט רמז קפו).

און מיט א מאל האט זיך דערהערט:

— האו, האו! — אן איידל סאפראן שטימעכל, וואס האט אויסגעזונגען א שיר...

— מאך, מאך, מאך! — האט טארקא זיך באמיט אפצוענטפערן, אונטערצוכאפן דעם טאן... און יעדער האט זיך געלאזט אויף אן אנדערן וועג, אין דער פרייער וועלט.

הינט-שינאה

מע וועט נישט טרעפן קיין מענטש אויף דער וועלט, וואס זאל מודה זיין, אדער כאטש ביי זיך, אין זיין אינערלעכן איך, ווען ער איז מיט זיך אליין, זאל ער א טראכט טאן: וואס איז דאס אזוינס א הונט? יעדער מיינט אז ער ווייסט וואס סע באטייט א הונט. און דאך... א הונט מיט א הונט איז נישט גלייך. זאגט זיך א ווערטל:

"צווישן די הינט איז דא א גוזמא מינים,
וואס זיי צו דערקענען דארף מען זיין מבינים"
(ממו"ם פרק שירה)

יא, סע זענען פאראן פארשידענערליי הינט. דער אונטערשיד צווישן זיי איז אויך פארשידן. זיי צעטיילן זיך אויף מערערע אופנים. אויסערלעך איז שוין אפגערעדט: זענען דאך פאראן אויך פארשידענע ראסן. דא ווילט זיך אפילו נישט פרואוון אויסרעכענען, פשוט דערפאר, ווייל נישט יעדער קען זיך אוים אין דעם ענין. אזוי פיל ווייסט אבער כמעט

א יעדער, אז סע זענען פאראן פשוטע פאסטעכישע הינט, וואָלף־הינט, וואָס זענען לויט זייער גרייס בבבודיקע און רופן ארוים אויפמערקזאמקייט צוליב זייער שטאָלצן שטעל, אפילו ווען זיי וואַרפן אויף אייך נישט אָן קיין מורא, רופן זיי אָבער דאָך ארוים רעספעקט, ווייל מע קאָן זיי נישט איגנאָרירן, אדרבה, מע דארף זיין פאָרזיכטיק, אז זיי זאָלן אייך טאקע יאָ איגנאָרירן און נישט נעמען אין אכט...

דערנאָך זענען פאראן מיטלוויקסיקע הינט, טייל מיט קורצע האָר און טייל מיט לאנגער וואָל, כמעט לענגערע ווי ביי שאָף. סע זענען פאראן קליינטשיקע און אויך גאָר קליינטשיקע, אז ווען מע דער־זעט זיי קומט אָן צו לאכן: ווי אזוי איז עס מעגלעך אזא קליין הינטל, וואָס איז נישט גרעסער פון א שטשור (זאָלן זיי מוחל זיין דעם נישט בבבודיקן פארגלייך), וואָס איז געוויינטלעך באגלייט פון א דאמע, א שיינער (און צו מאָל נישט דווקא א שיינער!). מיסתמה, ווען טשעכאָוו האָט געשריבן זיין בארימטע נאָוועלע „די דאמע מיטן הינטל" האָט ער טאקע אזא מין קליין ווייס הינטעלע געהאט פאר זיינע אויגן...

נאָר וואָס דארף מען בריידן וועגן די פארשידענע ראסן, ווען אויך צווישן איין און דער זעלביקער ראסע זענען זיי דאָך אויך נישט אלע גלייך. טייל זענען ווייסע, ווי שניי; טייל זענען פעך־שווארץ; טייל זענען גרוי, שמוציק גרוי; טייל זענען געשטרייפטע מיט פארשידענע פלעקן־געמעלן, דאָס הייסט טערקאטע — ווי אונדזער טארקאָ (אגב האָט מען זיך שווער געקאָנט באשליסן וואָס פאר א נאָמען מע זאָל אים געבן אויף יידיש: העקטאָר? ראבטשיק? קיין ספעציעלן יידישן נאָמען געפינט מען נישט פאר קיין הינט. מע קאָן זאָגן פשוט „כלב". איז עס נישט קיין נאָמען)...

די אויסערלעכע אנדערשקייטן זעט מען אָן.

סע זענען אָבער אויך פאראן אינערלעכע אנדערשקייטן וואָס מע זעט זיי נישט אָן פון אויבן אויף. זיי שיידן זיך אוים צוליב זייער פאך. יעדער הונט האָט דאָך זיין מלאכה, סיי ער האָט זי געירשנט פון זיינע עלטערן און אפשר אויך אורעלטערן, סיי ער האָט זיך אויסגע־לערנט די דאָזיקע מלאכה אין וועלכער ער איז טעטיק.

זעט מען דאָך אז הינט טיילן זיך אוים אויך צוליב זייער באשעפטיקונג. פאראן הינט אומגעבילדעטע פשוטע עמי־הארצים וואָס קאָנען נישט קיין

צורת אַלף. פאַרשטייט זיך אַז די דאָזיקע זענען וואַגאַבונדן, קיינער וויל זיך מיט אַזעלכע נישט אָנזאָגן. איז בלייבן זיי אָן אַ בעל־בית... וועגן עמי־הארצים רעדט זיך נישט דאָ. יאָ, סע זענען אָבער פאַראַן אויך געשולטע הינט. טייל האָבן נידעריקערע בילדונג, וואָס איז גענוג צו זיין אַ פּשוטער שומר, צו היטן אַ הויז אַ בעל־בתישקייט פון אַ דאָרפס בעל־בית. סע זענען, ווידער פאַראַן הינט וואָס האָבן אַ ביסל העכערע בילדונג און זענען ביכולת צו היטן אַ סטינע שאָף, צוזאַמענצואַרבעטן מיט די פּאַס־טעכער, צונויף צו זאַמלען די שאָף, זיי צו היטן אַז זיי זאָלן זיך נישט דערווייטערן פון דער סטינע, נישט אָפּרייסן זיך פון דער טשערעדע צי אָפּהיטן זיי אַז זיי זאָלן נישט פאַרצוקט ווערן פון אַ וואָלף (אָט דאָס איז טאַקע דאָס וויכטיקסטע ביי זיי). פאַראַן הינט מיט נאָך העכערער בילדונג וואָס זענען דרעסירט און האָבן זיך אויסגעלערנט פאַרשידענע צירק־נומערן, וואָס מע שטייט און מע וואונדערט זיך: ווי אַזוי איז עס מעגלעך געווען אַז אַ הונט, אַ פיר־פיסיקע חיה, זאָל זיך קאָנען אויס־לערנען אַזוי פיל חכמה, צו קאָנען אויספירן נומערן נאָכן באַפעל פון זייער דרעסירער... פאַראַן דרעסירטע הינט וואָס זענען נישט אין קיין צירק, אָבער זיי וואָלטן גאַנץ גוט געקאָנט זיין — זיי זענען פּשוטע שפּיל־צייג ביי דאַמעס, פאַרעלטערטע בתולות וואָס האָבן קיין באַשעפטיקונג, האָבן קיין חברותא, קאָנען זיי דאָך נישט לעבן אַליין, עלנט, צי אַרויסגיין אויף דער גאַס שפּאַצירן אַליין, אָן אַ קאַוואַלער, וואָס זאָל זיי נעמען אונטערן אָרעם — גייען זיי מיט אַ הינטל וואָס זיי פירן אויף אַ רימענ־דל (זעלטן איז עס אַ קייטעלע!). דאָס הינטל לויפט אונטער מיט די פּי־צינקע פיסעלעך, שלעפּט די דאַמע פאָרויס, שטעלט זיך אָפּ און לויפט ווייטער. כדי צו באַווייזן ווי קלוג עס איז איר „פּופּי" שטעלט די דאַמע אָפּ איר הינטל, ביי אַ זייט פון דער גאַס ביז זי גייט אַריין אין אַ געוועלב, לפּנים עפּעס קויפן און ווען זי קומט צוריק אַרויס שטעלט זיך „פּופּי" אויף די פאָדערשטע פיסלעך און איז זי מקבל פּנים, גלייך די מוטער זיינע וואָלט געקומען... אַ סך מאָל זאָגט טאַקע די דאַמע: פּופּי, קום צו מאַמין!...

יאָ, אַ הונט מיט אַ הונט איז נישט גלייך.

אָבער אויך דער כאַראַקטער פון איין הונט איז נישט גלייך מיטן כאַראַקטער פון אַ צווייטן. יעדער הונט האָט זיך זיינע מעלות און חסרו־נות, איז אַ וועלט פאַר זיך, און אַלע אין איינעם? אויף דעם איז נישט אַזוי לייכט צו ענטפערן. אויב מע וויל זיך אַרויסזאָגן וועגן דער הינטישער וועלט בכלל, קאָן מען באַמערקן קאָמפּליצירטע קאָנטראַסטן, וועלכע באַווייזן

זיך ביי פארשידענע געלעגנהייטן... די האלטונג פון איין הונט צום צווייטן איז כמעט יעדעס מאל אן אנדערע. עס איז געווענדט אן די אומשטאנדן די סביבה און די באדינגונגען, צו מאל וועלן זיי זיך צעקריגן וועגן א גארנישט און זיך נעמען בייסן צווישן זיך „ווי די הינט" כמעט אן א שום סיבה... אדרבה, דווקא ווייל עס איז נישטא קיין סיבה. דאס הייסט אז א סיבה איז פאראן — ווייל אן קיין סיבה געשעט דאך גאר־נישט אויף דער וועלט — נאר די סיבה איז לגמרי אן אנדערע. געפינט זיך אין דער גמרא אזא מין שטעלע: „תנו רבנן, האבן די רבנן געלערנט: דריי האבן זיך פיינט איינער דעם אנדערן, הינט"... (פסחים קיג) פאר וואס? ווייל נישט זעלטן קומט אוים איין ביין אויף זיבן הינט... צו מאל ווייזט עס אוים צו זיין א שינאה סתם, אן וועלכער סיבה. למשל, דער הונט איז שלעכט געלוינט, בייסט ער דעם צווייטן, הגם ער האט אים קיין מאל מיט גארנישט באריטט... זאגט דאך דער זוהר (בשלח): געוויינטלעך, אז מעווארפט א שטיין צו א הונט — בייסט ער זיין חבר. נישט ווייל יענער וואלט געהאט עפעס א שולד — נאר פשוט: יענעם, וואס האט אים דעם שטיין געווארפן קאן ער מסתמא גארנישט טאן, איז כדי זיך „אפצוקילן", בייסט ער זיין חבר, וואס איז דאך אויך נישט מער ווי א בידנער הונט — איז ריזיקירט ער ווייניקער...

זאל מען פון דעם ציען די מסקנות, אז איין הונט לגבי דעם אנדע־רן איז א „הונט" צי הינטיש? ניין, סע וואלט געווען א טעות. אין דער אמתן איז עס נישט אזוי. אדרבה, וויפל מאל וועט מען באוואונדערן דאס געפיל פון סאלידאריטעט צווישן די הינט? הינט האבן זיך אויך זייערע חשבו־נות, הגם נישט יעדער באמערקט עס, ווייזן זיי אבער, אין אן עת צרה, ארוים אזא מין אחדות וואס מע קאן עס נישט אויבאנויפיק דערקלערן. דעם זין פון אזא מין סאלידאריטעט דערקלערט א ביסל די גמרא: „דאס איז א משל צו צוויי הינט פון איין טשערעדע, וואס האבן תמיד געבילט איי־נער אויפן צווייטן. אבער ווען א וואלף איז איבערגעפאלן איבער איינעם, האט זיך דער צווייטער געטראכט: אויב איך וועל אים איצט נישט העלפן, וועט דער וואלף אים היינט פארצוקן און מארגן אויך מיך... מחמת דעם זענען זיי ביידע באפאלן דעם וואלף (סנהדרין קה). דארף מען מאכן דא א גאר קליינע באמער־קונג: הינט, יא סתם הינט, קאנען האבן אזעלכע מחשבות, וואס מע זעט אפילו נישט ביי קיין מענטשן?! אבער אז די גמרא זאגט, לאזט זיך עס נישט אפ־פרעגן. אבער צו דערמאנען אזא מין גמרא, אז עס איז פאראן אזא מין הינטי־שער חשבון — דאס איז כדאי...

יאָ, דאָס איז באַקאַנט. ווען סע לויערט אויף זיי אַ געמיינזאַמע סכנה, אָדער אפילו בלויז אויף איינעם פון זיי — ווען די איבעריקע הינט, אפילו יענע וואָס האָבן זיך נעכטן געקריגט, הייבן קומען צו הילף איינער דעם אַנדערן ביז מסירת־נפש... דאָס הייסט, אַז נישט בלויז יעדער הונט איז אַ וועלט פאַר זיך — נאָר אויך די הינטישע וועלט בכלל איז אַ וועלט פאַר זיך, פון אַ באַזונדערן אופן...

טאַקע מחמת דעם, קאָן מען נישט מישפטן די הינט לויט דעם פאַרהאַלטן פון איינעם פון זיי, אין אַ געוויסן מאָמענט. מע דאַרף וויסן אַז אַזוי ווי צווישן מענטשן זענען פאַראַן פאַרשידענערליי, אַזוי זענען אויך הינט. סע זענען פאַראַן קלוגע הינט, אַזוי ווי סע זענען פאַראַן נאַרישע הינט. דערמיט דערקלערט זיך, וואָס טייל מאָל באַגעגנט מען אַ הונט, וואָס פאַר אַ קליי־נעקייט, וואָס עס איז נישט ווערט די רייד, בייזערט ער זיך און באַלד נעמט ער זיך בילן, גלייך מע וואָלט אים ווער ווייסט וואָס פאַר אַן עוולה אָנגעטאָן... אין דער אמתן איז עס בלויז צוליב זיין נאַרישקייט. מע קאָן דאָך נישט דערוואַרטן אַז אַלע הינט זאָלן זיין חכמים!... מיסתמא האָט גאָט אַזוי באַשאַפן צווישן אַלע ברואים, אַז סע זאָלן זיין חכמים און צו מאָל ווייני־קער חכמים, און צו מאָל, דאָ און דאָרט אויך איינער וואָס איז אַ שטיקל נאַר...

ווי געזאָגט, איז אויך אַ הונט מיט אַ הונט נישט גלייך. יאָ, סע זענען פאַראַן גוטע הינט און סע זענען פאַראַן אויך שלעכטע הינט (אגב, אויב עס איז געקומען די רייד וועגן שלעכטע הינט, דאַרף מען צו אַלעם ערשט דערמאָנען די נקבות... אַ צויג, דאָס איז שוין געווען באַוואוסט, אַז אַ צויג איז רישעותדיקער פון אַ הונט. די גמרא (עירובין פו) דערציילט: „מע זאָגט זיך אַ ווערטל: בילט אויף דיר אַ הונט, קאָנסטו דאָך אַריין גיין אין הויף; בילט אויף דיר אַ צויג — איז גיי דיר אַוועק"... אָבער וועגן צייג וועט נאָך קומען צו רייד אַ ביסל שפעטער, ווען סע וועט דער־מאָנט ווערן וועגן טאַרקאָס דערפאַרונג אין דער הינזיכט)...

נאָר דאָ דאַרף מען זיך אַ ביסל אָפּשטעלן.

אַזוי לאַנג ווי סע האָט זיך גערעדט וועגן די אונטערשיידן, אױ־סערלעכע צי אינערלעכע, וואָס טיילן פונאַנדער דאָס הינטישע פאָלק — האָט מען נאָך געקאָנט דיסקוטירן וועגן דעם, ווייל יעדעס מאָל, פאַר יעדן פאַל, האָט מען געקאָנט געפינען אַ באַווייז פאַר יעדער כאַראַקטעריזירונג. אָבער ווען מע וויל רעדן וועגן גוטקייט צי שלעכטקייט פון אַ הונט — דאָ איז שוין די זאַך אַ ביסל מער קאָמפּליצירט... דאָ זענען שוין די מיינונגען פאַרשידענע. יעדער איינער וועט שטעלן די פראַגע אויף אַן

אַנדערן אופן, לויט זיין דערפאַרונג, פאַרשטייט זיך, סוביעקטיוו. אין זוהר ווערט עס דערמאָנט (בשלח מה): „דער משל זאָגט, ווען מען סע האָט א הונט א מאָל געביסן, יענער וועט שוין אויפּצוּפּאַסן אויך ווען ער וועט בלויז זיין קול דערהערן" (מיסתמה האָט זיך געשאפן א קעגנווערטל: „פאַר א געשלאָגענעם הונט זאָל מען קיין שטעקן נישט ווייזן"). מחמת דעם, וועלן זיך געפינען אזעלכע וואָס וועלן בכלל זיך פרעגן: איז דען פאַראַן א גוטער הונט? זאָגט מען דאָך, טייל מאָל, אויף א שלעכטן מענטש, אז ער איז א „כלב"... אָפט מאָל זאָגט מען עס א ביסל אויף א פאַרשטעלטן אופן, אז ער איז א „ציניקער", וואָס מיינט אויף גריכיש נישט עפּעס אַנדערש ווי „הינטיש"... מיט דעם האָט מען שוין געזאָגט אַלץ וועגן זיין „גוטקייט"... און דאָך, אז מע וויל זיך פאַרטראַכטן, וועט מען אויסגעפינען אז א הונט איז נישט ערגער פון אן אַנדער באַשע־פעניש. מיט וואָס איז דען א הונט ערגער? אדרבה. נעמט א פּאַסטעך־הונט, וועמען האָט ער געקאָנט טאָן עפּעס בייז? צי אז מע נעמט פאַר א משל א יאַגד־הונט, איז ער נישט געוויינלעך פאַרחברט מיט זיין בעל־בית און דינט אים געטריי ביז מסירת־נפש? עס איז באַוואוסט. א הונט איז אונטערטעניק און פאָלגעוודיק. ער הערט זיך צו אויפמערקזאם אויפן בעל־ביתס באַפעלן און איז פּונקט אזוי אויפמערקזאם אויף זיין לאַש־טשען, אויפן בייִן, וואָס מע וואַרפט אים צו. טאַקע צוליב דעם האָט דער זוהר (בלק קצז) צו זיי געגליכן די נשמות: „זיי וואַרטן און האָפן, אז מע זאָל זיי עפּעס צו וואַרפן פון אויבן, ווי א הונט וואַרט אונטערן טיש"... ניין, א הונט איז נישט ערגער, אויב נישט פיל בעסער פון אַנדערע ברואים.

נאָר, עס איז באַוואוסט, אז סע זענען אומזיסט די רייד. ווער וועט עס גלייבן? אפילו ווען די אַרגומענטן זענען לאָגישע, און מע וועט זיי אפשר בעל־כרחו מוזן אָננעמען פאַר גילטיקע, איז אָבער די שינאה צו די הינט, דער אַנטיהינטיזם, שוין איינגעוואָרצלט טיף, טיף אין דער נשמה, אין אונטערבאַוואוסטזיין, אזוי אז אפילו ווען מע וויל קאָן מען נישט אָנערקענען, אז א הונט איז נישט שלעכט, אָדער לכל הפחות נישט ער־גער פון אן אַנדערער בריאה... אזוי איז עס שוין זינט טויזנטער יאָרן, זינט סע עקזיסטירט דער הינטישער שבט. איז אזא זאַך, וואָס איז שוין „באַקאַנט" זינט אזוי פיל דורות, וויל מען איצט באַווייזן דעם היפוך?!

דאָס איז, אויב נישט אוממעגלעך, איז לכל הפחות, שווער. צו דעם דאַרף מען נאָך אַנדערע דורות. אפשר דאַרף אדורך גיין א צייט, אז דאָס זאָל פאַרגעסן ווערן (אויב אזעלכעס קאָן אמאָל פאַרגעסן ווערן?) צו־זאַמען מיט אַלע פאָראורטיילן, וואָס מע האָט איינגעזויגן מיט א מאָל מיט

דער מוטערס מילך — און ערשט דעמאָלט, דורות אחרית־הימימדיקע וועלן אפשר קאָנען בייטן זייער מיינונג וועגן הינט... דערווייל, ווען מע ווייזט אויף ממש מעלות, נישט צום אָפּלייקענען, זאָגט מען: יאָ, אָט דער הונט אייערער איז א גאנץ לייטישער, ער איז טאקע נישט קיין „כלב", ער סאמעוועט אפילו נישט מיט קיין הינט... נאָך מער, ווען מע רעדט פשוט אָן א שלעכטן מיין, באמערקט מען: אייער הונט? ער איז א גאנץ אָרנט־לעכע בריאה, הגם ער איז א כלב... דאָס אָ, די דאָזיקע מיינונג איז אריין אין דער טאָגטעגלעכקייט, כמעט אויך אָן שום בייזע כוונות...

דער אמת איז אָבער דאָך, אז הינט זענען בטבע גוטע. דאָס הייסט, אז ווען זיי ווערן געבוירן זענען זיי בטבע גוטע. אויב מע באגעגנט אין לעבן א שלעכטן הונט, מיט שלעכטע מידות, איז עס דער רעזולטאט פון דער סביבה, אין וועלכער ער האָט געלעבט. די אומשטאנדן, דער אופן פונעם לעבן, האָט אים געמאכט שלעכט. ווייסט מען דאָך, אז פיל מענ־טשן, ווען זיי ווילן האָבן א גוטן שומר אין זייער הויף, טוען זיי כלערליי מיטלען, בינדן אים אויף א קייט, הונגערן אים אוים — כדי אים צו דערציען אז ער זאָל זיין א „שלעכטער" הונט. ווי אזוי דען, קאָן א גו־טער הונט זיין א שומר? א גוטער הונט טויג נישט... אויב ער איז נאָך נישט, דארף מען אים אָנרייצן, אויסהונגערן, האלטן געבונדן אויף דער קייט, אז קוים זאָל ער זיך קאָנען רירן פונעם אָרט כדי אים בייז צו מאכן — נאָר אזוי איז ער „גוט"... א הונט דארף וויסן, און אויב ער ווייסט עס נישט באצייטנס, חזרט מען עס אים איין, אז נישט אלע מענטשן זענען גוטע און מע דארף זיי נישט בייסן. א הונט, וועלכן מע וויל פון אים מאכן פאר א גוטן שומר, דארף מען אים אויסלערנען, אז קודם כל דארף ער בילן, צו וויסן טאָן, ווען סע יאוועט זיך אן אומבאקאַנטער מענטש. דערנאָך וועט מען זען, צי דארף מען אים לאָזן אז ער זאָל זיך דער־נענטערן, צי דארף מען אים טאקע שוין אָנכאפּן ביים לאַץ... ער דארף וויסן אז סע זענען פאראַן אויך שלעכטע מענטשן, למשל גנבים, וועלכע מע טאָר נישט דערלאָזן אז זיי זאָלן זיך דערנענטערן צום הויז. צו דעם צוועק האָבן זיי, די הינט־שומרים, א מויל — קודם צו וואָרענען, דערנאָך, אז זיי זעען אז דאָס בילן איז אומזיסט און האָט נישט קיין פעולה, נישט נאָר וואָס זיי מעגן — נאָר זיי מוזן בייסן... יאָ, א הונט זאָל בייסן, אויף דעם דארף מען אים לערנען, אָדער ווי סע פאסט זיך בעסער צו זאָגן: דארף מען אים דרעסירן.

אזוי, און נאָר אזוי, ווערט מיט דער צייט געוואויר א הונט, אז זיין עובדה איז צו בייסן.

פאר וואָס זשע האָט מען געצויגן די מסקנות, אז א הונט איז בטבע א שלעכטער ?! אויף דעם וועט קיינער נישט קאָנען געבן קיין תשובה. מע וועט פשוט הייבן מיט די אקסלען, ווי א סימן אז מע ווייסט נישט פאר וואָס, נאָר אז מע זאָגט (און זאָגן זאָגט מען דאָך עס שוין טויזנטער יאָרן, זינט דורי-דורות. און ווער זאָגט עס ? גנבים וואָס קאָנען זייער ארבעט נישט טאָן, ווייל די הינט שטערן זיי !), איז עס מיסתמא טאקע אזוי... קענן אזא אָנגענומענעם כלל, געדעכט צי נישט גערעכט, אָבער אז ער איז שוין אָנגענומען, מע ווייסט שוין אפילו נישט זינט ווען, איז שוין כמעט אומזיסט צו רעדן, אז מע זאָל פרוואוון איבערצייגן דעם היפוך.

אזוי דאכט זיך עס אויס, אז אלץ איז קלאָר. אָבער, זיי, די הינט גופא, קאָנען זיך נישט צוגעוויינען צו אזא געדאנק, אז אזוי מוז עס בלייבן אויף תמיד. זיי ווילן מיינען, אז אמאָל אמאָל וועט מען דאָך איינזען, אז זיי זענען בטבע נישט קיין שלעכטע, און בכל אופן נישט קיין ער־גערע ווי סע זענען אנדערע ברואים...

בלייבט דעריבער נישט מער ווי זיך אָפצוגעבן מיט טארקאָן, וועגן וועמען סע רעדט זיך דאָ, און דערציילן, ווי אזוי ער האָט באקומען די ערשטע לעקציע, אז א הונט דארף זיין פאָרזיכטיק און קוקן אויף יעדן אומבאקאנטן מיט אומצוטרוי, זען אין כמעט יעדן אן „אנטיסעמיטיהינט“, וואָס וויל אים, אויב נישט בייז טאָן בכיוון, איז כאָטש אָפנארן.

ווי אזוי עס איז געשען ?

אין איינער א נאכט, בעת ער האָט געוואכט ביים הויז פון זיין בעל-בית, וועלכער האָט אים פון דער ערשטער מינוט אָן אויפגענומען פריינדלעך, צוגעוואָרפן אים א שטיקל פלייש, בעת ער האָט געטרייבערט. יאָ, בעת ער האָט געוואכט אָט יענץ הויז, האָבן זיך דערנענטערט צוויי שאָטנס (ער האָט נאָך נישט צייט געהאט צו באמערקן, אז דאָס זענען מענטשן !) און באלד האָט ער דערזען ווי סע פאלט אראָפ, פאר זיין נאָז, א שטיקל מאמעליגע. נו, וואָס איז דאָס זיך דאָ צו חכמען ? ווי זאָל א הונט זאָל נישט זיין, אז ער זעט פאר זיינע אויגן א פריש שטיקל מא־מעליגע פילאָסאָפירט ער נישט. ער ציט אויס די צונג, אפילו זיך נישט מטריח געווען און — האָם !... ער האָט עס אראָפגעשלונגען. אָבער ווי ! ווי טייער עס האָט אים געקאָסט דער דאָזיקער ביסן.

בכלל איז א הונט קיין מאָל נישט איבערגעזעצט. פאר וואָס? ווייל אויב איצט, אין דעם מאָמענט איז ער יאָ זאט, קאָן ער אָבער דאָך נישט פאָרויסזען, וואָס סע וועט געשען מיט זיין שפייזן זיך שפעטער, מאָרגן. א הונט איז מער נישט ווי א הונט, און א הונט קאָן הונגעריקער זיין ווי א „הונט"... זאָגט דאָך די גמרא (בבא קמא צב): „רבא פרעגט רבה'ן: פון וואו שטאמט דאָס ווערטל, אז דער הונט ווען ער איז הונ-געריק שלינגט ער אויך זיין צואה? ווייל סע שטייט אין משלי (כז-ז):

דער זאטער טרעט זיסווארג מיט די פיס —

און דער הונגעריקער מיינט אז דאָס ביטערע איז זיס"...

קאָן מען האָבן טענות צו טארקאָן, וואָס ער האָט זיך געלאקעמעט אויף א שטיקל מאמעליגע?!

אין דער מאמעליגע איז אָבער געווען עפעס ארייגעלייגט. דער רוח ווייסט וואָס. ניין, נישט דער רוח — דער מענטש. ער ווייסט וואָס ער האָט ארייגעלייגט. טארקאָ, וואָס זאָל ער געווען וויסן?! ערשט שפעטער, ווען ער האָט דערפילט די ווייטיקן, תיכף ווי ער האָט עס נאָר איינגעשלונגען, דעמאָלט האָט ער פארשטאנען, אז מע האָט אים אָפגע-טאָן א שפיצל. אָדער עס איז געווען אויסגעמישט מיט סם, אָדער עס איז פשוט געווען ארייגעשטאָכן א נאָדל, ער קאָן דאָס נישט וויסן. ער האָט בלויז דערפילט, אז די געדערים קערן זיך ביי אים איבער פאר ווייטיק, גלייך ער וואָלט געווען געגעסן צעקרישלט גלאָז (אפשר איז עס טאקע געווען גלאָז?). די קראמפן זענען געווען נישט צום אויסהאלטן. ער האָט נאָך אין זיין לעבן נישט געפילט אזעלכע ביטערע ווייטיקן. ער האָט אָנגעהויבן יעמערלעך צו וואָיען, אין דער שטיל, דערשטיקט אין זיך. ער האָט נישט געוואָלט אויפוועקן די בעלי-בתים, האָט ער געקריניעט ווי א קליין קינד, אין דער שטיל. ער האָט געמיינט, אז דאָס וועט באלד פאר-ביי גיין. סע האָט זיך אים דען נאָך נישט געטראָפן אז סע זאָל אים עפעס וויי טאָן?

דאָס מאָל איז עס אָבער געווען אנדערש. אזעלכע ווייטיקן? דאָס נישט. און זיי לאָזן נישט אָפ, די ווייטיקן... אויפן אנדערן טאָג איז ער שוין געווען אויף אן אמתן שווער קראנק. ער האָט געפילט שרעקלעכע ווייטיקן און פאר זיינע אויגן האָט ער געזען ווי בינען זאָלן ראָיען, ווי אין א קנויל, און ער קאָן זיי נישט פארטרייבן פון זיך. ער האָט נישט געהאט קיין כוח זיך צו רירן, און אויך נישט אפילו א ביסל זיך אדורך צו בילן. גלייך דאָס לשון איז ביי אים אָפגענומען געוואָרן...

דעמאָלט האָט ער געהערט, ווי דער בעל-בית האָט געזאָגט:

— מע האָט טארקאָן אָפּגעססט !...

ווער סע האָט אים געססט ווער עס האָט אים געוואָלט שלעכטס טאָן, דאָס האָט ער נישט געקאָנט וויסן. אָבער ער האָט אָנגעהויבן, זינט דעמאָלט, טראַכטן אז נישט אומזיסט האָט דיר גאָט געשאָנקען א באַזונדערן חוש-הריח, א באַזונדערן געהער, נישט אז דו זאָלסט שלאָפן און חלומען געבראָטענע טויבן, צי לוסטיקע ציג... אויב דו האָסט אויערן, איז שטעל זיי אויף ווי צוויי אַנטענעס — האָסטו אויגן, איז שטעך אדורך די ווייטקייטן און קוק זיך ארום, וואָס סע קאָן געשען. דאָס דאַרפסטו גופא טאָן, קיינער וועט עס פאַר דיר נישט טאָן, אויב נישט דו... אפשר טאַקע דערפאַר האָבן זיך מיט דער צייט, במשך דער געשיכטע (הינט האָבן דאָך אויך א געשיכטע !), במשך פון דורות, אנטוויקלט די חושים פון די הינט, אז זיי זאָלן פריער דערשנאַפּן און דערזען זאַכן, וואָס דער מענטש דערזעט, אָדער דערפילט, פיל שפּעטער ?!...

זינט דעמאָלט האָט טארקאָ נישט געכאַפּט מער אין מויל אריין, אַלץ וואָס סע זאָל אים אונטערקומען. ער האָט אָנגעהויבן זיך אויסקלייבן, וואָס מע מעג יאָ עסן און וואָס נישט, וואוהין מע מעג יאָ גיין און וואוהין נישט. מיט וועמען מע קאָן זיך יאָ חברן און מיט וועמען מע דאַרף זיך באַציִען מיט אומצוטרוי, פאַרזיכטיק, ווי צו אן „אַנטיסעמיטהינט"...

נאָך עטלעכע וואָכן, וואָס די בעלי-בתים האָבן טארקאָן געדאָקטערט, האָט ער צוריקבאַקומען זיינע כוחות. ער איז צו ביסלעך צו זיך געקומען — אָבער א לעקציע, איז עס געווען פאַר אים. די דאָזיקע לעקציע האָט זיך איינגעגעסט טיף אין זיין הינטישן מוח. וואָס טייערער סע קאָסט א לעקציע, אַלץ חשובער האַלט מען דאָך פון איר... און טארקאָן האָט די דאָזיקע לעקציע שיער געקאָסט דאָס לעבן. אזא מין לעקציע, וואָס האָט אים גורם געווען אזוי פיל ווייטיקן, אזא לעקציע גייט זיכער איבער אויך בירושה, פאַר די קומענדיקע דורות הינט...

איז קאָן מען פון אזא פאַל ציִען מסקנות, אז הינט זענען בטבע שלעכטע ? ניין, זאָל זיך יעדער האַלטן ביי זיין מיינונג, צי ביי זיין פאָראורטייל, וואָס ער האָט אפשר מיטגעזויגן צוזאַמען מיט דער מילך פון זיין מוטער... דער אמת איז, אז טארקאָ איז אויך, ווי אַלע הינט, געבוירן מיט א גוטער טבע. אפשר בעסער ווי פיל אַנדערע ברואים. אָבער די סביבה, בלויז דער פאָראורטייל, וואָס רעכנט זיי פאַר די ערגסטע,

פאר שלעכטע, אט דער קלימאט, קאן זיי שוין באמת מאכן פאר צערייצטע, אז זיי זאלן בייסן, ווילד בייסן...

טארקא? ער האט אין זיין גאנץ לעבן געביסן איין איינציק מאל, דעמאלט ווען מע האט זיך געחוזקט, נישט פון אים גופא, נאר סתם פון הינט. דעמאלט האט ער געביסן. און ער האט אויף דעם אפילו קיין חרטה נישט. פאר וואס זאל ער חרטה האבן? אויב מע האט אמאל אויך אים געווארפן א שטיין, האט ער דערמיט זיך נישט צו פיל געערגערט. ער האט עס געקאנט פארשטיין, אז יינגעו, וואס גייען אום פוסט-און-פאס זאלן נאכווארפן שטיינער נאך הינט, אויך ווען זיי זענען אומשולדיקע און האבן קיינעם גארנישט געטאן. ער קאן דאס פארשטיין און במילא אויך מוחל זיין. אבער פארשעמען? טרייבן חוזק פון א הונט — אט דאס קאן ער נישט און וויל בשום אופן נישט מוחל זיין... ער קאן נישט מוחל זיין, וואס מע האלט דעם הונט פארן לעצטן פון דער חיה־געזעלשאפט. ער קאן נישט אראפשלינגען יענע ווערטעלעך, וואס דריקן אוים גרינגשאצונג, ווי למשל יענער זאג פונעם זוהר (בלק ר): „ברענגט מיר נישט אט די דאזיקע מתנה — גיט זי פאר א הונט, זאל ער עס אויפעסן“... צי יענץ ווערטל פון דער גמרא (נדה לא): „נעם ארוים דאס זאלץ פונעם פלייש, טויג עס מער נישט נאר פאר די הינט“... דאס זעלביקע גרינגשאצן געפינט מען אויך אין תנך (שמואל א יז־מג): „ווען דוד האט זיך דערנענטערט צו גלית, דעם פלשתי, האט ער גענומען זיין שטעקן אין זיין האנט און האט זיך אויסגעקליבן פינף גלאטע שטיינער און זיי אריינגעטאן אין דעם פאסטעכזעקל, וואס ער האט געהאט אין דעם בייטל: און דער שליידערער איז געווען אין זיין האנט: און ער האט גענענט צו דעם פלשתי... און דער פלשתי האט געזאגט צו דודן: צי א הונט בין איך, וואס דו קומסט צו מיר מיט שטעקנס?“...

מחמת דעם, ווייל ער האט נישט געקאנט אראפשלינגען קיין ביטול, קיין חוזק, האט ער דעמאלט ארייַנגעשטעקט מיט אזוי פיל שינאה זיינע ציין אין יענעמס פוס, אז סע זאל אים פארגיין דער אפעטיט אן אנדערט מאל צו חוזקן פון הינט...

ביז איצט האט ער נישט געמאכט קיין אונטערשיד צווישן מענטשן און מענטשן. ער האט געזען, אז טייל גייען אנגעטאן מיט העלע קליידער, דארפישע מלבושים, פויערישע גאטקעס זומער, און מיט פילצענע ווייסע צי געלבלעכע הויזן — ווינטער. און טייל מענטשן גייען אנגעטאן מיט טונקל-קאלירטע מלבושים. טייל האבן בערד און טייל זענען אפגע-

גאַלטע. טייל עסן שבת טשאָלנט און וואַרפן פאַר די הינט צו זויגן די ביינער און טייל עסן זייערע בעסערע מאכלים זונטיק, וואַרפן פאַר די הינט זייערע איבערגעבליבענע חזיר־ביינדלעך צי אַנדערע שיריים פון פעטע מאכלים...

דאָס איז געווען דער איינציקער אונטערשיד, וואָס ער האָט געוואוסט צו מאַכן צווישן מענטשן — זינט אָבער, יענער נאַכט, ווען ער האָט שיער באַצאָלט מיט זיין לעבן פאַר יענעם שטיקל מאמעליגע, וואָס ער האָט אַראָפּגעשלונגען, אָן שום כוונות, האָט ער שוין געוואוסט אַז סע זענען פאַראַן פאַרשידענערליי מענטשן, פּונקט אַזוי ווי סע זענען פאַראַן פאַרשידענערליי הינט. מיסתמא זענען ניט אַלע גלייך. סע זענען מיסתמא פאַראַן גוטע מענטשן, ווי זיין איצטיקער בעל־בית, צי ווי די פּאָסטעכער, מיט וועלכע ער האָט זיך דורכגעזומערט ביי דער סטינע, היטנדיק די שאָף — אָבער סע זענען פאַראַן אויך מענטשן ווי יענע, וואָס ער האָט אפילו זייער פּרצוף ניט געזען, נאָר בלויז זייערע שאָטנס, וועלכע האָבן אים געוואָלט אָפּמען...

וואָס קאָן, נעבעך, אַ הונט ווי טאַרקאָ פאַרשטיין? ער האָט זיך אָפּגעגעבן חשבון אַז דער ענין איז ניט אַזוי איינפאַך ווי עס האָט זיך אים ביז איצט אויסגעזען.

יאָ, ער האָט געהערט, אַז יענע וואָס טראָגן אויפן אַקסל אַ ביקס, אָט יענע מענטשן זענען געפערלעך. צו מאָל קאָנען זיי אַראָפּשיסן אַ הונט, סיי ער איז יאָ שולדיק סיי ניט. איז אַז ער זעט אַ ביקס, מאַכט טאַרקאָ פּליטה. אָבער ניט בלויז טאַרקאָ. אַלע הינט, ווען זיי זעען אַ ביקס באַהאַלטן זיי זיך אויס. פאַר וואָס? ווייסן זיי וואָס סע באַטייט אַ ביקס? פון וואו?!

אפשר איז דאָס אויך בלויז אינסטינקט?!

אינסטינקט, צי אויך ירושהדיקע מורא, וואָס איז איבערגעגאַנגען פון דור צו דור. דערפאַר ווייסט מען נאָך ביז היינט ניט קיין דערקלערונג צו אָט דער מאָדנער דערשיינונג, וואָס מע באַמערקט ביי הינט, אויך ווען זיי האָבן אין זייער לעבן ניט געהערט קיין שאָס, צי געזען אַ ביקס...

פיל זאַכן וואָס דער מענטש איז ניט ביכולת צו דערקלערן, מאַכט ער פּשוט אָוועק מיט דער האַנט: אינסטינקט...

אויב אַ מענטש קאָן עס ניט דערקלערן, ווי אַזוי זאָל עס טאָן טאַרקאָ?

מוזיקאַליש צי פֿאָלקלאָריש האווקען

טאַרקאַ קאָן זיך נישט צוגעוויינען, אַז מע זאָל חוזקן פֿון הינט. מע זאָגט, אַז אַ הונט איז צו סענסיבל, צו פּילעוודיק און קאָן זיך נישט צוימען דעם כּעס, ווען ער הערט אַז מע שפּעט פֿון זיינס גלייכן.

איז ווי אַזוי זאָל טאַרקאַ קאָנען שווייגן, ווען ער הערט ווי יינג-לעך שרייען אים נאָך אויף די גאַסן:

הונט, הונט כּל-המין-ט,
איך בין יעקבֿס קינד,
דו ביסט עשׂוס הונט,
אויב דו וועסט מיך בייסן,
וועט מען דיך צערייסן...

וואָס איז דאָס, פֿאָלקלאָר? פֿאַר טאַרקאָן איז עס קיין פֿאָלקלאָר נישט. פֿאַר אים איז עס חוזק טרייבן פֿון איינעם, וואָס הגם מע רופֿט אים הונט — האָט ער אָבער אויך אַ נשמה ווי סיי וועלכער לעבעדי-קער נפֿש...

אָט דאָס איז טאַקע דער אומגליק, וואָס מע האָט זיך שוין אַזוי צוגעוויינט פֿון הונדערטער יאָרן צו חוזקן, צו לאָזן זיך וואוילגיין אויפֿן חשבון פֿון אַ הונט, מיינט מען אַז אים אַרט עס שוין נישט. ער האָט זיך אויך שוין צוגעוויינט? ניין. ער האָט זיך נישט געקאָנט צוגעוויינען און קאָן עס נישט פֿאַרשווייגן מיט גלייכגילטיקייט, ווען מע חוזקט פֿון אים אָפּ, אויך ווען ער ווייזט עס נישט אַלע מאָל אַרויס. אויך דעמאָלט ווען ער לאַכט אויך מכּלומרשט פֿון יענעמס ביזוויליקע און נאַרישע וויצן, וואָס מע מאַכט אויף זיין חשבון.

מע האָט זיך געחוזקט מיט אַלערליי הונט-מעשׂיות, מיט לעבעדיקע און מיט אַפֿילו טויטע הינט... ווערט למשל דערציילט אין תּנך (שמואל ב ט-ח): „און דוד המלך האָט געפֿרעגט: „איז נישטאָ מער עמעצער פֿון

שאולס הויז, אז איך זאָל קענען טאָן מיט אים א גאָטס חסד?" האָט ציבא, וואָס איז אמאָל געווען א קנעכט אין שאולס הויז, געזאָגט „פאראן נאָך א זון פון יהונתנען, א לאָמער אויף די פיס". האָט דער מלך צו אים געזאָגט „אוואו איז ער?" האָט ציבא געזאָגט צום מלך: „זע, ער איז אין הויז פון מכיר, דעם זון פון עמיאלן פון לו-דבר". האָט דער מלך דוד געשיקט, און האָט אים צוגענומען פון דעם הויז פון מכירן דעם זון פון עמיאלן פון לו-דבר. און מפיבושת דער זון פון שאולן איז געקומען צו דודן, און ער איז געפאלן אויף זיין פנים, און האָט זיך געבוקט. האָט דוד געזאָגט: „מפיבושת!" האָט ער געזאָגט: „דאָ איז דיין קנעכט". האָט דוד צו אים געזאָגט: „זאָלסט נישט מורא האָבן, וואָרעם טאָן מיט דיר חסד פון דיין פאָטער יהונתנס וועגן, און איך וועל דיר אומקערן דאָס גאַנצע פעלד פון דיין פאָטער שאולן, און דו וועסט עסן ברויט ביי מיין טיש תמיד". האָט ער זיך געבוקט און האָט געזאָגט: וואָס איז דיין קנעכט, אז דו זאָלסט זיך אומקוקן אויף אזא טויטן הונט ווי איך?"...

אָט, א טויטער הונט, דאָס איז שוין דאָס לעצטע פונעם לעצטן. אויב מען איז שוין טויט האָט מען שוין קיין האָפנונג נישט. אויך דאָ איז ווייזט אוים גילטיק דאָס ווערטל, אז „כל זמן מע לעבט קאָן מען נאָך האָפן"... טאַקע דערפאַר האָט מען חשוב געהאַלטן (עס איז א זעלטנקייט, מע זאָל אָפגעבן פאַר א הונט אזא כבוד!) א לעבעדיקן הונט. האָט דאָך דער קלוגסטער שלמה המלך שוין געזאָגט אין קהלת (ט-ד): „א לעבעדיקער הונט איז בעסער ווי א טויטער לייב". הייסט עס, אז כל זמן דער הונט לעבט איז ער אויך נאָך עפּעס.

אָבער א טויטער הונט? דאָס איז, ווייזט אוים, דאָס נידעריקסטע. והא ראייה: „און ווי דער מלך דוד איז געקומען ביז בחורים, ערשט פון דאָרטן גייט ארוים א מאַן פון דער מישפּחה פון שאולס הויז, וואָס זיין נאָמען איז געווען שמעי בן-גרא, און ער האָט געשאָלטן און געוואָרפן שטיינער אויף דודן און אויף אלע קנעכט פון מלך דודן... האָט אבישי בן-צוריה געזאָגט צום מלך: פאַר וואָס זאָל דער דאָזיקער טויטער הונט שעלטן מיין האר דעם מלך?" (שמואל ב ו-ט).

מע האָט נאָך צוגעלייגט צו א טויטן הונט נאָך איין ווערטל: „דאָ ליגט דער הונט באַגראָבן", ווען מע וויל זאָגן, אז דאָ איז דער סוד, אָדער דערקלערונג אויף א זאַך, א מיין וואָס עס איז נישט לייכט צו דערגיין.

בעסער וואָלט מען וועגן דעם נישט גערעדט, ווייל הינט ווערן געוויינט־לעך נישט באַגראָבן אין ערגעץ. דאָס איז שוין זייער מזל... זעלטן, ווען א בעל־בית, וואָס האָט זיך צוגעוואוינט צו זיין געטרייעם הונט, און ווען ער שטארבט (יאָ, שטארבט — נישט פגרט!), באגראָבט ער אים אין זיין גאָרטן. אזוי קומט דאָך אים, פאר זיין געטריישאפט במשך זיין גאנצן לעבן...

נאָר פאר וועמען זאָל זיך טארקאָ באקלאָגן?... דאָס זענען געדאנ־קען פון א הונט, וואָס האָט טענות צו יעדן, גלייך ער אליין וואָלט גע־ווען די איינציקע בריאה, וואָס לײַדט רדיפות. סע זענען פאראן געננג עוולות אויף דער וועלט, נו, קאָן עמעצער זיך אָפּשטעלן און אויסהערן די באקלאָגענישן פון א הונט?!

נאָר, צוריק געשמועסט, וואָס האָט ער פון אָט דער טרייסט, אז סע זענען פאראן אויך אנדערע, וואָס ווערן גערודפט? אז די צרות פון אנדערע קאָנען זיין צו מאָל א טרייסט, איז זייער שיין אין דער ליטע־ראטור, צי אין פאָלקלאָר פון טרייסט ווערטלעך. פאר אים אָבער האָט עס קיין שום פראקטישן ווערט נישט.

טאקע דערפאר איז אים נישט איין מאָל געקומען דער געדאנק, אז ער זאָל זיך אוועקלאָזן אין וועלדער, אין בערג, וואו סע לעבן נישט קיין מענטשן, און נישט קיין „אנטיסעמיטיהינטן" — נאָר חיות (אָפּט מאָל קאָן ער דאָך זיך בעסער איינפארדשטיין מיט חיות ווי מיט מענטשן!). אפשר וועט מען דאָרט, וואו מע ווייסט גאָרנישט וועגן אים, נישט דערקענען אים אז ער איז א הונט... וואָס דען? סיי וואָס — נאָר קיין הונט נישט. ער וויל שוין מער נישט הערן קיין חכמעלעך אויף זיין חשבון... הגם מע זאָגט יעדעס מאָל, אז מע מיינט נישט אים. ער איז אן אויסנעם. ער סאַ־מעוועט אפילו גאָרנישט מיט קיין הונט. וואָלט ער עס אליין נישט געזאָגט, וואָלט מען דאָך דאָס בכלל נישט געוואוסט... וואָס דען, האָט מען געמיינט, אז ער איז? עט, סע רעדט זיך נאָר אזוי, אין אלגעמיין, וועגן הינט בכלל. ניין, ער וויל זיין ער. ער. מע זאָל נישט קוקן מער אויף אים מיט בי־טול, ווי אויף א „הונט"... וויל ער טאקע גיין און זוכן אן אָרט, וואו די וועלט האָט אן עק, מע זאָל אים נישט פרעגן מער, ווער ער איז, ווער סע זענען געווען זיינע עלטערן און עלטערנס עלטערן, מע זאָל אים נישט דערמאנען מיט א ווינק אפילו, אז ער איז א הונט... און אז א הונט, איז וואָס?

ווען ער הערט, אז עמעצער קומט נאָך, ווי אזוי א הונט בילט — ציגדן זיך אין אים אָן די בלוטן...

וואָס איז זיך דאָ צו חוזקן?... פאַר וואָס איז זייער האווקען ווייניקער מוזיקאַליש, ווי סיי וועלכער ניגון, וואָס אַנדערע ברואים זינגען? איז דען א הינטיש פרייליך האווקען ווייניקער מעלאָדיש ווי א געזאַנג פון א פויגל, למשל?! די הינט דריקן אויס אזוי זייער פרייד... האָט דאָך יעדע בריאה רעכט צו האָבן איר פרייד, און אזוי ווי די פרייד, מעג זי דאָך האָבן איר נגינה. איז דאָס הינטישע האַרציקע האווקען, ווינציקער נגינה?... דאָס זענען טויב-שטומע, טראַכט זיך טאַקע. וואָלטן די דאָזיקע ברואים, וואָס לאַכן פון הינטישער נגינה-האווקען, געהאַט כאָטש א ביסל חוש פאַר נגינה, וואָלטן זיי דאָך באַנומען אין סיי וועלכן הינטישן געביל אזוי פיל עמאָציע פון פרייד, אָדער טרויער, וואָס פאַרמאָגט מער נגינה אפילו ווי דאָס מענטשלעכע געוויין...

פאַרצייטנס האָט מען עס געוואוסט, אז דאָס געבילעריי פון הינט איז נישט סתם אזוי אין דער וועלט אריין, סתם אזוי אָן א סיבה און אפילו נישט אָן א זין. ווען הינט בילן, האווקען זיי נישט סתם אזוי ווי טייל מיינען, אז צו דער לבנה. ניין אין דער גמרא (בבא קמא ס) ווערט דערציילט: „ווען הינט וואָיען אין א ווינענדיקן געביל, איז א סימן אז דער מלאך-המות גייט ארום אין ישוב — ווען די הינט שפילן זיך, איז א סימן אז אליהו-הנביא קומט אָנזאָגן גוטע בשורות, אָדער עמעצן ארויסהעלפן"...

וואו זענען, למשל, די אויערן, וואָס זענען ביכולת זאָלן באַנעמען די סימפאָנישע קולות פון א הונט, ווען ער בילט טאַקע צו דער לבנה? וויפל שיינקייט, וויפל פילפאַכיקער אָפקלאַנג, ריטעם און האַרמאָניע?

און דאָס רעדן פון א פאַרלעצטן הונט, ווען מע האָט אונטערגעהאַקט א פוס, און ווען ער לויפט פליטה, בלויז אויף זיינע דריי פיס, וויפל יאָמער ליגט באַהאַלטן טיף אין יעדן געביל?!

ניין, טאַקע האָט זיך איבערצייגט, די ברואים, די בעלי-חיים, אפילו א מענטש איז אויך ווי טויב צו אזא סובטילער מוזיק. אומזיסט, ער פאַרשטייט עס נישט. ער נעמט דאָס אָן, ווי א פשוט וואָיען, נישט פאַרשטייענדיק אפילו קיין קוצו-של-יוד פון יעדער מוזיקאַלישער נאָטע יעדע וויבראַציע פון א הארץ וואָס פילט.. יאָ, אויך א הינטיש הארץ פילט!

איז דען א ספק צי א הונט לעבט איבער עמאָציעס, וואָס דריקט זיי אויס אויף זיין אופן, אין א מאָדולירטן האווקען? אנו, זאָל מען אמאָל

א קוק טאָן אין די אייגן פון א הונט, ווען ער האָוקעט שטיל, ווי דערי־שטיקט דאָס קול אין זיך, מע הערט נאָר קלאַנגען פון: „מאך, מאך־אאך"... זאָל מען זיך אין זיי ארײַנקוקן, ארײַנדרינגען אין זיי טיף, טיף, ארײַנקוקן אין יענע אויגן, ווי אין א ים, וואָס ברויזט מיט כוואַליעס... איז נאָך נישט באַוואוסט, אז יעדע טרער וואָס מע באמערקט ביים אויג־ווינקל פון א הונט — איז א ים?!... מע וועט אין יענעם ים דערזען פילזאַגנדיקע רעגנבויגנס. צו מאָל וועט מען דאָרט ארויסלייענען פרייד, ליידנשאַפט, ליבשאַפט, געטריישאַפט, מסירת־נפש, וואָס איז גרייט אוועקצוגעבן דאָס אייגענע לעבן, נאָר צו היטן און שיצן זיין בעל־בית; און צו מאָל וועט מען דאָרט ארויסלייענען שינאה. יאָ, שינאה. אויך שינאה קאָן זיין הייליק, ווען זי איז אן ענטפער אויף ביטול, אָן א פאַרוואָס, ווען מע וואַרפט אים א שטיין, אומזיסט און אומנישט.

ווען מע זעט א הונט, אז ער הייבט זיך אויף, גייט אוועק מיט פאַמעלעכע טריט, מכלומרשט באַלעקט ער זיינע אויסגעטריקנטע ליפּן, זאָל מען וויסן, אז אין זיין נשמה שפּילט זיך עפּעס אָפּ, א טראַגישע וויטיק, נאָר ער האַלט זיך צוריק און קאָן נישט, צי ער וויל נישט, ארויסווייזן זיין עגמות־נפש, — איז בעסער פאַרשווייגט ער און מיידט אויס דעם בליק...

אויב סע רייסט זיך ארויס דעמאָלט, אפילו אָן זיין רצון, א קול פון א האָוקע, אן אָפּקלאַנג פון א טיפן, כמעט נישט געהערטן ביכן, — איז עס א נאָטע פון אן עלעגיע, פון א קלאַגנדיקן „איכה". א קרעכץ פון א קדיש־געוויין...

יאָ, עס איז בעסער ווען מע מיידט אויס אזא מאָמענט, און מע רייצט נישט אפילו קיין הונט צו פיל, ווייל אלץ האָט דאָך א גרענעץ... א הונט איז דאָך אויך נישט מער ווי א „הונט"...

פאַראַן אויך מענטשן?

טאַרקאַ, ווען ער הייבט אָן צו שפּינען זיינע זכרונות, הייבט ער אויך אָן מיטן באַנאַלן „אמאָל איז געווען"... וואָס איז נישט געווען אמאָל?

ווען מע קומט אָן צו א געוויסער עלטער, הייבט מען אָן צו לעבן מיט זכרונות. פּשוט, ווייל דער איצטיקער מעמד איז א נידעריקערער

ווי דער געוועזענער, איז דערפאר באקוועמער צו לעבן, כאטש מיט די זכרונות, מיטן אמאל.

טארקא לעבט אויך שוין בלויז מיט זכרונות. וועגן דעם זעלביקן מאטיוו. אויך זיין מעמד איז שוין נישט דער וואס ער איז געווען פאר־צייטן, ווען ער איז נאך יונג געווען, געגאנגען האפערדיק מיטן עק אויפ־געהויבן, העכער ווי זיין גלאנצנדיקן רוקן. ער האט אים געטראגן, ווי מע טראגט א פאן, האפערדיק, מיט א גאווה, וואס נאר יונגערהייט קאן מען זיך עס דערלויבן...

איצט איז דער עק זיינער אראפגעלאזט. ער הענגט נאך ווי אן אי־בעריקע זאך, גלייך ער וואלט זיך מיט אים געשעמט. הגם, וואס האט ער זיך מיט אים צו שעמען? אמת, ער איז שוין נישט מער דער באוואק־סענער עק, וואס האט געקאנט דערמאנען אין א שיינעם פוקסענעם עק (ער איז דען א פוקס? ער איז דאך נישט מער ווי א הונט!) און ווי פאר א הונט, איז ער דאך אן עק ווי אלע עקן...

אפילו די פארצייטישע לעגענדע, ווען מע האט זיך נאך אפגעגעבן מיט ארייגלייגן אין חרם, האט מען נישט פארגעסן אויך אן דעם עק פון א הונט. די גמרא (מועד-קטן יז) דערציילט: „רב יוסף זאגט: ווען דו ווארפסט ארויף דעם חרם אויך אויפן עק פון א הונט וועט עס אויך ווירקן. עס איז טאקע געווען אזא פאל, ווען א הונט האט אויפגעפרעסן די שיך פון איינעם פון די רבנן, און מען האט נישט געוואוסט ווער דאס האט געטאן, האט מען אים ארייגעלייגט אין חרם. און עס איז געשען, אז דער עק האט זיך אנגעצונדן און דער הונט איז פארברענט געווארן“...

טארקא האט נישט קיין מאטיוו צו זיין געפאלן ביי זיך צוליב דעם. נאר, האט מען דען דערוף יעדער זאך א דערקלערונג? עס איז גענוג אז דו פילסט זיך דערשלאגן, אראפגעזעצן ביי זיך, איז דאס שוין גענוג אז ער זאל זיך אויסבאהאלטן אדער פרואוון זיך אויסבאהאלטן, אז מע זאל נישט זען דעם עק, הגם אמאל, אין דער יוגנט, האט מען זיך געגרויסט מיט אים.

אין זוהר (נשא קז) ווערט דערמאנט א ווערטל: „ווער עס איז אראפ־געפאלן פון זיין פריערדיקער מדריגה, ווערט אנגערופן א מת“. דער פאלקלאר האט מיט דער צייט פארוואנדלט דאס ווערטל (נדרים סד) פון „עני חשוב כמת“ אויף „עני חשוב כ-פעם“ (פעם, איז אויף רוסיש טייטש: א הונט!). איז פונעם ווערטל, אז אן ארעמאן איז גלייך ווי א טויטער, געווארן א ווערטל, אז אן ארעמאן איז גלייך צו א הונט...

יאָ, היינט לעבט טאַרקאַ בלויז מיט די זכרונות. ער מישט אויף צו מאָל די זכרונות פון אַמאָל, ווען ער איז יונג געווען און דערמיט פּרוּווט ער פאַרזיסן זיין טרויעריקן היינט. ער האַלט אויף ווי אַ פילם די צייטן פון אַמאָל, כדי צו געפינען אין די נעכטיקע בילדער אַ ביסל זאַלץ צו געבן אַ טעם דעם קאַלעמוטנעם היינט...

*

זיינע קינדער-יאָרן האָבן זיך אים ווידער און ווידער אַמאָל אויפגעבראַכט אין בילדער פון יענע צייטן ווען ער איז אויפגעוואַקסן הפקר, אָן אַ בעל-בית. איין זומער האָט ער זיך צוגעקלעפּט צו אַ טשעדערדע שאָף, אַרומגעלאָפן מיט דער אַרויסגעשטרעקטער צונג, גלייך מיט די עלטערע חברים זיינע, וועלכע האָבן אָפּגעהיט די סטינע — האָט עס געהייסן, אַז אויך ער איז אַ שומר, אַז די וועלף זאָלן זיך נישט דערנענטערן צו דער סטינע. דאָס הייסט אַז ער עסט נישט אומזיסט דאָס שטיקל מאַמעליגע, וואָס די פּאַסטעכער וואַרפן צו פאַר די הינט, און ער האָט קודם בגניבה, דערנאָך מיט אַ ביסל העזה, אויך געגעסן מיט זיי צוזאַמען, ווייל מיט דער צייט האָבן אַלע הינט געוואוסט אַז ער איז אויך איינער פון זיי, הגם ער איז געווען גאָר יונג — איז ער געווען ווי אַ לערניינגל (פון אַזאַ לערניינגל קאָן דאָך צו מאָל אויסוואַקסן צו ווערן אַ קוואַליפיצירטער שומר, אַז ער זאָל אָנקומען צו אַרבעטן אויך ביי דער פּאָליציי!)...

אמת, ער האָט געוואוסט, און ווען ער האָט עס נישט געוואוסט, האָבן זיי עס אים געלאָזט אָנצוהערן, אַז ער זאָל זיך נישט שטופּן וואו עס איז נישט זיין עסק. אויב ער האָט זיך יאָ געוואָלט אַריינמישן וואו עס איז נישט געווען פאַר זיין עלטער, האָט ער זיך געקאָנט דערזען מיט אַ צעביסענעם אויער — האָט ער געמוזט, אויך ווען ער האָט נישט געוואָלט, וויסן אַז ער איז נאָך נישט קיין פולער הונט, נאָר בלויז אַ צאָציק און ער איז מחויב צו האָבן דרך-ארץ פאַר אַן עלטערן.

האָט ער געוואוסט: ווען די עלטערע, דערוואַקסענע הינט, לויפן אַרום מיט די אויפגעהויבענע עקן, האָט ער דאָס אויך געטון — אָבער מיט פאַרזיכט. ער האָט נישט געוואַגט זיך צו דערנענטערן צו דער צויג, נאָך ווערמענס עק פון די האָבן נאָכגעשמעקט זיינע עלטערע חברים.

דאָך האָט עס געהייסן, אַז ער איז שוין אויך אַ ביסל געשולט. ער האָט פאַרבראַכט אַ זומער ביי אַ סטינע. הייסט עס דאָך, אַז ער ווייסט שוין ווי אַזוי מע דאַרף זיך אויפפירן אין דער חברותא, ווי אַזוי מע דאַרף היטן די שאָף, ווי אַזוי מע דאַרף זיי טרייבן אַז זיי זאָלן נאָכגיין

דעם פאסטעך, וואָס גייט פאַרויס צו א פריש פּאַשע-פעלד, צי זיך אָפּ־שטעלן און פּאַשען דאָ, און נישט ארומגיין, ווי אָן א בעל-בית.

אָבער ווען דער זומער האָט זיך געענדיקט און די שאָף האָבן זיך צוריקגעקערט פון דער פּאַשע אין די בערג, האָט ער שוין נישט געפונען תיכף זיין אָרט. איז ער ארומגעגאנגען א שטיקל צייט הפקר, ווידער איז ער געבליבן אָן א בעל-בית. אָבער זובנדריק האָט ער צופאַליק אָנגעטראָפן אין א דאָנערשטיק עטלעכע הינט, וואָס שלאָגן זיך פאַר דער יאטקע, און כאַפּן פון צייט צו צייט א שטיקל פלייש, וואָס מע ווארפט זיי צו, בעת מע טרייבערט דאָס פלייש.

דאָס איז געווען פאַר אים א נייעס. פלייש, דאָס האָט ער ביז איצט זעלטן טועם געווען, אָבער בלויז בגניבה און צופאַליק. אָבער אז מע זאָל צוווארפן שטיקלעך פלייש פאַר הינט? דאָס האָט ער געזען צום ערשטן מאָל. אָבער אריינלאָזן זיך אין מחלוקות דאָס האָט ער דאָך נישט גע־קאָנט. ווען מען וועט קומען אויפן געדאַנק אָנצוהייבן א מלחמה קעגן אזוי פיל הינט? איינער קעגן פיל?! אָט דאָס געזעץ קאָן ער דאָך שוין פון לאַנג. איינער קעגן איינעם — דאָס יאָ. דאָס קאָן ער זיך אויך דערלויבן, ער איז נישט שוואכער און נישט מער פּחדן ווי סיי וועלכער הונט (דאָ מעג מען אונטערשטרייכן, אז מע דאַרף מאַכן א חילוק צווישן „מורא" און „פּחד" — שוין אָפּגערעדט וועגן „פּחדנות". אויב מע רעדט מיט ביטול וועגן פּחדנות, דאַרף מען דאָס נישט טאָן ווען מען רעדט וועגן פּחד. און וואָס שייך מורא, איז שוין אָפּגערעדט — דאָס איז א נאָרמאַל געפיל! אויך איינער קעגן צוויי, קאָן אמאָל, אויב ער איז א ביסל געשיקט, קאָן ער אויך גובר זיין. אָבער קעגן פיל אויפגערייצטע הינט, וואָס ווילן אריינ־כאַפּן א ביסן? דאָס איז דאָס גרעסטע שטות. דאָס קאָן טאָן נאָר א שוטה אָדער איינער וואָס וויל באַגיין זעלבמאָרד. און אויף זעלבמאָרד איז טאַרקאָ קיין מאָל נישט געווען קיין קאַנדידאַט...

אזוי ווי קיין שוטה איז ער נישט, און קראַצן זיך וואו מע בייסט אים נישט, וויל ער אויך נישט, שטייט ער עניוותדיק ביי א זייט, און לויערט אויף יענער מינוט ווען די איבעריקע הינט זענען פאַרנומען מיט א ביסן, און ווען מע טוט א וואָרף נאָך א שטיקל פלייש — שפרינגט ער אונטער און כאַפּט עס אויף, נאָך בעת עס איז אין דער לופט, ער ציט זיך תיכף צוריק, אין א זייט, און הייבט אָן הריזען... מיט דער צייט האָט ער באַמערקט, אז מע ווארפט אים בכיוון צו א שטיקל פלייש, אָבער מע

זוארפט עם א ביסל העכער ווי געוויינטלעך. מיסתמה געפעלט דער שפרונג, וואס ער טוט, בדי צו כאפן זיין שטיקל פלייש...

די הינט האבן עס באמערקט. זיי האבן אנגעהויבן צו קוקן מיט רינזה אויף זיינע קינצלערישע שטיק. האבן אנגעהויבן צו האווקען דער־שטיקט, מיט אנזאג, אז אויב ער וועט פארזעצן מיט זיינע שטיק, וועלן זיי אנהייבן רעדן מיט אים אויף אן אנדערן לשון. דאס איז געווען פאר אים א צייכן, אז ער זאל זיך צוימען. נישט אויפרייצן פיל זיינע עלטערע חברים. ווייל אויב זיי האבן אים לכתחילה טאלערירט, איז האבן זיי אנ־געהויבן שטיל צו בילן, שפריצנדיק מיט שינאה, וואס קאן זיך פארוואנד־לען אין א מילחמה, פון וועלכער ער קאן דער זינגער נישט זיין...

האט ער זיך אפגעשטעלט צו דער צייט. ער האט זיך צוריקגע־צויגן, איינהאלטנדיק זיין תאווה צו פלייש. גלייך ער וואלט געווען א היי־ליקער וועגעטאריאנער... אבער ווען די חברותא איז זיך צעגאנגען, נאך דעם ווי די יאטקע האט זיך געשלאסן, איז ער נישט געגאנגען מיט זיי. ער איז געבליבן ווייטער דארט און זיך געדרייט ארום הויז, גלייך דאס וואלט געווען זיין היים פון ווער ווייסט שוין זינט וויפל צייט. נאר, צוריק געשמועסט, פאר וואס זאל דאס נישט זיין זיין נייע היים? טארקא האט זיך געהאט זיין חשבון: עלנט איז ער. וואוהין צו גיין איצט זוכן בעלי־בתים, דאס האט ער נישט געוואוסט. איז צו וואס זיך איילן? ניין. ער וועט ליבער דא זיצן, פארן הויז, אוןווארטן. אפשר וועט מען אים דערזען. ער האט דאך דערפילט אז דער בעל־בית סימפאטיזירט מיט אים. ער האט עס באמערקט, דעמאלט ווען ער האט געווארפן פון מאל צו מאל א שטיקל פלייש, האט אים געפעלן ווי אזוי ער שפרינגט אונטער עס כאפן. דאס וואס די עלטערע הינט זענען שוין נישט געווען בכוח אזוי אונטער־צושפרינגען. איז אויב עס איז אזוי, אויב דער בעל־בית האלט פון אים באטש ווי ווייניק, איז זאל ער עס ארויסווייזן איצט, ווען די אנדערע הינט זענען שוין נישטא, און ער דארף איצט קיין שום מורא נישט האבן.

האט זיך טארקא איינגעדרייט, ווי א בייגל און געדרימלט פאר דער טיר, גלייך ער וואלט דא געווען דער באצאלטער שומר. ניין, ער האט נאך זיין מלאכה נישט געטאן אזוי ווי סע באדארף צו זיין. ער האט נישט געבילט ווען עמעצער האט זיך דערנענטערט צו דער שטוב. אבער ער האט באגלייט יעדן ריר. ווען די טיר האט זיך געעפנט איז ער אויפגעשפרונגען, זיך דערנענטערט, געדרייט מיט חניפה מיט זיין עק און

געוואָרט אויף א ווינק, סיי וואָס מע וועט פון אים פאַרלאַנגען וועט ער אויספירן, ווי א געטרייער הונט. אמת, פון מאָל צו מאָל האָט ער אַרומ־געלאָזט א שטילן ברום, אז מע זאָל ווימן אז ער איז דאָ.

ערשט אין דער פרי, ווען די יאַטקע האָט זיך ווידער געעפנט, האָט ער באַקומען אביינדל, וואָס דער בעל־בית האָט אים צוגעוואָרפן. ער האָט עס אויפגעכאַפּט מיטן זעלביקן שפּרונג, גלייך ער וואָלט גע־ווען געענדיקט א צירק־שול. ער האָט געזויגן און געזויגן דעם ביין, אויך דעמאָלט ווען ער האָט שוין נישט געפילט גאָרנישט. דער ביין איז שוין געווען אָן א ביסל מאַרעך־זאַפט, אָבער ער האָט דערפילט אין אָט דעם ביינדל, אז ער איז שוין נישט אָן א בעל־בית. דאָס מאָל איז ער שוין נישט קיין גאַסט, צי קיין טאָלערירטער צוגעקומענער. אזוי לכל הפחות האָט ער זיך געפילט... און צו מאָל איז דאָס אויך שוין געגוג, אז די זאַכט זיך פילן אזוי, דערנאָך קומט שוין אויך דאָס איבעריקע, פונעם אנדערן צד. דאָס מאָל האָט ער זיך שוין דערפילט ווי אן אנגאַזשירטער, ווי א סטאַביליער שומר. ער האָט שוין א בעל־בית? יאָ, ער גופא איז שוין אויך שוין א שטיקל בעל־בית פאַר דער יאַטקע־טיר...

שפּעטער מיט א טאָג האָט ער געהאַט דעם ערשטן זאַטן טאָג אין זיין לעבן. ער האָט באַקומען אין א שיסעלע צו עסן שיריים פונעם טשאָלנט...

ער אליין האָט עס געגעסן און זיך באַלעקט, נישט געשטערט פון קיינעם, ווי קיין מאָל נישט. דער בעל־בית האָט נישט געלאָזט אז אנדערע קאָנקורענטן זאָלן זיך דערנענטערן און אים צונעמען זיין גוטן ביסן... יאָ, דאָס איז שוין א מאכל. ער האָט זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלן אז סע זענען פאַראַן אזעלכע ביינער, מיט אזא טעם.

*

אויך איצט, ווען ער וויקלט אויף אין זיינע זכרונות דעם פילם פון זיין ערשטן שבתדיקן טשאָלנט, באַלעקט ער זיך און שלינגט איבער די סלינעס, וואָס קומען אים אָן בעת ער דערמאַנט זיך פון זיין ערשטן טשאָלנט. יאָ, דעמאָלט האָט ער אָנגעהויבן טראַכטן אז זיין בעל־בית איז עפּעס אנדערש ווי די אנדערע...

איז ער געוואָרן געטריי, ווי א הונט קאָן געטריי זיין. פון איצט אָן איז די שטוב נישט געווען מער הפקר. אהער האָט זיך געקאָנט דער־נענטערן בלויז יענער, וועמען דער בעל־בית האָט דערלויבט. ביז מע האָט אים נישט גערופן און פאַרשטילט, האָט ער געבילט.

אין יענע טעג האָט ער טאַקע באַקומען אויך דעם נאָמען: טאַרקאָ.

ער האָט געהערט ווי מע שרייט „טאַרקאָ" האָט ער קודם נישט געוואוסט וואָס דאָס באַטייט, אָבער אַז ער האָט געזען אַז די רופן קומען באַגלייט מיט די ווינקען צו אים האָט ער פאַרשטאַנען, אַז פון היינט אָן וועט זיין מיסתמה דאָס זיין נאָמען.

ערשט שפּעטער איז ער געוואויר געוואָרן. ער האָט געהערט אַז דער בעל־בית האָט אויפגעקלערט זיינע קינדער, אַז ער איז טערקאַטע, מיט שוואַרצע פּלעקן איבער זיין ווייסער פעל, האָט ער אים אַ נאָמען גע־געבן „טאַרקאָ".

צניעות צי צביעות?

ווען מע זאָל זאָגן, אַז טאַרקאָ איז געווען אַ נישט געוויינטלעכער הונט, וואָס האָט געהאַט פאַרשטאַנד, צי אפילו חכמה, וועט מען, פאַר־שטייט זיך, דאָס נישט זייער גלייבן. איז דערפאַר — צו וואָס טויגן די רייד.

אמת, ער איז טאַקע נישט געווען קיין הונט מיט אַ יחוס־בריוו, ווי למשל ביי דזשעק לאָנדאָן, אַז ער שטאַמט פון אַ וועלפישער משפּחה און האָט אָנגעזאַמלט חכמה פון דורות וועלף, וואָס האָבן זיך מיט דער צייט צוגעוואוינט מיט מענטשן און מיט זייער שטייגער לעבן, מיט זייערע מע־לות און חסרונות. ניין, טאַרקאָ האָט געמוזט אָנהייבן פונסניי. אַלץ וואָס ער האָט געוואוסט האָט ער דערפאַרן אויף זיין אייגענער פעל. גאָרנישט איז אים נישט אָנגעקומען בירושה. אַלץ האָט ער געמוזט אָנזאַמלען פון זיינע אייגענע איבערלעבענישן. טאַקע דערפאַר האָט ער דאָס, וואָס ער האָט איין מאָל זיך אויסגעלערנט פאַרגעדענקט אויף זיין גאַנץ לעבן. דער־פאַר איז ער געווען אַ פּאָרזיכטיקער, כמעט קיינעם נישט געגלייבט, ווייל ער האָט פון זיין פריער יוגנט זיך איבערצייגט אַז מע קאָן און מע טאָר נישט יעדן גלייבן...

וועמען זאָל ער גלייבן? זיינע אייגענע ברידער, די וואָס האָבן געלעבט אויפן זעלביקן שטייגער מיט אים, געשפּייזט זיך מיט די זעלביקע שיריים און די לעבעדיקע וועזנס, וואָס ער האָט געקאָנט אַריינכאַפּן אַמאָל אַ ביסן? זיינע חברים, מיט וועלכע ער האָט געבילט אין כאָר, צי אָפּגעענטפערט פון דער ווייטנס אין אַן אויסגעשטערנטער לבנה־נאַכט אויף אַ יעמערלעכן

בילן, וואָס איז געקומען פון דער שטילער טונקעלער ווייטקייט? — אויך זיי האָט ער נישט געקאָנט פיל גלייבן. ער האָט געזען, אז פאר אן אויס־געטרוקנט שטיקל ביינדל זענען זיי אין שטאנד געווען אים צו צערייסן.

איז אויף וועמען קאָן מען זיך פארלאָזן, אויף די מענטשן? זאָל מען בעסער וועגן דעם נישט דערמאנען, ווייל פאר אים איז יענץ בילד, וואָס ער האָט געזען אמאָל, נאָך אין זיין נישט דערפארענער יוגנט, אָבער עס האָט זיך אים איינגעקריצט אין זיין זכרון, אז ווען ער זאָל לעבן אויך הונדערט יאָר וועט ער עס נישט פארגעסן. קאָן מען דען אזא בילד פארגעסן?!

גלייך ער וואָלט עס איצט געזען פאר זיינע אויגן, דאָס שוידער־לעבע טראגישע בילד: איינער פון זיינע יוגנט־חברים, מיט וועלכן ער פלעגט זיך אמאָל איבעררופן מיט א לוסטיקן האווקען, ווי שומרים רופן זיך איבער ביי נאכט מיט א פייף, כדי זיי זאָל זיך איבערצייגן אז אין זייער נאָענט געפינט זיך נאָך עמעצער וואָס וואכט, כדי מע זאָל זיך נישט פילן אזוי עלנט אין א טונקעלער נאכט...

פארצייטנס, ווען סע זענען נאָך אויף דער וועלט קיין זייגערס נישט געווען, האָט מען זיך באניצט מיט א זון־זייגער: מע האָט אריינגעשטעקט אין דער ערד א שטעקן און ארום אים האָט מען אויסגעקריצט אויף דער ערד א האלבן קרייז, און דער שאָטן פונעם שטעקן האָט געוויזן די שעה, לויט דער פאָזיציע פון דער זון, וואָס טוט מען אָבער ביי נאכט, ווען די זון שיינט נישט? האָט מען זיך אָריענטירט כדי צו מעסטן די שעה פון דער נאכט לויט אנדערע סימנים: מע האָט געוואוסט אז „די נאכט איז איינגעטיילט אין דריי שיכטן, אין דער ערשטער הירזשעט דאָס אייזל, אין דער צווייטער בילט דער הונט, אין דער דריטער זייגט דאָס קינד ביי דער מוטערס ברוסט און די פרוי רעדט מיטן מאן". אזוי דערציילט די גמרא (ברכות ג). אזוי האָט זיך אויך טאַרקאָ אויפגעפירט און געטאָן זיין חוב: ער פלעגט זיך אויך אין מיטן דער נאכט אדורכהאווקען מיט א חבר פון זיינע יוגנט־יאָרן, וואָס איז אויך ווי ער געווען א שומר ביי א שכנותדיקער דירה.

יאָ, האָט זיך יענער יוגנט־חבר איין מאָל זיך געלאָשטשעט ארום א יונג ציגל, א שפילעוודיקס, וואָס איז ארומגעלאָפן ווי אָן א בעל־בית, און זיך ווי געררייצט מיט זיין יוגנט־חבר, ווי דער שטייגער איז שוין גע־ווינטלעך ביי די יונגע מיידלעך, אין וועלכע סע צעשפילן זיך די בלוטן...

ביז יענער האָט זיך געלאָזט נאָך איר, דער יונגער צויג, זיך געשפּילט מיט איר, פאַרלאָפן איר דעם וועג, מכלומרשט זי געביסן ביים אויער. ער האָט זי איבערקערט און זי געוואַלגערט אין סאַמעטענעם גראָז, זי געשלאָגן מיט די לאַפּקעלעך, געביסן זי ביים אייטערל, ביז... זי האָט זיך מכלומרשט נישט געלאָזט באַצווינגען פון אים. אומזיסט האָט ער געפּרוּווט אַרויפשפּרינגען מיט די פאָדערשטע פיסלעך אויף איר רוקן, זי האָט זיך קינצלעך שפּילעוודיק אַפּירגעגליטשט פון אונטער זיינע לאַפּקעס (טאַרקאָ האָט נישט פאַרשטאַנען דעמאָלט אָט דעם גאַנצן שפּיל. ער איז נאָך געווען אומדערפאַרן. פאַר וואָס לויפט זי אַפּיר פון אונטער זיינע לאַפּקעס? זי וויל זיך נישט שפּילן מיט אים, איז פאַר וואָס האָט זי אָנגעהויבן? ער האָט דאָך געזען, אַז זי האָט אָנגעהויבן. ער האָט דאָך געזען מיט זיינע אייגענע אויגן, אַז זי, די צויג, איז געקומען צו אים און אים גערייצט, געדרייט מיטן עק אונטער זיין נאָז און אים ממש אַרויסגערופן — איז פאַר וואָס שפּילט זי איצט די צנועה און מאַכט דעם אָנשטעל, אַז זי וויל גאָר נישט פיר האָבן מיט אים?!)... ער, דער חבר זיינער, איז ווי מיד געוואָרן. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט. ער האָט זיך געוואָלט אָפּלאָזן פונעם גאַנצן שפּיל. אויב נישט — איז נישט. וואָס וועט ער נאָך איר נאָכלויפן? אויב זי וויל נישט, איז דאַרף מען נישט. סע געפינען זיך צייג גענוג, וואָס אַנטלויפן נישט. אדרבה, זיי וואַרטן אויף אים... האָט ער זיך אויסגעדרייט און איז אַוועק.

אָבער מיט דעם האָט זיך עס נאָך נישט געענדיקט. ווען דאָס צייגל האָט דערזען אַז ער איז „זאַט" געוואָרן פון איר [אָפּשטויסן אים, האָט זי זיך געלאָזט נאָך אים. מיט איין שפּרונג איז זי געווען נעבן אים, מיטן צווייטן שפּרונג איז זי שוין געווען מיט אַ שפּאַן פאַר אים, אַזוי ווי איר האָפּערדיקער אויפגעהויבענער עק האָט שוין ווידער גערייצט זיין געמיט, און ווען זי האָט געזען אַז ער קווענקלט זיך נאָך, האָט זי זיך אַ לאָז געטאָן צו אים און מכלומרשט אים אַ ביס געטאָן ביים אויער, ביים עק, אַז ער האָט זיך דאָס מאָל איבערגעדרייט און זיך געקוילערט אין ווייכן גראָז... איצט איז זי שוין אַרויפגעשפּרונגען אויף אים און אים געקיצלט מיט אירע לאַפּקעס — ביז ער איז אויפגעשפּרונגען, אַ כאַפּ געטאָן זי מיט זיינע פאָדערשטע לאַפּקעלעך, זי גוט צוגעפּרעסט ווי אין אַ קלעם... דאָס מאָל האָט זי זיך שוין נישט געקאָנט (און נישט געוואָלט!) מער רירן פונעם אָרט... ניין, דאָס איז נישט געווען קיין ווייטיק, סתם פון אַ ווילדן קלעם אין פרעמדע לאַפּעס. דאָס איז געווען אַ זיסע

הנאה, וואָס ציען דיך צו מיט אַלע חושים. זי איז מער נישט געווען ביכולת צו מאכן דעם מינדסטן ריר, בעת ער האָט זיך געוויגט שנעל, פּיבערדיק, אין ליידנשאַפטלעכע קאָנוואולסיעס...

עס איז געשען דאָס וואָס עס האָט באַדאַרפט געשען. עס איז דאָך נאַטירלעך אַזוי. אַזוי איז עס מיסתמה פון תמיד אָן, זינט ס׳ע עקזיס־טירן הינט אויף דער וועלט... און נישט בלויז הינט. מיסתמה איז עס אַזוי אויך ביי אַנדערע בעלי־חיים, ביי אַלע ברואים. אויך ווען עס איז אַ ביסל אויף אַן אַנדערן אופן. אָבער אין תוך גענומען איז עס דאָך דאָס זעלביקע. אַזוי איז עס ביי די פיר פיסיקע חיות. און מיסתמה איז עס נישט פיל אַנדערש אויך ביי די צוויי־פיסיקע.

טאַרקאָס געדאַנקען פרואוון אַריינדרינגען כדי צו פאַרשטיין דעם זי־נען פון דער זאַך. וועגן דעם נאַטירלעכן וואָס ס׳ע געשעט, לויט עפּעס אַ געזעץ, אַ נאַטירלעכס, וואָס קיינער קאָן נישט אָפּפרעגן און נישט געבן קיין דערקלערונגען. ווערמען זענען נייטיק די דערקלערונגען? די עקזיסטענץ, עקזיסטירט. סיי מע דערקלערט זי, סיי מע קאָן זי נישט דערקלערן. זיי, די וואָס עקזיסטירן אויף אַ געוויסן אופן — דאַרפן נישט קיין שום דער־קלערונגען פאַר זייער אופן זיין. זיי זענען אַזוי, ווייל זיי זענען אַזוי ווי זיי זענען — איז מיסתמה דאַרפן זיי אַזוי זיין און נישט אַנדערש...

געשען איז אָבער דעמאָלט עפּעס נישט נאַטירלעכס...

נאָך עטלעכע מינוט, וואָס די באַהעפטונג זייערע האָט זיך געזאָלט ענדיקן, ווען די ליידנשאַפטלעכע קאָנוואולסיעס האָבן זיך פּלוצעמדיק איינ־געשטעלט, האָבן זיי דאָך זיך געדאַרפט פונאַנדערגיין. סיי זיי ווילן זיך צעשיידן מיט אַ ליב לאַשטשען, סיי מיט אַ גלייכגילטיקן גאָרנישט, צי כמעט גאָר מיט אַ ברוגז: איינער זאָל זיך לאָזן גיין אויף איין וועג, און די אַנ־דערע אויף אַן אַנדערן וועג, גלייך זיי קאָנען זיך מער נישט... אַזוי האָט געדאַרפט געשען, אָבער עס איז נישט געשען אַזוי. זי איז געפאַלן פון די פיס, און מיסתמה שוין נישט געקאָנט שטיין אַזוי, האַלטנדיק אים אויפן רוקן. ער איז געפאַלן איבער איר און נישט געקאָנט זיך פונאַנדערשיידן פון איר. זיי זענען געבליבן פאַראַנקערט...

די פאַרצייטישע לעגענדע, די גמרא (סנהדרין קח), האָט עס גע־פרואווט אויפקלערן אויף דעם אופן: „תנו רבנן, האָבן די רבנן געלערנט: דריי האָבן באַשלאָפן זייערע ווייבער אין נוחם תיבה, הגם דאָס איז גע־ווען פאַרבאָטן, און אַלע דריי זענען זיי באַשטראָפט געוואָרן: דער הונט,

די קראָ, און חם, דער זון פון נוחן. די קראָ באַהעפט זיך מער נישט, נאָר שפּייט די זרע אַריין אין מויל פון זיין פּאַרלי. חם איז באַשטראָפט געוואָרן, פאַרלירנדיק די קאָליר פון זיין הויט און פון אים שטאַמען די שוואַרצהויטיקע (נעגערס) — דער הונט, בעת ער באַשלאָפט די צויג, ווערט ער צוגעבונדן און קאָן זיך שווער פון איר צעשיידן"...

וואָס איז צו טאָן?... זיי האָבן זיך א ביסל געקוילערט אויף דער ערד, זיך געבּיסן. ער האָט געמיינט אז זי איז שולדיק, וואָס זי לאָזט אים נישט אָפּ. ערשט ווען ער האָט געזען, אז זי פּרוּווט זיך אויפהייבן, האָט ער פאַרשטאַנען אז דאָס טוט זי נישט מיט איר גוטן ווילן, נאָר אדרבה, זי וואָלט זיך אויך געוואָלט פון אים באַפרייען, נאָר סע געלינגט איר נישט... זי האָט געמאַכט עטלעכע שפּאַן פאָרויס. ער האָט זיך נאָכגע-שלעפּט מיט די הינטערשטע פיס נאָך איר... אזוי זענען זיי אָנגע-קומען אַריבער צו שפּרייזן די גאַס — מענטשן האָבן זיי דערזען, האָבן אָנגעהויבן וואַרפן שטיינער אויף זיי. אָבער אזוי ווי זיי האָבן זיך נישט געקאָנט באַפרייען איינער פונעם אַנדערן, האָבן זיי נישט געקאָנט אַנטלויפן כדי ניצול צו ווערן פון די שטיינער, דעמאָלט איז טאַרקאָ, וואָס איז בטבע נישט געווען קיין שלעגער, אַרויס פון די כלים. ביז דע-מאָלט האָט ער נאָך קיינעם נישט געבּיסן. בילן, האָט ער יאָ געבילט, אָבער געבּיסן האָט ער נאָך קיינעם נישט. ביז דעמאָלט. אָבער דעמאָלט יאָ. ער האָט נישט געקאָנט צוקוקן גלייכגילטיק ווי זיין חבר לעבט איבער א טראַגעדיע (וואָס אַנדערש קאָן עס זיין ווי א טראַ-געדיע, אז פון א פּשוטן באַהעפטן זיך מיט א צויג, וואָס איז נאַטירלעך ווי עסן א ביין, זאָל ער זיך נישט קאָנען באַפרייען און דורך דעם גע-שלאָגן צו ווערן מכות רצח פון ברואים, וואָס מאַכן זיך שפּאַס פון יע-נעמס ליידן... זענען דען א הונטס ליידן ווייניקער הייליק ווי פון א מענטש?).

יאָ, דעמאָלט האָט ער געזען, אויף וואָס דער מענטש איז אין שטאַנד צו טאָן. דווקא דעמאָלט, ווען זיי וואָלטן געקאָנט מיט עפּעס אַרויסהעלפן, דווקא דעמאָלט זענען זיי באַפאַלן די אומגליקלעכע פאַרליבטע, זיי צו שלאָגן. פאַר וואָס? איז דען דאָס צוליב צניעות? — ניין, גיכער איז עס צביעות...

עס איז נישט אמת, אז א הונט איז אויסגעלאַסענער ווי אַנדערע בעלי-חיים, ניין, ווער סע קאָן זיך אויס אפילו ווי ווייניק אין דעם הינ-טישן אופן פון זיין לעבן ווייסט, אז א הונט איז גענוג צניעותדיק, און אויב מע האָט אמאָל געהערט (דאָס איז דווקא יאָ אמת, אז סע זענען

געוועז פאלן, ווען פערוועדסטע פרויען האבן מזנה געווען מיט הינט, דאס איז אבער געווען פון דער אינציאטיוו פון יענע אויסגעלאסענע חציפות!) וועגן הינטישער זנות, איז עס נישט מער ווי א בילבול... אויך אפילו ווען די גמרא (יבמות נט) דערציילט עס, איז עס נישט אלע הונדערט פראצענט אזוי ווי סע ווערט דערציילט: „ווען רב דימי איז געקומען, האט פאסירט אין היתלו מיט א מיידל, וועלכע בעת זי האט געקערט דאס הויז (מיסתמה ווען זי האט זיך איינגעבויגן מיטן בעזים אין די הענט, האט זיך איר ארויסגעזען די בושה) איז צוגעשפרונגען א דארפס-הונט און האט זי פון הינטערווייטלעכס באשלאפן“...

אז א מיידל פון היתלו האט מזנה געווען מיט א הונט — דאס איז, אן ספק, א מעגלעכע זאך, ווייל דאס איז נישט דער ערשטער און אויך נישט דער לעצטער פאל. אזעלכע פאלן האבן זיך געטראפן כמעט אין אלע צייטן... אבער די מעשה, ווי אזוי זי ווערט דערציילט, אז דאס מיידל האט מכלומרשט זיך פארבויגן אויסצוקערן דאס הויז — אט דאס, קאן מען אן ספק זאגן, אז עס איז נישט מער ווי א בילבול, ווייל מע האט געוואלט ריינוואשן יענץ מיידל, וואס האט נישט געטראפן קיין צוויי-פיסיקן זכר...

איצט, ווען טארקא האט זיך צוגעקוקט צו דער טראגעדיע פון זיין חבר, און צו דעם רישעות פון די מענטשן, וועלכע זענען זיי באפאלן — האט אים ווי געטאן: איז דאס דער מענטש, וואס האלט זיך פאר א „מענטש“?!...

און מע זאגט נאך „א הארץ פון א צויג“, „א הינטיש הארץ“. ניין, א מענטשלעך הארץ קאן זיין פיל אכזריותדיקער ווי פון א הונט... האט ער דאך אליין געזען, טארקא, ווי צוויי מענטשלעכע גופים האבן זיך איין מאל באהאפטן און זיך געוואלגערט אין גראז — האט זיי דען דעמאלט געשטערט כאטש א הונט?!

ניין, ער קאן זיך נישט פארלאזן אויף קיין איין מענטש נישט. די מענטשן קאנען זיין ערגער פון הינט...

דאס איז די דערפארונג פון א יונגן טארקא, וואס האט נאך נישט געוואוסט וואס די ברואים זענען אין שטאנד צו טאן, אן שום סיבה, נאר פון רישעות, פון „אנטיסעמיטיהינטיזם“.

...הינטישע געדאנקען.

וואלט טארקא געווען א מענטשלעכע בריאה, וואלט ער אפשר גע-וואוסט פון יענער לעגענדע וואס דערציילט, אז „צען זאכן האט געפרעגט

אלכסנדר מוקדן די אַלטע לייט פון נגב. ער האָט זיי געזאָגט: פונעם הימל צו דער ערד איז ווייטער צי פון מיזרח קיין מערב?" האָבן זיי געזאָגט צו אים: „פון מיזרח קיין מערב"; „דער הימל איז באַשאַפן געוואָרן פריער צי די ערד"? האָבן זיי אים געזאָגט: „דער הימל"; „דאָס ליכט איז באַשאַפן געוואָרן פריער צי די פינצטערניש"? האָבן זיי אים געזאָגט: „דאָס קאָנען מיר שוין נישט באַשיידן..." (תמיד לב).

מיסתמה האָבן זיי דאָס טאַקע יאָ געוואוסט, נאָר זיי האָבן אים נישט געוואָלט זאָגן אַזאַ טרויעריקן אמת, אַז דאָס פינצטערניש איז באַשאַפן געוואָרן פריער, פאַרן ליכט... סע ווייזט אויס אַז קודם איז באַשאַפן געוואָרן דאָס רישעות, פאַר אַלעמען.

בעתן באַהעפטן זיך פון יענע צוויי, האָט טאַרקאָ זיך געדרייט אַרום זיי, ווי געטאַנצט, און אויך הנאה געהאַט אַ ביסל פון זייער הנאה. ער האָט באַמערקט זיינע פינקען פון זיינע אויגן און די בליצן פון אירע אויגן — און דאָס האָט אים הנאה געטאָן... אָבער ווען דאָס אומגליק האָט געטראָפן און ער האָט געזען אַז זיי קאָנען זיך נישט צעשיידן, האָט עס אים אויך וויי געטאָן... בעת דאָס פייערל פון די אויגן פון זיין חבר האָט זיך פאַמעלעך אויסגעלאָשן, די אויגן האָבן זיך צו ביסלעך צוגעמאַכט ווי צו אַ דרימל, האָבן זיך אירע אויגן נאָך ברייטער געעפנט — גלייך ערשט איצט וואָלט זיך דאָרט אָנגעצונדן יענץ פייערל, וואָס האָט זיך ביי אים געלאָשן... זי האָט אַרויסגעלאָזט אַ שטיל געביל, וואָס האָט געהאַלטן בלויז איין אויגנבליק. אָבער, וויי, ווי שנעל דאָס פריידיקע געביל אירס האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ געוויין, אין אַ הילפס-רוף.

ניין, דאַכט זיך אַז נישט זי, נאָר ער האָט געבעטן די הילף, נישט זי, נאָר ער האָט אָנגעהויבן בילן ווי פאַר ווייטיק... און דערנאָך זענען געקומען די שטיינער, וואָס זענען געפאַלן אויף זיי ווי אַ האָגל, באַגלייט פון געשרייען, פון געלעכטער, פון מענטשן וואָס האָבן, דאַכט זיך, פאַרלוירן זייער נאָרמאַלן שכל, נאָר געוואָרן ווילדע ברואים, וואָס יובלען פון אַן אַנדערנס ליידן...

טאַרקאָ האָט איצט פיל מער געליטן פון זייערע ליידן, ווי ער האָט פריער הנאה געהאַט פון זייער פאַרגעניגן. אים האָט עס וויי געטאָן, גלייך עמעצער וואָלט אים פאַרקלעמט זיין עק אין אַ צוגעמאַכטער טיר. סע האָבן אים ווייניקער וויי געטאָן די שטיינער גופא, וועלכע האָבן אויך אים געטראָפן צוזאַמען מיט זיין חבר-פאָרל — ווי סע האָט אים וויי געטאָן דאָס שפּעטן, דאָס אָפּלאַכן, דאָס יובלען פון די פאַרווילדעוועטע מענ-

טשן. בעת די שטיינער זענען געווען געצילט נישט צו אים, נאָר צו זיי — איז אָבער דאָס שפּעטן פון זיי געווען נישט ווייניקער צו אים, ווייל דאָס אָפּשפּעטן איז דאָך געווען געצילט צום גאַנצן הינטישן שבט, און א „הונט“ איז ער דאָך אויך.

ניין, ער האָט זיך נישט געפילט אראָפּגעפאַלן אין זיינע אויגן, וואָס ער איז אויך א הונט. אדרבה, ער האָט זיך פריווויליק סאָלידאריזירט מיט זיינע געליטענע. איז ער דאָך אויך גלייך מיט יענע, ווען וועלכע די צעיו־שעטע מענטשן, וועלכע זיי גרויסן זיך מיט זייער ווערטיקאַלן אויסזע, מיט זייערע צוויי הענט אַנשטאָט פיס... אָבער צו וואָס באַניצן זיי זייערע הענט? צום רישעות, צו נידעריקייטן, צו שלאָגן אומשולדיקע און אומגליקלעכע ברואים.

טארקאָ איז נישט אַנטלאָפן. ביי אים האָט אָנגעהויבן זידן דאָס בלוט פאר כעס. אָנשטאָט זיך פילן דערנידעריקט, האָט ער גאָר זיך דערפילט העכער פון יענע מענטשן... מיט וואָס זענען זיי מערער פון א הונט? אדרבה, א הונט איז פיל מער פון א מענטש... א הונט איז מער בעל־רחמים, איז געטרייער און ווייניק פאררעטעריש ווי דער מענטש און וואָס שייך מע־לות? האָט דאָך יעדער זיינע מעלות. בכל אופן האָט דער הונט מעלות, וואָס דער מענטש פארמאָגט זיי נישט. אפשר זענען דאָס שאָוויניסטישע געדאנקען, אמת, מע קאָן עס אזוי אָנרופן. אָבער א פאקט איז דאָך אז די קולות וואָס א הונט דערהערט, ווי שטיל זיי זאָלן נישט זיין, דערהערט זיי נישט קיין מענטש... די העכסטע קולות, וואָס שטייגן אריבער די מאָס דעצי בעלן וואָס דער מענטש איז שוין נישט ביכולת צו הערן — הערט זיי אָבער א הונט יאָ. מיט וואָס זשע גרויסט זיך אָט דער מענטש אזוי און מאכט חוזק פון א הונט?!

טארקאָ האָט זיך נישט געקאָנט איינהאלטן מער. ער איז צוגעלאָפן צו איינעם פון די שלעגער, יענער האָט נישט געוואָרפן מער שטיינער פון די איבעריקע, נאָר ער האָט מער געלאכט און העכער געשריגן ווי די אנדערע — ער האָט אים אָנגעכאפּט ביים פוס מיט זיינע ציין און אים נישט אָפּגעלאָזט ביז ער האָט דערפילט א זעץ אין זיין בויך, אז פון דער ווייטיק האָט ער, אָן זיין ווילן, באפרייט יענעמס פוס...

אָבער ווען ער איז צו זיך געקומען, האָט ער זיך קוים אויפגעהויבן און זיך אוועקגעשלייכט, זיך אויסצובאהאלטן פון דעם אויפגעבראכטן המון, וואָס האָט קיין אנדערע ארבעט, ווייזט אויס, נישט געהאט, ווי זיך צו לאָזן וואוילגיין פון זייערעליידן...

דעמאָלט האָט טאַרקאַ פאַרלוירן דעם צוטרוי צו דער צווייפיסנדיקער בריאה, וואָס רופט זיך מיט אַזוי פיל גאווה, מענטש... ער האָט געהערט נישט זעלטן, מיט וויפל גאווה זיי רעדן אַרוים דאָס וואָרט און מיט וויפל גרינגשאַצונג זיי זאָגן אַרוים דאָס וואָרט — הונט... צו זיין „עמעצער“, איז נישט גענוג, אַז דו זאָלסט זיך רופן למשל „מענטש“. נאָר זאָלסט עס באַווייזן מיט דיינע מעשים, אַז דו ביסט „עמעצער“...

איז אַז ער האָט אָנגעטראָפן שפּעטער אויף אַ מענטש, וועלכער האָט אים דערלאַנגט, נישט נאָר אַ גוטן ביסן, נאָר אויך געהאַלטן אים פאַר אַ הונט, וועלכן מע דאַרף שאַצן, האָט ער קודם מיט אומצוטרוי, אָבער דער-נאָך זיך פאַרבונדן מיט זיין גאַנצער געטריישאַפט, אויף וועלכער אַ הונט איז אין שטאַנד.

ווייזט אויס, אַז נישט אַלע מענטשן זענען אַזוי שלעכט, פונקט אַזוי ווי נישט אַלע זענען אַזוי גוט...

בראַוואָ, טאַרקאָ!

מענטשן, קינד און קייט, זענען געשטאַנען ביים ברעג פונעם טייכל. דאָרטן וואו פריער, פאַר עטלעכע מינוט איז געווען אַ בריקל. איצט, נאָך דעם ווי דאָס וואַסער האָט די בריק פאַרפלייצט און זי אַוועקגעטראָגן, איז געבליבן אַ גרוב ווי נאָך אַן אַרויסגעצויגענעם צאָן. די מענטשן האָבן זיך געאַמפּערט איבער „מע ווייסט נישט וואָס“ און באַוואונדערט דאָס טייכל, וואָס וואַקסט אַלץ גרעסער און גרעסער. מע זעט מיט די אויגן, ווי סע וואַקסט און טראָגט מיט זיך אַלץ וואָס געפינט אויף זיין וועג: ברעטער, קלעצער, צווייגן און ביימער גאַנצע, וואָס דער שטראָם האָט זיי אויסגע-וואָרצלט און גענומען מיט זיך.

אין די געוויינטלעכע זומער-חדשים איז דאָס קוים אָנזעעוודיקע ריטשקעלע נישט ווערט אפילו דעם נאָמען פון אַ „טייכל“. עס איז בכלל קיין טייכל נישט. עס איז אַן אָרעמער טרוקענער פּאָדעם וואַסער, וואָס מע זעט עס קוים אָן. איצט, נאָך אַ גאָס-רעגן פון נישט מער ווי איין שעה, איז עס אויסגעוואַקסן, פון די וואַסערן וואָס זאַמלען זיך צונויף אין טאָל, פון די בערג, קאַרפּאַטישע, און וואַקסט אויס אויף אַ שטראָם, וואָס שטעלט אין סכנה מענטשלעכע הייזער, וואָס זענען אויסגערייעט ביים ברעג. דערפאַר

טאקע שטייען די מענטשן און קוקן מיט נייגיר צו זען, וואָס אַלץ דאָס וואַסער קאָן צוזאַמענברענגען — אָבער אויך מיט שרעק, פאר וואָס סע קאָן געשען מיטן ארום, וואָס איז נאָענט צום טייכל.

...און אָט שווימט עפעס, מע זעט בלויז ארויס פונעם וואַסער א קאָפּ, א ייִנגל פון א יאָר צען-צוועלף ראנגלט זיך מיט די כוואַליעס, וואָס דרייען זיך אין א ווילדן קאַראַהאָד, און האלטן אים א געפאנגענעם, און טראָגן דאָס שרייענדיקע איבערגעשראָקענע קינד. ער שרייט „מאַמע" און „לאָזט מיך נישט!", אָבער ווער זאָל אים נישט לאָזן? וואָס קאָן מען דען טאָן אים צו העלפן?

מענטשן האָבן גענומען א טיטשקע, אים דערלאַנגט אז ער זאָל זיך אָנכאַפּן אָן איר, כדי מע זאָל אים קאָנען ארויסציען, אָבער דאָס וואַסער האָט אים אַלץ ווייטער פארטראָגן און מען איז נישט דערגאַנגען, אז ער זאָל די טיטשקע דערגרייכן.

די לאַגע איז געווען א פארצווייפלטע, אָבער קיין הילף האָט קיינער נישט געקאָנט געבן. ווער וועט אריינשפּרינגען אין אזא ברויזנדיקן שטראָם כדי צו ראַטעווען דאָס ייִנגל? דאָס וואָלט געווען ריינער און זיכערער זעלבמאָרד.

און דאַן איז עס געשען: טאַרקאָ, וועלכער איז צוזאַמען מיט די אנדערע הינט געלאָפן לענגאויס דעם טייכל, הין און צוריק, און פון צייט צו צייט א האַווקע געגעבן, ווי הינט טוען אין אזא געלעגנהייט בלויז צו וויסן צו געבן אז זיי זענען אויך דאָ — האָט איצט באַוויזן אויף וואָס ער איז פעיק. ער האָט טאַקע זיך אויסגעהאַווקעט א צוויי-דריי מאָל אויף דער העכסטער אָקטאַווע, מיסתּמה זיך צו מאַכן מוט און מיט איין שפּרונג איז ער געווען אין מיטן פונעם שטראָם און זיך גענומען ראַנגלען כדי זיך צו דערנענטערן צום ייִנגל.

די מענטשן האָבן באַמערקט און האָבן אויפגעלעבט. סע האָט זיך געשאַפן א נייע האָפענונג אז דאָס ייִנגל וועט געראַטעוועט ווערן. איז דאָס געפיל ביי זיי געווען א טאָפּלטס. פון איין זייט האָבן זיי זיך געפרייט אָבער פון דער אַנדערער זייט האָט ביי זיי אויפגעשפּראָצט א זאָרג, וועט דער הונט בכוח זיין בייצוקומען דעם מעכטיקן שטראָם? צי וועט טאַרקאָ זיין נאָך איין קרבן פון דער פארפלייצונג?! אמת, דאָ רעדט זיך פון א הונט, אָבער דאָך א לעבעדיק נפש — א הונט האָט דאָך אויך א נשמה.

א הונט האָט אויך א נשמה?!

סע האָט עס עמעצער געזאָגט? ניין — בלויז געטראַכט. נו, אַפילו אַז מע האָט עס בלויז געטראַכט, איז דאָך שוין עפּעס. ווען טראַכט מען דען אַז אַ הונט האָט אויך אַ נשמה? ! שטעלט זיך אָבער נאָר די פראַגע, ווער האָט עס אויפגעבראַכט אָט דעם דאָזיקן רעיון. אפשר גאָר האָט עס ער, טאַרקאַ, גופא זיך דאָס געטראַכט, ווען ער האָט געזען, אַז פון זיין ווילן ביז זיינע מעג־לעכקייטן, צו ראַטעווען דאָס יינגל, איז אַזאַ גרויסער מהלך, וואָס ער איז נישט זיכער אויב ער וועט ביכולת זיין צו ברענגען עס ביז צום סוף. אָבער איצט איז שוין צו שפּעט צו טראַכטן וועגן דעם. איצט ראַנגלט ער ער זיך שוין אויף טויט און לעבן מיט די כוואַליעס, וואָס זענען אפשר נישט אַזוי כוואַליעס, ווי אַ ווילדער שטראָם, וואָס דרייט זיך און פאַר־שלעפּט אין געווירבל אַלץ וואָס סע באַגעגנט אויפן וועג. ניין, איצט איז שוין צו שפּעט צו טראַכטן וועגן דעם. אויב טראַכטן, האָט ער עס גע־דאַרפט טאָן פריער, איידער ער האָט געטאָן יענעם שפּרונג. אָבער פאַר צו פיל טראַכטן האָט ער אויך דעמאָלט קיין צייט נישט געהאַט. די סע־קונדעס זענען דאָך געווען געציילטע. אין יעדער סעקונדע האָט דער טייך פאַרטראָגן דאָס יינגל אַלץ ווייטער, און טראַכטן איז געווען גלייך מיט פאַרלירן צייט, טייערע צייט, וואָס אַז מע האָט זי פאַרשפּילט מיט טראַכ־טעניש, קאָן מען זי מער נישט צוריקבאַקומען אָט יענע צייט.

צווייטנס, איז עס נישט די עובֿדה פון אַ הונט צו טראַכטן. ער טוט דאָך אָפּ פיל זאַכן וועגן וועלכע מענטשן, מיט חקירהדיקע, אָדער האַלטן זיך בלויז פאַר חקירהדיקע קעפּ, דאַרפן זיי זיך גריבלען און אויסגעפינען פאַר יעדער טעטיקייט אַ זינען, אַן אויפקלער. ער, טאַרקאַ, אַ פּשוטער הונט, ער רעאַגירט מער נאָכן אינסטינקט און דער אינסטינקט האָט אים אונטערגעזאָגט, אַז מע דאַרף טון עפּעס און ראַטעווען אָט דאָס מענטשלעכע נפש.

בלויז דער אינסטינקט האָט אים געטריבן און אויך אים געגעבן כוח כדי ביַיצוקומען דעם שטראָם און צו געווינען שטח, מעטער נאָך מעטער, אַז ער זאָל קודם דערפילן דאָס יינגל מיטן חוש הריח, מיט דעם חוש פון אַ הונט, וואָס האָט נישט זיין גלייכן ביי קיין שום בריאה, און, דערנאָך, ווען ער האָט אים שוין, ווי אָנגעכאַפּט צווישן זיינע ציין, פונעם אַנטווי־קלטן הינטישן חוש הריח, דערנאָך פּעלט אים נאָך עטלעכע האַסטיקע באַוועגונגען מיט זיינע לאַפּקעס כדי צוצושווימען און אים אַנכאַפּן טאַקע מיט די אמתדיקע הינטישע ציין, אים אַרויסצוציען, אַפּצוראַטעווען.

ווען סע וואָלט געווען פונקט פאַרקערט: אַ הינטל זאָל זיין אין אַ סכנה צום דערטרינקען ווערן, דעמאָלט וואָלט אַ מענטש אויך אַריינגע־שפּרונגען אין טייך עס אָפּצוראַטעווען ?! ניין, אַזוי טאָר אַ הונט בכלל נישט טראַכטן — און טאַקע אַוודאי נישט. אַ מענטש, דאָס איז אַ מענטש. ער האַלט זיך (און אפשר איז ער טאַקע, אויב ער איז אַן אמתדיקער „מענטש“!) פאַר דער קרוין פון דער בריאה. ער דאַרף זיך נישט אָפּגעבן מיט אַזעלכע קליינלעכע מעשים ווי אָפּראַטעווען אַ נפש, און אַוודאי און אַוודאי נישט, ווען סע האַנדלט זיך וועגן עפּעס אַ הינטל איז עס דאָך די גרעסטע באַ־ליידיקונג ווען מע זאָגט אויף אַ מענטש: „ער איז אַ כלב!“... מיט וואָס איז איינגטלעך מער בושה צו זיין אַ הונט ווי, לאָמיר זאָגן, אַן אַנדערע חיה צי באַשעפעניש ?

— ביסט אַ הונט!

נו, איז וואָס? יאָ, איך בין אַ הונט. דו ביסט אַ קאַץ צי אַ פוקס, אַ בער צי אַ לייב, אַן העלפאַנט צי אַ דזשיראַף — נו איז וואָס? וואָס איז דאָ חוזק צו מאַכן און צו לאַכן דערפון, מיך בבושה צו שטעלן, אַז איך בין אַ הונט? איז דען אַ הונט נידעריקער, אויף אַ קלענע־רער מדריגה ווי אַן אַנדערע בריאה? אדרבה, האָט דאָך אַ הונט אַזעלכע מעלות, וואָס יענע האָבן בכלל נישט. קיין איינער פון אָט יענע ברואים האָט נישט דעם כוח הראייה וואָס סע האָט אַ הונט. זיי זעען קוים וואָס עס טוט זיך אונטער זייער נאָז, בעת אַ הונט זעט אויף מרחקים, וואָס בלויז מענטשן מיט אָפּטישע אינסטרומענטן קאָנען אפשר דערזען! אַ הונט האָט אַ חוש הריח, וואָס דערשנאַפּט אויף ווייטע מרחקים, וואָס קיין איינע פון די חיות וועט נישט דערשנאַפּן! אַ הונט האָט אַ באַזונדערן כוח השמיעה, וואָס אַ הונט דערהערט וועט קיינער נישט דערהערן, אפילו די ני־דעריקסטע אָקטאַווע און גלייכצייטיק וועט ער קאָנען דערהערן די העכ־סטע אָקטאַווע. דער מענטש דערזעט צו מאָל דעם בליץ, אָבער דעם דו־נער וועט ער שוין נישט דערהערן, ווייל ער איז צו שטאַרק, די טענער זענען פאַר אים צו הויך, די דעציבעלן שטייגן איבער זיין געהער־כוח, אָבער דער מענטש וועט יאָ קאָנען באַמערקן אַז דער הונט רעאַגירט אויפן דונער, אויף דעם מעכטיקן, וועלכן ער האָט יאָ דערהערט און אויפגעצי־טערט פונעם שטאַרקן געקנאַל.

און דאָך — אַז מע וויל עמעצן באַליידיקן, זאָגט מען אים: „ביסט אַ כלב!“, „ער איז אַ הונט!“...

יאָ, איצט, אין דעם מאָמענט, בעת ער קעמפט מיטן שטראָם, טראַכט זיך טאַרקאָ, אַז ער מוז איינשטעלן זיין אייגן לעבן, כדי צו באַווייזן אַז אַ „הינטיש הארץ" איז ביכולת אויפצוטאָן מער ווי אַ „מענטשלעך הארץ".

ער האָט אַ כאַפּ געטאָן דאָס יינגל מיט זיינע ציין און גענומען שווימען מיט זיינע אָנגעשטרענגטסטע כוחות, זיך אַרויסצורייסן פונעם קלעם, מיט וואָס דער שטראָם נעמט אים אַרום... ער ווייסט, ער האָט דאָך זיך שוין געראַנגלט נישט איין מאָל מיט אַ ריגזהדיקן אויפגעברויזטן טייך-שטראָם. ער דאַרף טאָן אַלץ נאָר אַרויסצורייסן זיך פונעם קרייז, אין וועלכן דער שטראָם האַלט אים ווי אַ געפאַנגענעם. איז ווי נאָר סע וועט זיך אים איינגעבן אַרויסצורייסן זיך פונעם קרייז, האָט ער אים ביינגעקומען און איז געראַטעוועט. אי ער אי דאָס יינגל — ביידע. איצט זענען זיי דאָך גע-וואָרן איין איינציקער איינס, איין גורל. אָדער זיי וועלן ביידע געראַטע-וועט ווערן, אָדער קיין איינער פון זיי. ער וועט פון זיינע הינטישע ציין דאָס יינגל בשום אופן נישט אַרויסלאָזן...

די מענטשן ביים ברעג האָבן זיך צוגעקוקט און באַגלייט יעדן ריר, יעדע באַוועגונג פון זיינע מוסקלען, פון זיינע לאַפּקעס, מיט אויסגעשרייען: „היי, טאַרקאָ!", „בראַוואָ טאַרקאָ!"...

פאַר וואָס שרייט מען איצט „בראַוואָ טאַרקאָ"?... הייסט עס, אַז ער מיט זיין מסירת-נפש אויף צו ראַטעווען אַ מענטשלעך נפש טוט נישט מער ווי אויף צו געווינען די סימפּאַטיע פון די מענטשן, וועלכע דער-מוטיקן אים, טאַרקאָן, בלויז טאַרקאָן, וועלכער איז געשפּרונגען זיך מקריב זיין פאַר אַ מענטשלעך נפש, בלויז טאַרקאָ, אָבער ווי אַזוי בלייבט עס מיטן „הונט"? מע וועט נישט זאָגן אַז אַ „הונט" האָט געראַטעוועט אַ קינד, אַ מענטשלעך נפש. מע וועט זאָגן אַז טאַרקאָ האָט געראַטעוועט. אָט דאָס האָט גע-קרענקט אין יענעם מאָמענט טאַרקאָן, ווען ער האָט זיך געראַנגלט מיטן שטראָם און געהערט ווי די מענטשן שרייען, ווי פון פאַרצווייפלטן משוגעת, אים צו דערמוטיקן „היי טאַרקאָ!". אָדער ער האָט פאַרגעזעצט דעם קאַמף און געקלעטערט מיט די לאַפּקעלעך אין דעם געלן קאַלעמוטנעם רעגן-וואַסער, גלייך סע וואָלט געווען אַ טייך פון קאַווע-מילך, וואָס איז געווען קאַלט און שניידיק, ווי פאַרפּלאָנטערטע שטריק וואָלטן געבונדן זיינע פיסלעך און נישט געלאָזט פאָרויס גיין.

מיט אַ מאָל האָט ער דערפילט דאָס וואַסער וואָס איז אים אַריין אין רעכטן אויער. ער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, וועלכן ער האָט געהאַלטן אין דער הייך, ווי נאָר מעגלעך עס איז אים געווען, כדי דאָס

וואסער זאָל אים נישט אריין אין די אויערן. ער האָט עס געוואוסט, אז אויב סע גייט אים אריין וואסער אין די אויערן איז ער א פארלוירענער. דאָס הייסט אז ער פארלירט אלע זיינע חושים, אָט יענע חושים, וואָס זענען דער שטאָלץ פון דעם הינטישן שבט (הגם מע ווארפט זיי פיר, אז זיי זענען שאָוויניסטן, ווען זיי גיבן אָנצוהערן, אז זיי זענען באוואוסט־זיניק וועגן זייערע מעלות!), און ער איז מער נישט ביכולת ארויסצוגיין א לעבעדיקער פון אָט דעם ווילדן שטראָם. ער האָט געטרייסלט מיטן קאָפּ, ארויסצוווארפן דאָס ביסל וואסער וואָס איז אים אריינגערונען, און אין דער צייט פארלוירן א ביסל שטח, דער שטראָם האָט אים פאר־שלעפט אראָפּ דעם טייך, אז די מענטשן האָבן געמוזט אים נאָכלויפן, כדי נאָכצופאָלגן זיין געראנגל.

בעת ער האָט דערפילט דאָס וואסער אין זיין אויער, האָט ער אויף איין מאָמענט מער נישט געהערט זייער געשריי „היי, טארקאָ!“. ער האָט בכלל מער נישט געהערט גאָרגישט. ער האָט זיך אויף א ווײַלע פארלוירן און נישט געוואוסט וואָס סע געשעט מיט אים, וואָס ער האָט צו טאָן. אָבער בלויז אויף איין מאָמענט. באלד איז ער צו זיך געקומען און אָנ־געהויבן מיט די לעצטע כוחות ארויסצורייסן זיך פונעם קרייז, פון יענעם פארכישופטן קרייז, וועלכער ציט אים אריין, אין דער טיף, אָן אן ארויסגאנג...

ווען ער האָט ענדלעך דערפילט אונטער זיינע לאפּקעס די שטיינד־לעך פונעם באָדן פונעם טייך, ער האָט דערפילט אונטער זיינע פיס ערד, ערשט דעמאָלט האָט ער פארלוירן זיינע כוחות. ער האָט א שלעפּ געטאָן דאָס עטעמענדיקע יינגל, עס א וואָרף געטאָן אויפן ברעג און אליין האָט ער זיך קוים אוועקגעשלייכט, מיט שווערע מידע טריט, כדי זיך אויסצובאהאלטן צווישן די קוסטן, די ווערבע ביימלעך, וואָס האָבן ארומ־געצוימט דעם טייך־ברעג.

ער האָט נישט געוואָלט אז מע זאָל אים זען, ווי ער דעבעט קוים אָפּ. ער האָט שוין מער נישט געוואָלט הערן דעם ווילדן יובל פון „בראוואָ טארקאָ!“. עס איז אים געווען דערווידער צו דערשיינען אין די אויגן פון אָט די ברואים, די מענטשלעכע, וואָס האלטן זיך אזוי גאווהדיק, ווי די קרוין פון דער יצירה, אז זיי זאָלן אים באגריסן און באוואונדערן ווי א העלד...

ער דאַרף איצט נישט זייערע דאנקען און זייערע שבחים און זייערע פאלשע אָנערקענונג. ער וויל איצט בלייבן אליין, בלויז מיט זיך.

מער האָט אים אינטערעסירט, ווען ער האָט דערפילט נעבן זיך א צוויג, וואָס האָט זיך דערנענטערט צו אים, מיט א לאַשטשענדיק האוו-קען. זעט איר, אָט דאָס שטילע בילן ארום אים, אָט דאָס האָט אים יאָ אויפגעלעבט.

איז ער דערוויילע געלעגן, אויף א זייט, מיט די פיס, מידע, אויס-געשטרעקט אויף אויסצורוען זיך א ביסל נאָך דער אָנשטרענגונג, באַלד האָט ער זיך א נערוועזער איבערגעדרייט אויף דער אנדערער זייט.

ער האָט זיך נישט געפונען קיין רו...

ואהבתם את הכלב!

טאַרקאָ האָט נישט געוואוסט וואָס סע גייט פאָר אין דער וועלט, ארום אים, אין וועלכער ער לעבט. ער האָט אָבער דערפילט מיט יענעם הינטישן חוש, אז עפּעס איז נישט ווי געוויינטלעך, עס איז נישט ווי סע באדאַרף צו זיין. סע האָט זיך אים אויסגעדאכט אז די מענטשן זענען נערוועזער ווי געוויינטלעך. סע האָט זיך געפילט אין דער לופט, ארום אים, גלייך א שלעכטער ריח וואָלט זיך געטראָגן, א ריח וואָס אפילו א הונט קאָן אים נישט דערשנאַפּן. אָבער דאָך פילט ער, אז עפּעס איז די לופט אנדערש געוואָרן. און אנדערש, פאַר וועלכן ער האָט קיין נאָמען נישט און אוודאי און אוודאי נישט קיין דערקלערונג. קאָן מען דען דערוואַרטן אז א הונט זאָל זיין אין שטאַנד אויפצוקלערן אזעלכע פאַרפּלאָנטערטע זאכן? עס איז גענוג אז ער האָט עס געאַנט.

ער האָט באמערקט, אז די מענטשן, וואָס טראָגן די טונקלערע מלבושים, צווישן וועלכע אויך זיין בעל-בית מיט זיין מישפּחה, טראָגן די זעלביקע מלבושים ווי ביז איצט, אָבער פאָרנט, אויף זייער ברוסט, טראָגן זיי א מין געלע לאַטע מיט זעקס שפּיצן...

נו, וואָס זאָל געוועזן אזא הונט ווי טאַרקאָ פאַרשטיין? אפשר איז עס א מאָדע אזא. זעט ער דאָך, אז די מענטשן זענען מאָדנע און יעדעס מאָל טראַכטן זיי צו אנדערע מינים אָנטאָן. אָבער סע האָט נישט לאַנג געדויערט און טאַרקאָ, הגם א הונט, דאָך האָט ער געמאכט אן אסאָצי-אציע אין זיין הינטישן טראַכטן. צווישן דער נערוועזיטעט וואָס ער האָט באמערקט, וואָס הערשט צווישן די מענטשן, און צווישן דער נייער מאָדע פון געלע שטערן אויף דער ברוסט...

א מאָדע? ווי האָט מען נאָך געהערט, אז קינדער, כמעט זויגלינגען, וואָס שטעלן ארוים צום ערשטן מאָל א באָרוועס פיסל, ארוים אויף דער שוועל פון דעם הויז, זאָלן נאָכמאכן די מאָדעם?! צו וואָס טויג פאר זיי, פאר אָט די קליינטשיקע אזעלכע מאָדעם?...

נו, זאָל געשען וואָס סע געשעט, דאָס איז נישט זיין ארבעט, אויפצוקלערן די מענטשנס מעשים, זיי זענען קלוגער פון אים, זיי זענען דאָך „מענטשן", איז דארף ער, וואָס איז נישט מער ווי א הונט, זיך ברעכן דעם מוח וועגן זייערע ענינים?!

דאכט זיך, אז טארקאָ איז גערעכט: וואָס ווייניקער מע ברעכט זיך דעם מוח און וואָס ווייניקער מע ווייסט איז, דאכט זיך, געזונטער. דער אומגליק איז אָבער, וואָס מע לאָזט דיך נישט רואיק לעבן, אויך ווען דו ביסט נישט נייגיריק צו וויסן אלץ. מע לויפט דיר נאָך, כדי מע זאָל זיך אויך ארייַנשלעפּן אין עסקים, וואָס זענען באמת פרעמד פון דיר.

טארקאָן האָט מען אויך ארייַנגעשלעפּט אין אָט דעם מיאוסן עסק, הגם ער האָט נישט געטראָגן קיין שום שולד (זיינע בעלי-בתים האָבן דען יאָ געהאט עפּעס א שולד?!). איין מאָל, בעת סע האָבן זיך געשפּילט אין גאָרטן, הינטערן הויז, עטלעכע הינט מיט צייג ווי געוויינטלעך, ווען סע צעשפּילן זיך אין זיי די געבלוטן — און יעדער הונט געפינט זיך א פּאָרל, א צויג, צי גאָר עטלעכע הינט באפאלן איין איינציקע צויג... דעמאָלט האָט איין צויג א וואָרף געטאָן אזא צווייטייטיקן פּסוק:

— לאָז מיך אָפּ, און לויף מיר נישט נאָך מיט דער ארויסגעשטרעקטער צונג. סע וועט דיר גאָרנישט העלפן... בעסער וועל איך זיך ליבן מיט א קאָטער איידער מיט א „שבת-גוי"!...

טארקאָ האָט קודם גאָרנישט פארשטאנען און נישט געוואוסט אז די צויג מיינט אים מיט די דאָזיקע אומפארשטענדלעכע ווערטער. ער האָט נישט געוואוסט דעם טייטש פון אָט דעם פּסוק. אָבער אז ער האָט געזען אז די איבעריקע הינט האָבן געוואָרפן בייזע בליקן צו אים, סיי זיי האָבן יאָ געבילט סיי זיי האָבן נישט געבילט צו אים, האָבן אָבער דאָך די אויגן זייערע, פון וועלכע סע האָט געבלישטשעט מיט שינאה, אים שוין גענוג געזאָגט...

איז דאָך באוואוסט, אז א צויג קאָן ארויסרופן מחלוקות צווישן די בעסטע חברים. זאָגט זיך דאָך אין פארצייטיקן ווערטל, וואָס ווערט דערמאנט אין דער גמרא (בבא קמא ס): „ווען הינט שפּילן זיך, איז א סימן

אז אליהו-הנביא קומט אין שטעטל — דאָס איז אָפּהענגיק אויב זיי האָבן נישט צווישן זיך קיין צוויג"...

טארקאָ איז שוין מער נישט מיטגעגאנגען מיט זיי. דאָס האָט דאָך געהייסן בפירוש אז מע האָט אים אויסגעשלאָסן פונעם שפּיל. וואָס זשע זאָל ער וואַרטן, אז מע זאָל אים פּשוט נעמען בייסן? האָט ער זיך פּאַמעלעך צוריקגעצויגן, אָן דעם אז ער זאָל א האווקע טאָן. הגם געוואָלט האָט זיך אים האווקען, אז דאָס גאנצע דאָרף זאָל זיך צונויפלויפן אויף זייער בייז וואונדער. ניין, ער האָט נישט געהאווקעט, נאָר שטיל זיך צוריקגעצויגן. אריין אין זיין שטעלעכל און זיך איינגעקאָרטשעט אין דער פּאָרעם פון א בייגל... אזוי האָט ער זיך געוואָלט אויסבאהאלטן פון זיך אליין.

אין די אויערן זיינע, וואָס זענען איצט נאָכגעהאָנגען ווי אונטערגעשאָסענע פייגל, האָבן געזשומזשעט די ווערטער פון יענער צוויג. ערשט איצט האָט ער זיך אָנגעהויבן אָפּגעבן חשבון וועגן דער הארבקייט פון יענע ווערטער. „בעסער וועט זי זיך ליבן מיט א קאָטער!"... אָ, דאָס איז דאָך שרעקלעך. א קאָטער. איז עס דאָך באוואוסט זינט די וועלט שטייט, אז צווישן א הונט און א קאַץ שטייט א מחיצה, א נישט אָנגעזעענע, פון שינאה צי פון ווער ווייסט וואָס, אָבער זי עקזיסטירט די מחיצה, צווישן אָט דיביידע שטוב-חיות, וואָס קאָנען נישט שלום מאכן אויך ווען זיי וואָלטן געוואָלט — פון ליבן זיך צווישן זיך, דאָס האָט מען נאָך קיין מאָל נישט געהערט. און איצט? איצט האָט יענע צוויג אים געוואָרפן אין פּנים אריין אזעלכע הארבע ווערטער, וואָס ער ווייסט נישט מיט וואָס ער האָט זיי פאַרדינט. אדרבה, דערקוטשעט האָט ער איר נישט. ער האָט זיך נאָך איר געהאלטן גלייך מיט די אנדערע הינט. נישט ווייניקער און אויך נישט מערער ווי אנדערע. פאַר וואָס זשע האָט זי דווקא אים געוואָרפן אזעלכע ווערטער, וואָס ער ווייסט נישט אפילו דעם באטייט?! יאָ, זי האָט געזאָגט, דאכט זיך „א שבת-גוי" — אָבער וואָס הייסט א שבת-גוי, מיט וואָס איז ער דער שבת-גוי? אפשר דערפאַר וואָס ער איז א שומר ביי איינעם וואָס טראָגט טונקעלע מלבושים (און איצט האָט ער אויך א געלן שטערן אויף זיין ברוסט?) און שבת עסט ער בעסערע מאכלים, ווי א גאנצע וואָך?!

ווי אזוי זאָל ער אראָפּשלינגען אָט די באליידיקונג פון דער דאָזיקער צוויג? טייל הינט, אין זייער אָפּהענטיקייט, זוכן זיי זיך אן אויסרייד, וואָס מאכן דערפון זייער לעבנס-פילאָסאָפיע, וואָס אין דער גמרא (סנהדרין מט): „בעסער זאָלסטו געשאָלטן ווערן איידער דו זאָלסט שעל-

טן"... און לויט דעם דאָזיקן פּרינציפּ זאָגן זיי זיך: „שלאָגט, שלאָגט!"... זיי לײַדן, אָן דעם זיי זאָלן זיך אויסהאווקען זייער אומצופרידנקייט. אָבער טאַרקאָ, ווי אַזוי זאָל ער דאָס פאַרשטיין?!

עס איז אים שווער צו פאַרשטיין. נאָר וואָס פאַר אַ פּרעטענציעס קאָן מען שוין האָבן צו אַ הונט ווי טאַרקאָ, ווען אויך אפילו די מענטשן קאָנען נישט דערקלערן אַלץ און פאַרשטיין געבן אַלץ?!

האָט ער אָראָפּגעשלונגען די בושה און געליטן. ער האָט זיך גע-טראַכט: נו, וואָס איז דאָ אויפצונעמען פון אַ זונה, אַ צויג, וואָס האָוו-קעט וואָס מע דאַרף נישט? סע וועט פאַרביי... ער האָט דאָך נישט גע-זען ביי די אַנדערע הינט, אַז זיי זאָלן האָבן אַרויסגעוויזן צו אים אַן אַנדערע האַלטונג ווי ביז איצט. דעמאָלט יאָ, ווען די צויג האָט אַרויסגע-האווקעט אָט די שמוציקע דיבורים, האָבן אויך זיי די חברים זײַנע גע-קוקט בייז אויף אים, און סע האָט פיל נישט געפעלט אַז זיי זאָלן זיך לאָזן אויף אים און אים נעמען בייסן... אָבער דאָס איז נאָר געווען דע-מאָלט, ווען זיי זענען געווען צעהיצט צוליב דער צויג... דעמאָלט וואָלטן זיי טאַקע געטאָן אַזאַ מין שטיקל אַרבעט. וואָס טוט דען נישט אַ מאַנצביל אין אַזאַ מאָמענט, ווען ער דערהיצט זיך וועגן אַ צויג?!... אַ צויג? זי איז אין שטאַנד אפילו...

...געוויינטלעך וועט אַ הונט כלעפּטשען וואַסער, ווען ער איז דור-**שטיק** — אָבער אַ צויג, זי וועט אויך טרונקען ווײַן. יאָ ווײַן... דערציילט דאָך די גמרא (ראש השנה ד): „שלמה המלך איז געזעסן מיט שגל, דאָס הייסט אַ קעפּסווייב. זאָגט אָבער רבה בר לימא אין נאָמען פון רב, אַז דאָס מיינט מען נישט קיין קעפּסווייב נאָר אַ צויג. פרעגט זיך, סע שטייט דאָך געשריבן אַז זיי האָבן געטרונקען ווײַן? נו, טרינקט דען אַ צויג ווײַן?! ענטפערט מען: יאָ, אויב מע געוויינט זי צו, טרינקט זי אויך ווײַן"... אויף וואָס אַ צויג איז אַלץ אין שטאַנד...

אַזוי האָט טאַרקאָ געמיינט זיך אײַנצושלעפערן. ער האָט געמיינט, אַז אויב ער וועט דערפון נישט מאַכן קיין גאַנצן צימעס, וועלן די אַנ-דערע הינט אויך פאַרגעסן — און סע וועט זיין אַלץ ווי געווען.

האָט אָבער פּאַסירט שפּעטער מיט עטלעכע טעג, אַז מע האָט צונויפגענומען אַלע מענטשן מיט די געלע לאַטעס און מע האָט זיי פאַר-טריבן פונעם דאָרף. וואוהין מע האָט זיי געפירט, דאָס ווייסט ער נישט. אָבער אַז זײַנע בעלי-בתים זענען אוועק דאָס האָט ער געזען און געפילט (איידער זיי זענען אוועק, האָט אים דער בעל-בית געגלעט איבערן קאָפּ,

דורכגעפירט די האַנט איבערן רוקן, אַז ער האָט דערפילט אַ שוידער פון אַזאַ מין געזעגענען!)... וואָס זשע וועט זיין? הייסט עס אַז מע דאַרף זוכן אַן אַנדערן בעל־בית?

אָבער ביז טאַרקאַ זאָל זיך געפינען אַ צווייטן בעל־בית, האָבן אים געכאַפּט עטלעכע יינגלעך, לײדיק גייער, וואָס לאָזן נישט אַדורך אַ געלעגנהייט אָנצוטאָן צרות פאַר אַ לעבעדיק נפש. זיי האָבן אים צוגעבונדן צום עק אַ בלעכן שאַכטעלע פון אַ קאָנסערווע מיט אַ לענגער בענדל. קודם האָט עס אים נישט געשטערט, ווייל בעת זיי האָבן אים דאָס צוגעבונדן האָט עס דאָך אים נישט וויי געטאָן — אָבער אַזוי ווי זיי האָבן אים אָפּגעלאָזט, און אָנגעהויבן נאָכשרייען „איציק!", „איציק!", האָט ער אָנגעהויבן לויפן זיך אויסצובאַהאַלטן פון זיך אַליין. אָבער, וויי, ווי שרעקלעך עס איז צו הערן ווען דו לויפסט, ווי דאָס בלעכענע קאָנסערוון־שאַכטעלע קלינגט דיר נאָך, נאָך יעדן שריט. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָט זיך דאָס שאַכטעלע אויך זיך אָפּגעשטעלט. און סע האָט מער נישט געקלונגען אין זיינע אויפגעשטעלטע אויערן אָט דער בלעכענער מעטאַלענער קלאַנג, וואָס פאַרטייבט זיין געהער. אָבער איצט, ווען ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, הערט ער דאָך אָבער נאָך אַלץ די געשרייען: „איציק, איציק!"...

וואָס שרייט מען עס אים נאָך „איציק", ווען אים רופט מען דאָך נישט אַזוי? דאָס גאַנצע דאָרף קען אים און אַלע ווייסן דאָך, אַז אים רופט מען „טאַרקאַ"?!

ער האָט זיך גענומען לויפן. סע האָט אים מער נישט אינטערעסירט, וואָס דאָס בלעכענע געקלאַנג האָט באַגלייט זיין יעדן שפּרונג... בעסער זאָל קלינגען יעדער טריט זיינער (הגם עס איז אַזוי ווייטיקלעך דער ביזיון!), ווי דאָס וואָיען פון די מענטשן־קינדער, וואָס האָוקען מיט, נישט נאָר שינאה, נאָר נאָך מער, מיט חוזק: „איציק"...

דריי טעג איז ער געזעסן באַהאַלטן, איינגעקאָרטשעט צווישן די ווערבעס, ביים ברעג פונעם טייכל. ער האָט אין דער דאָזיקער צייט גאָרנישט געגעסן. ער האָט בלויז געבלעפּטשעט אַ ביסל וואַסער מיט זיין אויסגעטריקנטער צונג, נאָר זיך נישט צו באַווייזן צווישן מענטשן.

אמת, ער האָט באַמערקט, אַז גייענדיק אויפן פעלד צווישן גראָז, הערט ער נישט מער דעם קלאַנג פונעם בלעכענעם שאַכטעלע, אָבער קאָן מען דען לעבן בלויז אויפן גראָז?... וואָס הייסט מע הערט נישט? מע הערט נישט?! יאָ, מעגלעך אַז אַן אַנדערער הערט טאַקע נישט, ווען ער גייט אויפן גראָז. ווייזט אויס אַז דאָס שאַכטעלע קלינגט נישט אָפּ אויפן

גראַז און אַנדערע הערן אים נישט. אָבער ער, טאַרקאָ, הערט דאָך דאָס שאָכטעלע אויך איצט, ווען אַנדערע הערן עס שוין נישט?! אדרבה, ווי פּאַמעלעך ער באַוועגט זיך, אַז סע זאָל זיך קוים עפּעס הערן, אַלץ מער דאַכט זיך אים אויס, אַז גלייך ווי גלעקער, צענער גלעקער, הונדערטער גלעקער, אָן א צאָל קלויסטער-גלעקער וואָלטן זיך צע-קלינגען... דאַכט זיך אַז סע דונערט, סע דונערט...

ער האָט זיך גענומען וואָיען, ער האָט זיך צעוויינט ווי א קינד.

אפשר איז טאַקע אמת, אַז מע וויינט זיך אויס דאָס האַרץ ווערט גרינגער אויף דער נשמה?

וויפל איז ער דאָרט אַזוי געלעגן אין גראַז, אונטער דער ווערבע?

מיט דער צייט קאָן מען דאָס נישט מעסטן, ווייל א הונט מעסט נישט די צייט מיט א זייגערל נאָר מיט דער אינטענסיטעט פון זיינע גע-פילן — און געפילן, זעט איר, אָט דאָס פאַרמאָגט אויך א הונט, און אפשר נאָך פיל מער ווי אפילו א מענטש... זיין סענסיביליטעט איז פאַר-פילפאַכיקט, בפרט ביי טאַרקאָן איז די סענסיביליטעט זיינע מיט דער צייט, בפרט זינט די לעצטע געשעענישן מולטיפליצירט געוואָרן, אויף פאַר אים אומבאַגרייפלעכע מאָסן.

...סע קאָן זיין, אַז זיצנדיק דאָרט אַליין, אומגעשטערט פון קיי-נעם, האָט טאַרקאָ א ביסל פאַרגעסן פון זיין ווייטיק, דער פסיכישער, נישט פיזישער, און ער האָט אָנגעהויבן הריזען דאָס בענדל, צו וועלכן ער האָט דערגרייכט מיט גרוים שוועריקייט, אַז ער זאָל עס צעקייען און אַזוי איז ער פּטור געוואָרן פונעם שאָכטעלע. אָבער אין דאָרף האָט ער זיך מער נישט צוריקגעקערט.

ער האָט נישט געקאָנט קוקן מער אין די אויגן — קיינעם. נישט די מענטשן און אויך נישט די הינט.

ער האָט זיך געלאָזט אין די בערג, וואו ער האָט אָנגעטראָפן אויף א פאַסטעך, וואָס האָט געטריבן עטלעכע שעפעלעך. אָבער טאַרקאָ האָט נישט געוואַגט זיך צו דערנענטערן.

— טאַרקאָ! — האָט צו אים גערופן דער אַלטער פאַסטעך — אַנו, קום אַהער... „עס איז שווער צו זיין א הונט!"...

טאַרקאָ האָט זיך אָפּגעשטעלט. ער איז געשטאַנען ווי פאַרגליווערט. עפּעס האָט איצט אַנדערש געקלונגען זיין נאָמען, ווען מע האָט אים גע-רופן אויף זיין באַקאַנטן נאָמען. עפּעס האָט געקלונגען היימישקייט אין די צוויי טראָפּן פון זיין נאָמען (יעדער מיינט אַז זיין נאָמען, סיי וועלכער

ער זאָל נישט זיין, קלינגט שיין, צום שענסטן!), וואָס ער האָט איצט ווי־דער געהערט אים רופן.

טאַרקאָ!... וויפל היימישקייט, וויפל פריינדלעכקייט, קאָן ליגן באַהאַלטן אין אַזאַ וואָרט? גלייך ער וואָלט געהערט די שענסטע מוזיק, אַזוי האָט אים אָפּגעקלונגען דער רוף פון זיין נאָמען, זיין אמתער נאָמען — נישט קיין צונאָמען!

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט. ער האָט נישט געוואָלט זיך צו דער־נענטערן, הגם סע האָט זיך אים זייער געוואָלט שפּרינגען פאַר פרייד צום פאַסטעך, אָבער ער האָט זיך צוריקגעהאַלטן.

דער פאַסטעך איז געקומען צו אים. ער האָט זיך אוועקגעזעצט נעבן אים, אויפן גראָז. ער האָט אים אויפגעבונדן דאָס איבערגעבליבענע בענדל פונעם עק און אים שטיל געגלעט מיט ליבשאַפט...

אויך אַ הונט נויטיקט זיך אין ליבשאַפט...

אייגנטלעך, פאַר וואָס האָט מען נישט אריינגעשריבן אין די מצ־וות פון „ואהבתם את הגר" אויך דאָס געבאָט: „ואהבתם את הכלב", איך זאָלט ליב האָבן אויך אַ פאַרוואָגלטן הונט? יאָ, אויך אַ הונט פילט טייל מאָל אַ נויטווענדיקייט צו פילן אויף זיין רוקן אַ לאַשטשענדיקע האַנט... אויב מע האָט אַזאַ געבאָט נישט אריינגעשריבן אין די עשרת־הדיברות, האָט מען כאָטש געדאַרפט פאַרביטן: „זאָלסט נישט האסן אפילו נישט קיין פאַרוואָגלטן הונט!"...

געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג

אַזוי ווי ער האָט באַשאַפן אַלע באַשעפענישן אויף דער ערד, אונ־טערן הימל, אין וואַסער און מסתמה אויך אונטערן וואַסער — האָט גאָט באַשאַפן אויך די הינט. דערנאָך האָט ער פאַראָרדנט ווי אַזוי זיי זאָלן הערשן איבערן מענטש, זאָלן אויף אים האָבן השגחה סיי ביי טאָג און בפרט ביי נאַכט. פונקט אַזוי איז פאַראָרדנט געוואָרן ווער סע זאָל מורא האָבן פאַר אַ הונט און פאַר וועמען די הינט זאָלן מורא האָבן, אָדער כאָטש זיי אויסווייכן די שונאים פון הינט, אפילו ווען זיי קאָנען די הינט קיין שלעכטס נישט טאָן, נישט מער ווי ארויסווייזן זייער ביטול, ווי עס טוען די קעץ.

איין זאַך האָט גאָט נישט פאַראָרדנט, ווי אַזוי די הינט זאָלן זיך פירן איינער מיטן אַנדערן. די אינערלעכע באַציונגען, צווישן הונט און הונט — דאָס האָט גאָט איבערגעלאָזט פאַר זיי, די הינט גופא זאָלן זיך אַליין מאַכן סדר אין זייער הינטיש לעבן. דערפאַר, איז אַזוי ווי דאָס ווערטל זאָגט זיך: אַזוי ווי מע בעט זיך, אַזוי שלאָפט מען... אַזוי ווי זיי פירן זיך אין זייער וועלטל — אַזוי לעבן זיי.

אמת, דעם סדר וואָס זיי שטעלן זיך איין איז נישט קיין אייביקער, מיט דער צייט בייט זיך די אָרדענונג אָבער מיט נישט ווער ווייסט וואָס פאַר אַ שינוים. סע זענען פאַראַן נישט-געשריבענע געזעצן, וואָס זענען מער-ווייניקער דויערהאַפטיקע, וואָס יעדער הונט מוז, צי ער וויל צי נישט, זיי רעספּעקטירן, אַנדערש וואָלט דאָך דאָס צוזאַמענלעבן פון די הינט נישט געווען מעגלעך.

אומזיסט זאָגט זיך אַ ווערטל, אַז „זיי עסן זיך ווי די הינט״. ניין, די הינט עסן זיך נישט צווישן זיך אָן אַ פאַרוואָס. אדרבה, הינט זענען פונקט אַזוי סאָלידאַריש צווישן זיך, ווי סיי וועלכע ברואים — אפשר נאָך מערער.

און אויב סע ברעכט אויס צווישן זיי אַ מלחמה, איז אַ סימן אַז איינער פון צווישן זיי האָט געבראָכן די „דיסציפּלין״ און פאַרגעסן, אַז מע טאָר זיך נישט צורירן צו אַ ביין, וואָס געהער נישט צו דיר, אָדער דו האָסט נישט קיין רעכט צו אים.

יאָ, יעדער הונט ווייסט און דאַרף עס וויסן — און אויב ער פאַרגעסט עס, דאַן זענען פאַראַן אַנדערע, וואָס דערמאָנען אים — אַז דו האָסט אַ רעכט אויף אָפּצוהריזען אַ „ביינדל״. יעדער הונט האָט דאָך אַזאַ מין רעכט, הגם עס איז אין קיין שום געזעץ-בוך נישט פאַרשריבן אָט דאָס דאָזיקע הינטישע געזעץ, אָט דאָס רעכט. אָבער נאָר אַזוי פיל, אויף אַ „ביינדל״ און נישט מער.

אמת, סע זענען פאַראַן אויך פּריווילעגירטע הינט, וואָס האָבן אַ רעכט אויף עפּעס מער ווי אַ „ביינדל״, לאָמיר זאָגן, אויף אַ „ביין״. נו, די דאָזיקע זענען שוין נישט קיין פּשוטע הינט. די דאָזיקע זענען שוין פון דער משפּחה „ראַסן-הינט״, וואָס קענען זיך נישט באַגניגן מיט אַזוי פיל, ווייל נישט נאָר זיי, נאָר כמעט אַ יעדער ווייסט שוין, אַז זיי קומט עפּעס מער — איז עס זייער רעכט.

דעם דאָזיקן אונטערשיד דאַרף מען געדענקען. צו אַלעם ערשט זיי, די פּשוטע הינט גופא. אויב נישט — ברעכט אויס די מחלוקה, סע הייבן

זיך אָן ביַלערייען און דערנאָך, ווייסט יעדער איינער, אז סע קאָן אויס־ברעכן די מלחמה, וואָס ענדיקט זיך מיט צעביסענע אויערן.

אָבער נישט בלויז הינט דארפן וויסן אַט דעם פּרינציפּ, אז עס איז פאראן א גרויסער חילוק צווישן א „ביינדל" און א „ביין".

דאכט, זיך, אז די דאָזיקע תורה איז פשוט, וואָס פשוטער קאָן עס שוין נישט זיין. אָבער דאָך גייט אדורך פיל צייט ביז מע לערנט עס אויס. מע חזרט עס איין, כדי מע זאָל עס פארגעדענקען.

מע דארף אָבער צוגעבן, אז אויך די דאָזיקע תורה איז נישט פול־קאָם. אפילו ווען מע האָט דאָס שוין אויסגעלערנט און פארגעדענקט, איז עס נאָך נישט אלץ. אין דער הינטישער געזעלשאפט איז פאראן נאָך איין קאטעגאָריע „אויסדערוויילטע" הינט, וואָס שטייגן איבער אויך דעם דאָ־זיקן „ביין־פּרינציפּ". פאר אזעלכע „אויסדערוויילטע" איז רעזערווירט דער „מארעכביין".

אָט, זעט איר, א מארעכביין, אָט דאָס איז שוין גאָר אן אנדער מאכל. דאָס איז שוין נישט אזוי פשוט און צו אים קאָנען זיך נישט צו־רירן אפילו קיין „ראסן־הינט".

וועגן מארעכביינער איז שוין בעסער אפילו נישט צו דערמאנען, ווייל אויך בלויז ביים געדאנק הייבן אָן צו רינען די סלינעס ביי סיי וועלכן הונט.

נאָר צוריק געשמועסט, וואָס איז זיך דאָ צו חידושן? — א הונט איז דאָך ליידער נישט מער ווי א הונט...

קאָן מען אים דען פארביטן, אז א הונט זאָל אפילו נישט חלומען ווענן א ביין, צי אפילו א מארעכביין?

נאָר, לאָמיר ווענן דעם בעסער נישט רעדן, ווייל וואָס ווייסט אן אָרעמער הונט ווענן קלאסן־קאמף?

...מענטשן?! יאָ, מענטשן וויסן יאָ. די מענטשן וויסן... נו, איז וואָס אז זיי וויסן?! דאָ רעדט זיך דען ווענן מענטשן — דאָ רעדט זיך דאָך ווענן הינט...

אמת, די הינט זענען אויך באשאפן געוואָרן בצלם מענטש, פונקט אזוי ווי דער מענטש איז באשאפן געוואָרן בצלם אלקים, נאָר דאָס איז שוין אן אנדערע מעשה...

יאָ, לאָמיר ווענן דעם בעסער נישט רעדן.

אויך דאָס האָט טארקאָ געוואוסט פון דערפארונג.

הינטישע דאגות

טארקאָ האָט געלעבט ווי צעשפּאָלטן אין צווייען. עס האָט אין אים געקאָכט דער אומרו. אין זיך האָט אים געגעסן, גלייך א וואָרעם וואָלט געבויערט זיין איינגעוויייד. הגם ער האָט געפילט ווי א ווייטיק, אָבער דאָך איז עס נישט קיין אינטענסיווע, וואָס זאָל אים אוועקלייגן א קראנקן. ניין, מער האָט עס אים אויסגעמידט, ווייל די ווייטיק איז ווי גערונען ווי א שטיל וואסער, וואָס שטראָמט נישט און מיט דער צייט פארגייט עס. אין אים האָט געבויערט א צאָרן, ווי א פייערל וואָס טליעט, עס איז דערשטיקט און דאָך ברענט עס, אָן דעם אז סע זאָל אויפפלאמען, ברע-נען און ממילא אויסברענען... ניין סע האָט בלויז געטליעט, ווייל ער האָט דאָך געמאכט אָנשטרענגגן נישט ארויסצווייזן זיין ווייטיק. ער האָט דאָך שוין געוואוסט, אז א בעל-בית האָט נישט גערן אז מען איז קראנק. יעדער האָט זיך דאָך זיינע דאגות, באדארף מען נאָך האָבן אויך דעם הונטס זאָרג ?!

האָט טארקאָ נישט געטאָרט ארויסווייזן, נאָר עס דערשטיקט אין זיך, די ווייטיק. און טאקע דערפאר, וואָס ער האָט עס געמוזט דער-שטיקן אין זיך, נישט געהאט אפילו פאר וועמען זיך אויסצוהאווקען, זיך אראָפּהאווקען פונעם הארץ — אויך דאָס האָט בייגעשטייערט אז דאָס געמיט זיינס זאָל זיין אָנגעלאָדן ווי אין א קעסל, אין וועלכן סע קאָכט און די פארע האָט נישט וואוארומעט ארוים צו גיין.

אמת, די נעכט, די זומערדיקע זענען נישט קיין לאנגע. עס איז נאָר וואָס פינצטער געוואָרן און באלד האָט שוין אָנגעהויבן טאָגן. ער האָט אפילו קיין צייט נישט זיך צו לאנגווייליקן און די נאכט איז שוין פארגאנגען.

ביי טאָג ? יאָ, ביי טאָג איז עס ערגער. די טעג זענען לאנגע, לאנגע און הייסע. פיל ארבעט האָט ער נישט. די עטלעכע צענדליקער שאָף, וואָס ער האָט צו היטן זענען נישט ווערט די טירחא. אָבער, ער איז צופרידן אויך מיט דעם. וואָס וואָלט ער געטאָן ווען ער האָט אויך דאָס נישט ?! ער האָט פארשטאנען, אז זיין בעל-בית האָט אים גענומען נעבן זיך מער פאר רחמנות, ווי פאר זיין אייגענעם אינטערעס. ניין, דער בעל-בית זיינער נויטיקט זיך כמעט נישט אין קיין שומר. ער האָט עס פארשטאנען זייער גוט, הגם דער בעל-בית זיינער האָט זיך מיט אים

אויפגעפירט מיט גרויס אויפמערקזאמקייט. ער האָט אים גענומען נעבן זיך, ווי מע נעמט אויף א גאסט, א חבר.

הינט? ניין, הינט האָט ער נישט באגעגנט. און ווען ער האָט צו מאָל געהערט ווי זיי האווקען זיך איבער, אין מיטן דער נאכט, האָט ער נישט אָפגעענטפערט. ווּעמען זאָל ער אָפּענטפערן? ער ווייסט דען מיט וועמען ער האָט צו טאָן?! ער האָט דאָך געזען, אז די הינט זענען גאָר נישט דאָס, וואָס זיי זענען געווען, גלייך אלע וואָלטן זיי משוגע געוואָרן. אלע? אפשר נישט דווקא אלע, אָבער דאָך האָט עס ארומגענומען דאָס משוגעת א גרויסע צאָל הינט, איינעם מער און איינעם ווייניקער — אָבער מע האָט געקאָנט אָנזען, אין זייער פארהאלטן לגבי אים, אז זיי זענען שוין נישט די זעלביקע וואָס זיי זענען געווען ביז דעמאָלט...

אוודאי קאָן ער נישט פארגעסן יענע ביטול-ווערטער, וואָס יענע צוויג האָט אים צוגעהאווקעט: בעסער א קאָטער ווי א... ער ווייסט עס אפילו נישט ווי אזוי ארויסצורעדן.

און צוליב וואָס, וואָס פאר א מיאוסע זאך האָט ער דען אָפּגעטאָן? וואָלט אים עמעצער עס געזאָגט אָפן, אין פנים אריין, וואָלט ער באָטש געוואוסט זיין שולד. אפשר וואָלט ער זיך געקאָנט פארענטפערן, זיך אנט-שולדיקן? אָבער אזוי, ווייסט ער גאָרנישט. נישט פאר וואָס די צוויג האָט אים אזוי מיאוס באליידיקט, נישט פאר וואָס די יינגלעך האָבן אים אָנ-געהאָנגען יענץ בלעכענע שאכטעלע, וואָס ער הערט נאָך איצט זיין אָפ-קלאנג, באגלייט מיט די ווילדע געשרייען „איציק, איציק!“...

ער האָט עס זיך ביז איצט נישט געקאָנט פאָרשטעלן אז א הונט וועט א מאָל דארפן ליידן אזעלכע באליידיקונגען צוליב דעם, וואָס ער האָט געדינט ביי איינעם, וואָס איז נישט געווען ערגער פון די אנדערע, אדרבה, ער איז געווען פיל בעסער — בלויז איין חסרון האָט ער גע-האט: ער האָט געטראָגן אויף זיין ברוסט א געלע לאטע און דערנאָך איז ער פארשוואונדן פונעם דאָרף... וואָס פאר א שייכות האָט ער, א הונט, מיט אָט דעם אלעמען?! ער האָט דאָס זיך נישט געקאָנט אויפקלערן. בלויז ביי זיין איציקן בעל-בית, וועלכער האָט אים אויפגענומען מיט אזוי פיל רחמנות-ליבשאפט, האָט ער געפונען א שטיקל טרייסט. יעדער גלעט זיי-נער, ווען דער בעל-בית פירט אדורך איבער זיין רוקן זיין ווארעמע האנט, פילט ער ווי א דערמוטיקונג. אין אָט די לאַשטשענדיקע באוועגונ-

גען, וואָס קומען געגוג אָפּט, געפינט ער א טרייסט און אז ער וויל קאָן ער עס אויפנעמען אויך ווי אן ענטפער אויף זיינע פראגן, וואָס מאטערן זיין געמיט. מיט דעם גיט אים דאָך מיסתמה אָנצוהערן דער בעל-בית זיי-נער, דער פויער מיט די עטלעכע שעפעלעך זיינע, אז נישט ער, טארקאָ, און אוודאי אויך נישט זיין געוועזענער בעל-בית, יענער מיט דער געלער לאטע, אויך יענער האָט גאָר קיין שולד נישט. איז ווער איז יאָ שולדיק? וואָס טוט זיך דאָס אויף דער וועלט?!

טארקאָ, ער איז דאָך נישט מער ווי א הונט. א הונט, וואָס ווער סע וויל קאָן אין אים וואַרפן שטיינער, און ער — אפילו האווקען, אָט אפילו דאָס, וואָס איז געוויינטלעך געווען דאָס עלעמענטארע רעכט פון א הונט, אָט דאָס קאָן ער זיך איצט אויך שוין נישט דערלויבן...

...אפשר וועט עס נישט זיין אזוי פארשטענדלעך פארן נישט בא-האוונטן אין דער הינטישער פילאָסאָפיע, אז נישט אלע מאָל קאָן מען האווקען... איז עס דאָך איינע פון די הויפטפרינציפן פון דער הינטישער חכמה, פון זייער איבערלעבן — צו וויסן ווען מע מעג האווקען און ווען נישט; ווען מע דארף האווקען און ווען עס איז איבעריק און מע טאָר א-פילו נישט עפענען דאָס מויל; צו שווייגן, ווען מע דארף שווייגן און איבער-טראָגן די ליידן. אזוי און נאָר אזוי, איינבייגנדיק דעם קאָפּ, ביז סע וועלן אריבער די סכנותדיקע כוואליעס, נאָר אזוי האָבן זיי געקאָנט איבערלעבן במשך די טויזנטער יאָרן פון זייער הינטישער עקזיסטענץ...

אליעזר שטיינבארג האָט אויסגעדריקט, אין זיין משל „רב לא יחרץ“, אן אָנדייט פון אָט דער הינטישער חכמה:

„און אויב האווקען איז א ביין —
אמאָל דאָס שווייגן פלייש“...

דאָס איז פון תמיד געווען באַקאָנט צווישן די הינט ווי א לעבנס-חכמה. והאָ ראייה, אז דאָס שווייגן ווערט באצאָלט מיט א שכר, וואָס שטייגט פיל מאָל איבער דעם שכר פאר בילן — קאָן מען זען פון יענעם זאָג אין דער גמרא (פסחים קיח): „רב ששת אין נאָמען פון רבי אלעזר בן עזריה זאָגט: ווער סע רעדט לשון-הרע אָדער ער זאָגט פאלש עדות-שאפט אויף זיין חבר, קומט אים אז מע זאָל אים וואַרפן פאר די הינט“, ווען די בני-ישראל זענען ארויס פון מצרים האָבן די הינט נישט געבילט — בעת דער וואָס רעדט לשון-הרע אויף זיין חבר, בילט יאָ... אין שייכות

מיט דעם ווערט געזאָגט אויף אַן אַנדער אָרט (שבת קנה): אום שבת מעג מען שפּייזן אַ הונט, ווייל דו ביסט מחויב אים צו שפּייזן (בעת דעם חזיר נישט)...

די חכמה פון איבערלעבן שטעלט אויף פראַגן און רופט אַרויס גע-דאַנקען. אַזעלכע געדאַנקען, ווי מע וויל זיי אָנרופן צו פאַרשטיין, הינטישע, יאָ, הינטישע — אויך פאַר הינט פּאַרקייטלען זיך אַ רייע פראַגעצייכנס. אויף וועלכע ער קאָן קיין ענטפער נישט באַקומען... און די פראַגעצייכנס, ווי גע-זאָגט, פּאַרקייטלען זיך, איינער אין אַנדערן און פאַרציט זיך אין איין לאַנ-גער אומענדלעכער קייט, וואָס ביגדן צו אויך אַ הונט, אַ הינטיש לעבן, און האַלט עס קורץ, אַז ער זאָל נישט קאָנען זיך באַוועגן און זיך פונאַנ-דערקלייבן אין זיין שמאָלן אַרום.

אמת, טאַרקאַ האָט נישט אין זיינע זכרונות קיין גאָר גליקלעכע צייטן, אין וועלכע ער זאָל זיך דערמאָנען און לעבן מיט זכרונות פונעם נעכטן. ער זאָל זיך דערמאָנען און לעבן מיט זכרונות פונעם נעכטן? ער האָט נישט אַזעלכע אַז זיי זאָלן אים שפּייזן איצט זיין דערשלאָגן געמיט, אָבער דאָך איז דאָס איצטיקע געפיל, וואָס טליעט אין אים ווי אַ פייער, וואָס נישט עס צעפלאַקערט זיך, נישט סע לעשט זיך, נאָר סע טליעט אָן אויפ-הער. דאַכט זיך, אַז דאָס איז דאָס פיינלעכסטע, ווייל סע זעט זיך נישט אַרוים קיין סוף — סיי וועלכער ער זאָל נישט זיין.

דער פאַקט, וואָס ער האָט געלעבט איצט ביי דעם דאָזיקן אָרעמען פויער, וואָס וואוינט ביים ראַנד פונעם דאָרף, אפשר מער אויסערן דאָרף ווי אין אים, אָט דער פאַקט האָט גורם געווען אַז זיין איזאָלירטקייט זאָל זיין נאָך פאַרגרעסערט. ער איז איצט נישט געקומען אין באַרירונג מיט קיינעם, נישט מיט קיין מענטשן אָבער אויך אפילו נישט מיט קיין הינט. פאַר אים זענען געווען אָט די עטלעכע צענדליקער שאָף און דער בעל-בית, דאָס איז געווען זיין גאַנצע געזעלשאַפט...

צו מאָל פלעגט זיך טאַרקאָ צעלויפן איבערן פרייען פעלד, מיטן אויפגעהויבענעם עק און מיט דער צונג אַרויסגעשטעקט — לויפן, לויפן. פילן דאָס סאַמעטענע גראָז אונטער זיינע פיס, ער איז געלאָפן ווי אַ נייגי-ריקער צו זען וואָס סע טוט זיך אויך אַ ביסל וויטער פון אים, אחוץ זייער תחום. אָבער ער האָט זיך באַלד אומגעקערט צוריק, צו זיינע שאָף. אמת, ער איז טאַקע געווען נייגיריק, אָבער נישט אויף אַזוי פיל אַז ער זאָל זיך דערלויבן דערווייטערן צו פיל. דאָס האָט ער שוין נישט געוואָגט צו טאָן. מע ווייסט דען אויף וועמען מע קאָן אָנטרעפן אין די היינטיקע צייטן?

פאר וואָס, פאר מורא? און אז מורא — איז וואָס?! מורא איז נישט קיין בושה.

טאַרקאַ האָט זיך נישט געשעמט אָנצוערקענען, אז ער האָט מורא זיך צו ווייזן. אָבער אין איינעם אַ טאָג, ווען ער האָט געהערט אַ בילן, וואָס האָט אָנגעזאָגט, נישט אַ פשוטע מורא — נאָר אַן אַלגעמיינעם פחד, אַ בילן פון נישט איינעם, נאָר פון מערער הינט צוזאַמען, האָט ער זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן דעם הינטישן רוף און האָט אָפּגעענטפערט. צו ערשט צו שטיל, נישט געוואַגט: האַוו, האַוו-האַוו. אָבער ווען דאָס האַווקען האָט זיך צעשפּילט און דאָס קול איז געקומען אַלץ נענטער צו אים — האָט ער פארגעסן אין אַלץ און אין אַלעמען און זיך געלאָזט בילן אויף דער העכס- טער אָקטאַווע, הגם ער האָט נאָך נישט געוואוסט דעם באַשייד פון דעם גאַנצן געבילעריי.

זיין בעל-בית וועלכער האָט געוואוסט נאָך פיל ווייניקער פון טאַר- קאַן, פאר וואָס ער בילט, ווייל דער בעל-בית האָט דאָך נאָך נישט דער- הערט יענץ געבילעריי פון די אַנדערע הינט, ווייל זיי זענען נאָך געווען ווייט פאַרן מענטשלעכן געהער, האָט ער געפּרוּווט איינשטילן אים: „טאַרקאַ, טאַרקאַ, וואָס איז מיט דיר?" און האָט גענומען אַ שטעקעלע און אים נאָכ- געוואָרפן, נישט חלילה אים דערלאַנגען, נאָר בלויז אים איינצושטילן. טאַרקאַ האָט זיך אויסגעהיט, אז דאָס שטעקעלע זאָל אים נישט אָנטרעפן, אָבער ער האָט ווייטער געבילט, אָבער איצט מיט נאָך מער אייפער, ווייל פון דער טיפער ווייטקייט האָט זיך שוין דערטראָגן אויך צו אים אַ געקנאַל פון אַ שיסעריי...

וואָס זאָל באַטייטן דאָס שיסעריי?

טאַרקאַ האָט זיך אָפּגעשטעלט פונעם האַווקען. אויב ער הערט שוין אויך דאָס, וואָס מיסתמא סע האָבן זיינע מיטהינט געהערט אויך ביז איצט, און האַווקען — דאַרף ער זיך באַהערשן און שווייגן... ער האָט זיך דער- נענטערט צו זיין בעל-בית, געפּרוּווט זיך אויסבאַהאַלטן הינטער זיין שאָטן, אָבער ער האָט שוין נישט געהאַווקעט. ער האָט בלויז שטיל, דער- שטיקט, געוואָיעט, געקריגיעט ווי אַ זויגלינג, אז ער זאָל אַזוי אַרום צו ווייזן טאָן פאר זיין בעל-בית, אז אַרום זיי לויערט אַ סכנה...

דאָס געשיסעריי האָט זיך וואָס אַ מאָל צעפּלאַקערט שטאַרקער, זיך דערנענטערט, אז אָט-אָט איז עס שוין דאָ... אָבער עס איז נישט געווען דאָ, אין די בערג, צי אין שכנות פונעם וועלדל, וואו זיי געפינען זיך מיט זייערע שאָף. דאָס געשיסעריי איז געווען נענטער צום דאָרף, ביים שאָסיי...

טארקאָ האָט זיך אויסבאהאלטן.

אויך ווען סע פלעגט דונערן, אויך דעמאָלט האָט ער זיך אויסבאהאלטן, ווי א יעדער הונט טוט עס, כאָטש ער ווייסט נישט, דאכט זיך, פאר וואָס ער דארף זיך אויסבאהאלטן. איצט האָט טארקאָ אויך נישט געוואוסט, דאָך האָט ער זיך אויסבאהאלטן, ווי פאר א דונער, אונטער א בוים. געשטאנען שטיל אונטערן בוים, געציטערט פאר מורא. מורא פאר וואָס? דאָס קאָן מען נישט פרעגן. מורא בכלל האָט נישט אלע מאָל קיין לאָגישע דערקלערונג. סע זענען פאראן פאלן, ווען אויך א מענטש קאָן נישט דערקלערן אלע מאָל זיין מורא. ער פילט נאָר ווי סע באפאלט אים א פחד, אויך ווען ער ווייסט נישט אויף קלאָר דעם באטייט פון דער מורא... מע קליגלט זיך און מע דערקלערט עם מיט א פרעמד, דאָקטעריש וואָרט: פאָביע. אָבער דערמיט איז נאָך גאָרנישט אויפגעקלערט געוואָרן, סיידן מע וועט זאָגן אז דאָס איז א פאטאלאָגישער פאל, א מורא אָן א פארוואָס.

אזוי איז ביי מענטשן. ביי הינט איז דאָך נישט שייך צו זאָגן אז דער פחד איז פאטאלאָגיש. אָבער א פאקט איז, אז אויך הינט האָבן אזעלכע פאלן, ווען זיי ווייזן ארויס מורא, למשל, ווען סע ווערט פלוצימדיק פארוואָלקנט מיט שווארצע כמארעס און סע ווערט אין סאמע מיטן טאָג פינצטער... שוין אָפגערעדט ווען עס איז א ליקוי-חמה — דעמאָלט לויפן ארום די הינט ווי איבערגעשראָקענע, א פאניק נעמט זיי ארום, גלייך זיי וואָלטן דערפילט אז עס איז עק-וועלט. פאר וואָס האווקען זיי דעמאָלט אזוי יעמערלעך? קיינער וועט עס נישט קאָנען אויפקלערן. פון וואנען ווייסן זיי, אז דאָס פלוצימדיקע פינצטער ווערן איז צוליב א נישט געוויינטלעכער דערשיינונג?

איצט איז פאר טארקאָן אויך א נישט געוויינטלעכע דערשיינונג — איז האווקעט ער אויך אן איבערגעשראָקענער. הגם, ווען מע וויל אריינטראכטן, איז דען טארקאָ אזא מיט פחדן? וואָס האָט ער זיך איבערגעשראָקן?!

איז דאָס קיין פראגע נישט. מע קאָן נישט איינטיילן די בעלי-חיים (אפילו נישט קיין מענטשן) אין פחדנים און גיבורים. די גרעסטע העלדן וועלן צו מאָל ארויסווייזן פחדנות און ווידער די גרעסטע פחדנים וועלן פונקט אזוי ארויסווייזן צו מאָל העלדנשאפט... האָט דאָך טארקאָ אויך באוויזן א העלדישקייט, ווען ער איז אריינגעשפרונגען אין שטראָם פון דער פארפלייצונג כדי צו ראטעווען א יינגל?!

איז אָבער דאָס נאָך נישט קיין באַוויז. ניין. פון אזא פאַל קאָן מען נאָך נישט ציען קיין מסקנות. ער קאָן זיין א זעלטענער פאַל. ער קאָן זיין, אָבער ער איז נישט. טאַרקאַ איז א הונט און הינט זענען אזעלכע, וואָס האָבן א נאַטור וואָס טראַכטן זייער ווייניק, ווען יאָ צו שפּרינגען און ווען נישט. ווען עס איז פאַר זיי א סכנה זיך איינצושטעלן זייער לעבן און ווען נישט. סע דאַכט זיך אוים, אז זיי, די הינט זוכן די סכנה ווי מיט ליכט, נישט אזוי ארויסצווייזן העלדישקייט, ווי דאָס נישט רעכענען זיך מיט סכנות — ווען זיי מיינען (בלויז זיי מיינען!) אז דאָס וואָס זיי טוען אין יענעם מאָמענט איז רעכט, איז יושרדיק. דעמאָלט טראַכטן זיי אפילו נישט צי עס איז יאָ א סכנה צי נישט, נאָר — „האָפּ!“ און זיי האָבן איין שפּרונג געטאָן, אָפּצוטאָן דאָס וואָס זיי האַלטן אז מע דאַרף טון. מיט דעם טיילט זיך דאָך אוים א הונט פון אנדערע בעלי־חיים, וואָס זיי זענען גרייט זיך מקריב צו זיין פאַר א זאַך (מענטשן רופן עס אָן: אידעע), וואָס זיי האַלטן אז סע לוינט זיך דאָס צו טאָן, נאָר צוליב דעם אמת...

לעוו טאָלסטאָי, אין זיינע אויטאָביאָגראַפישע זכרונות, אין באַנד „יוגנט“, אין פיר און צוואָנציקסטן קאַפּיטל, וואָס ער האָט אָנגערופן „ליבע“, טיילט זי איין אין דריי קאַטעגאָריעס: א) ליבע צוליב שיינקייט; ב) ליבע צוליב זיך מקריב צו זיין; ג) ליבע צוליב דער אקציע... ווילט זיך דערמאָנען בלויז די צווייטע קאַטעגאָריע, לויט וועלכער, דער וואָס ליבט דאָס קרבנות־גרייטקייט גופא, אָן דעם אז ער זאָל זיך פרעגן אויב דאָס מקריב זיין זיך, העלפט אָדער נישט דער געליבטער פּערזאָן. ער זאָגט זיך: „איך וועל איבערטראָגן סיי וואָס פאַר א ליידן כדי איך זאָל באַווייזן דער גאַנצער וועלט, און אים אָדער איר, מיין געטריישאַפט“. אזוי וואָלט זיך געקאָנט דער דאָזיקער אופן פון ליב האָבן אויסדריקן. מע וואַרט נישט קיין קעגנזייטיקייט, נאָר זענען תמיד גרייט אוועקצוגעבן אויך דאָס לעבן זייערס כדי צו באַווייזן די טרייקייט. יאָ, דאָס לעבן. אָבער בלויז דאָס לעבן... קלענערע באַוויזן, וואָס וואָלטן אפשר געהאָלפן דער געליבטער צו דעם געליבטן, אָט דאָס איז נישט וויכטיק פאַר זיי. דאָס זענען קליינעקייטן, וואָס סע לוינט נישט צו רעדן וועגן זיי. די הויפּט זאַך איז דער העכסטער קרבן — דאָס לעבן.

זאָל, למשל, דאָס געליבטע וועזן פאַרלאַנגען א טרונק וואַסער, וואָס מע זאָל אים דערלאַנגען צום בעט; זאָל עס פאַרלאַנגען אז מע זאָל פאָלגן א קליינעקייט — אָט דאָס טאַקע נישט... ווער גיט זיך אָפּ מיט קליינעקייטן?

דאָס לעבן אוועקצוגעבן, אז די גאנצע וועלט זאָל זען און זאָל זיך איבערצייגן — דאָס מהיכא-תיתי. דאָס יאָ.

מיט אָט דעם ווילט זיך בארעכטיקן זעלבמאָרד? (דער רוב פון זיי טראכט זיך טאקע אזוי, אז מיט זייער זעלבמאָרד וועלן זיי עפּעס אזוינס באווייזן, איבערצייגן, אז זיי שענקען אוועק זייער לעבן לטובת דעם „איבער-צייגן", אז זיי קוקן נישט אויף זייער אייגן לעבן, נאָר — וואָס?). ניין, זעלב-מערדער באווייזן קיין מאָל נישט דאָס וואָס זיי האָבן אפשר געמיינט צו באַ-ווייזן. אדרבה, זיי באווייזן דעם היפּוך... נאָר גיי רעדט מיט אזעלכע, וואָס האָבן זייער שכל-הישר פארלוירן און באגייען זעלבמאָרד!

דאָ ווילט זיך נאָר דרינגען פון טאָלסטאָיס כאראקטעריזירן יענע קרבנות-גרייטקייט יענץ מסירת-נפש, וואָס א וועזן טוט אָפּ, אָדער איז גרייט אָפּצוטאָן, כדי צו באווייזן.

דאָ ווילט זיך בלויז ברענגען א ראייה צו דער מסירת-נפש גרייט-קייט פון טארקאָ, וועלכער איז צו מאָל גרייט צו שפּרינגען אין א סכנה-דיקן שטראָם, וואו ער קאָן פארלירן זיין לעבן, אָן דעם אז ער זאָל זיך מכלומרשט אָפּשרעקן פארן טויט וואָס לויערט אויף אים אין דעם ברויזנ-דיקן שטראָם פון פארפלייצונג — און דאָך זאָל ער זיך איבערשרעקן, ווען ער הערט אז סע דונערט, צי ווען ער הערט אז מע שיסט...

דאכט זיך, אז דאָס דארף מען פונאנדערטיילן און פארשטיין, אז איינס מיטן אנדערן האָט נישט גאָרנישט צו טאָן.

אזוי גערופענע העלדישקייט, וואָס מע קאָן פארגלייכן מיט דער דער-מאנטער ליבע-מסירת-נפש — דאָס איז באזונדערע מורא, דאָס איז ווידער א באזונדערע זאך, וועגן וועלכער דאָ ווערט דערמאנט בלויז דרך-אגב.

הגם עס איז אָנגענומען גרינג צו שאצן דאָס געפיל פון מורא, צו לאכן פון פחד — זענען אָבער דאָ מיינונגען, אז דאָס דאָזיקע געפיל איז א נאטירלעכע דערשיינונג, און פון א נאטירלעכער דערשיינונג דארף מען זיך נישט שעמען.

פונקט אזוי, דארף מען זיך נישט גרויסן מיט יענעם מין העלדיש-קייט, וואָס האָט דעם ציל „צו באווייזן". בכלל דארף מען גאָרנישט באַ-ווייזן. אויב מע דארף שוין יאָ באווייזן, טויג שוין דאָס באווייזן אויך נישט...

לויב פארדינט יענער, וואָס טוט אָפּ העלדישקייטן, געוואגטע מע-שים, וואָס זענען ניצלעך. יאָ, ניצלעך — נישט צום באווייזן, נאָר צוליב זייער וויכטיקע ניצן (נישט פאר זיך!) — און דאָך שעמט ער זיך נישט

און באהאַלט נישט אויס פאר פרעמדע אויגן אז ער האָט אויך פחד, אז אים קאָן אויך באַפאַלן א מורא — ווייל מורא איז א נאַטירלעכע זאַך...

איז פאר וואָס זאָל זיך טאַרקאַ דאַרפן שעמען, אז ער באהאַלט זיך אויס צו מאָל הינטער א בוים, ווען סע דונערט; צי ער באהאַלט זיך אויס, ווען ער הערט שיסן — און ווייסט נישט זיך צו דערקלערן: פאר וואָס און פאר ווען?

בכן, איז נישט ריכטיק צו עטיקעטירן טאַרקאָן, צי הינט בכלל, אז זיי זענען פחדנים, ווען זיי באַהאַלטן זיך אויס ווען סע דונערט. למשל... אָבער דעמאָלט, ווען סע דונערט, דעמאָלט ווייסט יעדער הונט אז נאָך דעם ווי דער רעגן וועט זיך אָפּשטעלן, דער הימל וועט זיך אויסלייטערן, דע־מאָלט וועט אויך אויפהערן דאָס דונערן. אָבער איצט? איצט איז נישט פארוואָלקנט דער הימל — סע דאַכט זיך גיכער אויס, אז דער הימל איז לייטערער, נאָר די ערד איז פארוואָלקנט! מע זעט אָן פון דער ווייטנס דעם וואָלקן, אין דער פאָרעם פון אן אויפגעשויבערטן שטויב, וואָס הייבט זיך ווי א וואָלקן, ווי א רויך, און סע הערט זיך א רעש פון רעדער, פון געקנאַלן...

דערווייל איז צוגעפאַלן די נאַכט. מיט דער נאַכט איז ווי אויסגע־לאָשן געוואָרן נישט בלויז דאָס זוניקע ליכט, נאָר אויך דער בייטאָגיקער רעש. פאַמעלעך, פאַמעלעך, האָט די שטילקייט ארומגענומען און איינגע־הילט די ערד, גלייך סע וואָלט געוועז גאָרנישט געשען.

...נישט אזוי פאר מידקייט — ווי פאר מורא, יענער בלינדער מורא; וואָס האָט זיך ארייַנגעגנבעט טאַרקאָן אין זיין מאַרעך, אז די פעל האָט אויף אים געציטערט, האָט ער איינגעדרימלט. הגם ער ווייסט, אז א הונט, א שומר טאָר זיך נישט לאָזן פארכאַפּן פון אזא דרימל, דווקא ביי נאַכט, ווען זיין אַרבעט איז נאָך מער וויכטיקער ווי ביי טאָג, צו וואַכן. אָבער ער האָט נישט געקאָנט גובר זיין דעם שלאָף. האָט ער געלאָזט די אויגנ־לעפּלעך פאַלן, כאָטש אויף דער העלפט, גלייך ווי א פענצטער, וואָס איז נישט צוגעמאַכט אָבער אויך נישט אָפן...

דעם צווייטן טאָג, ווען די זון איז שוין געווען הויך איבער אים, און שוין קיין שאָטן נישט געלאָזט, ערשט דעמאָלט האָט ער באמערקט אז זיין בעל־בית האָט אויפגעלעבט. ערשט דעמאָלט האָט טאַרקאָ באמערקט אז די סכנה איז פאַרביי.

אז עס איז געווען א סכנה, דאָס איז זיכער. אָבער ווייזט אויס אז איצט איז די סכנה שוין פאַרביי. ער האָט ארויסגעלייענט ביי זיין בעל-בית אין די אויגן אין זיינע באַוועגונגען...

...דאָס געשיסעריי האָט זיך מער נישט געהערט.

נאָכן מבול...

טאַרקאָ איז געלעגן אין גראָז. ער האָט זיך אויסגעצויגן ווי לאַנג ער איז, ווי געוויינטלעך ווען א הונט וואַרעמט זיך אויף דער זון, צי ווען ער ליידט פון דער זוניקער היץ און ער ליגט אין שאָטן. מע האָט געקאָנט מיינען אז ער דרימלט, ער האָט דאָך געהאַלטן די אויגן האַלב געשלאָסן, אָבער פאַקטיש איז ער געווען מער ווי וואַך. אים האָבן זיך געבאָמבלט אין קאָפּ פאַנטאַזיעס, וואָס ער האָט נישט געקאָנט אויף קלאָר זען, ווי איינער וואָס קוקט דורך פאַרהויכטע ברילן, ווען ער איז פונעם קאַלטן דרויסן אריין אין א וואַרעם צימער... דאָס בילד וואָס ער זעט איז ביי אים מטושטש, פאַרנעפּלט. אזוי זענען געווען אויך ביי טאַרקאָן די געדאַנקען (צי אפשר גאָר די חלומות?), גלייך ווי נאָר מיט איין איינציקן אויג, מיט וועלכן ער האָט געדרימלט, ווייל מיטן צווייטן איז ער געלעגן האַלב אָפן און געוואַכט דעם ארום, אויף דעם איז ער דאָך א שומר, אז ער זאָל באַמערקן אלץ וואָס סע פּאַסירט ארום דער שטוב.

ארום טאַרקאָן האָבן זיך געשפּילט די הינדלעך. זיי האָבן געזוכט שפּייז אין מיסט, צווישן די גראָזן, וואו זיי האָבן נאָר געטראַכט עפּעס צו געפינען, האָבן זיי גענישטערט טייל פון די הינדלעך האָבן זיך דערנענטערט אויך צו טאַרקאָן, האָבן אים געצופּט ביי די האָר, גלייך זיי וואָלטן עפּעס געפינען דאָרט פאַר זיי. אפשר האָבן זיי עס געטאָן בלויז צום פאַרוויילן זיך? זיי האָבן געוואָלט שפּאַסן מיט אים, ווי מיט א זקן, וואָס קאָן שוין קיין בייז נישט טאָן. אָבער דער אמת איז, אז טאַרקאָ הגם ער איז שוין נישט געווען אזוי יונג, דאָך איז ער נאָך געווען מיט שאַרפע ציין און ווען ער זאָל געוועזן וועלן, וואָלט ער געקאָנט ווייזן אז ער איז נאָך נישט קיין אויסגעוועפּטער און קאָן נאָך אָנלערנען דרך-ארץ, אז שאַלטי-קעס זאָלן נישט טרייבן קיין חוזק פון אים. אָבער ער האָט דאָך

פארשטאנען, אז דאָס ווילן זיי נישט קיין חוזק טרייבן פון אים. אדרבה, זיי האָבן אים געהאַלטן פאר אַן אייגענעם, ווי א שטיקל בעל-בית ביי אָט דער שטוב. זיי האָבן געזען, אז דער בעל-בית גופא באַגייט זיך מיט אים מיט אויפמערקזאַמקייט, אפילו מיט ליבשאפט...

האָט ער אויך אויפגענומען זייער שפיל, ווי א חברן זיך, אָן בייזוויליקייט, נישט בלויז פון די הינדלעך, וואָס טאנצן ארום אים, נאָר אויך אפילו פון דער קאַץ. יאָ, אויך די קאַץ איז נישט קיין שונא פאר טאַרקאָן. אזוי האָט ער עס געפילט און אזוי האָט ער אויך זיך געפירט מיט איר. וואָס האָט ער דען צו איר? ער האָט זיך זיין ארבעט און זי אירע. זי עסט נישט פון זיין עסן, אדרבה, צו מאָל עסט ער צוזאַמען מיט איר פון איר מילך... מע האָט דען נאָך נישט געזען אז א הונט זאָל בלעפּטשען מילך צוזאַמען מיט א קאַץ פונעם זעלביקן שיסעלע?

די הינדלעך האָבן אים אָבער געשטערט, בעת זיי זענען ארום אים ארומגעקראָכן. זיי האָבן אים געשטערט פון זיינע געדאַנקען. און געדאַנקען האָט ער געהאַט גענוג. אין צאָל און אויך גענוג פארפּלאָנטערטע, אויף וואָס ער איז נישט געווען אין שטאַנד זיי אויפצופּלאָנטערן. נו יאָ, דאָס שיסערייַ איז שוין לאַנג פאַריבער. מע הערט שוין קיין שיסן נישט מער. אָבער דאָס איז דאָך נאָך נישט קיין באשייד וועגן וואָס עס איז געשען.

האָט אים געמאַטערט, אָבער אומזיסט. אזוי ווי ער האָט געלעבט אויסערן דאָרף, האָט ער נישט געקאָנט באַמערקן גאָרנישט פון יענע ענדערונגען, וואָס זענען פאָרגעקומען אין לעבן פון די איינוואוינער. זיין בעל-בית? ער האָט דאָך אויך געלעבט ביים ברעג פונעם לעבן, נישט נאָר אויסערן דאָרף, מער אין די בערג, נענטער צום וואַלד ווי צום מענטשלעכן ישוב, האָט ער געפירט זיין בעל-בתישקייט — איז פון וואו און פון וואָס זאָל אפילו דער בעל-בית זיינער וויסן פון די ענדערונגען?

איז אָבער דער זומער פאַרביי. די בלעטער האָבן שוין אָנגעהויבן זיך געלן אויף די ביימער. ביי נאַכט האָט דער וועטער אָנגעהויבן קיל ווערן און אָנגעזאָגט דאָס דערנענטערן פונעם הארבסט. און אז סע קומט דער הארבסט, איז שוין נישט שווער צו פארשטיין אז באַלד וועט אויך קומען דער ווינטער... נו, קאָן מען דען וואַרטן אז מע זאָל זיך אויפוועקן אין דער פרי און געפינען דעם דרויסן געקאַלכט אויף וויַס, פונעם פריש געפאַלענעם שניי?! דאַרף מען דאָך זיך צוגרייטן באַצייטנס.

איז אין איינעם א טאָג, האָט דער בעל־בית גענומען און פארבונדן אין א ווייסן פּילקעלע פון פּויערישער לייוונט א שטיק ברינדזע, פון געקנע־טענעם שאָפּענעם קעז, און זיך געלאָזט גיין אין דאָרף אריין, מיסתמא עס פארקויפן און זיך איינהאנדלען דאָס נויטיקסטע: א ביסל זאַלץ, נאפט, שוועבעלעך וכדומה, אָן וועלכן א פּויער קאָן זיך ווינטער נישט באַגיין.

טארקאָן האָט ער מיטגענומען מיט זיך.

האָט טארקאָ באַגלייט זיין בעל־בית מיט א באַהאַלטענער פרייד. איין מאָל האָט ער אים פארלאָפן דעם וועג, מיט עטלעכע שריט פאָרויס פארן בעל־בית, דערנאָך האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, אָדער לויפנדיק אויף צוריקצוועגס, ארום זיין בעל־בית, אַזוי אַז ער האָט זיך דערזען מיט עטלעכע שריט הינטערן בעל־בית. ער האָט דאָך נישט געוואָלט זיך דער־ווייטערן צו פיל, פאָרויס... ער ווייסט דען וואָס סע קאָן אים דערוואַרטן ער ווייסט דאָך נישט וואָס סע געשעט. ער איז נישט איבערגעשראָקן, איצט מיטן בעל־בית צוזאַמען האָט ער נישט קיין מורא אַז מע וועט אים נאָכ־שרייען ווי דעמאָלט, אין פרילינג. אָבער דאָך איז געזונטער אויסצומיידן אומאָנגענעמלעכקייטן.

אויפן וועג האָט ער באַגעגנט א הונט, א באַקאַנטער פון אים. ער האָט אים געוואָלט אויסמיידן, אָבער עס איז שוין געווען צו שפּעט. אָט־אָט און ער איז מיט יענעם נאָז־אין־נאָז. צו וואָס זאָל ער אים אויסווייכן, אַז יענער זאָל אפשר מיינען אַז... נו, האָט ער אים געלאָזט לויפן און זיך נישט געקימערט מיט אים, גלייך ער וואָלט אים נישט אין אכט גענו־מען... אָבער יענער האָט אים אָפּגעשטעלט, בכיוון, האָט זיך אָפּגעשטעלט מיט א פריינדלעכקייט, מיט א חברישן האַווקע, וואָס האָט געלאָזט אָנצוהערן אַז זיי זענען די זעלביקע גוטע חברים ווי פריער.

טארקאָן האָט זיך געוואָלט אים ווארפן אין פּנים אריין, אַז ער האָט נישט פארגעסן זיין האַלטונג דעמאָלט, ווען יענע צוויי האָט זיך פון אים אָפּגעשאָקלט ווי פון א קרעציקן, ער איז דאָך געווען דערביי און געשוויגן ווי א פיש — איז צו וואָס טויג אים איצטער זיין חניפהש שמייכלען מיט זיין צביעותדיקן פריינדלעכן האַווקען?

טארקאָן האָט זיך געוואָלט... אָבער ער האָט זיך איינגעהאַלטן. וואָס זאָל ער איצט אויפשויבערן דאָס געמיט? צו וואָס טויג אים דאָס פירוואַרפן איינעם, וואָס האָט נישט געהאַט דעם מוט צו זאָגן א גוט וואָרט פאַר א חבר, ווען ער האָט געזען אַז מען איז אים מבייש אומזיסט און אומנישט?

נישט אלע מאָל קאָן מען מישפּטן עמעצן, ווען מע זעט אזא פּאַל, ווען א פּחדן שווייגט ווען ער וואָלט געדאַרפט האָוקען און בילן, אפשר האָט ער געהיט זיין אייגענע פעל?!

נאַרישקייטן, טראַכט זיך טאַרקאָ. יעדער טראַכט נאָר וועגן זיך. יענעם האָט אינטערעסירט אין יענעם מאָמענט די צויג, נאָך וועלכער ער האָט זיך נאָכגעיאָגט מיט די איבעריקע הינט, עס איז אים אפילו נישט געקומען אויפן געדאַנק, אז ער באַגייט א פאַרברעכן קעגן א חבר, וועלכן מע פאַרשעמט. ער, טאַרקאָ? ער וואָלט אזעלכעס נישט געטאָן. מעג עס זיין א גאַנצע טשערעדע צייג, וואָלט ער געוווּן נישט פאַרשוויגן. ער וואָלט געוועזן אויך געבילט און אפילו געביסן ווען סע וואָלט געקומען דערצו... טאַקע דערפאַר האָט ער איצט זיך נישט געמאַכט קיין צימעס מיט די חנדלעך, וואָס יענער האָט אים געמאַכט מיט זיין פריינדלעכן צוהאָוקען. טאַרקאָ האָט אים לפּנים אָפּגעענטפערט. ער האָט אויך א האָוו־קע געטאָן, ער איז זיך ווייטער געלאָפן מיט זיין בעל־בית, אים איבער־געיאָגט מיט עטלעכע שריט — צו ווייזן אז ער איז א פאַרנומענער און האָט איצט קיין צייט נישט צו פאַרלירן מיט איינעם א וואַגאַבונד, וואָס האָט קיין בעל־בית נישט...

איין זאַך האָט אָבער טאַרקאָ יאָ געדרונגען פון אָט דער באַגעגע־ניש, ווי אומאָנגענעם ס'איז אָנגענעם סע זאָל געווען זיין אָט די דאָזיקע מכלומרשטע פריינדלעכע באַגעגעניש, האָט ער דאָך געקאָנט פון איר דרינ־גען אז עפּעס האָט זיך דאָך געביטן אין לעבן פונעם דאָרף... אָבער וואָס?

אָנקומענדיק אין דאָרף אריין, האָט דער בעל־בית זיך אָפּגעשטעלט, געבאַפּט א וואָרט מיט איין פּויער, מיט א צווייטן, ווי דער שטייגער איז.

עס האָט זיך אָבער געטראָפן, אז פון צווישן די פּויערים האָבן טייל אויסגעשריגן מיט פאַרוואונדערונג:

— טאַרקאָ? פון וואו האָט ער זיך געיאָוועט?!

אין דער פראַגע האָט מען געקאָנט אויסטייטשן אי פרייד און אי נישט פריידיקע פאַרוואונדערונג. והאָ ראייה, אז אפילו דער בעל־בית האָט אויך נישט געענטפערט פאַר אלע אויף זייער פראַגע.

באַרואיקט האָט זיך טאַרקאָ ערשט דעמאָלט, ווען דער בעל־בית האָט אים געפירט צו יענעם הויז, וואו סע האָט געוואוינט זיין געוועזענער בעל־בית. אמת, זיין בעל־בית, דעם וועלכן מען האָט אין פרילינג אוועקגעפירט, צוזאמען מיט יענע אנדערע וואָס האָבן געטראָגן געלע לאַטעס אויף זייער ברוסט,

יענעם האָט ער שוין נישט געפונען. אָבער זיין זון — דער איז יאָ געווען אין דער היים. ער האָט זיך יאָ צוריק געקערט...

דער געוועזענעם בעל-ביתס זון האָט זיך דערפרייט צו טארקאָן, ווי ווען מע זעט א היימישן.

ער האָט געגלעט טארקאָן איבערן רוקן, אריבערגעפירט זיין האנט איבער דער וואָלענער פעל און גלייך ער וואָלט געפילט יעדע האָר, ווי זי וויברירט און ענטנפערט אָפּ אויף זיינע געפילן אונטער זיינע פינגער..

הבל-צייכן

...טארקאָ האָט דערפילט די שטראָלן-סיגנאלן וואָס האָבן זיך אריבערגעטראָגן פון דער גלעטנדיקער האנט צו זיין קערפער, דורך זיינע איצט דערוואכטע האָר, דורך דער פעל, אין זיינע נערוון, גלייך צו די געהירן זיינע, וואָס נעמען אויף די געדאנקען פון זיין בעל-ביתס זון — ווי צייכנס פון א נישטגעוזעענעם טעלעגראף-אפאראט, וואָס זאָל אים איבערגעבן וואָרט נאָך וואָרט, גלייך ער וואָלט געהערט:

— עס איז דיר שווער געווען, טארקאָ? יאָ, איך ווייס, עס איז דיר שווער געווען. סע האָט עס מיר דערציילט, אָט דער גוטער פויער, וואָס האָט דיך אויסבאהאלטן אין אָט דער מוראדיקער פארסמטער צייט פון שינאה. איך ווייס עס, ער האָט עס מיר דערציילט ווי אזוי מע האָט דיך געפייניקט און דערנידעריקט, חוזק געמאכט — פאר וואָס? וואָס פאר א שולד האָסטו אין דעם גאנצן עסק? פאר וואָס האָבן זיי דיר אָנגעהאָנגען דאָס קאָנסערוון-שאכטעלע ביי דיין עק, אז זאָלן דיך ארויסשטעלן צו לייטיש געלעכטער?!

...אָט, מיר האָט מען אויך אָנגעטשעפעט כמעט דאָס זעלביקע בלעכענע שאכטעלע, ווי מע האָט עס געטאָן מיט דיר, אָבער עפעס א ביסל נאָך מערער ווי דיר... דו האָסט שוין איצט נישט דאָס שאכטעלע, וואָס זאָל ארויסלאָזן יענע שרעקלעכע מעטאלענע קולות וואָס זאָל דיך ארויסשטעלן אויף חוזק. דו ביסט פון אים פטור געוואָרן, אָבער איך? אָט, האָט מען מיר אויסטאטוירט א נומער אויף דער האנט, און איצט טראָג איך דעם נומער אויף מיין גאנצן לעבן — וואָס איז דאָס א שאנד-פלעק? פאר וואָס זאָל עס זיין א שאנד-פלעק פאר מיר, ווען דאָס וואָלט אייגנטלעך

זיין דער שאנד-פלעק פאר יענע וואָס האָבן מיר אים אויסגעקריצט אין מיין הויט? אָבער ווי אַזוי קאָן עס זיין זייער שאנד-פלעק, ווען איך טראָג אים?!... אָט איז דער גאנצער אומגליק. נישט קין טראָגט דעם קין-צייכן פון מאָרד, נאָר מיר. (אויך יענע וואָס האָבן נישט אויסגעקריצט אזא נומער אויף זייער האנט — האָבן עס אויסגעקריצט נאָך ווייטיקלעכער, אין זייער נשמה!), מיר, די הבלס טראָגן דעם צייכן... מיר, די קרבנות טראָגן אים, נישט זיי די שולדיקע — און דאָס איז שוין א נייע טראגעדיע, שוין איצט ווען מע טראָגט שוין נישט קיין געלע לאטעס... ווייל אז מיר טראָגן אים, דעם שאנד-פלעק, הייסט עס דאָך אז עס איז אָדער סע וואָלט געזוען אן אָנקלאָג קעגן אלע וואָס טראָגן אים נישט, און אן אָנקלאָג וואָס איז נאָמענלאָז, „קעגן אלע“ — איז קעגן קיינעם... „אלע“? דאָס איז א פאלשע אדרעסע. אלע קאָן מען נישט באשולדיקן. און אויב מע וואָלט יאָ געוואָלט — ווילן זיי דאָס נישט אָננעמען און אז זיי ווילן דאָס נישט אָננעמען, מיט רעכט צי מיט אומרעכט, קערט זיך דאָס אום צוריק קעגן אונדז, קעגן מיר, וואָס טראָג אָט דעם פארשאָלטענעם הבל-צייכן, דעם פארשאָלטענעם אוישוויץ-נומער, גלייך איך וואָלט טאקע יאָ שולדיק געווען... דאכט זיך, אז די נעכטיקע געלע לאטע האָט ביי די שונאים וויניקער געריסן די אויגן ווי דער היינטיקער אויסטאטואירטער נומער... פארשטייסטו דאָס? עס איז דיר אפשר שווער דאָס צו פארשטיין מיט דיין הינטישן מוח. ווייל אזא „לאָגיק“ צו פארשטיין דארף מען זיין א מענטש, א צווייפיסיקע חיה... הגם עס איז אזוי קלאָר: די שולד עקזיסטירט דאָך ווי אן אָביעקטיווע זאך, ווי אן אויפגעהאָנגענער פלעדערמויז איבער דער טיר (וואָס מע הענגט צו מאָל אויס צוליב אן אָבערגלויבן צו האָבן מזל!), צי ווי א טויטער שטשור, פון וועלכן מע וויל פטור ווערן, און איין שכן וואַרפט אים אונטער צו דער טיר פון א צווייטן, און יענער וויל פון אים אויך פטור ווערן און ער וואַרפט אונטער אָדער צו א דריטן שכן, אָדער צוריק צו יענעם וואָס האָט אים אונטערגעשטעלט אונטער זיין טיר... יאָ, אזוי איז דאָך אויך מיט דער דאָזיקער שולד — זי עקזיסטירט דאָך, אָביעקטיוו, אויך ווען מיר זענען נישט דערביי. די שולד הענגט אין דער לופט, ווי א שווארצער וואָלקן וואָס באוועגט זיך אונטערן הימל, אָבער ער צעשפרייט זיך נישט, ער קומט נישט הין... די שולד איז אָדער דאָ אָדער דאָרטן אָדער מיר, דאָס הייסט איך, בין דער שולדיקער — דעריבער טראָג איך אָט דעם שאנד-פלעק, דעם נו-

מער אויף דער האנט, אָדער נישט איך בין דער שולדיקער (ווי אזוי קאָן איך גאָר זיין דער שולדיקער?!) — איז ווער זשע איז ער?

...זעסטו, טארקאָ, אָט פאר וואָס איך זאָג אז דיר איז עס א ביסל לייכטער, וואָס דו ביסט שוין פטור געוואָרן פון יענעם מעטאלענעם גע-קלאנג, וואָס מע האָט דיר דעמאָלט אָנגעהאָנגען אויף דיין עק. זעסטו, איך קאָן פון מיין חוזק-צייכן נישט פטור ווערן (אויך ווען איך טראָג שוין נישט די געלע לאטע!)... איך מוז אים אויסבאהאלטן ווייל אויב עמעצער באמערקט אים, אויך אָן מיין ווילן, טראכט ער זיך, אז איך טו דאָס בכוונה כדי ארויסצווייזן...

וואָס זאָל איך ארויסווייזן און וועמען?

אָט דאָס איז מיין טראגעדיע. איך טאָר אפילו נישט ארויסזאָגן אז איך בין א קרבן, ווייל קיינער וויל נישט זען קיין קרבן, וואָס בלויז זיין עקזיסטענץ איז שוין אן אָנקלאָג קעגן דער וועלט — און די וועלט (דאָס שרעקלעכסטע איז צו האָבן קעגן זיך די „,וועלט"!) זי וויל זיך נישט פילן שולדיק — דווקא ווייל זי פילט, אז עס איז יאָ אזוי — און כדי זיך צו באפרייען, זיך באקוועם צו מאכן, פרואווט זי אויסדרייען דעם שולד-דישל, פארקערעווען אים פאמעלעך, פאמעלעך, אז מע זאָל קוים באמערקן, אזוי מיט דער האנט אים אוועקמאכן, קודם אז ער זאָל נישט זיין געצילט קעגן זיי (ער קאָן דאָך אָבער לאנג נישט בלייבן אזוי אָן א ציל!), וועט ער דאָך מוזן פריער אָדער שפעטער זיך אויסדרייען אויב נישט קעגן יענע, וואָס זענען די אמתע שולדיקע, איז צוריק צו אונדז — די קרבנות...

פארשטייסטו שוין, טארקאָ?

איז קיין וואונדער נישט וואָס טארקאָ האָט דווקא יאָ עפעס פאר-שטאנען פון אָט דעם אלעם, גלייך ער וואָלט געהערט די נישט ארויס-געזאָגטע געדאנקען. זאָגט דאָך ישעיה הנביא (א-ג): די בהמות, דער אָקס און דאָס אייזל ווייסט זיין בעל-בית. איז פאר וואָס זאָל טארקאָ אויך נישט „דערהערן" די געדאנקען פון זיין בעל-בית?...

...דער צייכן? אָט דאָס איז פאר מיר ווי א דענק-צייכן, אז איך בין אדורך אן עקזאמען. דעמאָלט ווען מע האָט מיין גורל געשטעלט אויף דער וואָגשאָל צי מע זאָל מיך שיקן „לינקס" (אין דער קרעמאטאָריע!) צי רעכטס, און מיר געלאָזט א שאנס אז איך זאָל טראָגן א שטיקל צייט אָט דעם צייכן (נישט קיין קין-צייכן, נאָר א נאָך נישט עקזיסטירנדיקן הבל-צייכן!), אָבער נישט בפרהסיה, איך מוז אים אויסבאהאלטן...

...דו ווייסט נישט און האָסט נישט פון וואו צו וויסן, וואָס סע הייסט אַז דו זאָלסט געשטעלט ווערן אויף דער וואַגשאַל. ניין, טאַרקאָ, דאָס איז נישט קיין מאכל פאַר קיין הונט. א וואגשאל דאָס איז עפּעס אזא מוראדיקע זאַך, וואָס מע קאָן פאַרגלייכן צו א לעגענדארן לץ, וואָס איז ריזיק גרוים און דאָך זעט מען אים נישט אָן. עס איז און עס איז נישט. עס איז פּחדימדיק ריזיק — און דאָך, ווי א נעפּל פאַרשווינדט עס. צי איך ווייס וואָס עס איז א וואַגשאַל? אָ, דאָס איז פאַר „מייניקע" זייער א היימישע זאַך... ביי אונדז, וואָס זענען א פאָלק פון „סוחרים" — מיר וויסן וואָס עס איז א וואַגשאַל. א גאַנץ לעבן האָבן מיר געמאָסטן און געוואוינגן. אנדערש ווי אזוי האָט מען געקאָנט קויפן און פאַרקויפן מעל צי זאַלץ?... אָבער נישט וועגן דער דאַזיקער וואַגשאַל טראַכט איך איצט. איך מיין יענע וואַגשאַל, אויף וועלכער מע האָט אונדז תמיד געוואוינגן. תמיד בין איך געווען אויף א וואַגשאַל... וואָס פאַר א מאָדנע געפיל, תמיד זיך צו געפינען אויף א וואַגשאַל!... נישט אויף אזא וואַגשאַל, אויף וועלכער מע וועגט שטרוי צי היי, וואָס עטלעכע קילאָ ארויף צי אַראָפּ שפּילן נישט קיין ראָלע — נאָר א וואַגשאַל, אן איידעלע פון אן אַפּטייקער, וואָס וועגט מיטן גראַם די רפואות, צי פון א גאָלדשמידט וואָס וועגט אויף דער סענטימע דאָס גאָלד — אויף אזא וואַגשאַל וועגט מען צו מאָל אונדזערע טרערן און צו מאָל אונדזער בלוט... אָט, אויף אזא וואַגשאַל, פון וואו מע קאָן כמעט נישט ניצול ווערן... מע מעסט און מע וועגט דיינע מעשים, אַלע דיינע באַוועגונגען — און נישט סתם אזוי, לויטן יושר פון א וואַגשאַל וואָס ווייזט געטריי, אָביעקטיוו אזוי ווי זיי זענען. נאָר מע נעמט יעדע קלייניקייט, א חטא וואָס ווייזט אויס צו זיין א גאָרנישטל און מע טוט מיט דעם א טראַסק אויף דער וואַגשאַל כדי סע זאָל וועגן וואָס מערער, און אַז דאָס צינגל פון דער וואַגשאַל ווייזט נישט גענוג, וויפל מע וואָלט געוואָלט — פאַרגעסט מען אוועקצונעמען פון דער וואָג אויך די האַנט, כדי סע זאָל זיין וואָס שווערער און באַלעסטיקן דיין אומשולדיק געוויסן... יאָ, טאַרקאָ. אזוי טוט מען אונדז וועגן אויף דער וואַגשאַל. נישט לויט דעם יושר, אפילו נישט לויטן מידת הדין, נאָר מיט מידת השינאה, כדי דו זאָלסט נישט קאָנען ניצול ווערן... ווען סע קומט אויס צו מאָל צו וועגן די מעשים טובים? ניין, דעמאָלט מעסט מען טאַקע אויך אויף דער זעלביקער וואַגשאַל, וואָס איז אזוי פיינ-פילעווודיק, אָבער דעמאָלט טוט מען עס א ביסל אַנדערש... דעמאָלט

לייגט מען ארויף אויף דער וואַגשאָל דיין מצווה מיט אזא זשעסט, וואָס גלייך מע וואָלט זי פון דאָרט אראָפּגענומען, נישט ארויפגעלייגט. כדי זי זאָל וואָס וויניקער וועגן אויף דער וואָגשאָל...

...נו, איצט בין איך גופא געווען אויף דער וואָגשאָל. יאָ, טאַקע אזוי אויף דער דאָזיקער וואָגשאָל, אויף וועלכער מע וועגט מיט דער סענטימע גאָלד. נישט דאָס גאָלד, נאָר דאָס לעבן, די נשמה. מע האָט מיך ארויפגעלייגט אויף דער וואָגשאָל נאַקעט, ווי די מוטער האָט מיך געבוירן, אָן פארצירונג, און מע האָט קוים געקוקט אויפן צינגל פון דער וואָגשאָל, כדי צו זען אויף וועלכער זייט סע וועגט איבער — און אזוי זאָגט מען ארויס דעם פסק־דין... און די מוזיק האָט געשפילט, סע האָט פארטייבט די אויערן.

טארקאָ איז געלעגן אויף די אראָפּגעקניעטע פיס, מיטן קאָפּ אויפ־געהויבן. זיך „צוגעהערט" צו די מאָדנע געדאנקען פון זיין בעל־בית, וואָס זענען געווען אי מאָדנע פרעמד אי אזוי נאָענט און פארשטענדלעך פאר אים...

ער האָט זיך צו אים געלאשטשעט מיטן בליק, פון א געטרייעם הונט. געזוכט און געפונען אן אידענטיטעט מיט זיין אייגענעם הינטישן גורל...

*

אמת, די צייטן האָבן זיך געביטן. הייגט איז שוין נישט דאָס וואָס עס איז געווען. אָבער איז עס שוין דאָס אויף וואָס מע האָט ארויסגעקוקט? און דאָך — דארף מען דאָך אָבער ווידער אָנהייבן פון דאָס ניי, פון אָנ־הייב. מע דארף אָנהייבן לעבן פון דאָס ניי, אין די נייע בעסערע באדינ־גונגען, שווימען איבער די כוואַליעס, ווייטער טראָגן דאָס לעבן פאָרויס. אמת, זיין בעל־בית, דעם וועלכן מע האָט אין פרילינג אוועקגעפירט מיט דער געלער לאַטע, יענעם האָט ער שוין נישט געפונען. אָבער זיין א זון, דער איז יאָ געווען אין דער היים, ער האָט זיך יאָ צוריקגעקערט...

דעם געוועזענעם בעל־הביתס זון האָט זיך דערפרייט מיט טארקאָן, ווי ווען מע זעט א היימישן... ער האָט אים געגלעט, כמעט וואָס ער האָט אים געקושט. ער איז אריין אין דער שטוב און אים ארויסגעבראַכט א שטיקל פלייש, א ביינדל.

טארקאָ איז איצטערט נישט געווען הונגעריק. דער פויער האָט אים געשפייזט ווי סע באדארף צו זיין. אָבער דאָס שטיקל פלייש האָט ער געגעסן מיט אפעטיט. סע האָט אים געגעבן דעם טעם פון ווידער געבוירן ווערן.

נייע צייטרעכענונג

דאָם בילן פון הינט, דאכט צו זיין איינטאָניק, אָרעם, אָן קיין שום מאָדולאציע פון נגינה. פונקט אזוי ווי סע האָט זיך אויסגעדאכט אז דאָס טאם-טאם-געפויקעריי פון די נישט-ציוויליזירטע שבטים איז איינטאָניק נישט מעלאָדיש... און דאָך מיט דער צייט, סיי וויל מען האָט זיך מיט דעם צו ביסלעך צוגעוויינט, וויל זיי האָבן אריינגעדרונגען און זיך אויסגעטראָטן א וועג צו אונדזער פארנעם, סיי וויל מען האָט עס קודם אקצעפטירט, נאָכמאכנדיק סנאָביסטיש, און ערשט שפעטער האָט מען עס דערפילט — סיי ווי אזוי סע האָט זיך געמאכט אָדער עס איז געשען — איז עס היינט שוין א פאקט, אז די טאם-טאם נגינה איז אָנגענומען געוואָרן, זי האָט אריינגעדרונגען און וואָס א מאָל מערער ווערט זי פארשטאנען און מע האָט פון איר אויך הנאה...

כמעט דאָס זעלביקע איז געשען און געשעט אויך מיט דעם געביל פון הינט. פון תמיד אָן האָט מען געהאלטן אז הינט-געבילעריי האָט טאקע א באטייטונג. סע דריקט אויס לײדן און צו מאָל אויך פריידן. סע האָט אָבער געפעלט דער איבערגאנג פון דעם פארשטיין (וואָס מע האָט יאָ אָנערקענט!) אז דורך הינט-געביל קאָן מען וויינען און טרויערן און צו מאָל אויסדריקן פרייד. האָט טאקע געפעלט אָט דער וויטערדיקער שפאן אז מע זאָל דאָס געביל שאצן ווי א נגינה, וואָס דריקט אויס טרויער אָדער פרייד... אויב מע קאָן עס אויפנעמען און פארשטיין, ווי אן אויסדריק פון טרויער צי פרייד איז דאָך עס גאנץ זיכער מעלאָדיש, מיט ריטעם, מיט מאָס און מאָדולאציע וואָס געפינט אָן אָפקלאנג אין די אויערן און רופט ארוים געפילן... אָבער דאָס געשעט שוין היינט, ווען די מין נגינה האָט זיך אדורכגעטראָטן א וועג צום אויפנעמען צום אָנערקענען. צוריק מיט א צייט האָט מען עס ווי נישט באמערקט הגם

סע האָט עקזיסטירט. וויפֿל זאַכן האָבן עקזיסטירט אָן דעם אַז מע זאָל עס באַמערקן און נעמען אין אַכט?!

דערפֿאַר זאָגט זיך, אַז אויך די נגינה פֿון הינט-געבּיל האָט מען כּמעט ווי נישט באַמערקט. אַזוי האָט זיך עס אויסגעדאַכט, אַז עס איז מאָנאָטאָן, אָן אַ ביסל גענאַנג. אַזוי האָט זיך עס אויסגעדאַכט. יאָ, סע דאַכט זיך אויס, ווייל מען איז נישט צוגעוווינט אָדער דאָס אויער איז נישט גענוג וואַך עס אויפֿצונעמען, ווייל די קלאַנגען, זענען צו סובטי-לע, אָדער אויף אַן אַנדערער אָקטאַווע — דערפֿאַר דאַכט זיך עס טאַקע אַזוי אויס.

הגם, ווען מע הערט אַ פּשוטן „האַו-האַו“, דערפֿילט מען דעם דאָזיקן מוראדיקן אויסגעשריי, דאָס וואָיען, גלייך טשערעדעס וועלף וואָלטן אַזאַ פּחדימדיקן קאָנצערט אויסגעשפּילט אויף בלאָז-אינסטרומענטן, ווי אויפֿשווידערנדיקע שופֿרים, צי למשל, ווען מע הערט ווי אַ קליין הינטל צעוויינט זיך: וואַו, וואַו, וואַו... אָדער ווען אַ וואָלף־הונט צעבילט זיך אין אַ באַס שטימע: מאַכך, מאַכך, מאַכככך!... סע גייט ממש אַ שוידער אַריבער איבערן לייב, סע פֿאַרשטייט אָט דאָס מין בילן זייער גוט און לייכט סיי ווער.

אמת, ווען אַ הונט צעבילט זיך, ווען ער איז גוט געלוינט: האַוו, האַוו! דעמאָלט פֿאַרשטייען אים נישט אַלע.

טאַרקאָ האָט בכלל איצט נישט געבילט...

טאַרקאָ האָט זיך בלויז אויסגעהאווקעט, פֿאַר פֿרייד, האָפֿערדיק, גלייך ער וואָלט גאָר איצט יונגער געוואָרן. איצט, אין דעם דאָזיקן סוף-זומער צי אָנהייב הארבסט, האָט זיך פֿאַר אים אָנגעהויבן אַ נייע צייטרעכענונג... וואָס קאָן אַ הונט באַגרייפֿן? אָבער דער חוש, דער חוש, דער הינטישער אויסגעשאַרפֿטער חוש, וואָס פֿאַרנעמט אויך דאָס וואָס מענטשן קאָנען נישט דערפֿילן, דערזען צי דערשמעקן — אָט דאָס באַנעמט דאָך אַ הונט פֿיל גרינגער, האָט עס טאַרקאָ באַנעמען ווען ער האָט געזען די באַוועגונגען פֿון זיין צוריקגעקערטן יונגן בעל-בית...

ער האָט עס געזען אין די מענטשן פֿונעם ישוב, אַז הגם ער גע-פֿינט נישט קיין נאָמען און ווייסט נישט ווי אַזוי עס צו דערקלערן — פֿילט ער אַז עפּעס האָט זיך געביטן. דאַכט זיך אַז דער האַס וואָס האָט נישט לאַנג אַרומגענומען אַלע ברואים, די שינאה האָט זיך צעטאָפּעט ווי שניי סוף ווינטער. אַ גאָר נייע שטימונג, נייע ווינט בלאָזן אַרום אים.

אויך ווען עס איז אפשר נאָך געבליבן שינאה, איז זי איצט אויסבאַהאלטן. ווייזט אויס אז די צייטן האָבן זיך געביטן, אז מע קאָן שוין מער מיט אזא שינאה נישט ארויסקומען אויף דער גאס...

פארשטייט זיך, אז דאָס איז נישט צו באגרייפן פארן מוח פון א טארקאָ...

אָבער פילן, דאָס יאָ. פילט, פילט ער עס. אויך א הונט — און אפשר דווקא א הונט, קאָן עס גיכער און בעסער פילן פון יעדן... דערפאר האָט טארקאָ שוין נישט געבילט. ניין, ער האָט בלויז געהאווקעט, געהאווקעט גלייך ער וואָלט אויסגעזונגען א ניגון, א געזאנג פאר דער נייער צייטרעכענונג, וואָס האָט זיך איצט אָנגעהויבן.

איז אז ער האָט געהערט ביי נאכט, ערגעץ וואו, אז הינט רופן זיך איבער און האווקען ווי זייער שטייגער איז — האָט ער זיך אויך אָפּגערופן מיט א פריינדלעכן... „האוו! האוו-האוו!“...

די גאולה איז נאָך נישט שלימותדיק, אָבער אן אָנהייב — דאָס יאָ. זיין האווקען האָט אָפּגעקלונגען פריילעך און האָפערדיק... האָפנדיק...

הפטורהדיקער עפּילאָג

..און אזוי ווי סע זענען קריק מיט טויזנטער יאָרן געזעסן די אורעלטערן ביי די טייכן פון בבל, מיט די שטומע הארפן אין זייערע הענט און זיך געפרעגט: איך נשיר, ווי קאָנען מיר דען שפּילן אז מע האָט אונדז די פינגער אונטערגעהאקט?! — אזוי זענען זיי איצט געבליבן, איבערגעפולטע מיט יתומימדיקן צער און אָנשטאָט די הארפן זייערע מיט אָנגעצויגענע סטרונעס זאָלן הענגען אויף גרינע ווערבעס — הענגען איצט די צעריסענע נשמות, באלאָדענע מיט יאוש־געפילן אויף די פארבויגענע צווייגן פון אָנגעשטרענגטן בטחון...

איך נשיר? ווי קאָן מען זינגען איבערן חורבן פון מענטשן, וואָס האָבן שיער זייער יורש-דור פארלוירן? און ווי קאָן מען זינגען אז עס איז גאָר אזא הארצרייסנדיק קלאָג-ליד נישט פאראן?!...

גייט מען אריין אין יזכור־טאָג אויפן בית־עולם און מע זוכט דעם קבר פונעם פאָטער, וואו מע זאָל א ליכטל אָנצינדן, אָדער אן אָנגעזאמל-

טע טרער אויסלעשן — האָט מען דעם קבר, דעם פּאָטערס, נישט וואו צו געפינען. נישטאָ אזא קבר אויף קיין בית־עולם פון דער וועלט.

און אפילו ער וואָלט יאָ געווען, וואָלט ער אין קבר רוען נישט געקאָנט. דער צער און דער האס, די בושות און ליידן, פון דורות פיל אנגעזאמלטע — קאָן זיך עס דען אין א דלת־אמותדיקן קבר ארייַנפּאסן און רוען?!

געדענקט מען עס אויף דעם גאנצן לעבן, נישט נאָר אין יזכור־טאָג, קיין קברים האָבן זיי נישט — אָבער מציבות, דאָס זענען זיי, יענע וואָס האָבן קעמפנדיק איבערגעלעבט, יענע זענען זייערע מציבות...

און ווען מע מישט אויף אין יזכור־טאָג די זכרונות — געפינט מען א שפור פון מוטערלעך לאשטשען; מע דערהערט אן אָפּקלאנג פון א וויג־ליד וועגן „ראָזשינקעס מיט מאנדלען"...

און ווען מע קוקט אָן אין יזכור־טאָג דאָס לייַדיקע וויגל, וואָס שטייט עלנט, ווי אן ארון־קודש פון וועלכן מע האָט די ספרי תורות פארברענט, געפינט מען דאָס קינד נישט. כאָטש אין זכרון איז נאָך פארבליבן די אי־דיליע אויף זייַנע קינדישע אומשולדיקע ליפּעלעך, דער קינדערישער היי־ליקער שמייכל...

שטייט מען פארן לייַדיקן וויגל, ווי פארן אָפענעם אורים-ותומים פונעם „מאָרגן" און מע וויל נישט גלייבן אז מע האָט שיער דאָס יורש-דור פארלוירן.

טאָ רייזלט אין די אָדערן, נישט נאָר דאָס בלוט פון זייער אומקום, נאָך אויך דער ברויז פון זייער גבורה, פון זייער לעצטן ווידערשטאנד-צאפּל, אויפן מזבח פון קידוש השם און קידוש האומה... און דאָס גיט כוח צום אויסדויער, איבערדויער, צו נייעם בטחון.

איז אין טאָג פון יזכור (און כמעט אלע זענען יזכור-טעג!) גע-דענקט מען זייער לעצטן רוף צו בטחון: „נאָך איז אונדזער האָפענונג נישט פארלוירן געגאנגען!... אונדזער אלטע האָפענונג"...

בוקארעשט, ה׳ אייר תש"ח—תשל"ח

פאָסט סקריפּט

ווי טוי זאָלן מײַנע ווערטער רינען?
ניין, ליבער ווי קערנדלעך פון האגל,
צו זוכן פאר מײַן פּיסגע לעבן א זינען —
צו געבן א תיקון פאר מײַן נשמה־וואָגל.

זאָלסט מיר, גאָטעניו, נישט מוחל זײַן,
זאָלסט קיין מאָל מיר נישט פארגעבן,
די חטאים וואָס איך בין אמאָל באגאַן —
אַן און מיטן ווילן, מײַן גאנץ לעבן...

נישט קעגן דיר איך האָב געזינדיקט,
ווען אפּלאָדירט כ׳האָב אַנשטאָט צו שפּײַען;
קעגן מײַן געוויסן כ׳האָב פארשולדיקט,
ווען געשוויגן כ׳האָב אַנשטאָט צו שרײַען.

...בעת מײַן צווילינג־שאָטן מע האָט געמשפּט,
פאר „יויזלען" פון אלע דורות קרײַציקן,
פאר „ברונעמער" פון דער וועלט פארסמען,
פאר מצות בלויז מיט קריסטלעך בלוט קנעטן,
פאר פּראָצענט־געלט ביי פּריצים צו צאַפּן,
אין אײַגענע קרעטשמעס צו רעוואָלטן העצן,
פאר אויסשפּירן גאָט און זיך גופא מסרן,
קעגן אָרעמע קיניגן מיט רײַכע קרוינען,
קעגן הארטע הערשער מיט ווייכע טראָנען...

חטאתי, איך בין זיך מתוודה, בין זינדיק,
ווען אמתן אין מעשיות כ׳האָב געפלאָכטן;
יאָ, אין אלץ בין איך דאָך אויך שולדיק,
כ׳האָב ווי א מערסענאר מיט דער פּען געפאָכטן.

נו, זאָל זשע מיין וואָרט ריינען ווי טוי?
זאָלן זיך סיליען ווי קרעלן די ווערטער?
מיינע טרויעריקע מעשיות געוועז זענען רוי —
טרערן צווישן די שורות אין אלע ערטער...

פונקט ווי איך קאָן עס נישט פארגעבן,
זאָלסטו, גאָטעניו, מיר נישט זיין מוחל,
ביז ווי לאנג איך וועל נאָך לעבן —
הגם דאָס אלץ געטון כ'האָב אָן שכל...

— — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — —

וועסטו אויך מיר א זכות געפינען,
אז איך לכל־הפחות האָב געשוויגן —
ווען אנדערע, ווי אראָפּ פון זינען,
האָבן קענן אייגענע „הורא" געשריגן...

נו, וועסט נישט מוחל זיין אויך מיר?
ביסט דאָך, גאָטעניו, א דערבאַרעמדיקער האר —
וואָס כ'זאָל אין מיין תשובה נישט זאָגן דיר,
וועסטו דיר מאכן א צימעס מיט א נאר?...

וועסטו דאָך מסתמה אויך מיר מוחל זיין,
איז א דאנק דיר גאָטעניו — ונאמר אמן!

אינהאלט

קרעלן פון טוי

א מעשה פאר מיר, פאר דיר — 5
קרעלן פון טוי — 9
מיין תפילה — 12
א מענטש — 15
צייטן בייטן זיך — 17
לעבנס-חכמה — 19
ערב ווינטער — 21
פייגעלעך — 22
א מעשה ווי אלע מעשיות — 24
חווה — 26
השומר אחי אנוכי — 31
פיש זענען פחדנותדיק — 35
א „לחיים" — 38
צוויי צדיקים — 41
אונדזער אפשטאם — 44
הער צו, מיין זון — 49
וועלט — בארג-אראפ — 51
רישעות — 54
מצווה לספר — 58
א בוים — א מענטש — 60
מאמעס — 64
למד-וואו צדיקים — 66
אן אויגנבליק — 69
ליכט, ליכטיקייט — 72
געאיילט — 75
אפשטעלן די צייט — 77
די ערשטע קשיא — 82
„יענע וועלט" — 87
אזוי ווי פייגל — 88
וואס איז גורל — 89
קינדער-קראנקייט — 91
מעדאלן — 93
מע דארף זיין טאלעראנט — 94
„צו" פיל גלייבן — 95
ליבע איז אויך פארגענגלעך — 69
נישט „דא" — 97
לעבעדיקע האלוצינאציעס — 98
ווארטן — 99
מעטאפיזיק — 101
חווהס טאכטער — 102
שקר החן — 103
פליגן אין טעלער — 104
סוביעקטיוו — 106
וואס איז מזל — 101
א גלייביקער אטעאיסט — 113
אפלעשן קוילן — 115
א קריפל — 116
וויפל אמתן זענען פאראן — 117

חסידישע מעשיות

א חסידישע באטע — 120
יושר אין דזשונגל — 125
אויף לייש האט א ווערט — 130

ער קוקט נישט אויף פרויען — 132
יעדער משפט נאָך זיך — 135
אויך אָן א רבי — 138
כבוד פאר יערן — 141
עניוות און זעלבאכטונג — 144
אויך שניידער-געלט — 148
קינסטלערישע הנאה — 151
ווי שלמה המלכם משפט — 153

קלאנג און אָפקלאנג

געפעלשטע אויערינגלעך — 158
דיכטערישע מוזע — 166
א נייער דור — 180
ליטעראַרישע ראָזשינקעס — 186
דער נישט-פארשטאנענער — 191
זעלברעצענזיע — 198
קינסטלערישער דערפאָלג — 203
ווי א פערד מיט א קאָפּעטע — 209
דער זעלביקער מענטש — 215
ערשטע טריט — 219
דער כוח פון פחד — 224
אייגענע בריקן — 227
אן אויטאָמאָביל אקסידענט — 231
א מנהג — 233
מגילת אסתר — 235
שיכור אָן א „לחיים“ — 241

שווער צו זיין א הונט

אקדמותדיקער פראָלאָג — 250
טארקאָס קינדהייט — 260
הינט-כאפער, וועטערינארן — 264
הינט-שינאה, — 272
מוזיקאלישע האווקען — 284
פאראן אויך מענטשן — 288
צניעות צי צביעות — 294
בראוואָ טארקאָ! — 302
ואהבתם את הכלב — 308
געזעלשאפטלעכע אָרדענונג — 314
הינטישע דאגות — 317
נאָכן מבול — 326
הבל-צייכן — 330
נייע צייטרעכענונג — 335
הפטורהדיקער עפילאָג — 337

פאָסט סקריפט — 339

פונעם זעלביקן מחבר

זענען דערשינען

ביי דער טיר (דערציילונגען), טשערנאָוויץ **1937,**

מיין היים (דערציילונגען), סיגעט **1940.**

פרילינג אָן זון (ראָמאַן), אראד **1947.**

משה (א מעשה ווי אין חומש), אראד **1948.**

מאראמאָרעשאנער (דערציילונגען), בוקארעשט **1975.**

לעבעדיקע מתים (ראָמאַן), בוקארעשט **1976.**

יידיש-פּרעסע אין רומעניע (מאָנאָגראַפיע) בוקארעשט, **1977.**

גרייט צום דרוק:

הארבסט מיט זון (דערציילונגען).

לעקטאָר: ח. גאָלדענשטיין

טעכנישער רעדאקטאָר: שט. לעפּאָיעוו

דרוק־פּעאיק: 25.11.78

דערשינען 1978. טיראַזש: 20+65+350

פאָרמאט 84/16×54. זייטן 344

פארלאגס-בויגן 15,79. דרוק-בויגן 21,5

פּאָליגראַפישע אונטערנעמונג „דער 13טער דעצעמבער 1918". בוקארעשט. סאָציאַליסטישע רעפּובליק רומעניע.

VOLF TAMBURU

Mărgele de rouă

(povestiri în limba idiș)

Editura Kriterion, București, 1978.